# זאַמלבוך

לכבוד דעם

# צוויי הונדערט און פופציקסטן יובל

פון דער

# יידישער פּרעסע

1686—1936

רעדאַקטירט פון

## דר. יעקב שאַצקי

EESTI JA SUGUKEELTE ARHIIV
TARTU ÜLIKOOL
Inv. nr. 768

אַרויסגעגעבן פון

אַמאַפּטייל פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט

1133 בראָדוויי, ניו־יאָרק, נ. י.

1937

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

אַסטאָריאַ פרעס, ניו־יאָרק 490

# אינהאַלט

זייט

**דר. יעקב דא סילווא ראָזאַ:**
די „קוראַנטין" 1686־1687 ....... 7

**דר. יעקב שאַצקי:**
דער „דיסקוהרש" ....... 20

**יוסף מאַרגאָשעס:**
„דער איזראַעליט" ....... 107

**משה שטאַרקמאַן:**
די יידישע פרעסע אין אַמעריקע 1875־1885 ....... 115

**מנשה אונגער:**
ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער פרעסע אין ארץ ישראל ....... 136

**א. ר. מלאכי:**
„יידישעס וואָכענבלאַט" ....... 175

**אליהו שולמאַן:**
די „וואָרהייט" ....... 197

**מרדכי קאַסאָוער:**
„דער ארץ־ישראל יוד" ....... 212

**א. גאָלדבערג:**
דער יידישער פאַך־זשורנאַליזם אין אַמעריקע ....... 233

**יודל מאַרק:**
יידישע פעריאָדישע אויסגאַבעס אין ליטע ....... 250

**מאַטעריאַלן און נאָטיצן:**

**דר. יעקב שאַצקי:**
צו דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע אין רומעניע ....... 299

**מנשה אונגער:**
„עת לדבר" ....... 304

**א. ר. מלאכי:**
ווער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „השופר"? ....... 315

**א. ר. מ.:**
זענען די דאָזיקע צייטונגען דערשינען?
א) „בת ציון", ב) „דער אמת פון ירושלים" ....... 317

**דר. י. שאַצקי:**
„קול רנה" ....... 318

**דר. י. שאַצקי:**
צו דער געשיכטע פון דער יידישער סאָציאַליסטישער
פרעסע אין פוילן ....... 323

**מ. שטאַרקמאַן:**
פיליפ קראַנץ און די „פּראָלעטאַרישע וועלט" ....... 327
ביילאַגע (רעפּראָדוקציעס) ....... 1—20

# ביילאַגע (רעפּראָדוקציעס)

1. גאַזעטאַ דע אַמסטערדאַם (1678) (לויט סילוואַ דע ראָזאַס „גע־שיכטע פון די ספרדים אין אַמסטערדאַם" 1925).
2. דינשטאַגשי קוראַנט פון 27 אויגוסט (1687) (לויט סילוואַ דע ראָזאַס האָלענדישער בראָשורע וועגן דער צייטונג).
3. נייאַי צייטונג, פּראַג (1716) (פון דעם אָריגינאַל אין דער ביב־ליאָטעק פון היברו יוניאָן קאָלעדזש, סינסינאַטי).
4. אויפרוף פון דער אַמסטערדאַמער קהילה (1797) (פון דעם אָריגינאַל אין דער ביבליאָטעק פון „ראָזענטאַליאַנאַ, אַמסטער־דאַם).
5. דיסקוהרש, נומער 14 (1798).
6. אַנרעהדע (דיסקוהרש נומ. 23) (פון דעם אָריגינאַל אין דער ביבליאָטעק פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, ניו־יאָרק).
7. אויפרוף פון דער אשכנזישער קהילה (1787).
8. אויפרוף פון דער אשכנזישער קהילה (1798) (פון דעם אָריגי־נאַל אין דער ביבליאָטעק פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, ניו־יאָרק).
9. עת לדבר, רומעניע (1859) (פון יוסף מאַרגאָשעסעס זאַמלונגען).
10. פּראָקלאַמאַציע פון קלוב „פעליקס ליבערטאַטע" (1795)
11. (פונעם אָריגינאַל אין ביבליאָטעק פון „ראָזענטאַליאַנאַ", אַמסט.)
12. שערי ציון (1876) (ערשטע יידישע צייטונג אין ארץ־ישראל) (פון דעם אָריגינאַל אין נ. י. פּאָבליק לייברערי).
13. חבצלת דיא ראָזע (1877).
14. איזראַעליטישע פּרעססע (1879) (פּרעסע־אַרכיוו פון אַמאָפּטייל).
15. קול רנה, בוקאַרעשט (1883) (ביבליאָטעק פון ייוואָ אין ווילנע).
16. וואַהרהייט, אַנאַרכיסטישע צייטשריפט (1889) (פון פּרעסע־אַרכיוו פון אַמאָפּטייל).
17. יודישע פאָלקס צייטונג (1889) (פּרעסע־אַרכיוו פון אַמאָפּטייל).
18. רעדאַקטאָרן פון סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע צייטשריפטן אין אַמעריקע (1886־1907) (פון פּרעסע־אַרכיוו פון אַמאָפּטייל).
19. יידישע צייטשריפטן פון ליטע (פון ישראל מאַרגאָליסעס זאַמ־לונגען, קאָוונע).
20. יידישע שפּייזצייטונגען פון אַמעריקע (א. גאָלדבערגס זאַמלונגען).

# הקדמה.

אין סעפּטעמבער 1936 איז געוואָרן 250 יאָר, זינט עס איז דער־שינען די ערשטע צייטונג אין דער יידישער שפּראַך. די ראָזיקע צייטונג האָט געהייסן „קורנטן" און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַמסטערדאַם אין די יאָרן 1686־87. 250 יאָר פון דער יידישער פּרעסע איז בלי ספק זייער אַ חשובע יובילייַ־דאַטע, וואָס פאַרדינט געפייערט צו ווערן אויף אַזאַ אופן ווי עס ווערן געוויינלעך אַזעלכע יובילייען געפייערט.

דער אַמאָפּטייל פון ייוואָ האָט געפונען פאַר נויטיק צו פייערן דעם דאָזיקן יובילייַ מיט אַ ספּעציעלן בוך געווידמעט דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין אַלע לענדער, וואו מען שרייבט און מען רעדט יידיש. דאָס דאָזיקע בוך איז, ליידער, טעמאַטיש נישט איינהייטלעך, ווייל עס איז געווען אוממעגלעך צו געפינען די פּאַסיקע מענטשן פאַר אַ גאַנצער רייע טעמעס, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער יידישער פּרעסע, און וואָס די רעדאַקציע האָט געוואָלט האָבן פאַר דעם זאַמלבוך. אייניקע אַרבעטן זענען צום באַדויערן אָנגעקומען צו־שפּעט, אייניקע מיטאַרבעטער האָבן ניט געקענט צושטעלן זייערע אַרבעטן אין צייט, אַזוי אַז די שולד פון ניט פולשטענדיקייט דאַרף מען צושרייבן צו אָביעקטיווע שוועריקייטן.

די רעדאַקציע האַלט פאַר נויטיק אָנצואווייזן, אַז צוויי אַרטיקלען, וואָס זענען אַריין אין דעם זאַמלבוך, זענען שוין פריער געווען געדרוקט: דר. סילווא דע ראָזאַס איז געווען געדרוקט אויף האָלענדיש מ. קאַסאָוועס אַרטיקל וועגן „דער ארץ־ישראל יוד" איז געווען געדרוקט, (אמת, אין אַ שטאַרק פאַרקירצטער פאָרם)—אין העברעיש. אָבער פאַר אונדזערע לייענער זענען דאָס נייע אַרטיקלען, און מיר האָבן געהאַלטן ,אַז זיי מעגן זיין געדרוקט אויך אויף יידיש.

אויב דער דאָזיקער זאַמלבוך וועט געפינען דעם געהעריקן אָפּ־

קלאַנג ביי די יידישע לייענער, איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אַ צווייטער זאַמלבוך מיט נייע מאַטעריאַלן זאָל קענען אַרויסגעגעבן ווערן.

אַ רייע מענטשן האָבן מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט פון דאָזיקן זאַמלבוך. ש. ניגער און דר. מוקדוני האָבן געהאָלפן אין דער סטי־ליסטישער רעדאַקציע פון זאַמלבוך. דעם סעקרעטאַר פון אַמאָפּטייל נ. פיינערמאַן האָט די רעדאַקציע צו פאַרדאַנקען די גאַנצע טעכנישע אַרבעט פון צוזאַמענשטעלן דאָס דאָזיקע זאַמלבוך.

זיי אַלע דריק איך אויס מיין האַרציקן דאַנק. אַ באַזונדערן דאַנק קומט די ביבליאָטעקן, וואָס האָבן אויסגעליען זשורנאַלן און זעלטענע דרוקזאַכן, וואָס ווערן רעפּראָדוצירט אין דעם דאָזיקן זאַמלבוך. דאָס זענען: דער יידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר אין ניו־יאָרק, יידישער אָפּטייל פון ניו־יאָרקער „פּאָבליק לייברערי", ביבליאָטעק פון ייוואָ אין ווילנע, די ביבליאָטעק פון „היברו יוניאָן קאָלעדזש אין סינסי־נאַטי, די אוניווערסיטעט ביבליאָטעק אין אַמסטערדאַם און די צענט־ראַלע יידישע ביבליאָטעק־ און פּרעסע־אַרכיוו ביים אַמאָפּטייל.

דר. יעקב שאַצקי

ניו־יאָרק, 8טער דעצעמבער, 1936.

דר. יעקב דא סילווא ראָזא, (אַמסטערדאַם).

# די „קוראַנטין“ 1686־1687

### אַ יידישע צייטונג אין אַמסטערדאַם אין דוטן יאָהרהונדערט.

אין אונדזער שטורמישער צייט וועלן זיך זיכער ניט געפינען קיין סך מענטשן, וואָס זאָלן פאַרלייקענען די השפעה פון דער פרעסע, הן צום גוטן און הן צום שלעכטן. עס איז אַ זיכערע זאַך, אַז מען מעסט די אַנטוויקלונג און די קולטור פון דער פאָלקסמאַסע לויט דער צאָל און אינהאַלט פון אירע צייטונגען. די ערשטע זאַך, וואָס יעדער טרעגער פון אַ וויכטיקן געדאַנק האָט זיך באַמיט, איז געווען אַרויסברענגען זיינע רעיונות פאַר אַ גרויסער צאָל מענטשן מיט דער הילף פון געדרוקטן וואָרט. עס איז דערפאַר ניט קיין וואונדער, וואָס אין די אמת פראָגרעסיווע לענדער איז די פרייהייט פון פרעסע די וויכטיקסטע פריווילעגיע פון דעם בירגער, און אַזוי שנעל ווי ער פאַרלירט דאָס דאָזיקע וויכטיקע רעכט פאַרוואַנדלט ער זיך אין אַ גייסטיקן שקלאַף.

אַרויסגייענדיק פון אָט־דער דאָזיקער הנחה, דאַרפן מיר זיך דעריבער ניט וואונדערן, וואָס לעבן די ספרדישע יידן אין אַמסטערדאַם מיט זייער Gazeta de Amsterdam האָט אויך די הויך־דייטש יידישע קהלה (הגם מיט אַ האַלב יאָהרהונדערט שפּעטער, נאָך זייער סאָנ־

*) דער מחבר פון דעם דאָזיקן אַרטיקל איז אַ באַוואוסטער האָלענדיש־יידישער היסטאָריקער און ביבליאָטעקער פון דער באַרימטער ביבליאָטעק פון דעם ספרדישן ראַבינער־סעמינאַר „עץ חיים“ אין אַמסטערדאַם, אין וועלכער ספינאָזא איז בשעתו געווען אַ תלמיד.

די ציטאַטן פון די קוראַנטן גיט דער מחבר אין אַ לאַטיינישער טראַנסקריפּציע. וואו איך האָב געפונען צווישן מיינע נאָטיצן אַ באַשרייבונג פון דעם אָריגינעלן טעקסט, האָב איך זיי אַריינגעשטעלט מיט דעם אויסלייג פון אָריגינאַל. דאָרטן אָבער וואו איך האָב די ציטאַטע ניט געהאַט אין אָריגינאַל, האָב איך איבערגעשריבן מיט דער מאָדערנער אָרטאָגראַפיע און דאָס אומעטום אָנגעוויזן. אַ פּאָר שורות צו סוף פון דעם אַרטיקל האָב איך אויסגעלאָזט, ווייל זיי זענען פון אַ ריין אַפּאָלאָגעטישן כאַראַקטער.

סאָלידאַציע) געהאַט אַן אייגן בלאַט. דאָס איז געווען די וויכטיקסטע דערגרייכונג, אין דער דאַמאָלסטיקער וועלט.

הגם די יידן פון אַמסטערדאַם זענען קיינמאָל ניט געווען באַליי־דיקט אין זייער עצם מענטשלעכקייט, האָבן זיי אָבער קיין פּאָליטישע רעכט ניט געהאַט און מיט קליינע אויסנאַמען זענען זיי געווען אויס־געשלאָסן פון די בעל־מלאכה צעכן. דאָס האָט געמיינט, אַז זיי האָבן ניט געקענט זיך אָפּגעבן מיט מלאכה, אַזוי ווי זיי וואָלטן דאָס גע־וואָלט.

דערפאַר זענען די הויך־דייטשע יידן (די אשכנזים) געווען הויפּטזעכלעך אָנגעוויזן אויף זיך אַליין. דאָס האָט גורם געווען זייער שפּראַכלעכע אייגנאַרטיקייט. זיי האָבן באַדאַרפט זאָרגן פאַר זייער בילדונגס און אַלע קולטור אַנשטאַלטן, ווי אויך פאַר זייער סאָציאַלע אינסטיטוציעס.

עס איז געווען זייער אויפגאַבע ניט נאָר צו שאַפן די דאָזיקע אַנשטאַלטן, נאָר אויך זיי פינאַנסיעל אויסהאַלטן.

די דאַמאָלסטיקע אַמסטערדאַמער בלעטער זענען ניט געווען צו־גענגלעך דעם גרעסטן טייל פון די הויך־דייטשע יידן פון 17טן יאָר־הונדערט, ווייל זיי האָבן ניט געקענט דעם האָלענדישן לשון. פון דער צווייטער זייט זענען צו יענער צייט פאָרגעקומען אין אייראָפּע געשע־ענישן פון אַזאַ וויכטיקייט אַז עס דאַרף אונדז ניט וואונדערן, וואָס זיי האָבן געהאַט אינזינען אַרויסגעבן אַ צייטונג אין זייער אייגן לשון — אין יידיש־דייטש.

מיר וואָלטן קיינמאָל ניט געוואוסט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזאַ צייטונג, און מיר וואָלטן אפילו ניט געקענט זיך זי פאָרשטעלן, ווען ניט אַ באַנד, וואָס אַנטהאַלט מער ווי אַ יאָרגאַנג (87—1686). ער איז אָפּגעהיט געוואָרן ווי אַ איין־און־איינציקער עקזעמפּלאַר אין דער מאָנטעציִנאָ ביבליאָטעק (ביבליאָטעק פון דער פּאָרטוגעזיש־איז־ראַעליטישן סעמינאַר „עץ חיים" אין אַמסטערדאַם).

איידער מיר גייען באַשרייבן די דאָזיקע עלטסטע יידיש־דייטשע צייטונג איז נויטיק צו געבן בקיצור אַן איבערבליק איבער דער תקופה, אין וועלכער די דאָזיקע זייער אינטערעסאַנטע צייטונג איז דערשינען.

דער פראַנצויזישער קעניג לואי 14 האָט געשטרעבט ניט נאָר צו באַהערשן גאַנץ אייראָפּע, נאָר האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל פאַר־ניכטן אין זיין לאַנד דעם פּראָטעסטאַניזם. דעריבער האָט ער אין 1685 צוריקגערופן דעם נאַנטישן עדיקט, וואָס הענרי דער 4טער,

וועלכער איז אַליין פריער געווען אַ פּראָטעסטאַנט, האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1598, לויט וועלכן עס איז פאַרזיכערט געווען פאַר די הו־גענאָטן די פרייהייט פון אמונה. אַ גרויסע צאָל פון די גערודפטע פראַנצויזישע פּראָטעסטאַנטן זענען אַנטלאָפן פון זייער פאָטערלאַנד. צווישן אַנדערע לענדער, וואוהין זיי זענען געלאָפן, איז אויך געווען האָלאַנד. דאָ האָבן זיי זייער שנעל אַ גלאַנץ געטאָן מיט זייער חשיבות.

אין דעם זעלבן יאָר האָט דער קאַטוילישער יאַקאָב דער צווייטער, דער שווער פון אונדזער שטאַטהאַלטער ווילעם דעם דריטן, באַשטיגן דעם ענגלישן טראָן. אַזוי אַרום איז דער פּראָטעסטאַנטיזם אין אייראָפּע געווען פאַרפאָלגט פון צוויי פראָנטן און איז געווען אין אַן ערנסטער געפאַר פאַרניכטעט צו ווערן.

אין מזרח זענען די טערקן אַריין גאָר טיף אין אייראָפּע, אַזוי אַז עסטרייך איז געווען פאַרנומען מיט פּערמאַנענטע מלחמות מיט טערקיי. די רויב־באַנדעס אויפן ים (פּיראַטעריי), באַזונדערס פון די אַפּריקאַנישע מלוכות, האָבן געבראַכט גרויסע שאָדנס די פאַרשיידענע האַנדלס פּלאַטן און ניט ווינציק אויך דעם האָלענדישן פלאָט, וואָס האָט באַרייזט אַלע וועלט־ימים.

אַזוי אַרום איז יענע אומרואיקע צייט געווען גאָר אַ געווינס פאַר אַ צייטונג. זי האָט געגעבן גענוג שטאָף פאַר פּאָליטישע, מיליטערישע, רייזע־און־מסחר ידיעות.

---

אונדזער יידיש־דייטשע צייטונג פון 17טן יאָרהונדערט האָט געהאַט גאָר אַן אַנדער פאָרמאַט ווי אונדזערע איצטיקע צייטונגען האָבן. יעדער נומער האָט געהאַט פיר זייטלעך פאַרטיילט אין צוויי עמודים, אָקטאַוואָ פאָרמאַט. דער ערשטער נומער פון דעם איין־און־איינציקן עקזעמפּלאַר פון דער מאָנטעציָנאַ ביבליאָטעק טראָגט אַן אויפשריפט „דינשטאָגיש' „קוראַנטין" און איז דאַטירט כ"ג מנחם אָב (13טער אויגוסט 1686).

צום סוף פון יעדן נומער געפינען מיר אַזאַ מיטיילונג:

„על ידי המסדר הר"ר משה בר אברהם אבינו זצ"ל פה ק"ק אמשטרדם בבית המחוקק הר"ר אורי פייבש בה"רר אהרן הלוי זצ"ל".

עס איז זיכער אייגנאַרטיק דאָס דער דאָזיקער משה, וואָס האָט מיטגעאַרבעט ווי דער זעצער פון דער ערשטער יידיש־דייטשער צייטונג, איז ניט געווען קיין געבוירענער ייד. דער דאָזיקער משה איז געווען אַ

גר פון ניקאָלסבורג. ער האָט געאַרבעט אין דער דרוקעריי פון אורי הלוי און אויך ביי דעם דרוקער משה קאשמאַן אין אַמסטערדאַם (1688) און אין די יאָרן 1690-1694 האָט ער זעלבסשטענדיק געפירט אַ יידישע דרוקעריי.

דער דרוקער גופא אורי פייבש בן אהרן הלוי פון עמדן איז דער וואָס האָט געבראַכט צוריק צום יידנטום די פּאָרטוגעזישע מאַראַנען אין אַמסטערדאַם. דאָס אייניקל איז כמעט זיין גאַנץ לעבן געווען טעטיק אין דרוקעריי; געבוירן אין יאָר 1623 איז ער שוין אין די יאָרן 1645-1648 געווען טעטיק ווי אַזעצער אין דער דרוקעריי פון עמנואל בענווענישטי. אין די יאָרן 1658-1689 איז ער געשטאַנען בראש פון אַן אייגענער דרוקעריי אין אַמסטערדאַם און פון יאָר 1692 ביז 1695 אין זשאָלקיעוו (פּוילן). ער איז געשטאָרבן אין אַמסטערדאַם דעם 23טן טאָג אין שבט שנת תצ"ד (22טן יאַנואַר 1715) און איז באַגראָבן אין Oudekerk ביי דעם טייך אמסטל[1].

אַזוי אַרום האָט ער אַריינגעלעבט אַ שפּאַן פון 91 יאָר. דעריבער איז פעלערדיק די באַמערקונג פון שטיינשניידער אַז דער דרוקער אורי הלוי איז אין יאָר 1712 זיכער ניט געווען צווישן די לעבעדיקע[2].

אונדזער צייטונג איז דערשינען אַ לאַנגע צייט צוויי מאָל אַ וואָך (ביז דעם 6טן דעצעמבער 1686 און פון 18טן פעברואַר ביז דעם 5טן אויגוסט 1687) דינסטיק און פרייטיק. און דערפאַר האָט זי זיך באַטיטלט „דינשטאָגישי קורנטן" און „פרייטאָגישי קורנטן". עס איז מיר ניט געלונגען געפינען די שפּורן פון ווען און ביז ווען איז די צייטונג דערשינען. דער דער לעצטער נומער, וואָס געפינט זיך אין דער מאָנטעצינא ביבליאָטעק, איז דאַטירט 1 טבת תמ"ז, ד. ה. 5טן דעצעמבער 1687. פון דער תקופה פון 13טן אויגוסט 1686 ביז 5טן דעצעמבער 1687 פילן די פאָלגנדיקע נומערן: פרייטיק דעם 20טן סעפּטעמבער, 4טן און 11טן אָקטאָבער, דינסטיק דעם 5טן נאָוועמבער, פרייטיק

[1]) זע: Cardozo de Bebhencourt Aankomst der Juden te Amsterdam סעפּאַראַט דרוק זייט 13 א. י. מענדעס דא קאָסטא, דער חברה קדישא סעקרעטאַר פון דער ספרדישער קהילה האָט עס מיר באַשטעטיקט.

[2]) הערה 1. Hebreische Bibl. 3,6. זע אויך אין באָדלעיאנא קאַטאַלאָג ז. 3062, נומ. 9294 להיפוך צו וואָלף, ביבליאָטעקא העברעאיקא 3, 84, וואָס גיט אָן, אַז אורי האָט נאָך געלעבט אין 1713 און איז אַלט געווען 90 יאָר.

דעם 29טן נאָוועמבער 1686 און פרייטיק דעם 10טן יאַנואַר, דינסטיק דעם 1טן אַפּריל, 20טן מאַי, פרייטיק 31טן אָקטאָבער, 7טן און 28טן נאָוועמבער 1687. ־ערביי איז כדאי צו באַמערקן, אַז אויף די פריי־טיקס פון 20טן סעפּטעמבער, 4טן און 11טן אָקטאָבער 1686 זענען אויסגעפאַלן: דער צווייטער טאָג ראש השנה, 2טער טאָג סוכות און שמחת תורה, און דאַמאָלסט זענען קיין שום צייטונגען ניט דערשינען אויך ניט ווי אַן המשך נומער.

צום שלום פון נומער פון פרייטיק דעם 5טן דעצעמבער 1686 גע־פינען מיר אַזאַ מודעה: „פון היום און ביז ראש חודש אדר, הבא עלינו ווערט נייערט אלי וואָך אין קורנטין גידרוקט ווערדין, דהיינו, אלי פרייטיק, בעזרת השם".

פון דעם איז געדרונגען, אַז אויך דער נומער, וואָס איז דערשי־נען דינסטיק ראש חודש אדר גיט ניט קיין גענייגנדיקע באַווייזן וועגן דעם, ווי לאַנג עס האָט געדויערט די דאָזיקע ענדערונג. צום סוף פון נומער פון פרייטיק, דעם 5טן אויגוסט 1687, געפינען מיר די פאָלגנ־דיקע מודעה:

„ווייל די דינשטאָגישע קורנט ניט אָפּגייט, ווירד מן ביז ראש חודש ניסן, הבא עלינו, אלע וואָך נאָר אַ פרייטיגשי קורנט דרוקן. עש זיי דן עש מאכט פיל נייש פאַסירן".

אויב אונדזער „פרייטיגישע קורנט" פון ראש חודש ניסן תמ"ז האָט וועגן עס איז געלעבט איז אומבאַקאַנט.

איין מאָל געפינען מיר ווייטער דאָס קעפּל: „דאָנערשטיגי קורנ־טין" (כ' ניסן תמ"ו — 3טן אַפּריל 1687), ווייל פרייטיק, דעם 4טן אַפּריל, איז אויסגעפאַלן דער זיבעטער טאָג פסח.

אורי הלוי האָט געדרוקט די צייטונג ביז דעם נומער פון 22טן סיון תמ"ו ד. ה. 3טן יוני 1687. פון דעם פאָלגנדיקן פרייטיק און ווייטער האָט זיך די צייטונג געדרוקט ביי דעם ספרדישן דרוקער דוד תרטש (טאַרטאַש). צום סוף פון יעדן נומער לייענט מען:

„ע"י בהר"ר משה בר אברהם אבינו זצ"ל פה אמשטרדם בבית המחוקק דוד תרטש".

מיר זעען, אַז דאָס זענען צוויי ווערטער אַרויסגעוואָרפן גע־וואָרן: ראשית דער טיטל „המסדר והשנית די ווערטער קהל קדוש, וואָס זענען געווען געדרוקט פאַרן וואָרט אמסטערדאַם. היות ווי אורי האָט אין דעם לעצטן נומער, וואָס האָט זיך ביי אים געדרוקט ניט געמאָלדן, אַז זיין בלאַט וועט זיך דרוקן ביי אַן אַנדערן, איז אונדז אויך ניט באַקאַנט דער מיין פון די דאָזיקע צוויי ענדערונגען.

דער דרוקער דוד דע אברהם (דע קאָסטרא) תרטש האָט אין די יאָרן 1660־1695 געהאַט אַן אייגענע דרוקעריי אין אַמסטערדאַם. זיין באַרוף ווי אַ דרוקער האָט ער אָנגעהויבן נאָך אין 1657 אין דער דרוקעריי פון מנשה בן ישראל דאַמאָלסט געפירט פון זיין זון יוסף [1]).

ער האָט געדרוקט אַ סך ליטורגישע ספרים, ווי אויך שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע ווערק. ער האָט געשטאַמט פון אַ מאַראַנען משפחה, זיין ברודער יצחק איז פאַרברענט געוואָרן פון דער אינקוויזיציע [2]).

וואָס איז שייך דעם אינהאַלט פון אונדזער יידישער ציַיטונג פון פאַר 250 יאָר צוריק דאַרף קודם כל אָנגעוויזן ווערן, אַז זי האָט אַ סך בשותפותדיקס מיט אונדזערע היינטיקע פאָלקסבלעטער. מען געפינט דאָרטן אַ קאָלירפולע קאָלעקציע פון מער אָדער ווינציקער וויכטיקע באַריכטן און דערביי ווערט אויך טיילווייז באַפרידיקט דער גייעג נאָך סענסאַציע.

קודם כל קומען אַריין גאָר אויפירלעך באַריכטן וועגן יידן אין פאַרשיידענע לענדער.

יעדער ענין ווערט פאַרטיילט אין באַזונדערע אָפּטיילונגען, געגרופּירט לויט פאַרשיידענע לענדער. פון ציַיט־צו־צייט געפינט מען אויך אַן האַנדלס מודעה, ניט אָפּגעטיילט פון דעם טעקסט פון דער צייטונג און אַריינגעשטעלט צום שלוס פון נומער.

ווייטער גיב איך אַ פּאָר מוסטערן פון פאַרשיידענע באַריכטן און אַנאָנסן. דער אויפמערקזאַמער לייענער וועט קענען באַמערקן, ווי דאָס האָלענדיש „יידיש־דייטש" איז געקומען אונטער דער השפּעה פון דער האָלענדישער שפּראַך.

וועגן די יידן אין אַנדערע לענדער גיב איך די פאָלגנדיקע מוסטערן. אין דעם נומער פון פרייטיק דעם 23טן אויגוסט 1686 לייענט מען אַ באַריכט פון ליסאַבאָן, וואָס האָט אַזאַ נוסח:

„אל היר האָט מאַן דרייא רייכי פּאָרטוגיזן אין פאַרדאַכט גיהאָלטן דאָס זי היימליך אידן (יודישן גלויבן) האַלטן און מאַן העט

---

[1]) זע מיין קאַטאַלאָג — מנשה בן ישראל, נומער 50 און 51.

[2]) זע די הסכמה פון חכם א ב ה ב אויף דער משנה אויסגאַבע, וואָס איז דערשינען ביי ת ר ט ש אין 1685 און די הקדמה פון דעם דרוקער גופא. זע אויך:

J. Lucio d'Azevedo. Historia dos Christaos novos Portugueses 268, 374, 483. Mendes dos Remedios. Os Judeus em Portugal 2. 363.

זיא דז לעבען געשענקט ווען זיא העטן דען (יודישן) גלויבן (ח"ו) פרלייקנט. אבר זיא האָבן גיזאָגט, מיר זיין פון (יהודים) גיבאָרן, מיר ווען אויך אַז יהודים שטערבן. און זיא אלי דרייא פרברענט וואָרדן. אָבער גאָט איז איין גירעכטער ריכטר דער וועט דיא אונ־שולדיגי בלוט פר גיסן צו זיינר צייט וואול ווישן צו גיפינין. אמן. סלה".

אין דעם נומער פון דינסטיק, 17טן סעפטעמבער 1686, לייענט מען:

„פון רוים ווירד גשריבין, דש עז אנבאפוילין וואָרדן אן דיא (יהודים) דש זיא פון א ווינט אום קלאָק זעקש און דיא גאַנצי נאַכט זאָלין דער היים אין אירי הייזיר פרבלייבין פון וועגין אין איבר־לויף דען דער גמייני פאָלק איז זער פרביטירט איבר דיא (יהודים)".

אין דעם נומער פון דינסטיק, דעם 31 (?) סעפטעמבער 1687 געפינען מיר דעם פאָלגנדיקן באַריכט פון ווין:

„דיא (יהודים) וועלכי אונטר דען קיסר וואונן די האָבן פיל געלט בייא אננדר גילעבט אונ' האָבן צווייא (יהודים) דר מיט גישיקט נאָך (אובן) אום דיא גיפנגיני (יהודים) אוים צו לייזן און זיא האָבן גימוזט פיר איטליכן גיפנגנן (יהודי) הונדרט אונ' אויך וואול צווייא הונדרט רייכס טאָלר געבן און' עס זיין שוין איבר פיר הונדרט קליין אונ' גרוסי (יהודים) אויז גיליייזט וואָרדן".

אין דעם נומער פון דינסטיק, דעם 8טן אָקטאָבער 1686, לייענען מיר דעם פאָלגנדיקן באַריכט פון רוים, וואָס באַציט זיך אויך צווישן אַנדערע אויף דעם שטורם פון דער שטאָט אָפן:

„און וויוואול זיר שטאַרקי וואַרטן גיהאַלטין ווערדן, זוא טון גלייך וואול דער גימיינע פאָלק (דיא יהודים) בילייידיגען. בייא נאַכט פאָלגט מאן זיא מיט פייער ווערק און בייא טאָג ווערדן זיא (דיא יהודים) מיט שטיינר. אויך טוט מן די טירקן און (דיא יהודים) אמפלין אויף אלירהנט וואונדרלכי און אָפשיידליכי גימעל, אַז מאן קאָן דר דנקן".

אין דעם נומער פון דער פאָלגנדיקער וואָך (דינסטיק, 15 אָקטאָ־בער 1686) לייענט מען אין שייכות מיט דעם אַזאַ באַריכט פון רוים:

„דיא (יהודים) האָבין געמוזט בייא דרייא טויזענט שקודי אויש־געבן אום פייער ווערק מאַכן צו לאָזן און דיא (יהודים) האָבן זייא געמוזט זעלבערט אָן צינדן".

אין דעם נומער פון דינסטיק, דעם 29טן יולי 1687 טרעפן מיר צוויי באַריכטן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט יידן.

דער ערשטער איז אָנגעקומען פון האמבורג און לייענט זיך:

„צו האמבורג האָט מן אין הויכטייטשין אידן אום געבראכט גלייך שיר אויף דיא זעלביגע מאניר, וויא פאר צווייא יאָהרן אין אמשטרדם געשען איז. אבר דיא מערדער זיצן אין אלטונה געפאנגען און זיא ווערן באלד איר פערדינטן לוין באקומען".

אַ צווייטער באריכט איז פון לאָנדאָן:

„מן האָט אויך פר געארדנט דש מן אין ענגילנד דיא (יהודים) ווערט בלאשטן דש זיא זאָלן אויש איר אייגענעם בייטל דיא ענגלישע געפאנגעני אויסלייזין וואָש דיא טערקין פון אָלגיר גיפאנגען האָבן און וואָש זיי נאָך פאנגין ווערן, אָדר דיא יהודים זאָלין אוש ענגילנד אוועקציען און צו מאָל ניט אהין האנדלין".

און דאָן נאָך אַ באריכט פון דעם נומער פון דינסטיק, דעם 26טן אויגוסט 1687 בנוגע די יידן אין מאלאבאר[1]).

„אויס אוסט אינדיע האָט מן בריוו באקומען, דש דאָרטן פיל טויזנט שווארצי און ווייסע (יהודים) טון וואוינען שוין בייא פערצן הונדרט יאָר און זייא האָבן זיך דאָרט באזעצט נאָך דעמי. דש ירושלים איז פארשטערט געוואָרן און עש גיבט גרושי קלוגע לייט צווישן זיי און זייא האָבן דיא זעלביגי ביכער אָדער (תורה) ווי עבן אל היר צו לאנד".

פון די סענסאציאָנעלע באריכטן נעם איך ארויס די פאָלגנדיקע קליינע גרופע. אין נומער פון דינסטיק דעם 27טן מאי 1687 לייענען מיר אַ באריכט פון מאדריד:

„ביי דיזער שטאָט איז איין קינד געבאָרן געוואָרן מיט צוויי קעפ און פיר הענט און דריי פיס. און נור איין קאָפּ האָט געלעבט און דאָס קינד האָט שוין ציין אין דער מויל געהאט און מען האָט דאָס קינד געטויפט און עס האָט דריי שטונד לאנג געלעבט. און דער קע־ניג און די קעניגין האָבן עס זעלברט געזען. נאָך זיין טויט האָט מאן דאָס לייב אויף געשניטן און מאן האָט צוויי הערצן דרינען גע־פונדן" (אָרטאָגראַפיע מאָדערניזירט. י. ש.).

אין דעם פאָלגנדיקן נומער (פרייטיק דעם 30טן מאי 1687) קומט אזא באריכט פון דובלין:

„צו דראָמאָרע איז איין מענש שאָן הונדרט און זיבן יאָר אלט און ער האָט פיר און צוואנציג לעבעדיגע קינדער און דריי און זעכ־ציקן ענקעליך און פינף און זיבענציג אור־ענקעליך און זי זיין אלע

[1]) אַ דרוק טעות: דאַרף זיין פרייטיק דעם 29טן אויגוסט.

מיט אנאנדר אויף איינר צייט ביי נאָנדער געוועזן" (אָרטאָגראַפיע מאָדערניזירט).

צום סוף פון נומער פון דינסטיק, דעם 11טן מאַרט 1687 לייענט מען די פאָלגנדיקע סענסאַציאָנעלע געבורט באַשרייבונג:

„צו וואַרסער ביי האַלבערשטאַט דאָרטן האָט איין פרוי פון איין קו הערטן (אַ פּאַסטעך) פיר טעכטער מיט איין מאָל געבאָרן. און איין טאָכטער איז טויט און די אַנדערע דריי זיין נאָך ביי לעבן" (אָר־טאָגראַפיע מאָדערניזירט).

צום סוף אַזאַ אויסוואַל פון דער רשימה פון אַנאָנסן:

ביים שלוס פון נומער פון 5טן אויגוסט 1687 געפינט זיך די פאָלגנדיקע מודעה:

„בו אויגוסט ווירד מן צו אַמשטערדם אין דר קייזרשקרוין אין דר קאַלבר שטראָס פערקויפן דריי טויזנט הויכטייטשע אידישע ביבלען [1]).

ווייטער אין נומער פון פרייטיק דעם 13טן דעצעמבער 1686, האָט דער דרוקער אַריינגעשטעלט אַ מעלדונג וועגן אַ ספר, וואָס איז ביי אים דערשינען אין אַזעלכע ווערטער:

„גם טו צו וויסן דאָס ביי מיר צו קויף איז און ערשט נייליג איז נעדרוקט געוואָרן איין טייטש יום כפור קטן גאָר וואָל פאַר־טייטשט דאָס עטליכער מענש זאָל קענען פערשטיין וואָס ער מתפלל איז" (אָרטאָגראַפיע מאָדערניזירט).

ביים שלוס פון דעם נומער פון פרייטיק, דעם 31טן יאַנואַר 1687, געפינט זיך דער פאָלגנדיקער אַנאָנס:

„אין דער שטאָט דעלפט איז געדרוקט געוואָרן און ווערט פער־קויפט ביי הענריק וואַן קראַגעפעלט בוך פערקויפער. אין דעם זעל־בינן בוך שטייען פיל פאָרנעמע זאַכן פאָן דער אבגאָטעריי און פאַלשע גאָטעסדינסט פאָן דער רעמישן קאַטוילישן גלויבן" (אָרטאָגראַפיע מאָדערניזירט).

אין מיטן פון די נייס־באַריכטן און ניט אָפּגעטיילט פון טעקסט קומט אין נומער פון דינסטיק, דעם 25טן מאַרט 1687, די פאָלגנדיקע

---

[1]) עס לאָזט זיך ניט זאָגן מיט זיכערקייט, אויב עס האַנדלט זיך דאָ וועגן דער יידישער איבערזעצונג פון י צ ח ק ב ל י ץ, וואָס איז דערשינען ביי אורי הלוי אין 1676־1678 אָדער פון יוסף וויצענהויזן, וואָס איז אַרויס אין 1687 ביי עמנואל עטיאַש. מיר שיינט אָבער אַז די וויצענהויזישע אויסגאַבע איז דאָס וואַרשיינלעך געווען.

מודעה, וואָס איז אינטערעסאַנט פאַר דער געשיכטע פון אַמסטער־דאַמישן דיאַמאַנטן האַנדל:

„אברהם דע פּאָנסעקאָ זאָל דען דריי און צוואַנציגסטן אַפּריל אין דער קאַלבערשטראַסן אין דער קייזערס קרוין צוויי שיינע פּערלען פערקויפן וועגן פיר און פערציג גראַד. אויך זאָלטן „דאָרטן נאָך פיל אַנדערע ערליכע יוּוועלן פערקויפט ווערדן".

פון אַ גרופּע פון מודעות פון אַן אַנדער כאַראַקטער איז כדאי צו ברענגען דאָס פאָלגנדיקע געדרוקט אין דעם נומער פון דינסטיק, דעם 5טן אויגוסט 1687:

„צו אַמסטערדאַם ביי ווילעם שטאַרצן אַבענט אין די עליינר סטראַאט דם צווייטע הויז פאָן דער צוקער בעקעריי דאָרטן קאָן מען צו קויף קריגן דאָס פונט שטערק וואַסער פאַר צוויי שטיבער און דאָס אַלער בעסטע שייד וואַסער אַ פונט פאַר צען שטיבער". (אָרט. מאָ־דערניזירט).

אַן שום איבערגאַנגען פאָלגט נאָך דעם דירעקט אַ ידיעה, אַז „דער פּאָסטוואָגן נאָך אַרנעם זאָל טעגליך אָפּ גיין קלאָק (שעה) זעקס".

---

מיט פולן רעכט מעגן מיר אונדזער „דינשטיגשי (פּרייטינגשי) קורנטין" באַצייכענען ווי די עלטסטע יידישע צייטונג און אַמסטער־דאַם ווי דאָס וויגעלע פון דער יידישער פּרעסע. אין דער ליטעראַטור איז דאָס לעצטע שוין אָנערקענט געוואָרן הגם אונדזער צייטונג איז געבליבן אומבאַקאַנט.

אַזוי אינפאָרמירט נאָך דער „אידישער לעקסיקאָן"[1], אַז „די ערשטע יידישע צייטונג האָט געטראָגן דעם נאָמען „צייטונג אויס אינדיע" און איז דערשינען אין אַמסטערדאַם, זינט 1667, אָבער אַן פעסטע אָנדייטונגען פון צייט פון דערשיינען. זי האָט געדינט דעם ענין פון באַפעסטיקן די האַנדלס־באַציאונגען צווישן האָלאַנד און אינדיען און איז געווען באַשטימט צו ברענגען ידיעות פאַר די יידן וואָס האָבן איינגעוואַנדערט קיין האָלאַנד און האָבן נאָך ניט באַ־הערשט די האָלענדישע שפּראַך, כדי קענען צו לייענען די צייטונג פון לאַנד".

די דאָזיקע פאַנטאַסטישע אינפאָרמאַציע איז באַזירט אויף דער באַשרייבונגען פון יידיש־דייטשן ווערקל א. נ. קענטנים דער יהודים

[1]) באַנד 4, עמוד 1102 א. וו. פּרעסע.

פון קאַטשין אָדער „צייטונג אויז אינדיא (קאַטאַלאָג כארדעלעיאנא ז. 1980), וואָס איז דערשינען ביי אורי פייבוש הלוי אין יאָר 1687. דאָ ווערט דאָס וואָרט „צייטונג" נאָר פאַרפירעריש באַנוצט אין זין פון א בלאַט; אין דער ווירקלעכקייט באַצייכנט עס אַ באַריכט. דאָס זעט מען אָפּט פון די ציטאַטן, וואוהין אונדזער יידיש־דייטשן בלאַט ווערט דאָס וואָרט „צייטונג" באַנוצט אין זין פון ידיעה. למשל: אוים... איז צייטונג אָנגעקומען", אָדער „אלהיר האָט מן צייטונג, דאָס . . ."

דער דאָזיקער יידיש־דייטשער באַריכט וועגן די יידן אין קאָטשין איז אַן איבערזעצונג פון אַ ווערקל, אָריגינעל אַרויסגעגעבן אין פּאָרטוגעזיש א. נ. Notisias dos judeos de Cochin, mandados dor Mosseh Pereyra de Paiva.

(באַריכטן וועגן די יידן אין קאַטשין געשיקט פון משה פעריירא) געדרוקט אויף זיינע קאָסטן אין אמסטערדאַם ביי אורי הלוי דעם 9טן טאָג אין אלול תמ"ז.

דאָס ביכעלע אנטהאַלט אַ באַריכט, וואָס אייניקע אמסטערדאַמער ספרדים, וועלכע זענען געפאָרן געשעפטלעך מיט א שיף קיין קאָטשין, האָבן געשיקט קיין אמסטערדאַם מכוח די מנהגים און זיטן פון זייערע אמונה ברידער, וואָס וואוינען דאָרטן.

די יידיש־דייטשע אויסגאַבע, אַזוי גוט ווי די אָריגינעלע פּאָרטוגעזישע, האָט אַן הסכמה פון חכם אבהב, דאַטירט 9 אלול שנת תמ"ז.

דערמיט איז באַוויזן געוואָרן, אַז אונדזער „דינסטיגישע און פרייטיגישע קורנטין" איז די עלטסטע יידישע צייטונג, וואָס איז לעת עתה באַקאַנט און אויך אַז אמסטערדאַם איז דאָס וויגעלע פון דער יידישער פּרעסע.

איבערגעזעצט פון האָלענדיש
פון דר. יעקב שאַצקי

---

צום אַרטיקל פון דר. י. סאלא דע ראָזא.

בנוגע דער באַמערקונג פון דעם חשובן מחבר, אַז די „קורנטן" זענען ניט באַקאַנט אין דער ליטעראַטור, ווילן מיר אויפמערקזאַם מאַכן אויף די פאָלגנדיקע קוועלן, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן דער ערשטער יידישער צייטונג, ניט פּרעטענדירנדיק דערביי אויסצושעפּן די ביבליאָגראַפישע מקורים:

1) זיגמונט זעליגמאַן אין „צייטשריפט פיר העברעאישע ביבליאָגראַפי" (דייטש) 1903, 7, זייט 24-25.

2) דער זעלבער אין „מיטיילונגען פיר יודישע פאָלקסקונדע" 1906, 12, 8-7.

3) נ. ס(אָקאָלאָוו). די עלטסטע ציטונג אין יידיש-דייטש „דער טעלעגראַף" װאַרשע, 1906, נומערן 43 און 47.

4) „אַללגעמיינע ציטונג דעס יודענטומס" (דייטש) 1908, נום. 43, זייט 5.

5) ב. באָראָכאָוו אין „פנקס" ווילנע 1903, נום. 271 (לויט אונדזער רשימה נום. 1).

6) ז. רייזין לעקסיקאָן (1914) ז. 737.

7) דר. י. ציגבערג: געשיכטע פון דער יידישער פרעסע אין רוסלאַנד. פעטראָגראַד 1915 ז. 1 (רוסיש) אויך אין „פערעזשי-טאָיע" 4, 119.

8) צביון: די ערשטע יידישע צייטונגען אויף דער וועלט. „פאָרווערטס יובילעאום אויסגאַבע" 1917-1897, ז. 58-60.

9) יוסף מייזל: געשיכטע דער יודן אין פאָלן (דייטש) בערלין, 1922, 2, 24.

מיט אַ ניט ריכטיקער באמערקונג, אַז די ערשטע יידישע צייטונג האָט געהייסן „די יודישע צייטונג".

10) Centenary of the Yiddish Press „דזשואיש קראָניקל" פון 4טן אַפּריל 1924), (אַ באריכט פון סאָקאָלאָווס אַ רעפעראַט מיט אַ פאַקסימיליע פון די „פרייטיגשי קוראנטן").

11) De Vrijadagavond 1924, No. 14, 219. (אַ פאַקסימיליע פון נומער פון 1טן אויגוסט 1687 מיט אַ באַמערקונג, אַז די „קוראַנטן" זענען אַ וויכטיקער מקור פאַר דער עקאָנאָמישער געשיכטע פון יידן אין האָלאַנד).

12) „מאָמענט" פון 1926 נום. 175 (לויט עריק ז. 232).

13) מ. עריק געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. וואַרשע, 1928, 18-19, 232. (מיט אַ פאַקסימיליע פון אַ צייטונג).

14) מ. ווײַנרייך: די באָבע פון דער יידישער פרעסע „צו-קונפט", 1928, נאָוועמבער, 679-683.

15) דערזעלבער: בילדער פון דער אַלטער יידישער ליטעראַ-טור געשיכטע, ווילנע. 1928 ז. 40, 265-66.

16) י. ליפשיץ: אין „פנקס" 2 (1929), ז. 34.

17) יעקב ראָטהשטיין: די ערשטע אידישע צייטונג. „מאָרגן זשורנאַל", 1928 (?) מיט אַ פאַקסימיליע.

18) ד"ר. י. צינבערג: געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן. ווילנע, 1935, 6, 401.

19) דר. יעקב שאַצקי: אין „טאָג" ניו יאָרק, 30טן 1936.

20) מ. אונגער: די געשיכטע פון דער אידישער פרעסע „דער אמעריקאַנער", 1936.

21) י. ליפשיץ: „די דינשטאָגישי און פרייטאָגישי קאַרנטין", „ליטעראַרישע בלעטער", נומ. 33, 1936.

וואָס איז שייך דער מיינונג פון דעם חשובן מחבר, אַז די „קורנטין" זענען מאָדעלירט לויט דער שפּאַנישער „גאַזעטאַ דע אַמ־סטערדאַם" איז דאָס ווייט נית ריכטיק.

עס איז בכלל אַ ספק אויב דער רעדאַקטאָר פון „קורנטן" האָט פאַרשטאַנען שפּאַניש. חוץ דעם קען מען פעסטשטעלן, אַז צו יענער צייט איז אין האָלאַנד, אין דער שטאָט האַרלעם אַרויס אַ האָלענדישע צייטונג, וואָס האָט אויך געהייסן „קוראַנטן". דערביי איז אויפן שערבלאָט פאַרצייכנט דער טאָג פון דערשיינען. אַזוי איז מיר באַ־קאַנט איין נומער (נומער 17 פון 1679) Extraordinaire Haerlemse Donderdaeghse Courant.

די צייטונג איז געדרוקט אין פאָליאָ פאָרמאַט, נאָר אויף איין זייטל, ווי אַ כרוז.

אין דעם דאָזיקן נומער זענען די ידיעות טעכניש אַזוי צונויפ־געשטעלט, ווי אין די יידישע „קורנטן".

דערביי זענען אויך פאַראַן יידישע נייס (וועגן אַ פּראָצעס פון יידן אין האַמבורג). די נייס אין דעם „דאָנערשטאָגיגן קורנט" זענען פון שפּאַניע, דענמאַרק, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, טערקיי און ענגלאַנד.

דערפאַר דאַרף מען אויפהערן צו ריידן וועגן דעם שפּאַנישן מאָדל פון אונדזער ערשטער צייטונג אויף יידיש און פעסטשטעלן, אַז די האָלענדישע קוראַנטן זענען געווען אַ מוסטער פאַר די יידישע „קורנטן".

יעקב שאַצקי

ד״ר יעקב שאַצקי

# דער „דיסקוהרש״

א יידישע צייטשריפט אין אַמסטערדאַם,
אין די יאָרן 1798—1797.

## הקדמה

די דאָזיקע אַרבעט איז אַ קאַפּיטל פון אַ בוך וועגן יידיש אין האָלאַנד. אנדערע קאַפּיטלען זענען שוין פאַרטיק און וועלן זיין גע־דרוקט אין די „ייווא בלעטער״. אויב עס וועט זיין אַ מעגלעכקייט, וועלן די צעוואָרפענע קאַפּיטלען דערשיינען אין בוכפאָרם.

די אַרבעט איז באַזירט אויף דער מיטצייטלערישער פּובליציסטיק אין האָלענדיש און אין יידיש און פּרעטענדירט צו געבן מער ווי אַ באַשרייבונג פון אַ צייטונג. פון אַ גענויער באַקאַנטשאַפט מיט יענער עפּאָכע קען מען גוט פאַרשטיין די אייגנאַרטיקע „פּובליציסטישע״ צו־גאַנגען פון אַזאַ צייטשריפט, ווי דער „דיסקוהרש״ איז געווען.

אַ רייע געלערנטע זענען מיר געווען זייער באַהילפיק אין דער דאָזיקער אַרבעט.

קודם כל איז דאָס געווען זיגמונט זעליגמאַן פון אַמסטערדאַם, איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע קענער פון דעם יידיש־האָלענדישן עבר. אין מיינע שמועסן מיט אים, זומער 1932, האָב איך זייער אַ סך געלערנט און בעסער תופס געווען די אייגנאַרטיקע יידישע קולטור־סביבה פון אַמסטערדאַם אין 18טן י. ה. חוץ דעם איז ז. זעליגמאַן געווען אַזוי פריינטלעך און האָט מיר צוגעשיקט פאָטאָס־טאַטן פון אַ רייע זעלטענע יידישע דרוקן פון יענער תקופה, וואָס גע־פינען זיך אין זיין פּרעכטיקער ביבליאָטעק.

ד״ר ל. הירשל, דער ביבליאָטעקאַר פון דער באַרימטער ראָזענ־טאַל זאַמלונג אין דער אַמסטערדאַמער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק איז געווען זייער פריינטלעך און געצויגן מיין אויפמערק צו זעלטענע דרוקן וואָס זענען נאָך ניט קאַטאַלאָגירט און האָט באַזאָרגט פאַר מיר די נויטיקע פאָטאָסטאַטן.

ואחרון אחרון חביב: פּראָפעסאָר אַלעקסאַנדער מאַרקס, דירעק־טאָר פון דער ביבליאָטעק פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק האָט ניט נאָר געהאָלפן מיר באַקומען פאָטאָסטאַטן פון פּרי־וואַטע זאַמלונגען אין האָלאַנד נאָר ער האָט מיר אויך אויסגעליען אַהיים דעם קאָמפּלעט פון די „דיסקוהרשן", וואָס די ביבליאָטעק באַזיצט. מיט דעם האָט ער פּשוט מעגלעך געמאַכט אַז איך זאָל קענען אַרבעטן מער אינטענסיוו ווי דאָס איז באַשערט איינעם ווע־מענס צייט עס איז פאַרקויפט.

פון אייניקע כרוזים, וואָס געפינען זיך אין דער ביבליאָטעק פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר האָט ד"ר מאַרקס באַשטעלט פאַר מיר פאָטאָסטאַטן.

צום סוף וויל איך באַמערקן אַז איך גיב ניט קיין מראה מקומות אין טעקסט גופא, ווייל איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די דאָזיקע באַפוצונגען זענען אין אַלגעמיין איבעריק. דער פאַכמאַן וועט לייכט געפינען די שטעלע וואָס איך ציטיר אין דער ליטעראַטור גופא; פאַר דעם לאַיקער (הדיוט) איז דאָס אַן אומנויטיקער באַלאַסט.

איך גיב אָבער צום סוף אַ פולע רשימה פון קוועלן מיט וועלכע איך האָב זיך באַנוצט. אין טעקסט גופא האָב איך דאָ און דאָרטן אָנגעוויזן דעם מקור נעענטער, באַלד אויפן אָרט. איך האָב דאָס גע־טאָן נאָר דאָרטן וואו די באַהויפּטונגען קענען קלינגען אַביסל ריזי־קאַליש און דערפאַר האָב איך געוואָלט די דאָזיקע פונקטן באַפעס־טיקן מיט אַ היסטאָרישן מקור.

די ציטאַטן פון „דיסקוהרש" ווערן געבראַכט אין דער שפּראַך און אויסלייג פון אָריגינאַל.

די פאַרקירצונגען: נ. ק. מיינט נייע קהילה; א. ק. — אַלטע קהילה.

## FELIX LIBERTATE

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף דעם פּאָליטישן גורל פון האָלאַנד. דאָס לאַנד איז פון כמה דורות געווען אונטערן גייסטיקן איינפלוס פון דער פראַנצוי־זישער קולטור. די פראַנצויזישע שפּראַך איז געווען די שפּראַך פון די האָלענדישע „העכערע שיכטן". דער פראַנצויזישער טעאַטער אין האָלאַנד ווערט געליבט און באַשריבן פון צענדליקער רייזענדע, וואָס האָבן באַזוכט דאָס לאַנד פון ספּינאָזאַן און רעמבראַנדטן.

אויך עקאָנאָמיש האָט האָלאַנד אָנגעהויבן ווערן שטאַרק אָפּהענ־

גיק פון פראַנקרייך. אין 17טן יאָרהונדערט האָט זיך דער אויסלענדי־שער האַנדל פון פראַנקרייך נאָך געפונען אין די האָלענדישע הענט.

ערב דער רעוואָלוציע האָט דער עקספּאָרט פון פראַנקרייך קיין האָלאַנד באַטראָפן 40 מיליאָן ליר.

אין יאָר 1787 האָט דער עקספּאָרט פון האָלאַנד קיין פראַנקרייך באַטראָפן 25 מיליאָן ליר, ד. ה., אַז דער באַלאַנס לטובת פראַנקרייך האָט באַטראָפן 15 מיליאָן ליר, אַ מטבע, וואָס האָט געמוזט משפּיע זיין אויף פראַנקרייכס פּאָליטישע אינטערעסן אין האָלאַנד. ווי גרויס עס איז געווען דער עקאָנאָמישער אינטערעס פון פראַנקרייך אין האָלאַנד באַווייזן פאָלגנדע ציפערן: אין 1788 האָט מען עקספּאָר־טירט תבואה קיין האָלאַנד פאַר 700.000 ליר, אין 1789, אין דעם יאָר פון רעוואָלוציע, פאַר 14 מ י ל י אָ ן *).

אין יאַנואַר 1795 האָט פראַנקרייך פאַרנומען האָלאַנד. דער דאָזיקער פאַקט האָט אַריינגעבראַכט טיפע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע ענדערונגען אין לעבן פון לאַנד.

האָלאַנד האָט געציילט צוויי מיליאָן איינוואוינער. לויט דער גע־דיכטקייט פון דער באַפעלקערונג האָט האָלאַנד פאַרנומען גאָר אַן אנגעזעענעם פּלאַץ אין איראָפּע. אויף יעדן קוואַדראַט מייל האָט האָ־לאַנד געהאַט אַ באַפעלקערונג פון 3200 נפשות.

דער נאַציאָנאַלער פאַרמעגן פון האָלאַנד האָט באַטראָפן דריי מיליאַרד גולדן; אַן ענין, וואָס האָט אויך גורם געווען דעם אינטע־רעס פון פראַנקרייך פאַר דעם דאָזיקן לאַנד.

האָלאַנד איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר אַ רעפּובליק און די לאַנג דויערנדיקע הערשאַפט פון דער אָראַנישער דינאַסטיע, וואָס האָט געשאַפן כמעט ווי אַ פּערסאָנאַלע אוניע מיט ענגלאַנד, איז דערווייל איבערגעריסן געוואָרן.

די אַלט־פראַנקישעווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי די צעכן, די פּאַטריציִשע סוחרים אָרגאַניזאַציעס, טיפּיש פעאָדאַלע אָרגאַניזאַ־ציעס מיט וועלכע די קאָנסערוואַטיווע האָלענדער האָבן אַזוי שטאָל־צירט זענען אַ דאַנק דער רעוואָלוציע פאַרניכטעט געוואָרן.

די ענגלישע פּאָליטיק אין האָלאַנד, וואָס האָט געשטרעבט צו האָבן אַ פרייע האַנט דווקא דאָרטן, וואו די האָלענדער האָבן פון כמה

---

*) ק ו ל י ש ע ר (II, 267) שרייבט אַז „אַמסטערדאַם איז געוואָרן דער קאָרנשפּייכלער פון איראָפּע. די אַמסטערדאַמער בערזע האָט פיקסירט די פּרייזן פון תבואה, וואָס זענען געווען מאַסגעבנד פאַר גאַנץ איראָפּע”.

דורות געהאַט אַ חזקה — האָט זיך ניט געמישט אין די ענינים פון דער אינווייניקסטער סטרוקטור פון דער האָלענדישער באַפעלקערונג און ממילא געהאַט אַ סך ווינציקער קעגנער ווי די פראַנצויזן, וואָס האָבן פונדאַמענטאַל געוואָלט איבערבויען דעםווירטשאַפטלעכן בנין פון לאַנד און מאַכן פון האָלאַנד אַן עקאָנאָמישן וואָגן, וואָס ווערט געפירט פון פראַנצויזישע . . . פערד.

די פראַנצויזן האָבן געשטיצט די „פּאַטריאָטישע" באַוועגונג אין האָלאַנד, וואָס איז געווען אַנטי־ענגליש און געשטרעבט באַפרייען דאָס לאַנד פון דער פרעמדער אָראַנישער דינאַסטיע.

די „פּאַטריאָטן" האָבן געהאַט אַן אויסגעשפּראָכענע פּראָ־פראַנצויזישע אָריענטאַציע און אָנגעפירט אַן אינטענסיווע פּראָפּאַגאַנדע לטובת פראַנקרייך.

זיי זענען אָבער געווען אין אַ מינדערהייט און דערפאַר איז זייער אַרבעט געווען ווייט ניט קיין לייכטע. דערצו נאָך איז די פראַנצויזישע אָקופּאַציע פון האָלאַנד כלומרשט אין נאָמען פון די פּרינציפּן פון פרייהייט געווען ווייט ניט קיין פרייהייטלעכע.

די העכערע קלאַסן און די ברייטערע מאַסן האָבן דערפילט דעם יאָך פון דער פּערמאַסקירטער, פרעמדער הערשאַפט און דערפאַר זענען זיי געווען אַזוי שטאַרק פּראָ־אָראַניש.

דאַקעגן די יידישע סוחרים וואָס האָבן דערפילט די „גאָלדענע" שעה אַ דאַנק דעם ריזיקן עקספּאָרט־באַלאַנס זענען געווען אָריענטירט אויף פראַנקרייך.

אָבער אויך די דאָזיקע „גאָלדענע שעה" האָט געשלאָגן נאָר פאַר יחידי סגולה. דער רוב מנין ורוב בנין פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַמסטערדאַם האָט געלעבט אין אַן אָרימקייט, וואָס איר גלייכן האָט מען צו יענער צייט ניט געקענט געפינען און קיין שום קהילה פון אייראָפּע, פוילן איינגעשלאָסן. לויט זייער צאָל האָבן די יידן באַטראָפן קנאַפּע 10 פּראָצענט פון דער גאָרער באַפעלקערונג פון אַמסטערדאַם (20.335 יידן אויף 196.689 קריסטן). בעת ביי קריסטן האָבן געוואוינט 7.9 נפשות אין אַ דירה, איז ביי יידן געווען 12.5 נפשות.

אַ ניט יידישע משפחה איז באַשטאַנען אין דורכשניט פון 3.6 נפשות, בעת אַ יידישע האָט געציילט 4.3.

די אָרימקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין 1780 האָט מען אין אַמסטערדאַם פאַרטיילט מצה אויף פסח גאַנצע 3540 משפחות, ד. ה.

אַן ערך 13.000 נפשות, מער ווי אַ העלפט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג.

די יידן האָבן געהאַנדלט מיט זילבער, אַלטע מלבושים, אָבער מערסטן טייל זענען זיי געווען באַשעפטיקט מיט פּעדלעריי און קליינ־האַנדל.

די סוחרים האָבן געמוזט צאָלן מעשר פאַר צדקה, ווייל אַ האַלבע שטאָט האָט געלעבט פון קצבה.

חוץ דעם האָט די קהילה געמוזט פון צייט צו צייט אויספּועלן אַ קליינע האַנדלס פּריווילעגיע, ווייל אַ סך באַשריינקונגען מצד דער שטאָט האָבן צוגענומען ביי די יידן די פּרנסה.

אזוי, למשל, האָבן די יידן אַ געוויסע צייט ניט געטאָרט שלייפן דיאַמאַנטן. די קהילה האָט געמוזט דורך ספּעציעלע כרוזים מזהיר זיין די יידן ניט איבערצוטרעטן דעם דאָזיקן פאַרבאָט, כדי זי זאָל אין דערזועלבער צייט קענען זיך משתדל זיין, אַז מען זאָל אויף אַ לעגאַלן אופן די דאָזיקע גזירה בטל מאַכן.

אין אַמסטערדאַם וואַקסט די בעטל־פּראָפעסיע ביי יידן. בעת די עלטערע יידן מוזן גיין בעטלען, עמיגרירן די יונגע קיין וועסט־אינדיע. אַ סך יונגע יידן ווערן מאַטראָסן אויף די האָלענדישע האַנדלס־שיפן.

באַזונדערס האָט די יידן רואינירט די לעצטע מלחמה מיט ענג־לאַנד. (1780—83).

אין דעם דיסקורס ווערט וועגן דעם דערציילט אויספירלעך:

„אין דיא צייט דיא מלחמה געוועהזט האָט אונ' דויא איז אַללעם זויא ביטטר יוקר גוועזן אונ' ניקש צו פר דיהנען האָבן מיר יהודים דאָך זויא גוהט וויא די אנדרי איין וואונרס גקראַפּיהרט אודר פיהר־טאפּלט געלט מעזן בצאָהלן" (נומער 5 פון נ. ק.).

דאַן זענען געקומען פאַרשיידענע קאָנטריבוציעס. יידן האָבן גע־מוזט אָפּגעבן זייער זילבער לטובת דער מלוכה, האַלטן סאָלדאַטן אין זייערע דירות און אפילו צושטעלן אומבאַצאָלט העמדער פאַר דער אַרמיי. דאָסזעלבע איז געווען בעת דער פראַנצויזישער אָקופּאַציע פון האָלאַנד.

צוגעדריקט עקאָנאָמיש און האָבנדיק, לויטן אויסדרוק פון אַססער, דאָס רעכט צו שטאַרבן פון הונגער און צו זאָגן תהילים האָט זיך דער יידישער קיבוץ אין אַמסטערדאַם אין זיין גרעסטער מערהייט ווינציק וואָס אינטערעסירט מיט פּאָליטישע ענינים. זיי זענען געווען פּשוט נייטראַל. פּאָליטיש קאָנסערוואַטיוו, מיט אַ גע־ויסן געפיל פון דאַנקבאַרקייט פאַר דער אָראַניער דינאַסטיע, וואָס די

רעוואָלוציע האָט פון לאַנד פאַרטריבן, אָבער וואָס האָט געקענט צו־ריקקומען, ווי מען האָט געגלויבט (און עס איז מקוים געוואָרן אין 1814), האָבן זיך די יידן געהאַלטן פאָרזיכטיק און רעזערווירט.

די דאָזיקע רעזערווע איז אויך געווען א רעזולטאַט פון די צרות, וואָס די פראַנצויזישע אָקופּאַציע האָט פאַרשאַפט די יידן (אין א גרע־סערער מאָס ווי די ניט־יידן) און ניט דערוואַרטנדיק קיין ישועות און פּרנסות מצד דער נייער מאַכט, זענען די יידן ניט געווען אַזוי גרינגהעריק צו נייע פּאָליטישע מאָטיוון, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן געשפּילט אונטער דער באַגלייטונג פון „מאַרסעליעזע" און דער „קאַר־מאַניאָלא".

די דאָזיקע נייטראַליטעט און אפשר אַנטי־פראַנצויזישע אָריענ־טאַציע האָבן די יידן אויך געהאַט צו פאַרדאַנקען די „פּאַטריאָטן". להיפּוך צו די פראַנצויזישע „פּאַטריאָטן", וואָס האָבן געזען אַז די רעוואָלוציע זאָל אָפּשאַפן אַלע פעאָדאַלע אינסטיטוציעס, האָבן די האָלענדישע „פּאַטריאָטן" געוואָלט דאָסזעלבע מיט איין אויסנאַם. דאָס איז געווען די רעליגיעזע פרייהייט. זיי האָבן געהאַלטן אין טענהען, אַז נאָר די פּראָטעסטאַנטן זענען די אמתע „באַטאַווער" (האָלענדער) און דערפאַר קומט נאָר זיי די פרייהייט. בנוגע די יידן האָבן זיי אַרויסגעשטעלט א באַשולדיקונג, אַז די יידן זענען אָנהענ־גער פון דער אָראַנישער דינאַסטיע, ממילא זענען זיי מאָנאַרכיסטן. נאָך מיט יאָרן צוריק איידער די זיגרייכע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָ־נערע אַרמיי האָט געהאָלפן די האָלענדישע „פּאַטריאָטן" באַפרייען דאָס לאַנד פון „פרעמדן יאָך" האָבן דיזעלבע פּאַטריאָטן געמאַכט אַ פּאָגראָם אין אַמסטערדאַמער געטאָ (אין דער נאַכט פון 30טן אויף 31טן מאַי, 1786), ווי א „שטראָף" פאַר זייער „אָריענטאַציע". דאַ־מאָלסט האָבן די ביידע קהילות, די אשכנזישע און די ספרדישע גע־מוזט אוועקשטעלן אַ פּערמאַנענטע וואַך פון 150 שומרים, וועלכע האָבן עטלעכע וואָכן געהיט די יידישע גאַסן.

דעם 13טן אָקטאָבער, 1787, האָט די אַמסטערדאַמער קהילה געפייערט מיט א גאַסן־אילומינאַציע דעם זיג פון דעם אָראַנישן הויף איבער די „פּאַטריאָטן".

דאָס זאָל האָבן גורם געווען די אָפענע קעגנערשאַפט פון די „פּאַטריאָטן" צו דער יידישער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג.

איינער פון די פירער פון די „פּאַטריאָטן", גאָגל (Gogel). האָט אין א בריוו פון 21טן פעברואַר, 1794, געשריבן, אַז ער איז דערפאַר פאַר א שנעלער הילף מצד פראַנקרייך, ווייל „די יידן זענען

אָן אויסנאַם כמעט אַלע זייער פאַנאַטיש און פאַרדינגען ניט, אַז מען זאָל זיי אַריינגעמען ווי בירגער. זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן, אַז זיי זעגען ראוי צו טראָגן דעם ווירדיקן נאָמען פון אַ בירגער. זיי געהערן אַלע צו דער אָראַנישער פּאַרטיי, האָבן זיך ניט ריכטיק באַנומען לגבי די פּאַטריאָטן, וואָס האָבן געברענט מיטן פאַרלאַנג נעמען נקמה".

די פּאַטריאָטן זענען געווען גרייט „אַרומנעמען די יידישע מיטבירגער", ווי זיי האָבן געשריבן אין אַן אויפרוף — און מוחל זיין די יידן דעם „פּאַראַט" בתנאי, אַז די יידן זאָלן שטיצן די פּאָליטישע פּלאַטפּאָרמע פון די פּראָ־פראַנצויזישע אָנפירער.

דאַמאָלסט, ווען די דאָזיקע פאָדערונג איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן מצד דעם פּאַטריאָטישן לאַגער, איז אויף דער יידישער גאַס ניט געווען קיין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קענען בכלל אַקצעפּטירן אָדער אָפּוואַרפן אַזעלכע מינים פאָדערונגען.

עס זענען געווען דאָ און דאָרט פּאַרטיזאַנישע יידישע פּאָליטיקמאַכער, וואָס האָבן אין אַ ליבעראַלער האָלענדישער צייטשריפט, אָדער אין באַזונדערע בראָשורן, געדרוקט אויפן אייגענעם חשבון — גענומען אַ וואָרט בנוגע די וויכטיקע יידישע פּראָבלעמען פון יענער צייט.

אַזוי האָט קאַרל אַססער אַרויסגעגעבן אויף האָלענדיש דעם 4טן פעברואַר, 1795, אַ „זער אינטערעסאַנטן בריוו פון אַ יידישן בירגער אין אַמסטערדאַם צו אַ יידישן בירגער אין ראָטערדאַם וועגן דער איצטיקער מלוכה־איבערקערעניש אין האָלאַנד" (24 זייטן.) אין דעם בריוו האָט ער געשריבן, אַז איצט האָט די שעה געשלאָגן פאַר די יידן אין האָלאַנד: „לעבן פריי אָדער שטאַרבן".

די פרייהייט פון שטאַרבן איז אָבער יידן שוין לאַנג געגעבן געוואָרן, אפילו — פון הונגער, ווי דערזעלבער אַססער האָט זיך אויסגעדריקט.

געשטאַנען זענען אין יענעם מאָמענט ביידע פּראָבלעמען: ברויט און פרייהייט, ווייל דאָס ערשטע איז טיילווייז געווען אָפּהענגיק פון צווייטן.

אָבער לייזן די דאָזיקע פראַגע האָט געמיינט גיין אויף אַ באַשטימטן וועג, אין דעם פאַל מיט די פּאַטריאָטן. דאָס האָבן די יידן ניט געקענט, ווייל צו גרויס איז געווען דער אומצוטרוי צו זיי.

עפנטלעך אָבער אַרויסטרעטן קעגן די פּאַטריאָטן האָבן די יידן אויך ניט געקענט. ווי אַ מינדערהייט, דערצו נאָך אַ גערודפטע,

האָבן די קעגנער פון דער פראַנצויזישער אָריענטאַציע געשוויגן, ביז מען האָט זיי ניט פּראָוואָצירט און דוקא פון דעם יידישן צד.

געוואוסט האָבן דאָס אָבער זייער גוט די יחידים פון דער יידישער בורזשואַזיע, וועלכע האָבן זיך אידענטיפיצירט מיטן פּאָליטישן פּראָגראַם פון די פּאַטריאָטן. איינער פון זיי האָט דאָס טאַקע ריכטיק פאָרמולירט. כל זמן מען וועט די יידן ניט געבן קיין מעגלעכקייט צו געניסן פון פרייהייט, וועלן זיי ניט פילן די נויטווענדיקייט צו זיין „פּאַטריאָטיש".

אָבער מען האָט באַדאַרפט קודם־כל אויסקעמפן די פרייהייט פאַר יידן און דאָס האָט מען געקענט טאָן אויף אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן אופן.

די יחידי סגולה צווישן די אַמסטערדאַמער יידן, פון די בורזשואַזע קרייזן פון סוחרים און פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענטן, וואָס האָבן דוקא זיך סאָלידאַריזירט מיט די „פּאַטריאָטן" האָבן דערפאַר באַשלאָסן צו גרינדן אַ פּאָליטישן קלוב.

די אויפגאַבע פון דעם קלוב האָט געזאָלט זיין: פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פּאַטריאָטן לטובת דער יידישער עמאַנציפּאַציע און צווישן די יידן לטובת די פּאַטריאָטן, ד. ה. דער נייער אָרדענונג מיט אַלע אירע קאָנסעקווענצן.

לכתחילה האָבן די צוויי פּראָמינענטסטע יידן־„פּאַטריאָטן" אַססער און ברומעט געוואָלט אַריינטרעטן אין דעם אַלגעמיינעם קלוב פון פּאַטריאָטן. מען האָט זיי אָבער אַהין ניט צוגעלאָזט. האָבן זיי באַשלאָסן צו גרינדן אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע.

דעם 6טן פעברואַר, 1795, איז געגרינדעט געוואָרן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע א. נ. קלוב „פעליקס ליבערטאַטע" (גליקלעך דורך פרייהייט). דאָס איז געשען אַ וואָך נאָך דעם, ווי די פּראָוויזאָרישע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג פון דער באַטאַווישער רעפּובליק האָט ארויסגעגעבן די דעקלאַראַציע פון רעכט פון מענטש און בירגער אין גייסט פון פראַנקרייך אין 1789.

די גרינדער פון דעם קלוב זענען געווען באַנקירן, פאַרמעגלעכע און ממילא געבילדעטע סוחרים, דאָקטוירים, און אַ פּאָר ליטעראַטן.

צווישן די גרינדער פון דעם קלוב באַגעגענען מיר די נעמען פון די צוויי מוטיקע קעמפער פאַר יידישע רעכט אין האָלאַנד, שפּעטער די ערשטע יידן־דעפּוטאַטן אין באַטאַווישן פּאַרלאַמענט. דאָס זענען געווען ד"ר האַרטאָג דע לעמאָן, מער באַקאַנט אין אַמסטערדאַמער געטאָ אונטער זיין יידישן נאָמען: הערץ ווינער דער רופא און

ה. ברומעט (Bromet). חוץ זיי פיגורירן צווישן די גרינדער: קאַרל אַססער (Asser), דער מחבר פון צוויי זייער אינטערעסאַנטע און מוטיקע בריוו וועגן יידישע רעכט, דער דרוקער יאָאכים עמדן, דער בעל־הבית פון דער באַרימטער דרוקעריי פון יוחנן רופא, דער מאַטע־מאַטיקער יהודה ליטוואַק, דוקא אַ ליטווישער ייד, דוד פרידריכספעלד, אַ פובליציסט, וואָס האָט געשריבן העברעיש און דייטש א. אַ.

דער קלוב האָט געציילט אינגאַנצן 60 מיטגלידער, (לויט אַנדערע קוועלן — 100) פון זיי אַן ערך 20 ניט קיין יידן. אויף 20.000 יידן אין אַמסטערדאַם איז דאָס זיכער ניט געווען צו פיל!

די ניט־יידישע מיטגלידער פון דעם קלוב האָבן מאַניפעסטירט זייער סאָלידאַרישקייט מיט די יידישע פאָדערונגען און האָבן אַ סך מיטגעהאָלפן דעם קלוב אין דער אַרבעט. היות ווי די רעוואָלוציע האָט אָפּגעווישט די רעליגיע־אונטערשיידן, האָט זי ממילא אויך אָפּ־געשאַפן די נויטווענדיקייט צו האָבן קלובן אויף דער באַזע פון רע־ליגיעזער אָנגעהעריקייט.

צו דער פייערלעכער דערעפענונג פון דעם קלוב זענען איינגע־לאַדן געוואָרן פאָרטרעטער פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט פון דער באַטאַווישער רעפובליק, ווי אויך פון דער אַמסטערדאַמער מוני־ציפּאַלער פאַרוואַלטונג.

דעם 11טן פעברואַר, 1795, איז געווען די ערשטע זיצונג פון דעם קלוב. עס האָבן זיך באַטייליקט די פאָרטרעטער פון פאַרשיי־דענע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, פראַנצויזישע אָפיצירן און דער סעק־רעטאַר פון דעם פראַנצויזישן פאָרטרעטער אין אַמסטערדאַם.

די דאָזיקע געסט האָבן באַשיינפּערלעך באַוויזן, אַז דער קלוב איז זייער איינפלוסרייך און אויסגעשפּראָכן פּראָ־פראַנצויזיש.

מען האָט אויסגעקליבן ברומעטן פאַרן פּאָרזיצער פון קלוב און אַססער איז באַשטימט געוואָרן פאַרן סעקרעטאַר.

לויטן מנהג פון דעם רעוואָלוציאָנערן ריטואַל פון יענער תקופה האָט מען פאַרפלאַנצט אַ „פרייהייטס בוים" און דערביי דורכגעפירט אַן אייגנאַרטיקע צערעמאָניע. (דעם 11טן מאַרט, 1795). צוויי ספרדים און צוויי אשכנזים האָבן געהאַלטן רעדעס און אָנגעוויזן, אַז דער „הייליקער בוים" איז דער „סימבאָל פון מענטשלעכער גליקזע־ליקייט". יהודה ליטוואַק האָט גערעדט אויף העברעיש און האָלענ־דיש. די רעדע האָט מען תיכף אָפּגעדרוקט. עס איז אויך אַרויסגע־געבן געוואָרן אַ ליד מיט נאָטן אויף האָלענדיש און העברעיש לכבוד דעם דאָזיקן יום־טוב.

צווישן די ערשטע אויפטואונגען פון קלוב איז געווען פּאָפּולער מאַכן צווישן דער יידישער מאַסע די דעקלאַראַציע פון רעכט פון מענטשן און בירגער. דער קלוב האָט זי געלאָזט איבערזעצן אין יידיש און אָפּגעדרוקט אין דער פאָרמע פון אַ כרוז.

וואָס איז געווען אייגנטלעך דער ציל פון דעם קלוב „פעליקס ליבערטאַטע"?

דער קלוב האָט קודם־כל געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידן וועגן דער וויכטיקייט פון האָבן בירגער רעכט. מען האָט באַדאַרפט לערנען דעם געטאָ־מענטש דעם אלף־בית פון פּאָליטישער בילדונג. דאַן איז געשטאַנען די פראַגע פון בהדרגהדיקן אויסקעמפן בירגער־רעכט ווי, למשל, שטימרעכט; דאָס רעכט צו דינען אין דער נאַציאָ־נאַלער גוואַרדיע; דאָס רעכט אויף האַלטן פאַרשיידענע שטאָטישע אַמטן א. א. וו.

די סאַמע וויכטיקסטע אַרבעט איז אָבער געווען צו שאַפן אַ גינסטיקע שטימונג, כדי קענען דורכפירן אין לעבן די עמאַנציפּאַציע פון די יידן אין דער באַטאַווישער רעפּובליק.

כדי צו שאַפן אַזאַ שטימונג האָט מען באַדאַרפט קודם־כל אי־בערצייגן די „פּאַטריאָטן", אַז די יידן זענען שוין „רייף" געוואָרן פאַר בירגער רעכט און דאַן ערשט איבערצייגן די יידישע פאָלקס־מאַסע, וואָס איז געווען זייער פרום, אַז קאַמף פאַר פרייהייט איז אין קיין סתירה ניט צו די עקרים פון דער יידישער אמונה.

אויב צו דער ניט־יידישער וועלט זענען פאַר די טוער פון קלוב געווען אָפן אַ סך טירן און הינטער־טירן, איז אָבער אין דער יידישער וועלט דער ענין געווען אַ סך אַ קאָמפּליצירטערער.

איבער די יידישע מאַסן אין די האָלענדישע קהילות האָט גע־הערשט די דיקטאַטאָרישע מאַכט פון די פרנסים, וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אָליגאַרכיע, וואָס איז געווען געקניפּט און גע־בונדן מיט דער אַלטער אָרדענונג און ממילא געווען פיינטלעך צו דער נייער אָרדענונג און ממילא אויך צו אירע פאַרטרעטער.

די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטישער פרייהייט זענען געווען פאַר זיי געפערלעך, ווייל דורכגעפירט אין דער קהילה וואָלטן זיי זיכער גע־מאַכט אַ סוף פון דער אַלטער פעאָדאַלער אָליגאַרכיע פון די קהלשע רעדל־פירער.

דערפאַר איז דעם קלוב אויסגעקומען צו קעמפן אויף צוויי פראָנטן: אויף יעדן פון זיי האָט די טאַקטיק באַדאַרפט זיין אַן אַנ־דערע, די אַרגומענטאַציע און די שפּראַך — אַ באַזונדערע.

צום פאָלק האָט מען געקענט ריידן נאָר אויף יידיש, הגם האָלענ־דיש האָט געשפּילט ניט קיין קליינע ראָלע אין דער פּובליציסטיק פון „פעליקס ליבערטאטע". דאָס באַנוצן זיך מיט יידיש איז געווען ניט מער ווי דיקטירט פון נויטווענדיקייט, ווייל דער אידעאל פון די יידי־שע „פּאַטריאָטן" איז געווען, אַז די יידן אין האָלאַנד זאָלן אויפגעבן יידיש און אָנהויבן ריידן די מלוכה־שפּראַך, ד. ה. האָלענדיש.

דער ערשטער כרוז אויף יידיש, וואָס דער קלוב האָט אַרויסגע־געבן איז געווען די איבערזעצונג פון דער „דעקלאַראַציע פון רעכט פון מענטש און בירגער". די קלוביסטן האָבן געוואָלט, אַז מען זאָל אין אַלע אַמסטערדאַמער שולן און בתי־מדרשים פאָרלייענען די דאָ־זיקע דעקלאַראַציע. די פרנסים האָבן קעגן דעם פּראָטעסטירט און געשיקט אַ פּעטיציע צו דער מאַכט אונטערגעשריבן פון 600 בעלי־בתים מיט אַ טענה, אַז אַזאַ האַנדלונג איז „קעגן דת תורתינו הקדושה וועהערע".

אין אַ יידישן אויפרוף אַרויסגעגעבן דעם 22טן מאַרט, 1795, אונטער אַ העברעישן קעפּל: „לאחינו בני ישראל הסגולים אורחים בעלי־בתים ותושבים" פאַרדאַמען די קלוביסטן די שטעלונג פון די פרנסים, וואָס ווילן האַלטן די מאַסן אין „שקלאַפעריי" און ווילן ניט דערלאָזן, אַז מען זאָל זיי אויפקלערן די וויכטיקייט פון פרייהייט און רעכט.

זיי ערקלערן אַז דער צוועק פון אַרויסגעבן די דעקלאַראַציע „אין אונזער יודש לשון" איז, אַז די מאַסע זאָל פאַרשטיין דעם דאָזיקן וויכטיקן דאָקומענט, וואָס איז דער יסוד פון דער אַלגעמיינער עמאַנ־ציפּאַציע און פון יידן בתוכם. ווייטער באַשולדיקט דער קלוב די פרנסים אין פאַרנאַכלעסיקן זייערע פליכטן לגבי די אָרימע לייט: זיי באַמיען זיך ניט „דער שיקזאַהל פון איהרע נויט ליידנדה ברידער צו פר בעסרן".

דעריבער האָבן די „יהודים פון „פעליקס ליבערטאטע" — ווערט ווייטער ערקלערט אין אויפרוף — געשטעלט זיך אַן אויפגאַבע צו אַרבעטן פאַרן „גליק פר דיא גאַנצה בורגרליכה צוזאַמין לעבונג, דש גנוס צו טוהן בקומן פון איהר גרעכטן אַן טייל אין דיא גלייכ־הייט אונ' פרייאַהייט, זויא וויא אין פראַנקרייך זויא גליקליך שטאַט־פינד, וואו דורך זיא אללי אויף איין אורדענטליכה [געוויינטלעכן] ווייז [אופן] איהר בשטאַנט אונ' ברויט . . . ווערדן קענן פרבעסרן אונ' פרזיכרט זיין".

דעם אויפרוף האָבן אונטערגעשריבן די קאָמיסאַרן פון „פּע־

ליקס ליבערטאטע": הירץ ברומעט, יאַקאב סאספּאָרטאס, משה שוחט און הירץ לעמאַן.

דעם אויפרוף האָט מען טאקע אין די שולן ניט פאַרגעלייענט. דער קלוב האָט געהאלטן אזא האנדלונג פאַר אנטי־מלוכיש, און דער־פאַר האָט ער זיך געווענדעט צום „רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט", וואָס איז געווען די העכסטע פּאָליציי־מאַכט וואָס האָט אָפּגעהיט די זאַך פון דער רעוואָלוציע, און פאַרמסרט פאַר זיי די פרנסים.

אין זייער מסירה האָבן זיי געשריבן אז די פרנסים פון דער „יידישער נאַציע" באַמיען זיך מיט כל אַלערליי מיטלען צו שטערן דאָס פאַרשפּרייטן פון דער דעקלאַראַציע פון בירגער רעכט צווישן דעם אָרימען פאָלק. דער קלוב האָט ערקלערט עפנטלעך (אויך אין דעם אויפרוף פון 22טן מאַרט) אַז זייער ציל איז ניט אָפּשוואַכן די רע־ליגיעזע געפילן פון די יידישע מאַסן, נאָר פאַרקערט.

„מיר זיין זוא וואול יהודים וויא איהר—האָבן די קאָמיסאַרן פון קלוב דעקלאַרירט — מיר האָבן עהרביטונג [דרך ארץ] פאַר אונזערע וועטטען [געזעצן]. מיר האלטן אונזערע מצות".

זיי האלטן, אַז דוקא פרייהייט וועט ערשט געבן איעדן יידן די פולע רעכט צו זיין רעליגיעז, ווייל ער וועט ניט דאַרפן פאַרלייקענען זיין „גאָטעסדינסט".

דערפאַר האָט דער קלוב גערופן די יידן זיך באַפרייען פון דער השפעה פון די פרנסים, ווייל זיי שטערן די אנטוויקלונג פון דעם נייעם רעליגיעזן לעבן.

„קעהרט אלזוי בייא צייטן פון אייערע פר אירונג צוריק. פר דש עז צו שפּעהט איז . . . פר אייניגט אייך אלזוא מיט אונש כדי דיא הילזאַמי גינוסן צו פרקריגן פון דיא רעכטן פון דען מענש . . . צייגט אלזוא אן דש גאַנצה פאָלק פון דיא נידרלענדר דש איהר דיא שאַנדטהאַט פון פרנסים מיספּרייזט" [טאַדלט].

כמעט אין דערזעלבער צייט האָבן די פרנסים צוזאַמען מיט די רבנים פון דער „הויכדייטשער אידישער קהילה" אַריינגעשיקט אַן ער־קלערונג צו דעם „קאָמיטעט פון וואַכזאַמקייט". בנוגע זייער שטע־לונג צו דער דעקלאַראַציע פון בירגער רעכט.

זיי האָבן דערקלערט, אַז עס איז ניט זייער כונה אויסצוטייטשן גוט אָדער שלעכט די דעקלאַראַציע פון מענטשן רעכט, ווייל דאָס קען אַריינברענגען אַ פּלאָנטער אין די יידישע באַגריפן פון רעליגיע. זיי ווילן אויך ניט דעבאַטירן מכח דער וויכטיקייט צו גענוסן פון די פרוכטן פון פרייהייט, גלייכהייט און גערעכטיקייט. וואָס זיי ווילן,

איז: היות ווי קיין איינע פון די רעליגיעזע גרופעס אין האָלאַנד איז ניט געצוואונגען געוואָרן פאַרצולייענען אָדער אויפצוהענגען אין זייערע געבעט־הייזער די דאָזיקע דעקלאַראַציע, ווילן זיי, די פּרנסים אויך ניט האַנדלען אַנדערש.

צום סוף שרייבן זיי זייער „דיפּלאָמאַטיש", אַז עס בלייבט צו אורטיילן פאַר דעם „קאָמיטעט פון וואַכזאַמקייט" און צו באַשטימען, אויף וואָס פאַר אַן אופן וועט זיין אַמבעסטן צו באַפרייען זייער קהילה פון פאַרלייענען די דאָזיקע דעקלאַראַציע.

דעם דאָזיקן ענטפער האָבן די פּרנסים אָפּגעדרוקט ווי אַ פלוג בלאַט. אויף דעם האָט „פעליקס ליבערטאַטע" געענטפערט מיט אַ שאַרפן אויפרוף (30 מאַרט 1795) אין וועלכן מען טאַדלט די פּרנסים, אַז זיי ווילן ניט, אַז די אָרימע מאַסן זאָלן וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

חוץ דער אויפקלערונגס־אַרבעט האָט דער קלוב געהאַט נאָך אַ וויכטיקע פראַגע צו דערליידיקן: דאָס איז די פראַגע פון נעמען יידן אין מיליטער־דינסט.

די פאַרטרעטער פון „פעליקס ליבערטאַטע" האָבן זיך באַמיט, אַז מען זאָל קודם־כל צולאָזן אין די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע יענע יידן, „וואָס וועלן אַרויסווייזן די נויטיקע פעאיקייטן". מיט דער דאָזיקער בקשה זענען זיי געקומען אויף אַ זיצונג פון דער מיליטערישער קאָמיסיע (29 יאַנואַר, 1795).

די דאָזיקע פראַגע איז זייער לאַנג דעבאַטירט געוואָרן.

מען האָט זיך וועגן דעם ענין געווענדט צו די רבנים פון די ספרדים און פון די אשכנזים און יענע האָבן געענטפערט, אַז שבת טאָר מען ניט טראָגן קיין געווער און ממילא אויך ניט שיסן.

אויף דעם סמך האָט די מיליטער־קאָמיסיע געפּסקנט, אַז עס בלייבט „ביים אַלטן".

פאַר די מיטגלידער פון „פעליקס ליבערטאַטע" איז דער דאָזיקער באַשלוס געווען „ממש אַ דונער", ווי עס דריקט זיך אויס איינער פון די הויפּט־טוער פון קלוב.

דעם 22טן מאַרט האָט הירץ ברומעט אַרויסגעגעבן אַן עפנטלעכן בריוו אין וועלכן ער באַווייזט מיט פּסוקים פון דער תורה אַז אַ ייד, וואָס איז אויף דער מלחמה איז פריי פון אָפּהיטן שבת.

דער דאָזיקער בריוו האָט שטאַרק אויפגעקאָכט די רבנים. זיי זענען אַרויס מיט אַן אויפרוף אין וועלכן זיי האָבן באַשולדיקט די

מיטגלידער פון „פעליקס ליבערטאטע", אז זייער ציל איז צו פארניכטן די יידישע רעליגיע.

דערויף האט ברומעט געענטפערט מיט א צווייטן בריוו, אין וועלכן ער שרייבט, אז יידן דארפן פארטיידיקן דאס לאנד, ממילא מעגן זיי זיך באוואפענען. ער דערמאנט, אז אין 1782 בעת דער מלחמה מיט ענגלאנד האבן די רבנים אין האלאנד דערלויבט די יידן דינען אין פלאט. ער ווייזט אן אויף די מאקאבייער, ציטירט די רעדע פון פראגער רב יחזקאל לאנדוי ביים איינשווערן די יידן־סאלדאטן און אנדערע מקורים.

ברומעט אפעלירט צו די רבנים און צו די פרנסים, אז זיי זאלן איינשטימען צו אן עפנטלעכער דערקלערונג, אז בירגער־פליכטן זענען ניט קיין שטער פון שטאנדפונקט פון רעליגיע און אז „מיר זענען יידן און וועלן בלייבן יידן", אפילו ווען מיר וועלן דינען אין מיליטער.

די דאזיקע דעבאטע האט צו קיין ממשותדיקע רעזולטאטן ניט געבראכט. עס איז געבליבן וויטער ביים אלטן, נאר דא און דארטן האט מען יחידים, וואס האבן זיך געמאלדן פרייוויליק, אריינגענומען אין דער נאציאנאלער גווארדיע. (צווישן זיי איז געווען איינער פון „פעליקס ליבערטאטע" מיט א הויכן מיליטערישן ראנג).

די דריטע וויכטיקע פראגע איז געווען: שטימרעכט. אין אמסטערדאם, למשל, האט מען זיך שטארק אנטקעגנגעשטעלט דער פאדערונג צו געבן יידן שטימרעכט. אין אנדערע שטעט ווי כראנינגען (Groningen), הארלעם, ראטערדאם — איז די זאך אדורך גלאטיק.

אין די צאלרייכע פאליטישע קלובן אין אמסטערדאם איז אפטמאל באהאנדלט געווארן די פראגע פון יידישע בירגער רעכט. די שטימונג איז אין אלגעמיין ניט געווען קיין גינסטיקע פאר די יידן. די פובליציסטן פון „פעליקס ליבערטאטע" האבן געמוזט ענטפערן אויף א מבול פון פאלעמישע בראשורן, אין וועלכע מען האט ארגומענטירט קעגן דער עמאנציפאציע פון יידן.

אסטער האט אנגעהויבן צו ווירקן אין די בירגערלעכע קלובן פון האלאנד און געוואלט זיי איבערצייגן, אז די אנטי־סעמיטישע שטעלונג פון דער אמסטערדאמער מוניציפאלער פארוואלטונג איז אן אויסנאם און איז בשום אופן ניט די שטימע פון האלענדישן פאלק.

אין דערזעלבער צייט האבן אסטער און ברומעט זיך געמאלדן אין האג ביי דער נאציאנאלער פארזאמלונג און געבעטן, אז מען זאל

זיי צולאָזן מיט אַ פּעטיציע אין נאָמען פון דעם קלוב „פּעליקס לי־
בערטאַטע".

אונטער אַ יורידישן תירוץ, אַז דער קלוב איז אַ ריין יידישער, ממילא באַזירט אויף אַ ריין קאָנפעסיאָנעלן באָדן, וואָס איז אין אַ סתירה מיט די פּרינציפּן פון פרייהייט, האָט מען זיי ניט געוואָלט צולאָזן.

אין זייער אַ פּאַטעטישער רעדע האָט אַססער פּאַרטיידיקט זיין קלוב קעגן די דאָזיקע באַשולדיקונגען, אָנווייזנדיק, אַז אַ דריטל פון דער מיטגלידערשאַפט איז בכלל ניט קיין יידישע, וואָס איז געווען אמת.

דעריבער קען מען דעם קלוב, וואָס איז אין אַ סתירה מיט דער טענדענץ, אַז „רעליגיעס אָדער סעקטעס זאָלן גרינדן סעפּאַראַטע אָר־גאַניזאַציעס", ניט צורעכענען צו די קלובן וואָס ברעכן די „אמתע פּרינציפּן פון גלייכהייט".

די דאָזיקע דערקלערונג האָט ניט געהאַט קיין ווירקונג. דער קלוב האָט פאַרלאָרן דאָס רעכט צו דערשיינען עפנטלעך פאַרן פּאַר־לאַמענט און פאָדערן די בירגער רעכט, וואָס די פּרינציפּן דעקלאַראַ־ציע האָט שוין לאַנג פּראָקלאַמירט.

אין סך־הכל קען מען זאָגן, אַז אין דעם ערשטן יאָר פון זיין טעטיקייט האָט דער קלוב „פּעליקס ליבערטאַטע" קיין גרויסע רע־זולטאַטן ניט דערגרייכט.

זיינע טוער האָבן געקענט פאַרצייכענען רק מפּלות: אין מילי־טער־דינסט האָט מען דערווייל ניט גענומען, וואַל־רעכט האָט מען ניט געקראָגן און ניט קוקנדיק אויף די „פּרינציפּן פון רעכט פון מענש" זענען יידן געווען נאָך אַלץ פרעמדע און ניט קיין בירגער.

אין דער פּרעסע האָט מען קעגן די יידן אַרויסגעשטעלט פאַרשיי־דענע באַשולדיקונגען; די וואַכזאַמע מיטגלידער פון „פּעליקס ליבער־טאַטע" האָבן תיכף אויף זיי רעאַגירט.

די רעפּובליקאַנער האָבן באַשולדיקט די יידן אין . . . מאָנאַר־כיזם, ווייל משיח, אין וועלכן די יידן גלויבן איז דאָך אַ . . . מלך.

מיט אַ גאַנצן אַרסענאַל פון לומדישע חקירות האָט דער „אָו־טשאָני יעווריי" פון דעם קלוב דוד פרידריכספעלד געענטפערט אויף דעם דאָזיקן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן בלבול. ער האָט געשריבן, אַז דער „מלך המשיח, ווי מיר ערוואַרטן אים קען קיין בייז ניט טאָן און קיין מדינה שבעולם, וואָרום אונזערע נביאים זאָגן אַללע גאָר,

דאָס עס ווערט איין מלך זיין כולו יושר, כולו צדק. אַלזאָ קען ער אין ערגעץ ניט זיין שעדלעך".

כדי צו באַשטעטיקן דעם אַנטי־משיחיזם איז דער קלוב אַרויס מיט אַ דערקלערונג, אַז די באַטאַווישע רעפּובליק איז דאָס פֿאָטערלאַנד פֿון די יידן און ממילא דאַרפֿן די יידן ניט האָבן קיין משיח, וועלכער זאָל זיי אויסלייזן.

די דאָזיקע דערקלערונג האָט נאָך מער פֿאַרטיפֿט דעם תהום צווישן די פֿרומע יידן פֿון אַמסטערדאַם און די מיטגלידער פֿון „פֿעליקס ליבערטאַטע".

די לעצטע זענען אָבער געווען פֿאַרנומען מיט אַ סך אַ וויכטיקערן ענין, ווי משיחיזם. דעם 1טן מאַרט, 1796, איז באַשטימט געוואָרן צונויפֿצורופֿן קיין האַג די נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג. אויף דער פֿאָדערונג פֿון די רעפּרעזענטאַנטן האָט מען די יידן צוגעלאָזט צו שטימען און צו וויילן. דער אינטערעס אָבער פֿאַר די וואַלן איז צווישן די יידישע מאַסן געווען זייער אַ קליינער. קודם־כל האָט זיי געפֿעלט די עלעמענטאַרע פּאָליטישע קולטור; דאַן איז אין אַמסטערדאַם אָנגעגאַנגען אַן אַגיטאַציע מצד דער אָרטאָדאָקסיע, אַז מען זאָל זיך אָפּהאַלטן פֿון גיין צו די וואַלן.

חוץ דעם איז דער וואַל־סיסטעם געווען אַ קאָמפּליצירטער און ווייט ניט קיין דעמאָקראַטישער. דאָס לאַנד איז געווען פֿאַרטיילט אין דיסטריקטן, צו 15.000 נפֿשות אויף אַ דיסטריקט. יעדער דיסטריקט האָט געוויילט אַ „פֿאַרזאַמלונג פֿון עלעקטאָרן", וואָס איז באַשטאַנען פֿון 500 דעלעגאַטן. די דאָזיקע דעלעגאַטן האָבן געקליבן אַ וויילער. אַזוי אַרום זענען פֿון איין דיסטריקט געוויילט געוואָרן 30 וויילער און די האָבן פֿון זיך אויסגעקליבן אַ דעפּוטאַט אין דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג.

אינגאַנצן האָט די נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג געציילט 126 דעפּוטאַטן.

די אַמסטערדאַמער יידן, 20.335 אין צאָל, זענען געווען באַרעכטיקט צו 40 וויילער און געהאַט די מעגלעכקייט דורכצופֿירן איין דעפּוטאַט. אָבער די אַבסטינענץ איז געווען אַזוי גרויס, אַז נאָר 6.000 יידן האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן. די יידן האָבן אַזוי אַרום געהאַט 12 וויילער, אָבער קיין דעפּוטאַט האָבן זיי ניט געקענט אויסקלייבן.

דעם 1טן מאַרט, 1796, האָט זיך אין האַג פֿייערלעך געעפֿנט די נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג פֿון דער באַטאַווישער רעפּובליק.

דעמזעלבן טאָג איז אָנגענומען געוואָרן א באשלוס, אז דאָס רעכט צו פּעטיציאָנירן פאַרן פּאַרלאַמענט האָבן ניט קיין קלובן אָדער חברות, נאָר אויסשליסלעך יחידים.

פאַרן „פעליקס ליבערטאַטע" איז דער דאָזיקער באשלוס געווען פון גרויס וויכטיקייט. עס האָט געמיינט, אז די טויערן פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג זענען פאַר אים אָפיציעל פאַרמאַכט. ניט־אָפיציעל האָט דער קלוב געקענט אהין אריינדרינגען דורך פּעטיציעס צוגעשטעלט פון יחידים, מיטגלידער פון קלוב.

דעם 29טן מאַרט, 1796, האָבן זעקס מיטגלידער פון קלוב אריינגעטראָגן א פּעטיציע אין זייער אייגענע נעמען אין וועלכער זיי האָבן זיך באַקלאָגט, אז יידן האָבן פאַקטיש נאָך קיין פרייהייט ניט, הגם אין פּרינציפּ האָט מען זיי דאָס טיילווייז געגעבן. דערפאַר אַפּעלירן זיי צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, אז אַלע פאָראורטיילן לגבי יידן זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן, ווייל זיי שטערן צו געניסן פון דער פרייהייט. אין הסכם מיט דער דאָזיקער בקשה האָט דער פּרעזידענט פון פּאַרלאַמענט באַשטימט א קאָמיסיע פון זיבן מיטגלידער, וואָס זאָל אויסאַרבעטן די רעקאָמענדאַציעס און באַשלוסן בנוגע די רעכט פון די יידן.

אין פּאַרלאַמענט האָט זיך אַנטוויקלט א ליידנשאַפטלעכע דע־באַטע מכח דער פראַגע אויב מען דאַרף בכלל האָבן אַזאַ קאָמיסיע און אויך בנוגע דעם, צו האָט מען געדאַרפט צולאָזן די „יחידישע" קאָמיסיע פון זעקס יידישע „בירגער". מען האָט אין דער דעבאַטע אָנגעוויזן, אז היות ווי די רבנים און די פּרנסים זענען קעגן דעם קלוב, וואָס די דעלעגאַציע האָט פאַקטיש רעפּרעזענטירט, ממילא פאַרטרעטן זיי קיינעם ניט, נאָר זיך אַליין.

אין פּאַרלאַמענט האָט זיך דערווייל אַנטוויקלט אַן אַלגעמיינע דעבאַטע אַרום דער יידנפראַגע. לויטן טאָן און נוסח איז די דעבאַטע געווען ממש א ווידערקול פון דער גרויסער דעבאַטע אין דעם פראַנ־צויזישן קאָנווענט פון 1789.

די אַרגומענטן און ראיות האָבן געשטאַמט פון דעמזעלבן אַר־סענאַל פון פּאָלעמישע כלי־זיין פון וועלכן עס האָבן געשעפּט זייער פּראָ־און קאָנטראַ־מיינונגען די דעפּוטאַטן פון דעם פּאַריזער רעוואָ־לוציאָנערן פּאַרלאַמענט.

אין דעפּוטאַט הויבט אויף די פראַגע: וואָס זענען יידן? א פאָלק אָדער א רעליגיעזע גרופּע? איז פּאַלעסטינע זייער לאַנד אָדער האָבן זיי בכלל ניט קיין לאַנד?

א צווייטער וויל וויסן, ווי אזוי קען מען צונויפבינדן די רעליגיע פון די יידן מיט רעפובליקאניזם, א. א. וו. די אלע פראגעס האט באדארפט די קאמיסיע פארענטפערן.

דעם 1טן אויגוסט האט די פארלאמענטארע קאמיסיע, וואס איז באשטימט געווארן פאר דער פראגע פון דער עמאנציפאציע פון יידן, אריינגעטראגן איר באריכט. דער דאזיקער באריכט איז אוועקגעשטעלט געווארן דעם 22טן אויגוסט פארן פארום פון פארלאמענט, פאר א דיסקוסיע.

אינצווישן האט דער „פעליקס ליבערטאטע" געפירט אן אקציע כדי אויפצוקלערן די געזעלשאפטלעכע מיינונג לטובת די יידן. דאס מאל זענען די ארטאדאקסן געווען טאקטפול גענוג ניט צו פירן קיין עפנטלעכע קעגנאקציע, הגם איינקע פון זיי האבן געטאן אלץ וואס איז געווען אין זייערע מעגלעכקייטן, אז די „גזירה" פון דער מעגלעכער פרייהייט זאל בטל ווערן.

דער קלוב „פעליקס ליבערטאטע" האט ארויסגעגעבן צוויי ביכער, באשטעלט מיט א כיון ביי ניט־יידן, אין וועלכע עס ווערט באוויזן, אז יידן האבן דאס רעכט צו געניסן צוגלייך מיט די קריסטן די בירגערלעכע פרייהייטן פון לאנד.

אין דעם טומל פון פראפאגאנדיסטישער טעטיקייט פאר און קעגן די יידן האט דער אמסטערדאמער שטאטראט באשלאסן צו דעמאנסטרירן זיין קעגנערשאפט צו די יידישע רעכט און האט דורכגעפירט א רעזאלוציע, אז די יידן האבן ניט קיין שטימרעכט.

דער „פעליקס ליבערטאטע" האט קעגן דעם פראטעסטירט, הגם דער דאזיקער פראטעסט איז ניט געווען אזוי וויכטיק אין יענעם מאמענט, בעת עס איז געשטאנען אין קאן די פראגע פון לייזן די יידנפראגע בכלל.

דעם 22טן אויגוסט, 1796, האבן די דעפוטאטן פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג שוין געהאט אין זייערע הענט אן אויספירלעכן רעפארט פון איבער דרייסיק זייטן וועגן דעם פראיעקט פון יידישער עמאנציפאציע.

דער דאזיקער פראיעקט האט ארויסגערופן א דעבאטע, וואס האט געדויערט 8 טעג (פון 22טן ביזן 30טן אויגוסט).

אין דער דיסקוסיע האבן זיך געלאזט הערן פארשיידענע פארשלאגן. איין דעפוטאט האט געפאדערט פאסיווע רעכט פאר די יידן און אקטיווע — פאר זייערע קינדער, בתנאי, אז זיי וועלן ענדיקן א האלענדישע פאלקס־שולע.

אַן אַנדערער דעפּוטאַט האָט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז לויטן דעקרעט פון 5טן אויגוסט איז דער שטאַט אָפּגעטיילט פון דער קירכע, זענען שוין ממילא ניטאָ מער קיין קריסטן. איז ווי קומט עס, אַז עס זאָלן נאָך זיין יידן ?

ווי גרויס עס איז געווען דער אינטערעס פאַר דער יידנפראַגע, קען מען אורטיילן פון דעם, וואָס פון די 126 דעפּוטאַטן האָבן זיך 31 באַטייליקט אין דער דעבאַטע.

פרייטיק דעם 2טן סעפּטעמבער, 1796, איז אַריינגעטראָגן געוואָרן די רעזאָלוציע, וואָס זאָגט :

„קיין ייד זאָל ניט ווערן אויסגעשלאָסן פון אייניקע רעכט אָדער פּריווילעגיעס, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דעם באַטאַווישן בירגער רעכט און וואָס ער וועט וועלן געניסן, בתנאי, אַז ער קומט נאָך די אַלע פאָדערונגען, וואָס די אַלגעמיינע קאָנסטיטוציע פאָדערט פון יעדן אַקטיוון בירגער פון נעדערלאַנד".

דעם 8טן סעפּטעמבער איז די דאָזיקע רעזאָלוציע אַריינגעטראָגן געוואָרן אין פּאַרלאַמענט.

די יידן זענען פולשטענדיק עמאַנציפּירט געוואָרן.

די „פּאַטריאָטן"-יידן האָבן געיובלט. די יידנפריינטלעכע האָלענדישע פּרעסע האָט באַגריסט די דאָזיקע רעזאָלוציע מיט גרויס צופרידנהייט. אין אַ לאַנגער פּאָעמע לכבוד דער דאָזיקער געשעעניש האָבן צוויי קריסטלעכע פרויען געשריבן אַזוי :

Ja, broeders! ook aan uw verstand.
Betrouwen wij het vaterland;
't Voorordeel moog zich daavaan stooten
De Jood is ookeen Patriot
En in de dienaars van een God
Zien we allen ook geloofsgenooten.

[יאָ, ברידער ! אויך צו אייער שכל געטרויען מיר דאָס פאָטערלאַנד. דער פאָראורטייל זאָל דערפון קראַפּירן. דער ייד איז אויך אַ פּאַטריאָט און ווייל מיר זענען דינער פון איין גאָט זענען מיר אַלע אויך אמונה-גענאָסן].

סעפּטעמבער 1791 זענען שוין די צוויי וויכטיקע פאַרטרעטער פון „פעליקס ליבערטאַטע : ברומעט און לעמאַן געזעסן אין דעם נאַציאָנאַלן פּאַרלאַמענט, ווי פאָלקס-דעפּוטאַטן.

דער קלוב האָט געהאַלטן, אַז ער האָט זיין מיסיע דערפילט און האָט זיך תיכף אויפגעלייזט.

די יידישע מיטגלידער פון דעם קלוב זענען אָבער אין דערזעל־בער צייט געווען מיטגלידער פון אַן אייגענער קהילה.

די דאָזיקע קהילה איז געגרינדעט געוואָרן, ווי אַ פּועל־יוצא פון דער רעפאָרמיסטישער באַוועגונג, וואָס איז אָנגעגאַנגען צו יענער צייט אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך און האָט אויך משפּיע געווען די שפּיצן פון דער יידישער בורזשואַזיע אין האָלאַנד.

פאַר די דאָזיקע יידן איז שוין געווען צו ענג אין די ווענט פון דער אָרטאָדאָקסישער קהילה. אמת, די רעפאָרמיסטישע טענדענצן פון די יידן־„פּאַטריאָטן" זענען געווען זייער מעסיקע, אָבער נאָך אַלץ ראַדיקאַל פאַר די אָנפירער פון דער אַלטער קהילה*). זייענדיק אין אַ מינדערהייט האָבן די אָנהייגער פון אַ רעפאָרמירטן טעמפּל זיך קאָנסטיטואירט אין אַ באַזונדערער קהילה א. נ. „עדת ישרון", וועלכע האָט סך־הכל געציילט 108 משפּחות אָדער אַן ערך 700 נפשות.

אין אָנהויב האָט די נייע קהילה געהאַט איר מנין אין אַ פּריוואַ־טער הויז, וואו מען האָט געפּראַוועט דעם חנוכת־הבית דעם 23טן יוני 1797. ערשט אין 1799 האָט די נייע קהילה אויסגעבויט אַ באַשיידענע געביידע, וואו עס איז געווען די שול און די צימערן פון דער פאַרוואַלטונג.

אין דעמזעלבן יאָר זענען דערשינען די „תקנות והנהגות קהל עדת ישרון", אַ ביכל פון 58 זייטן, וואָס איז געוואָרן דער שולחן־ערוך פון דער נייער קהילה. פאַר אַ רב האָבן זיי איינגעלאַדן אַ שוועדישן גר יצחק בן אברהם גר גרענבוים (Izak Graanboom), אַ מחבר פון אַ דרוש ספר „זרע יצחק" (אַמסטערדאַם 1789) און פון אַנדערע קלענערע חיבורים.

פאַרן פּאָרזיצער פון דער קהילה איז אויסגעקליבן געוואָרן ד"ר האַרטאָג לעמאַן.

דער פאַקט גופא, וואָס די רעפאָרמער האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער אַלטער קהילה און געגרינדעט אַ באַזונדערע קהילה, האָט צו יענער צייט אַרויסגערופן גרויס אומצופרידנקייט, ניט נאָר צווישן

*) חוץ דעם האָט אויף דאָס אָפּשפּאַלטן זיך פון די „נעאָלאָגען" גע־ווירקט דער פאַקט, וואָס דער רב פון דער „הויכדייטשער" קהילה און דער חכם פון די ספרדים האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל די יידן־מיטגלידער פון „פעליקס ליבערטאַטע" בכלל אויסשליסן פון די קהילות.



פּאָרטרעט פון דעם אַמסטערדאַמער גר״רב יצחק גרינבאָם

די אשכנזים, נאָר אויך די ספרדים, וואָס האָבן זיך בכלל געהאַלטן אין רעזערוו בעת דער רעוואָלוציע, האָבן געהאַלטן די דאָזיקע שפּאַל־טונג ממש פאַר א פאַראַט.

זיי האָבן געקוקט אויף דעם קלוב „פעליקס ליבערטאַטע" און אויף דעם „עדת ישרון", ווי אויף אינסטיטוציעס, וואָס ווילן „פאַר־שמעלצן יידן מיט קריסטן".

דער האַגער רב איז אפילו אַרויס מיט אַ טראַקטאַט, אין וועלכן ער האָט שאַרף קריטיקירט די רעפאָרמען פון דעם גר־רב גרינבוים. און געהאַלטן, אַז עס איז גרויס אַפּיקורסות צו נעמען אַ גר פאַר אַ רב.

ווען דער רב פון „עדת ישרון" איז געשטאָרבן (דעם 10טן מארט, 1807) האָט מען אַ געוויסע צייט געצאָלט דער אַלמנה אַ געהאַלט. קיין נייעם רב האָט מען דערווייל ניט אָנגעשטעלט, ווייל אין האָלאַנד זענען אינצווישן פאָרגעקומען גרויסע פּאָליטישע ענדע־רונגען, וואָס האָבן דאָס לאַנד נאָך שטאַרקער צוגעבונדן צום פראַנ־צויזישן רייטוואָגן. די באַטאַווישע רעפּובליק איז ליקווידירט גע־וואָרן און אַ קעניגרייך איז פּראָקלאַמירט געוואָרן מיט לודוויק נאַ־פּאָלעאָן, אַלס קעניג (אָנפאַנג 1806). דער רעזולטאַט פון דער ניי־ער קעניגלעכער יידן־פּאָליטיק איז געווען די דורכגעפירטע פאַראיי־ניקונג פון „עדת ישרון" מיט דער אשכנזישער קהילה (די ספרדישע קהילה איז געבליבן זעלבסשטענדיק).

אַ יידישער מיטצייטלער פון אַמסטערדאַם שרייבט אין זיינע מעמואַרן, אַז בעת מען איז זיך צונויפגעקומען צו פאַרהאַנדלען די פראַגע פון פאַראייניקן אַלע קהילות האָבן די פאַרטרעטער פון דער נייער קהילה געפאָדערט, אַז אַלץ זאָל געפירט ווערן אויף האָלענדיש. די אָרטאָדאָקסן האָבן אויף דעם ניט געוואָלט צושטימען. עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע, אַז אין דער סינאַ־גאָגע פון דער נייער קהילה זאָל אַלץ זיין אויף האָלענדיש, דאַקעגן אין די שולן פון דער אַמאָליקער אַלטער קהילה אויף „אונזר לשון יהודית", ווי עס שטייט אין אָריגינאַל („לעטערבאָדע" 88, VI, כראָניק פון בענדיט בן אייזיק פון דער תקופה 1795-1812; כתב־יד אין ראָזענטאַליאַנאַ, אַמסטערדאַם).

די דאָזיקע פאַראייניקונג איז געווען אין סך־הכל אַ זיג פאַר די מעסיקע רעפאָרמער, וואָס זענען ווייטער ניט געגאַנגען ווי אויסער־לעכע האָלענדיזאַציע פון דער ליטורגיע, און האָט דעריבער ניט באַ־

דאַרפט אַרויסרופן יענע העפטיקע אַטאַקעס, ווי מיר לייענען שפּעטער אין דעם „דיסקוהרש" פון דער אַלטער קהילה.

דאָס זענען די היסטאָרישע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען, אַז די נייע קהילה זאָל צוטרעטן אַרויסצוגעבן אַ פּעריאָדישע שריפט א. נ. דיסקוהרש און אַז די אַלטע זאָל זיין געצוואונגען זיך צו פּאַרטיי־דיקן און ממילא אויך אַרויסגעבן אַן ענלעכע שריפט. דאָס וואָס זיי האָבן די דאָזיקע שריפטן געדרוקט אויף יידיש איז ענג פאַרבונדן מיט דער גאַנצער קולטור־היסטאָרישער אַטמאָספּערע פון אַמסטערדאַם, מיט דער נאָך אַלץ טיף איינגעוואָרצלטער יידיש שפּראַכלעכער ספּערע אין האָלאַנד, וואָס איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דייטש־יידישע און פּויליש־ליטוויש־יידישע אימיגראַציעס פון 17 י. ה.

דער איינגאַרטיקער פּראָצעס פון שטאַטלעכער אַסימילאַציע פון די יידישע ישובים אין האָלאַנד האָט ניט סותר געווען דאָס אָנהאַלטן פון דער שפּראַכלעך־קולטורעלער איינגאַרטיקייט פון די דאָרטיקע יידן. די אויבערפלעכלעכע האָלענדיזאַציע פון דער יידישער שפּראַך האָט נאָך אַלץ ניט געקענט צונעמען פון דער שפּראַך גופא איר כאַ־ראַקטער און איר וויכטיקייט, ווי אַן אינסטרומענט מיט וועלכן מען האָט זיך געקענט און באַדאַרפט באַנוצן אין קאַמף פאַר אָדער קעגן עמאַנציפּאַציע. אמת, די פירנדע גרופּעס פון ביידע צדדים האָבן קיין פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך ניט געהאַט, אָבער די גאַנצע עפּאָכע האָט דעם דאָזיקן קולטור־באַוואוסטזיין ניט פאַרמאָגט, ווייל די השכלה־טענדענצן האָבן געשטערט דער אַנטוויק־לונג פון אַזאַ באַציאונג.

## די פּעריאָדישקייט פון די דיסקורסן

פעסטצושטעלן, ווי אָפט עס זענען דערשינען די "דיסקוהרשן", איז זייער אַ האַרבער ענין. די העפטן האָבן ניט קיין דאַטעס, אפילו דאָס יאָר פון דער פּובליקאַציע איז דערמאָנט נאָר איין איינציק מאָל. (נומער פערצן טראָגט די יאָר־דאַטע : תקנח — 1798).

אפילו אין טעקסט גופא ווערן היסטאָרישע געשעענישן דער־ציילט ניט דאַטירטערהייט. די פאַקטן גופא וועלכע ווערן דערציילט וועלן אָבער אונדז באַהילפיק זיין ביים אויסשיילן געוויסע קאָנקרעטע קאַלענדאַר־דאַטן.

אין די שמועסן רופט מען אָן די פּאַמפלעטן : וואָכנבלאַט. אַזוי, למשל, רעדט זיך אין נומער 8 וועגן „וואכענטליכה ביכלכים", אין

נומער 14 ווערט דאָס בלאַט פון דער אַלטער קהילה אויך אָנגערופן „וואוכן בלאַט". (אַזוי טאַקע אויסגעלייגט!) דאָס זעלבע געפינען מיר אין נומער 23. דאָרטן ווערט באַנוצט דער טערמין „מיינע וואכענ־שריפט".

אויך אין די דיאַלאָגן באַרופט מען זיך אויף די נומערן פון די פריערדיקע אויסגאַבן, וואָס זענען דערשינען „די וואוך". אַזוי, למשל, לייענען מיר אין נומער 18 פון דעם דיסקורס פון דער א. ק., אַז די „אלטי קהילה שרייבר העבן זיך די וואוך זויא קאהן [קיין] תשובה (ניט) פאהרגשטעלט". אין נומער 21 פרעגט זיך איינער: „האָסטו עז [דאָס] ביכלכי נומר 21 די וואָך געלייענט" (ד. ה. נו־מער פון דער סעריע פון דער א. ק.).

אין זין פון אָריענטאַציע איז זייער וויכטיק דער אַנאָנס אָפּגע־דרוקט אין נומער 13 פון דעם דיסקורס פון דער נ. ק.

איידער דער דאָזיקער נומער איז דערשינען האָבן זיך שוין באַ־וויזן די ערשטע פינף העפטן פון דער אויסגאַבע פון דער א. ק., ווי אַ מין קאָנטער־אַטאַקע אויף די פּאַלעמישע אַרויסטרעטונגען פון דער נ. ק. די דאָזיקע העפטן האָבן אויך געהייסן „דיסקוהרש" אָבער מיט אַ צושריפט „פון דיא אַלטע קהילה", געווען געדרוקט אויף דעמזעלבן אופן, מיט דעמזעלבן שריפט און אויך אין דעמזעלבן פאָרמאַט. שפּע־טער האָט די א. ק. באַשלאָסן אַרויסגעבן דעם דיסקורס רעגלמעסיק. כדי אָפּצוציען דעם עולם פון לייענען די שריפט פון דער נ. ק. האָט זי קודם־כל געמאַכט אַ שטיקל פאַלסיפיקאַט. גראָד איז דערשינען דער צוועלפטער נומער פון דיסקורס פון דער נ. ק. די א. ק. האָט דערי־בער אָנגעהויבן נומערירן איר ערשטן פעריאָדישן נומער פון נומער דרייצן, כדי עס זאָל מאַכן אַן איינדרוק אַז די דאָזיקע אויסגאַבע איז אַריבער צו איר און זי זעצט פאָרט נאָר די נומעראַציע.

דערביי האָט זי פאַרעפנטלעכט אין דעם דאָזיקן פאַלסיפיצירטן דרייצנטן נומער אַזאַ „אַדוועטיסעמענט" [אַנאָנס].

„פון דעהר דער די שלעכטיקייט פון די רעגענטי [פּרנסים] פון דיא נייאי קהילה אין אַמסטערדאַם בקענט מאכין טוהט דוריך זיין אורדינערי וואוכנטיכה ביכלכים וועלכי אויז גיגעבין ווערין אצל המדפיסים אלמנה ויתמי פרופס דש די שענד ביכלכים דיא אויז גיגעבין ווערדין אצל ר' יוחנן לוי רופא בנימין ניכט פון דעם זעל־ביגר אטער [אויטאָר] גיקונסיפיהרט [צונויפגעשטעלט] זיינין גליך אללי בראווי מענשין זעהן אונד לעהזין קענין".

[אונטערגעשריבן] גלייך גילטיגר פריינט דעם בראווי מענשין.

דארויף האָט געענטפערט די „רעדאַקציע" פון דעם דיסקורס פון דער נ. ק. מיטן פאָלגענדן אַנאָנס (געדרוקט אין נומער 13).

אדוועורטיססעמענט.

„פון דעם דער דיא שלעכטיקייט פון דיא רעגענטן [פרנסים] פון דיא אלטי קהילה פון אמשטרדם אן דען עולם בקאנד געמאַכט דורך זיין וואָכענטליכה ביכלכים צעוועלכי אויז געגבן ווירדן אצל המדפיסים כהר"ר יוחנן לוי רופא ובנו בנימן דז עש שאנד בלעסיע [בלעטל] וועלכיש היינט אויז גענעבן איז ווארדן אונד אן דען עולם אן פרעזענטיהרט ווירט פר עש [דאָס] צו פערפאָלגט [המשך] פאַלש אינט אונד ניט דורך דעם אורדינאַירר שרייבר קונסעפיאירט [צונויפ־געשטעלט] אונ' דער ערשטער אטער [אויטאָר] פון דיא עכטה קונטנו־איהרן ווירט וואכענטליך זיינה אויז צוגעבן בבית המדפיסים הנ"ל אונ ניט פר יום ד' הבע" ו"

אמשטרדם, י"ט טבת תקנח לפ"ט.

פאַר אונדזער ענין איז קודם־כל וויכטיק די דאַטע פון דער מעל־דונג, די איינציקע דאַטע, אגב, אין דער סעריע. י"ט טבת תקנ"ח איז געווען מאָנטיק דעם 18טן דעצעמבער 1797. אויב דער דיסקורס איז געווען אַ וואָכנבלאַט קומט אויס, אַז דער דיסקורס פון דער נ. ק. האָט אָנגעהויבן דערשיינען ארום דעם 15טן סעפּטעמבער, 1797.

אין לעצטן נומער (24) פון דעם דיסקורס ווערט דערמאָנט דאָס אַראָפּזעצן פון די אַלטע פרנסים פון דער א. ק. מצד דער רעגירונג און די נאָמינאַציעס פון נייע. דאָס האָט פּאַסירט דעם 16טן מארט 1798.

אזוי ארום קענען מיר מער אָדער ווייניקער פעסטשטעלן, אַז די 24 העפטן פון דעם דיסקורס פון דער נ. ק. זענען דערשינען אין אַ שפּאַנצייט פון אַן ערך 15 סעפּטעמבער 1797 ביז סוף מארט 1798.

אין זעקס חדשים צייט זענען דערשינען 24 נומערן. דאָס וואָלט אויסגעמאַכט כמעט איין מאָל אַ וואָך.

אָבער געוויסע רמזים אין טעקסט גופא פירן אונדז צו גאָר אנדערע אויספירונגען.

אין צווייטן נומער, למשל, רעדט זיך וועגן דעם אַז מען גייט ערשט אויסקלייבן אין פּאַרלאַמענט די צוויי יידן, מיטגלידער פון „פעליקס ליבערטאַטע" ברומעט און ד"ר לעמאַן. אזוי ווי זיי זענען

אויסגעקליבן געוואָרן דעם ערשטן אויגוסט, 1797, קומט אויס, אַז דער נומער צוויי פון דיסקורס איז דערשינען פאַר אויגוסט.

באַלד אָבער אין נומער דריי ווערט געמאָלדן, אַז עס איז אָנגעקו־מען אַ „ציטונג" [ידיעה] אַז זיי זענען שוין ווירקליך רעפּרעזענ־טאַנטן און זיי זענען „אל לחיים ולשלום נאָך דען האג פּרצאַגן".

ברומעט האָט „פּאַרצאָגן" קיין האַג איצט סוף אויגוסט, ווייל דעם 27טן אויגוסט איז ער נאָך געווען אין אַמסטערדאַם און גע־האַלטן אַ געזעגנונג־רעדע אין דעם טעמפּל פון „עדת ישרון".

קומט אויס, אַז צווישן נומער 2 און 3 איז די הפסקה געווען מער ווי אַ וואָך.

אַ צווייטן אָנשפּאַר האָבן מיר אין אַ רמז פון נומער 10. דאָרטן ווערט געזאָגט, אַז די נייע קהילה „עדת ישרון" איז שוין אַלט ניין חדשים. אויב מיר זאָלן נעמען די דאָזיקע ציפער ניט פיגוראַטיוו, נאָר קאָנקרעט, וואָלט עס געמיינט, אַז דער דאָזיקער נומער איז דער־שינען אין פעברואַר 1798, ווייל די נ. ק. איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן אין יוני 1797. לויט דעם חשבון וואָלט אויסגעקומען, אַז אויב דער דיסקורס איז געווען אַ וואָכנבלאַט, דאַן וואָלט זיין אויפ־קום־דאַטע געווען ניט סעפּטעמבער, נאָר אַן ערך נאָוועמבער, 1797, וואָס איז ווייטער אויסגעשלאָסן צוליב די היסטאָריש פעסטגעשטעל־טע פאַקטן דערציילט אין נומער 2 און 3.

איין זאַך איז זיכער: צווישן פעברואַר און סוף מאַרט 1798 זע־נען דערשינען די נומערן 10—24. דאָס מאַכט אויס מער ווי איין העפט אַ וואָך, וואָס איז ניט אויסגעשלאָסן, ווייל די א. ק. האָט אויך אין משך פון אַ וואָך אַרויסגעגעבן צוויי העפטן. דאָס האָט געקענט אַרויסרופן אַ נויטווענדיקייט ביי די שרייבער פון דער נ. ק. אויך אַרויסגעבן צוויי העפטן כדי תיכף ענטפערן אויף די אַטאַקעס פון דעם קעגנער.

אַזוי לייענען מיר, למשל, אין נומער 14, ווי איינער פרעגט זיך: „זענען קאהן [קיין] נייאי ביכלכים ווידר אין עולם. די וואוך ערשטט צווייא: אהנר [איינער] מיט אהן פלשי טיטל אונד אהנר מיט אהן קוטשיע [קאַרעטע] ווידר".

דער ערשטער העפט פון די ביכלעך פון דער א. ק. איז דערשי־נען מיט דער פאַלשער נומעראַציע 13 (פון אונטן איז אָבער געשטאַ־נען נומער 1) ווען די נ. ק. האָט שוין געהאַט אַרויסגעגעבן 12 העפטן. אַז די א. ק. האָט טאַקע אַרויסגעגעבן עפּטער אירע פּאַמפלעטן, ווי איין מאָל אַ וואָך קען מען זען פון דער פאָלגענדער רשימה:

דער נומער 5 (פּיקטיווער נומער 17) פון דער א. ק. ווערט דער־מאָנט אין אַ פּאָלעמיק אין די נומערן 13 און 14 פון דער נ. ק.

נומער 7 פון דער א. ק. — ווערט דערמאָנט אין נומער 16 פון דער נ. ק. (זיך אויסגעגליכן אין פּעריאָדישקייט).

אין נום. 10 פון דער א. ק. — ווערן דערמאָנט די נומערן 19 און 20 פון דער נ. ק. אויף די פּאַראַדיסטישע תקנות קעגן דער א. ק., וואָס זענען געדרוקט אין די נומערן 21 און 22 — ענטפערט תיכּף די א. ק. אויך מיט פּאַראַדיסטישע תקנות אין נומער 10 פּיק־טיווער נומער 15).

פון דעם איז צו דרינגען, אַז דער דיסקורס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין וועכנטלעך איצט פון דעם מאָמענט, ווען די א. ק. האָט געדרוקט איר דיסקורס. פריער אָבער איז ער דערשינען ניט רעגל־מעסיק.

## דער אינהאַלט פון די דיסקורסען

1

איידער די נייע קהילה איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אירע פּעריאָדישע ביכלעך, א. נ. „דיסקוהרש" זענען דערשינען פיר בראָשורן מיט אַ נומערירטער פּאָרטזעצונג א. נ.

פריינדליכה אונטר רעדונג צווישן צווייא גוטה פריינד וועגנש דיא טעגענווארטיגה [קעגנווארטיקע] אומשטאנדיגהייטן זעהר נוציג אונ' נויטוועגדיג פר איין יעדר צו וויסן.

יעדע פון די בראָשורן האָט געהאַט 2 פּאַגינירטע בלעטלעך. די דאָזיקע בלעטלעך זענען דערשינען אין מאַרט, 1795, ווייל זיי ווערן דערמאָנט אין די נאָטיצן פון דעם אַמסטערדאַמער כראָניקער בענדיט בן אייזיק בינג.

אין דעם געשפּרעך נעמען אָנטייל צוויי יידן: אורי און הירש. אורי איז אַ „נעאָלאָג", אַן אָנהענגער פון קלוב „פעליקס ליבערטאַ־טע" און בכלל פון דער רעוואָלוציע.

הירש איז אַ פרומער פּראָלעטאַריער, אַ מצה בעקער, וועמנס חיונה איז אָפּהענגיק פון די פּרנסים פון דער אַלטער קהילה. דערפאַר האַלט ער מיט זיי.

אורי באַמיט זיך אים צו דערקלערן די באַדייטונג פון דער רע־וואָלוציע. הירש קען קיין „גלחת ניט לייאנען" און דעריבער קען ער ניט וויסן „וואש אין עולם אומגיהט".

אורי איז פאַר אים די „צייטונג"; ער קלערט אים אויף, וואָס טוט זיך אַרום. ער דערקלערט הירשן, אַז איצט וועלן יידן קענען פריי שטודירן און אויף די פראַגע, וואו וועלן זיי נעמען געלט, ער־

קלערט אורי, אַז אַלץ וועט זיין אומזיסט „זוא וויא עש אין פראַנק־רייך איין גריכט איזט".

הירש האָט אָבער שטאַרק מורא, אַז די נייע אָרדענונג וועט זיין שעדלעך פאַר די יידן, ווייל „מן ח"ו (חס ושלום) קיין גוטר יהודי דא בייא בלייבן קאָן".

אורי באַרוהיקט אים און באַרופט זיך דערביי אויפן טעקסט פון דער דעקלאַראַציע פון רעכט פון מענטש און בירגער, וואָס דער קלוב „פעליקס ליבערטאַטע" האָט גראָד אַרויסגעגעבן אין „יודשטייטש".

בנוגע דעם צוואַנגס מיליטער־דינסט פאַרזיכערט אורי דעם מצה בעקער, אַז מען וועט ניט דאַרפן שבת האַלטן די וואָך, ווייל מען וועט קענען צושטעלן אַן . . . ערל.

אורי לויבט זייער שטאַרק די „בראַווי יהודים" פון „פעליקס ליבערטאַטע", וואָס זייער אויפגאַבע איז אַכטונג צו געבן, אַז די יידן זאָל „קיין גוואַלט גשיכט".

הירש שטעלט אַרויס אַן אַרגומענט, אַז די נייע געזעלשאַפט וויל צונעמען די הכנסה פון דער קהילה און עס איז אַ געפאַר, אַז די קהילה וועט ניט האָבן מיט וואָס צו שטיצן די אָרימע לייט.

אורי לייקנט עס אָפּ און דערקלערט אים, אַז איצט קומט די הער־שאַפט פון פאָלק דורך די אמתע רעפּרעזענטאַנטן (אַ רמז אַז די פּרנסים זענען ניט קיין אמתע רעפּרעזענטאַנטן).

דערביי ערקלערט ער אים, אַז פון איצט אָן וועט יעדער מענטש האָבן דאָס רעכט צו שטימען „פּרשוינליך אודר דורך דען יענגה דער זיין פרשווין פאָרשטעלט און דען ער זעלבשט האָט געהאָלפן ערוועה־לען".

הירשן שרעקט עס אָפּ און ער קומט צום שלום, אַז „די רעוואָלו־ציע ממש איין גוואַלד פּר יהודים זיין ווערט".

אין דעם צווייטן נומער פון דער „אונטר רעדונג" ווערט דער דאָזיקער שמועס פאָרטגעזעצט.

אורי ערקלערט אים, וואָס מיינט אַריסטאָקראַטן?

דאָס זיינען מענשן —זאָגט ער — „דיא נור פר זיך זאָרגן אונ' גערנה אללי בהערשונג אונ' פרטייל פר זיך אליינד ווארלן בהאלטן, דיא ניט ליידן קענען דש איין גמיינר מן עבן דש רעכט האבן זאָל וויא זיא אויך איין מאָהל צו עטוואש קומן קאן".

הירש שטימט איין, אַז די רייכע מענטשן באַהאַנדלען זייער שלעכט די אָרימע לייט, אַזוי ווי זיי וואָלטן ניט געהאַט קיין שום געפילן.

אין דער זעלבער צייט אָבער דריקט ער אויס זיין מורא, אַז די פרייהייט וועט אַ סך צושטערן, ווי, למשל, מען וועט אויפהערן צו גלויבן אין גאָט.

אורי קלערט אים אויף, אַז דאָס איז אוממעגלעך, ווייל די רעגי־רונג קען ניט . . . ניט גלויבן אין גאָט און ממילא קענען דאָס אויך ניט די בירגער. ער דערקלערט אים, אַז כאָטש די „נוצרים" זיינען אין דער מערהייט, דאָך וועלן זיי ניט צווינגען די יידן זאָלן גלויבן פונקט אַזוי ווי זיי, ווי דאָס איז געווען אין שפּאַניע און אין אַנדערע לענדער.

„מען קען — זאָגט ער — אַ אידן ניט צווינגען ער זאָל זיין אַ גוטער איד. . . מען קאָן קיין גוטער יהודי צווינגן אויך טריפות צו עסן".

אין דריטן נומער ווערט דעבאַטירט די פראַגע, פאַרוואָס האָבן די פרנסים ניט דערלויבט פאַרצולייענען אין דער שול די דעקלאַראַ־ציע פון רעכט פון מענטש און בירגער.

הירש איז זיך מודה, אַז ער אַליין האָט אונטערגעשריבן די פּעטיציע פון קהל קעגן דער דאָזיקער דעקלאַראַציע.

אורי האַלט, אַז דער גאַנצער ענין איז אין איצטיקן מאָמענט ניט אַזוי וויכטיק, ווייל די פראַגע פון צולאָזן די יידן צו די וואַלן איז אַ סך אַ וויכטיקערע.

„מיר מוזן אָבער גאָר קיין צייט פרזוימן — זאָגט ער — ווייל אין זעהר קורצה צייט דיא אויף רופונג פון דש פאָלק ווערט געשעהן אום איהרע רעפּערעזענטאַנטן צו פר קיהזן" [אויסוויילן].

אין לעצטן (פערטן) נומער פון דער „אונטר רעדונג" לייענט אורי די רעכט פון מענטשן, וועלכע דער קלוב „פעליקס ליבערטאַטע" האָט אַרויסגעגעבן אין אַ יידישער איבערזעצונג אין פעברואַר, 1795. דערביי ערקלערט ער הירשן, ווי דאָס איז וויכטיק פאַר די יידן, ווייל מען האָט זיי לאַנג גערודפט און דערפאַר הערשט ביי יידן אַזאַ אָרימ־קייט און עלענד „צווישן אונש מעהר וויא אונטר אנדרה נאַטציעס".

דערביי ווערט דער טיטול פון יידישן טעקסט אַזוי אָנגעגעבן:

„פּובליקאַציאַ וועלכה אונטר פויקן אונ' טרומפּעטן גשאל איז גיפּובליציהרט פון דיא פּראַוויזאַנעלה רעפּרעזענטאַנטן פון דש פאָלק פון האָללאַנד דען 31 יאַנואַרי 1795".

משמעות אַז די דאָזיקע פיר בראָשורן האָבן געהאַט אַ פּראַקטישן ווערט פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט פון דעם קלוב „פעליקס

ליבערטאַטע", ווייל צוויי יאָר שפּעטער איז פון דיזעלבע קרייזן ארויס דער „דיסקוהרש".

די צייט איז געווען רייף פאַר אַזאַ מין פּובליקאַציע. דאָס איז געווען ערב די וואַלן אין פּאַרלאַמענט, ווען עס זענען צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון האָלאַנד אויסגעקליבן געוואָרן צוויי יידן ווי דעפּוטאַטן.

אין די דיסקורסען, ווי מיר וועלן זען, זענען שוין די טעמעס רייכער ווי אין די פיר „אונטער רעדונגען", ווייל דער קאַמף צווישן דער אָרטאָדאָקסיע און דער אינצווישן געגרידעטער נייער קהילה האָט זיך שטאַרק פאַרשאַרפט.

---

דער ערשטער „דיסקוהרש" פון דער נ. ק. הויבט זיך אָן מיט אַ דיאַלאָג צווישן צוויי „יהודים": אנשיל, אַן אָנהענגער פון דער נ. ק. און גומפּיל, אַ קעגנער. דער געשפּרעך קומט פאָר אויף אַ שיף, וואָס גייט פון אוטרעכט קיין אַמסטערדאַם.

אנשיל ערקלערט מיט פרייד, „אַז איצט זיינען אַלע גלייך: דער קצין פּונקט ווי דער „געמיינער מאַן". גומפּיל שטימט ניט איין, ווייל אָט, זאָגט ער, האָט מען לעצטן שבת, ניט ארויסגערופן יוסף דעם שוסטער צו דער תורה. דער דאָזיקער ארגומענט ווערט אָפּגעשלאָגן פון אנשילן מיט דער אויפקלערונג, אַז הפטרות ווערן פאַרקויפט און דעריבער האָט דער שוסטער ניט געקענט זוכה זיין צו אַן עליה. דער־ביי באַשולדיקט ער גומפּלין, אַז ער איז אַ „שונא פון די נייאַי קהילה".

גומפּיל לייקנט עס, אָבער דריקט אויס זיין ספק, אויב די „נייע לייט" האָבן עפּעס בעסערס אויפגעטאָן. אנשיל פאַרזיכערט אים, אַז אינגיכן וועט אַלץ ביליקער ווערן און דאָס פאָלק וועט עס זיכער דער־פילן.

אין דעם דאָזיקן געשפּרעך מישט זיך אריין אַ דריטער, אַ „נייט־ראַלער" ייד, יעקב.

ער טענהט, אַז די אַלטע זענען שלעכט, אָבער וועגן די נייע קען ער נאָך גאָרניט זאָגן, ווייל „זיא העבן נאָך גאָהר קיין תקנות".

יעקב באַשטעטיקט אָבער (ער איז געווען אין פראַנקרייך) אַז דער „געמיינער מאַן" ווערט אויך ביי זיי אויסגעהערט.

אַ יידענע הענדלי מישט זיך אריין אין געשפּרעך און דערציילט, אַז זי איז געווען ביי אַ תקיף, וועלכער האָט געזאָגט, אַז אויב די „יהודים" וועלן גיין אין די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, וועלן זיי אויך

ווערן שררות, ווייל מיר קענען „אלליש קריגן אלש וויא דער ערל אהך" (אויך).

אנשיל באַמערקט, אַז מען דאַרף לייענען כדי צו וויסן „וואש אין עולם דר מעהר איז". מען האָט „דאגות פּרנסה בעו"ה" און מען ווייסט גאָרניט, ווייל מען פאַרלאָזט זיך צופיל אויף די פּרנסים. „מיר העבן פרלאָהרן — זאָגט ער — אונ' פּרנסים העבן געוואונן".

דער „נייטראַלער" יעקב לויבט די דעמאָקראַטישקייט פון דער נ. ק. ביי זיי אין שול זיצן די רייכע צוזאַמען מיט די אָרימע, בעת די אַלטע פּרנסים פירן זיך נאָך אַלץ אַריסטאָקראַטיש. זיי באַשטימען פּאָרויס ווער דאַרף קריגן חתן־תורה און בראשית.

„קומט אבר איין אביון נעביך — זאָגט ער — דר מוז אויף קהל שטוב פּובליהק [עפענטלעך] קומען אונ' מוז זיך זיין פּנים מבייש זיין פר אויבר אונ' אונטר שמשים".

דערביי גיט ער אַזאַ אויסטייטשונג פון דעמאָקראַטיע.

ווען „איינר אודר מעהר פאַרשטיהן עז ניט [דאָס געזעץ] צו קיין מן עז [עס] איהם ביז דש ער עז פרשטיהט אונ' יעדר האָט זיין פול־קומנה דעה אונ' דש האסט [הייסט] די פּאָלק שטעם [שטימע] . . . אבר ניט וויא בייא דיא אלטי קהילה, דש העבן פּרנסים אונ' אלטי פּרנסים געמאַכט. דש מושטו מאהר [מער] טאהן אונ' געבן אויב דוא ווילשט אודר ניט אונ' קומשטו אוף קהל שטוב אונ' ווילשט עפּיז טעגן ריהדן [קענען ריידן]. . . בענדיט אודר מאיר וואָרף עם ארויש".

אַלזאָ, די הויפּט־באַשולדיקונג קעגן דער אַלטער קהילה באַשטייט אין דעם, וואָס די פּרנסים זענען אַנטי־דעמאָקראַטיש.

דער „נייטראַלער" יעקב גיט אַ כאַראַקטעריסטיק פון די דאָזיקע פּרנסים, וואָס איז כדאי צו ציטירן:

די אַלטע פּרנסים זענען איין משפּחה.

„פיהר ברידער אלטי פּרנסים בייא אננדר. דרייא שוועגר עטי אונ' זיהן. זיבן קרובים דאָ טערפן [דאַרפן] וואול ניט בייא אננדר אין די באנק זיטצן, אבר זיא מאַכן אלט קהל אויש אונ' קומען אונ' העבן איהר דעה. נוא דש שלאהגט דר איינר אויף דער אנדרי וויא איין קלאג אונ' דש גיהט אלש איבר דעם גמיינר מן זיין קאָפּ אויש. ווער קען דויא בייא בלייבן? דער שכל האָט אונ' נוא דש גאָט לויב דיא גאנצי מדינה פרייא אונ' גלייך איזט".

אין צווייטן „דיסקוהרש" געהאַלטן אויך אויף אַ שיף „פון דר

גויא נאָך אמשטרדם" ווערן די פּאָליטישע באַגריפן, וואָס זענען דאַ־מאָלסט אַרויסגעשוואומען, נאָך אויספּירלעכער אויסגעטייטשט.

דאָס וואָרט קאָנסטיטוציע ווערט דאָרטן אַזוי אויפגעקלערט:

„דש איז זוי פיהל, אז וויא עז תקנות בוהך פר דיא גאנצי מדינה. דויא האָט דיא רעגיהרונג גפראהגט אן אללי דיא אין וואונרש [איינוואוינער] פון דיא מדינה, אויב זיא דויא מיט [דאַ־מיט] צו פרידן זעננען יוא אודר נא [ניין]".

די שרייבער דערקלערן, אַז דאָס אויסקלייבן פון דעפּוטאַטן־יידן אין פּאַרלאַמענט איז וויכטיקער איידער אויסקלייבן פּרנסים אין אַ קהילה. זיי מאָטיווירן דאָס מיט דער אומוויסנהייט פון די פּרנסים. זיי קענען ניט לייענען און ניט שרייבן. די וואָס קענען אביסל, האָבן אין זייער לעבן ניט געלייענט קיין בוך אָדער אַ „קוראנט" (צייטונג).

די נייע קהילה האָט אין זינען דאָס פּאָלק. זי דרוקט פאַר־שיידענע ביכלעך פאַר זיי, וואָס ווערן שטאַרק רעקלאַמירט פון דעם מיטשמועסער, דעם פאַרטרעטער פון דער נ. ק. דערביי לאָזט ער וויסן, אַז מען קען קומען יעדן טאָג אין דער דרוקעריי פון ר' יוחנן דאָקטאָר, צווישן צוועלף און איינס און לייענען די דאָזיקע ביכלעך. אגב זאָגן זיי, קען מען דאָרטן געפינען אויך די „ארמי לייט אויש דיא אלטי קהילה". זיי באַקומען בחינם די שריפטן.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, ווי די „יידישע פּאַטריאָטן" באַ־קעמפן די אַלטע פּרנסים אין נאָמען פון די אָרימע לייט.

די אָנהענגער פון דער אַלטער קהילה טענהן, אַז יידן זענען סיי־ווי־סיי אין גלות און דערפאַר איז ניט כדאי דער גאַנצער קאַמף. דערויף ענטפערט דער שרייבער פון „דיסקוהרש":

„מיהר דלפנים העבן גלות. וועו זיא העטטן גוועלט וועהרן אל דיא יהודים שוין אויז עז (דעם) גלות פון הונגערליידן".

אָבער אַרויסנעמען די אָרימע לייט פון גלות, פון הונגער קענען די פּרנסים ניט, ווייל דאָס וואָלט געווען דער סוף פון זייער „איבר־הערשונג" און דערפאַר „מוזן זייא אונז דרונטר האלטן".

דער דאָזיקער מאָטיוו פון „אַנטי־פּראָלעטאַרישקייט" פון דער אַלטער קהילה און פון „דעמאָקראַטישקייט" פון די אָנהענגער פון דער פראַנצויזישער אָריענטאַציע גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדים דורך דער גאַנצער פּובליציסטיק פון דעם דיסקורס.

די פּרנסים זענען ניט נאָר קעגן פרייהייט, ווייל זיי האָבן מורא, אַז מען זאָל ניט ווערן „אויש יהודי", נאָר זיי זענען קעגן וויסן בכלל. אויף דער טענה צו אַ פּרנס, הלמאי לייענט ער גאָרניט, האָט

יענער געענטפערט אז: „מיר ברויכן ניט צו לייאנען; מיר לייאן 3 מאָהל אהן וואָך אין שוהל די תורה".

די דאָזיקע „אומוויסנהייט" ווילן די פּרנסים ארויפצווינגען אויף דעם „געמיינעם מאן", אַזוי טענהן די פּירער פון דער „נייער קהילה". זיי האלטן דאָס פאָלק אין שפלות און ערקלערן אים אפילו ניט די געשיכטע פון יידן אין האָלאנד.

דער דריטער דיסקורס ווערט געווידמעט טאקע דער פראגע פון אויפקלערן די יידן זייער עבר אין האָלאנד.

מען פרעגט א יידענע, ווי לאנג וואוינט זי אין האָלאנד?

דערויף ענטפערט זי, אז זי ווייסט ניט:

„איך בין 44 יאָהר אַלט — זאָגט זי — זוויא לנג בין איך היא. אונ' האָב דז מיין לעהבן ניט גפראהגט, אונ' איז מיר... דען אמת צו זאָגן ניט אויף גלעהגן צו פראהגן".

איינער פון די מיטשמועסער פון דעם דיסקורס באַקלאָגט זיך, אז עס איז פשוט ניטאָ וואָס צו לייענען פאַר „איין יהודי, אום עפּיז (עפּעס) צו וויססען חלילה".

ביידע ווערן אויפגעקלערט וועגן דעם, אז יידן וואוינען שוין קנאפּע 160 יאָר אין האָלאנד און אז זיי זענען געקומען פון דייטש־לאַנד און פון פוילן, דערפאַר, ווייל דאָרטן זענען געווען „גזירות שמד אונ' אנדרי גזירות רעות".

ניט אַלע יידן — דערציילט מען זיי ווייטער — זיינען געבליבן דלפנים אין האָלאנד, אָבער אין שפלות האָבן זיי געלעבט און זיך אפילו צו דעם צוגעוואוינט.

ערשט דער אקט פון 2טן סעפּטעמבער, 1796, האָט זיי געגעבן די אַלע רעכט; אָבער די אַלטע קהילה־לייט ווילן דערפון ניט וויסן. מען מוז דערפאַר זען, אַז זיי זאָלן זיין געצוואונגען צו דערזען דעם אמת, אז די צייט פון יחידים איז שוין פאַרביי — איצט האָט דאָס פאָלק דאָס וואָרט!

דעריבער דאַרפן די תקנות פון דער אַלטער קהילה צוגעפּאַסט ווערן צו דער נייער צייט („דיסקורס", נומער 4).

די אַלטע תקנות ווערן אָנערקענט פאַר „אריסטאָקראַטישע".

„רבותי! דיא סאנקציע איז אוועק — ווערט דאָרטן געזאָגט — דיא תקנות זענן פר פּאַלן. דער ניט וויל, ברויכט קאהן [קיין] פּלעטטן (בילעטן) צו בצאָהלן. פלאהש (פלייש) ברויכט מן אין אייער האָל ניט צו הוילן. איהר לייט קענט קאהנס ניקש דרום טאהנה (!) [טענה]. פרענדרט אייער תקנות. מאכט נייאי קונ־

טראַקטן מיט דען עולם. מיר ווילן אייך העלפן, אודר דויא קומט אהן פירצה אין דיא „קהילה".

אין דעם דאָזיקן „אולטימאַטום" איז אויסגעדריקט דער פּראָג־ראַם פון די פאַרטרעטער פון דער נייער קהילה „עדת ישרון".

די טענות פון קאָנטראָלירן דעם פלייש־מסחר (א מין קאָראָבקע) וואָס איז געווען זייער ניט קיין גינסטיקער פאַר די אָרימערע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַמסטערדאַם — חזרן זיך אי־בער זייער אָפט אין די רעדעס און שריפטן פון דער „נייער קהילה".

אין דעמזעלבן נומער מאַכט מען א פּאָרוואורף די רייכע, אַז זיי עסן פלייש וויפיל זיי ווילן אָבער „דר ארמר מן ליגט זיא גאהר ניט אוף". נאָר יום־טוב קען זיך אַן אָרימאַן פאַרגינען קויפן א שטיקל פלייש.

דאָסזעלבע איז מיט באַהייצונג.

„אללי גאטש הייזר — לייענען מיר — זענן יאהרליך פר זיהן פון טאָרף אויף איהר צייט. די ארמי יהודים נעביך אללי ווינטר קראַפיהרן".

די דיינים זענען זייער פּאַרטייאיש צו די אָרימע לייט. עס איז ביי זיי א געוויינלעכע זאַך, ווען „אהן ארמי פראה (פרוי) אודר מן זונדר שוא [אָן שיך] אודר דעקונג [קליידער] שטיהט פון מאָרגן ביז אויבנט אין קעלט, רעגן, שניא (שניי) און' ווערט דאָך דיא טאהג ניט געהאָלפן".

די גאַנצע באַציהונג פון קהל צום אָרימאַן איז א שענדלעכע.

דער הקדש איז „מלאך המות ען קאָמפּאַניע".

אַן אָרימאַן, ווען ער איז קראַנק מוז „קראַפיהרן".

„וואהנט אהן עני נעביך. אז ער חלילה קראַנק ווערט מוזן עם ערשט גאט דר נאָך פּאַרטקוליהרע [איינצלנע] מענשן העלפן, אודר ער מוז קראַפּיהרן„.

די דאָקטוירים באַהאַנדלען שלעכט די אָרימע לייט. עס איז בכלל שווער צו צוקומען צו א דאָקטאָר. מען קריגט מערסטנטייל א „ביקור חולים צעטל" צום „ברבירה" [פעלטשער], וועלכער היילט די אביונים.

אפילו די רבנים האַלטן מיט די פרנסים און ניט מיטן געמיי־נעם מאַן און מען קען דעריבער אויף זיי זיך אויך ניט פאַרלאָזן.

קעגן דעם דאַרף מען קעמפן מיט רעפאָרמען. דער „געמיינער מאַן" דאַרף זיך לערנען. אנשיל ערקלערט (דיסקורס נ. 5), אַז עס איז דעם „יהודי" בכלל ניט פאַרבאָטן צו וויסן.

„אדרבא, וויא מעהר דש אהנר שטודיהרן, וויל זויא בעסיר דש עז איזט".

אזוי דאַרף אַ ייד וויסן ווי וויכטיק עס איז דאָס מיליטער־דינסט.

אין הסכם מיט דער דעבאַטע, וואָס איז אָנגעגאַנגען מכח דער פראַגע: זאָלן די יידן גיין אין דער אַרמיי און אויב דאָס איז ניט אין קעגנזאַץ צו דער יידישער רעליגיע קלערט אויף דער נייער, „דיסקוהרש" (נומער 5) אזוי:

„אן שבת זאָל מן ניט עקסערצעהרן בחנם איז רעכט. מר [נאָר] מיטטל אין דיא וואוך וואו שטיהט עז פר באַטטן... פר אַלטי צייטן זענן יודשי בעלי מלחמות גוועזן. נוא פר שטיא ערשטליק מוז מן אַללי יאָהר זויא פיהל געלט דר פאהר בצאהלן. צוווייטנס ביזטו אָהן [איין] בורגר אונ' ווילשט דיין חריות האָבן אום דיין שטאַט העלפן ווען זיא אין אַ נויט איז. אונ' האך [אויך] ווען בייא דיין מיטבורגר אָהן בראַנד אודר אָהן טומולט איז מוזטו בייא עס זויא גוהט אסיסטיהרן, וויא ער בייא דיר טאהט".

צווישן די רעפאָרמען, וואָס עס ווערן ווייטער דערמאָנט אין דעם דיסקורס, זענען אייניקע פאַרבונדן מיטן . . . טויט („איין קיסטע" צו באַגראָבן ד. ה. אין אַן אָרון, דער אידעאַל פון די „משכילים").

וועגן לעבעדיקע זאַכן איז כדאַי צו דערמאָנען די פאָדערונג אָפּצושאַפן „בזונדרי קלאַססן" אין די שולן ביים דאַוונען. דאָס אָפּ־טיילן זיך פון פאָלק האָט גאָרניט וואָס צו טאָן מיט לומדות, טענה'ן די שרייבער — נאָר מיטן סאָציאַלן מעמד, ווייל צווישן די פרנסים גופא זענען פאַראַן זייער אַ סך „גזונדה, דיקקע עם הארצים" (דיסקורס נומער 7). זיי זענען ניט נאָר עם הארצים פון יידישן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך שטום זענען זיי, בעת מען דאַרף ריידן צו די „קריסטענען". אַלץ וואָס זיי דאַרפן שרייבן אויף „גלחות" מוז עס געטאָן ווערן פון אַ נאָטאַריוס, ווייל די פרנסים זענען „בהמות' „קאַנאַליעס", וואָס גיבן אויס דאָס געלד פון דער קהלשער קאַסע („קהלש קישט") אויף פאַרשיידענע אינטרי־גואַציעס קעגן די „נייע לייט". אויף דעם גייט אַוועק דאָס געלט פון די אָרימע לייט — שרייבן די פאַרפאַסער פון דיסקורס (נומער 5).

אַ וויכטיקן פּונקט באַרירט דער דיסקורס נומער 8. דאָס איז די פראַגע פון דעם יידנאָפּצאָל.

דער דאָזיקער טעקסט האָט אַ קולטור־היסטאָרישן ווערט און דערפאַר ציטירן מיר אים אינגאַנצן:

„וויא דיא ראהמשי רעלישיע [רעליגיע] אודר דיא גייסטליכה זויא שטאַרק אוף איהר אמונה געשטעלט וואהרן, האבן יהודים אין איהר לענדער גאהר פיל גזירות גהאַט אונ׳ עז חיות ניט זיכר גוועזט. העבן דיא מלכים, קייזרש אונ׳ קוהרפערשטן פראַקטיזיהרט דער יהודי זאָל בייא איהדרע [יעדערע] שטאַטציאָהן געלט געבן. דז האָט גהאסן [געהייסן] יודן צאָל: זויא פיהל וויא פדיון נפש, אונד דז איז נאָך עד היום הזה. ווען אהן [איין] פאשט וואהגן אודר שיף קומט מיט האלב יהודים אונ׳ האלב קריסטענען, למשל, מוזן דיא יהודים בצאָהלן אונ׳ דיא אנדרי ניט. נוא ערשטליך האָט אהן יהודי אוף אהן ראזי [רייזע] פון 8 טאָג, למשל, 20 גילדן מעהר ניטיג פר מכס, וויא דער ערל. וצווייטנס, איז דז אהן גרויש שפלות. מן פראהגט יודן אוף דער וואהגן גיב הער צאָל. ווארום? ער אהן מענש, איך אהן מענש, ער ניט, איך יוא. עכ״פ דיא מנהיגים פון דיא נייאי קהילה העבן אהן רעקוועשט [אַ בקשה] אין גליוורט [אַריינגעשיקט] בייא דיא קונוועתציע אין דען האַג. אונ׳ פר זוהכט ווײלן היא אין דיא מדינה יהודי אונ׳ קריסטענן עגאלי [גלייכע] רעכטן העבן, דז דיא קאָנווענציע זאָל דורך אן מאניהר [אופן] אודר דיא אנדרי צו וועהגן ברינגן דז דיא יהודים פון דיא גאנצי באטאפשי רעפובליק ניט מעהר דיא שפלות זעללן ניטיג האָבן צו אונטר גיהן אונ׳ דז געלט ניט ניטיג האבן צו בצאָהלן. אודר ווען דיא רעגיהרונג אין טייטשלאַנד דז ניט ווערט וועללן צו שטיהן, דז דיא קאָנווענציע דען אורדאניהרן זאל, דז מן אללי אינוואנרש פון טייטשלאַנד זויא וואול אן קריסטען, אלז אן יהודים נעהמליך זויא בהאנדלן זאל אונ׳ זיא אהך עקסטרא מכס אב נעממן, מעהר אז וויא אן אנדרי. ווארום ניר הערן אהך [געהערן אויך] אונטר עז באַטאהפשי פאָלק אונ׳ אויב מן אן אהן [איין] גליד אודר אן עז גנצי ליכהאם חרפות אן טהאט. איז עגאהל. אונ׳ דז רעקוועשט איז גלייך גשטעלט גווארן אין הענדן פון דז קאָמיטע פון בויסן לאנדשי זאכן [קאָמיטעט פאַר אויסערלעכע ענינים] דיא דז דען פר ריכטן מוזן אום צו טאהנה, וויא דיא מענשן פר זוהכט העבן. ווארום עז איז רעכט".

„נוא דיא שכל העבן דיין פרנסים אהך [אויך]? — פרעגט זיך מיט שטאָלץ דער שרייבער.

## 2

דער שאַרפער און פּאַלעמישער טאָן פון דעם דיסקורס האָט משמעות אַרויסגערופן א טומל אין דער אַמסטערדאַמער געטאָ. די „גמיינה לייט" פלעגן אים באַקומען אומזיסט אין דער דרוקעריי פון ר' יוחנן רופא און געלייענט די שטעכיקע סאַטירעס אויף די פרנסים, ווען זיי האָבן אַזוי געהאַסט.

אָבער די פרנסים האָבן דערפילט, אַז זיי דאַרפן דורך פּאָלעמישע קאָנטראַטאַקעס אָפּשלאָגן די באַשולדיקונגען.

די קהילה לייט האָבן געהאַט זייערן א דרוקער. דאָס איז געווען שלמה פּרופּס. ביי אים טאַקע האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין דער דיס־קורס פון דער אַלטער קהילה. אויסערלעך און אויך שפּראַכלעך איז ער געווען אַן אימיטאַציע פון דעם אָריגינעלן דיסקורס.

א פריער האָט זיך באַוויזן א „דיסקוהרש וועגין דיא נייאי קהילה באמשטרדם". אָנשטאָט אויף א שיף, ווי דאָס איז געווען מיטן ערשטן דיסקורס פון דער נייער קהילה — קומט פאָר דער געשפּרעך אין א פּאָסט־הויז, וואו עס קומען אָן צוויי פּאָסט־וואָגנס, איינער פון פראַנקפורט אם מיין, און דער צווייטער — פון אמסטערדאַם. די פאָרמע פון דיאַלאָג איז אָפּגעהיט פונקט ווי אין דעם דיסקורס פון דער נייער קהילה. איין „יהודי" פרעגט זיך ביי א צווייטן, ווער זענען דאָס „די נייאי קהילה לייט? ער באַקומט א תשובה, אַז „דש זיין איין פרטייא גרווישי צוררים ושפילים, וועלכי מורדים זיין טעגין [קעגן] פרנסים ומנהיגים דקהלתינו יצ"ו אונ' האָבין זיך איין שוהל אליין געמאַכט" א. א. וו.

דערביי ערקלערן זיי, אַז די יידן פון דער נייער קהילה זענען „רוב דלפנים" און זיי גיבן אַרויס „רשעות ביהכלכי" [ביכלעך].

דער דאָזיקער דיסקורס וועגן דער נייער קהילה ווי אויך די ווייטערדיקע פיר האָבן געהאַט אויפן שער־בלאַט א בילד פון א לייב, וועלכער האַלט א וואָג אין מויל. אויף איין וואָגשאָל שטייען די אותיות: א"ק (אַלטע קהילה) און אויף דעם צווייטן — די אותיות נ"ק (נייע קהילה). דער וואָגשאָל מיט די אותיות נ"ק איז נידעריקער, ד. ה. אַז די אַלטע קהילה איז וואָגיקער.

אַרום די דאָזיקע ערשטע דיסקורסן פון דער אַלטער קהילה און דער אַלעגאָרישער אילוסטראַציע גייט אָן א פּאָלעמיק אין די אויסגאַבן פון דער נ. ק.

קודם־כל פאַרטיידיקן די שרייבער פון דער נייער קהילה זייערע

אויסשליסלעכע רעכט אַרויסצוגעבן אַ דיסקורס איינער באַמערקט, אַז דאָס דאָזיקע ביכעלע (ערשטער נומער פון דיסקורס פון דער א. ק.) איז פול מיט זלזולים און אויב עס וואָלט „טראַנסלאַטיהרט [איבערגעזעצט] ווערדן, דען ווירט ער אהן [איין] קרימינעהלי אקציע האבן".

דערביי פאַרגעסט ער ניט צו באַמערקן, אַז די ביכעלעך זענען „צו יוקר" (צו טייער). ד. ה., אַז דער עולם וועט זיי סיי־ווי־סיי ניט קויפן.

בנוגע דער סימבאָלישער וואָג ענטפערן די „נעאָלאָגען" זייערע קעגנער בזה הלשון: (דיסקורס נומער 12).

די וואָגשל פון דער אַלטער קהילה איז שווערער, ווייל זיי האָבן אַ סך גאָלד, אָבער די נייע קהילה וועגט מער דורך אירע קעפּ. די אַלטע קהילה האָט אַנאָנסירט, אַז זי וואָלט געוואָלט אַרויסגעבן אירע שריפטן אויף לשון קודש, אָבער די נייע קהילה־לייט וועלן זיי ניט פאַרשטיין. דערויף פרעגט זיי דער שרייבער פון דער נייער קהילה אויב זיי האָבן „צוויי ליטוואַקעס אָדער פרידריכספעלדס"[1]).

די שרייבער פון דער א. ק. האָבן ניט נאָר נאָכגעמאַכט דעם נוסח פון די דיאַלאָגן, ווי אויך דעם פאָרמאַט פון דעם אָריגינעלן דיסקורס, נאָר זיי האָבן אפילו מיסטיפיצירט די נומעראַציע פון די העפטן.

נאָך דעם ווי די א. ק. האָט אַרויסגעגעבן פינף דיסקורסן, האָט זי אָנגעהויבן מיטן נומער 13 — כדי עס זאָל אויסזען ווי אַן המשך פון נומער 12 פון דעם דיסקורס פון דער נייער קהילה, וואָס איז גראָד דאַן דערשינען.

אין דרייצנטן נומער פון דעם דיסקורס באַקלאָגט זיך איינער פון די מיטשמועסער אויף די „פאַלשי האנד" פון דער אַלטער קהילה. אפילו די נעמען פון די פּערסאָנאַזשען זענען געבליבן דיזעלבע. פון פאָרנט שטייט „דרייצענטי פר פאלג" און פון הינטן שטייט נומער איינס.

„דאָס איז — באַמערקט אנשיל — אום דען עולם צו בטריגן, ווייל די ביכלכים פון ליב וואהג[2]) קאהן אבצוג העבן".

---

[1]) ליטוואַק און פרידריכספעלד זענען געווען די העברעישע פּובליציסטן פון דעם קלוב „פעליקס ליבערטאַטע" און פון דער נייער קהילה.

[2]) דאָס מיינט פון דעם לייב מיטן וואָג, וועלכער פיגורירט אויף דעם שער־בלאַט פון דיסקורס פון דער אַלטער קהילה.

דאָס איז אַלץ געטאָן געוואָרן כדי צו שעדיקן דער נייער קהילה וואָס איז „בארבע ארצות בקענט איז".

די ריכטיקע אטאקע אויף די „נעאָלאָגן" האָט זיך איצט אָנגע־הויבן אין דעם פיקטיוון דרייצנטן נומער פון דיסקורס פון דער אַל־טער קהילה.

קודם־כל האָבן די שרייבער באשולדיקט די „נעאָלאָגן", אַז זייער שול איז ניט קיין בית־התפלה, נאָר אַ קירכע, וואָס איז געגליכן צו אַ טעאטער. צווייטנס האָט מען טענות צו זיי, אַז זיי ווילן איבעררייסן די חשובע טראַדיציע פון דער אַלטער קהילה, וואָס האָט שוין אונטער זיך 127 יאָר פון עקזיסטענץ און בכלל ווילן זיי די „גאַנצי רעלי־גיאהן מיט פיסן צוטרעטין".

חוץ דעם האָבן די אָרטאָדאָקסן איראָניזירט אויפן חשבון פון דעם רב פון „עדת ישרון", וועלכער איז געווען אַ גר.

די נעאָלאָגען — שרייבן די אָרטאָדאָקסן (דיסקורס נומער 14) ווילן זיך „מתחתן זיין מיט אינו נימולים. היתכן איז עס ניט נגד דת תורתינו הקדושה?"

די אָרטאָדאָקסן זענען קעגן דעם, אַז יידן זאָלן אָנטייל נעמען אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, ווייל דאָרטן וועלן זיצן „טייטשי יידן", ספרדים און „אינו נמולים" — איז וואָס גייט זיי אָן „אונזער קעריקליכע (גייסטלעכע) זאכין?"

באַזונדערס זענען די שרייבער פון דער אַלטער קהילה אויפגע־בראַכט אויף דעם, וואָס די נעאָלאָגען האָבן געוואָלט אין די שולן אויסהענגען פּלאַקאַטן כדי „איין קערקליכה רעוואָלוציע צו בעווירקן". דאָס איז געווען דער יידישער פּלאַקאַט מיט דער דעקלאַראַציע פון פרייהייט און מענטשן רעכט, וואָס די געזעלשאַפט „פעליקס ליבער־טאַטע" האָט אַרויסגעגעבן אין אַ יידישער איבערזעצונג.

די באַשולדיקונג פון אומפּאַטריאָטיזם וואַרפן די אָרטאָדאָקסן אָפּ. זיי זענען אויך פּאַטריאָטן און טייטשן אויס די פרייהייט פון רעליגיע אין דעם זין, אַז זיי מעגן זיין רעליגיעז, ווי זיי פאַרשטייען און ניט ענדערן די הויפּט־עיקרים פון דער אמונה, ווי די נעאָלאָגען ווילן דאָס דורכפירן, באַאיינפלוסט פון דער פראַנצויזישער און דייטשישער רעפאָרם־באַוועגונג.

אין דיסקורס נומער 14 איז אָפּגעדרוקט אַ „בריוו" פון אַן אָר־טאָדאָקס, וועלכער פרעגט זיך, וואָס טוען די נעאָלאָגן מיט זייערע תפילין? ווי לאַנג האָבן זייערע מענטשן ניט אָנגעקוקט זייערע תפילין? די דאָזיקע „גאָטלאָזע סערל" דאַרפן אָבער די תפילין ניט,

פונקט ווי זיי דאַרפֿן ניט האָבן קיין פרומען רב. און זייענדיק מרמז אויף דעם רב־גר פון „עדת ישרון", וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ חיבור א. נ. זרע יצחק, זאָגט דער אָרטאָדאָקס אַזוי:

„ער האטטע מחבר גיוועזן זרע יצחק. יא זרע יצחק האטטע זיך פיעללמאהל אויך מחבר גיוועזן. פיליכט אויך מיט קריסטענע, אבר דז איזט ניכטש עגאליטע (גלייכהייט)".

ער באַשולדיקט די „נייע מענשן", אַז זיי האָבן גאָרניט „ניט געטאָן לטובת היהודים". זיי זענען „מחלל שבת ויום־טוב" און דאָס אַלץ! וואָס איז שייך פּאַטריאָטיזם, איז דאָס ניט קיין מאָנאָפּאָל פון דער נייער קהילה.

„איך בין זוא גוט איין פּאַטריאָט — שרייבן די „אלטי לייט" (דיסקורס 14) וויא דוא. איך ווערריק זוא גוט מיט פר עש [דעם וואול זיינש פון עש פאטר לאַנד, ווי דוא. אונד בין אסור זויא קיין אַריסטוקראט אונד אייגין בילאנדר [אויגן בלענדער], אלז וויא איהר לייט זייט. טאָ ווילשטו מיין דעפּלאמא קוקין? דויא איז זיא! מר [נאָר] וואש צו דיא יודישקייט גיהערט, ברודער, דש דר בוי־טין!" [זיי מוחל!].

ווייטער לאַכן זיי אויס די האָלענדריזאַציע פון די נעאָלאָגען; דאָס בייטן פון זייערע יידישע נעמען א. א. וו.

„איין זוהן פון משה שוחט[1]) שרייבן זיי — הייסט קלמן; צייכנט ער זיך: קאראלוס . . . ציא אמאהל זעהן אויך דיא לייט איהר אבות אבותינו זיך זוא גיצייכנט האָבן? מר [נאָר] קומט וידר אַרויז זיא חרפנין זיך פר זיך זעלבשט דש זיא יהודים זענען. ווערשט דוא זעהן. דער קאַראָלוס, דער ווערט דאָך אמאהל קינדער קריהגין. ווערט ער איהם לאָזין נומן הערריט. ווערט מן איהם אויף רופין אין שול (.N. B) ווען ער איין יהודים בלייבט): הבחור הערריט בן הגביר קאַראָלוס".

ניט נאָר לאַכן די אָרטאָדאָקסן אויס די רעפאָרמיסטישע טענ־דענצן פון די נעאָלאָגען, נאָר אויך זייער שפּראַכלעכע אַסימילאַציע.

זיי„ הייבן בגונין די פרעמדי לשונות צו לערנין אונד אונזר מוטר טאהל [לשון — taal ] גאַנץ פר געסין"[2]).

---

[1]) משה שוחט איז געווען אַ „קאָמיסאַר" אין קלוב „פעליקס ליבער־טאַטע". זיין נאָמען פיגורירט אונטערן אויפרוף פון דעם קלוב, וואָס איז אַרויס דעם 22טן מאַרט, 1795, בנוגע דעם פּראָטעסט פון די פרנסים קעגן אויפהענגען אין די שולן די דעקלאַראַציע פון בירגער רעכט.

[2]) אונטער מוטערשפּראַך פאַרשטייען די אָרטאָדאָקסן — יידיש.

חוץ דעם האָבן זיי אין אַ סך הייזער וּצושטערט די „יידישקייט".

„זיא האָבן ניט גירוהט אונד האבן איין כיתה בייא אננדר גימאכט אום צו וועללין אין אונזר ליבה שוהל אונד תקנות אין רעוואָלוציע בווערקין אונד האבן קטטות ומריבות אן גשטעלט אין פאמיליעס, אין הייזר זעלבשט צווישין מן [מאן] אונד פרוי". (דיסקורס פון דער אַלטער קהילה נ. 16).

אין דער שול ריידן זיי נאָר האָלענדיש — באַקלאָגט זיך איינער פון די מיטשמועסער פון דעם דיסקורס.

אַן אַנדערער, יעקב דערציילט, אַז דער „רב פון זיא (ד. ה. פון „עדת ישרון") איז יום־כפור צו מנחה גקומן בייא דעם מנהיג החודש אונד האָט איהם אויף האָלענדיש איין קומפלימענט גימאכט, מיט איין קוס הענטיע [איך קוש די האנד] אונד האָט איהם גיפראהגט, וואָס נייאס איז אין דיא צייטונגס".

דערויף זאָגט אים גומפּל:

„ווייל דוא זאָגשט פון יום־כפור. דער פייבל דר בייא זיא וואהר האָט יום־כפור צו נאכט וועלין אין שוהל בלייבן, וויא מעהר פרומי יהודים טונין האָט איהם דער שמש גיזאָגט: נאָ, נאָ! [ניין] דש איז איהר קיין גיברויך ניט: ערליכע לייטין גיינין בייא נאכט צובעט".

אויף די אַלע טענות און שמועות זענען די „נייע לייט" ניט גע־בליבן שולדיק קיין ענטפער.

זיי האָבן קודם־כל פאַרטיידיקט זייער רב און אָנגעוויזן אויף דעם פסוק, אַז „טוב ממזר תלמיד חכם מכהן גדול, עם הארץ" און אַ פשיטא נאָך ווען דער תלמיד חכם איז אַ גר! זיי באַדויערן זייער שטאַרק, וואָס ס'איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן אַזאַ גוטער ייד, ווי דער רב־גר איז („ עש איזט אהן חרפה פר אונש דז דער קאהן יהודי גבאהרן איזט זויא אהן גוטר יהודי זיין זאָל").

וועגן דעם אָרטאָדאָקסישן רב זאָגן זיי, אַז „ער האָט שטודירט ביז אַן דיא קאָפּ, מר [נאָר] אין די קאפּ האָט ניקש ארין גוועלט". זיי לאַכן אויס דעם לשון פון די פרומע לייט. זייער רב איז אַ „צאנה וראנה פרעדיגער" און אַן עם הארץ. (דיסקורס 16). זייער אינטערעסאַנט איז די רעפּליקע בנוגע דעם „פּאַטריאָטיזם" פון די „פרומי לייט".

די נעאָלאָגן באַשולדיקן זיי אין . . . מיטלויפעריי. זיי זענען געווען און זענען קעגן דער רעוואָלוציע און האָבן זיך נאָר „היפּאָק־ריטיש" געפרייט מיט איר און געמאַכט אפילו אַ גאַסן אילומינאַציע כדי צו פאַרבלענדן די אויגן און פאַררעדן די ציין, אַז זיי זענען אויך

גליקלעך מיטן אָנקומען פון די פּראָטצויזן, וועלכע האָבן דאָך די רע־וואָלוציע אָנגעפאַנגען.

זייער אָנשטעל איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַ פּרנס האָט גע־הייסן מאַכן אַ „הנותן תשועה" פאַר דער נייער מאַכט.

אין דעם אַכצנטן דיסקורס, וואָס טראָגט אַ מיליטאַנטישע מאָ־טאָ: „אין שלום ללשונות רעים שקראו עדת ישראל מינים", זאָגן די אָנהייבער פון דער נייער קהילה אַזוי:

„נענט אייך קיין פּאַטריאָטען. נענט אייך ליבר שורקן. פר־דערבערט פון דש וואהלזיין, אונד געליק אייערע אַרמע מיט בריהדר־ניכט, וויא איהר מיינט אונד אַנרוהפט דש זיא אייך שיטצען ווערדען. צערשמעטרין מיססען זיא אייך, איהר באַהסהאַפטע געשעפּף".

די דאָזיקע באַשולדיקונג מצד די „נעאָלאָגען" האָט שטאַרק אָנ־גערירט די אָרטאָדאָקסן. זיי האָבן זיך צוגעאײַלט תיכף מיט אַן ענט־פער אין וועלכן זיי לייקענען, אַז זיי זענען קעגן דעם „סיסטעם" (ד. ה. דער רעוואָלוציע) און ווילן ניט אַרבעטן קעגן דעם וואוילזיין פון דעם פאָלק („אללי גימיין").

די הויפּט טענה איז אָבער, אַז זיי קענען ניט אָננעמען, אַז די רעוואָלוציע איז דער סוף פון גלות, ווייל דאָס מיינט „כופר בביאת משיח". דאָס קענען זיי טאָקע ניט, ווייל עס איז „איינה פון אונזרי שלש עשרה עיקרים, וועלכי מיר אללי טאהג זאָגין". (דיסקורס 17).

דער דאָזיקער אַרגומענט פון דער אַלטער קהילה האָט ניט צו־פרידן געשטעלט די פּאַרטיידיקער פון דער נייער קהילה.

אין איין אָרט דריקן זיי אויס זייער צופרידנהייט, וואָס די אַלטע קהילה־לייט האָבן ניט אָנטייל גענומען אין די וואַלן פון יידישע דע־פּוטאַטן צום פּאַרלאַמענט, ווייל זייערע דעפּוטאַטן וואָלטן זיכער גע־ווען קעגן דער רעוואָלוציע.

„וואָש העטטען די אַנדרי נאַציאָהנען צו דיא יהודים געזאָגט — שרייבט דער „דיסקורס" (נומ. 19) — אייערע לייט זענען קאַנאַליעס. נוא אבר זיינן דורך די פּירוד נור צוויי יהודים, אונד די זיינן חשובים עד מאוד. אלזויא מסתמא לטובת היהודים ומן השמים הוא".

אין די לעצטע פאַר נומערן האָט דער דיסקורס פון דער נייער קהילה אָפּגעדרוקט פּאַראָדיסטישע תקנות פון דער אַלטער קהילה מיט שאַרפע פּאָליטישע אינסינואַציעס. די דאָזיקע תקנות, וועלכע זע־נען כלומרשט דערשינען אין לאָנדאָן (אַ רמז אויף פּראָ־אַראַניש־קייט) באַשטייען פון 102 פּאַראַגראַפן.

אין איין פּאַראַגראַף ווערט געזאָגט, אַז דער פּרנס דאַרף שווערן,

אז ער וועט אַרבעטן לטובת דעם קהל [דש הייסט לטובת ענגלאַנד אונד דען שטאַט האלטר].

אין אַן אַנדער פּונקט ווערט געזאָגט, אַז מען מעג דרוקן נאָר אַזעלכע ספרים, וואָס לויבן דעספּאָטיזם. עס טאָר ניט דערמאָנט ווערן, אַז די יידן האָבן שוין פרייהייט אין אייניקע לענדער. אַ סך לייענער האָבן משמעות ניט געכאַפּט דעם פּאַראָדיסטישן טאָן פון די תקנות, ווייל אין „צווייא אינצוואנציגשטי פּער פּאָלג" ווערט דערקלערט, אַז די תקנות „זינד וואהל איינע סאַטירע, איינע קריטיק אויף „אייער נאָך בשטעהנדי תקנות, אָבר זיא זינד אויך אמת". און אַז די דאָזיקע סאַטירע איז אַ שטילעט אין זייער שווארצער נשמה". („איין דאָלך אין דיין שוואַרטצע זעהלע").

אויף די דאָזיקע פּאַראָדיסטישע תקנות, וואָס האָבן ווייזט אויס געטראָפן אין פּינטעלע האָט דער צד שכנגד תיכף ומיד געענטפערט מיט קאָנטער־תקנות פון 42 פּונטן, מיט רמזים און שטעכ־ווערטער בנוגע דער ניט־פּרומקייט פון די „נעאָלאָגען".

ערשטנס האָבן זיי באַלד „דעשיפרירט" די ציפער פון 102 תקנות, וואָס מאַכט אויס: כלבים (102) ד. ה., אַז יענע זיינען הינט. דאַן האָבן זיי געשריבן, אַז ביי די „נייע קהלניקעס" קען אַ גבאי זיין נאָר איינער, וואָס איז „מחלל שבת ויום טוב" צען יאָר א. א. וו.

אין דערזעלבער צייט ווערן זיי אָבער זייער ערנסט און פאַר־עפנטלעכן אַזאַ „קאָמוניקאַט":

„נאָהך דעהם' דש שבוע זו על ידי די שרייבערש פון עש [דעם] שונד בלאַט הנדפס אצל המדפיסים יוחנן לוי רופא ובנו בנימין אויז גיגעבין וועררין נייאי אונ' פּר בעסירטי תקנות אללי אַרטיקולאַרוטים [פּונקט נאָך פּונקט — articulae artis] גרעווידיהרט אשר על כן איז מן דעם עולם מודיע דש דיא הכל שקר וכיזב זייני.

ובדין יהא שרא לנו לאדלוקי בה שרגא ולמעבד בהם כל צרכנא לנא ולכל ישראל הדרים בעיר הזאת". (נומ. 15 פון דער א. ק.).

די לעצטע צוויי נומערן פון דער נייער קהילה זענען אויסגע־האַלטן אין דעם זעלבן סאַטיריש־פּאַראָדיסטישן טאָן, ווי די פריי־ערדיקע.

„קיין מלך איז זויא סאָווערין, אַלש חהל" — איז די מאָטאָ פון דעם נומ. 23 פון „דיסקוהרש" פון דער נייער קהילה, כלומרשט אַנטנומען פון מאמר יוסף פרינץ, דעם פרנס פון דער אַלטער קהילה.

אין יענעם אַרטיקל, געשריבן אין אַ שטאַרק אַגרעסיוון און פּראָקלאַמאַטאָרישן טאָן, רופט דער שרייבער פון דיסקורס די „נאהט

דירפטעגע אַרמע מיט בריהדר", אַז זיי זאָלן זיך באַפרייען פון דער הערשאַפט פון די דעספּאָטישע פּרנסים, וועלכע האַלטן דאָס פאָלק פאַרשקלאַפט שוין 127 יאָר.

זייער פּראָגראַם איז: גוט צו באַהאַנדלען די אָרימעלייט; געבן זיי ... גוטע פליייש, ביליק, לויטן פאַרמעגן. דער שרייבער דערמאָנט די „אָרימע ברידער" די מצות, וואָס זיין קהילה „עדת ישרון" האָט פאַרטיילט פּסח־צייט.

ווי א ביילאַגע צו דעם נומער זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן צוויי לידער, איינס בניגון מאַרסעליעזע און דאָס צווייטע — בניגון קאַרמאַ־ניאָלע. ביידע זענען פּאַראָדיעס אויף די פּרנסים (זע די הוספות).

אין דעם לעצטן נומער א. נ. אנרעהדע אן דאש יעצעגע נייא אָנגע־שטעלטע פּראָוויזיאנעהלעס בשטיהר [פּאַרוואַלטונג] פּאן דיא אלטע קהלה „יע"א" ווערן אַרויסגעבראַכט אַ ריי פאָדערונגען צו די נייע פּרנסים, וועלכע די רעגירונג האָט צייטווייליק באַשטימט. ראשית כל, אַז זיי זאָלן אַרבעטן לטובת די אָרימע לייט. דאָס באַטאַווישע פאָלק האָט איצט אָנגעטרויט די נייע מענטשן די וויכטיקסטע אמטן אין דער קהילה. די אַלטע תקנות זענען מער ניט גילטיק.

די נייע תקנות זענען „מעהר געגרונדעט על היושר אונד איבער איין קאַממענדע מיט דיא קונסטיטוציע פון דיא מדינה, געבויט אויף פרייהייט אונד גלייכהייט".

דער שרייבער וואָרנט די קעגנער פון דער רעפאָרמירטער קהילה, אַז ווער עס איז ניט מיט זיי, איז קעגן זיי! ער אַפּעלירט צו די נייע פּרנסים, אַז זיי זאָלן זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון חניפה, פאַמיליען אָנגעלעגנהייטן און „פלעגמאַטישע סענטימענטן". ער דערמאָנט זיי, אַז אייגנטלעך דער טאָג פון 2טן סעפּטעמבער, 1796, ווען עס איז אָנערקענט געוואָרן דער פּרינציפּ פון פרייהייט פאַר אַלע, האָט דאָס פאַרניכטעט אין דער אמתן די אַלטע תקנות פון דער קהילה. דער שרייבער פאַרזיכערט זיינע לייענער, אַז ער אורטיילט אומפּאַר־טייאיש, ער איז בכלל נייטראַל, ווייל ער האָט אינזינען דעם „טובת הכלל". ער רופט צו שלום. אין גרויע קאָלירן שילדערט ער די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער אַמסטערדאַמער קהילה, אירע חובות און צרות. עס פרייט אים, אַז ענדלעך איז די חזקה אויף פלייש אָפּגעשאַפט געוואָרן. אויף דעם דאָזיקן פלייש־שטייער האָט זיך גע־האַלטן די אַלטע מאַכט פון די פּרנסים אַזוי פיל דורות.

די מלוכהשע דעקרעטן פון 2טן און 29טן סעפּטעמבער, 1796, האָבן צוגעבראַכט די דאָזיקע מאַכט. יעדער איינער וואָס וועט פאַרטיי־

דיקן די דאָזיקע אַלטע הערשאַפט איז „אַנטי פּאַטריאָטיש" און דאָס פרייע באַטאַווישע פאָלק וועט אַזאַ טאַט אָנערקענען פאַר קאָנטר־רעוואָלוציע. („קאָנטרע רעוואָלוציאָנערע טהאַט").

איצט דאַרף מען זען צו פאַרייניקן אַלע קהילות אין לאַנד און אויב די „פּוילישע שמיכלערס אונד שנאָררערס" האַלטן נאָך מיטן אַלטן רעזשים — דאַרף מען זיי אויסלאַכן.

עס איז אַ וויכטיקע צייט — ענדיקט דער שרייבער דעם לעצטן זייטל פון דיסקורס פון דער נייער קהילה, — אַ סך פראַגעס זענען נאָך ניט פאַרענטפערט. „דיא צייט ווירט אַללעס ענטדעקקען".

## די „שפּראַכנפראַגע" אין די דיסקורסן

די שפּראַכנפראַגע אין די דיסקורסן איז ניט די פראַגע אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך דאַרף מען שרייבן, נאָר ווי אַזוי דאַרף מען שרייבן, ווען מען שרייבט אויף „אונזר יודש לשון", ווי יידיש ווערט אָנגערופן אין די דיסקורסן פון דער נייער קהילה.

די אָרטאָדאָקסן האָבן איראָניזירט אויפן חשבון פון די „נעאָלאָגען" און געטענהט, אַז יענע מוזן נעבעך אָנקומען צו יידיש, ווייל זיי קענען ניט קיין העברעיש.

מיר האָבן שוין באַוויזן אַז דאָס איז ניט ריכטיק. אין לאַגער פון די „נעאָלאָגען", וואָס זענען אין תוך גענומען געווען משכילים זענען געווען מער העברעיש שרייבנדע, ווי אין דעם קעגנערישן לאַגער.

וואָס די „נעאָלאָגען" האָבן יאָ געוואָלט: איז אַרויסגעבן זייער פּראָפּאַגאַנדע ליטעראַטור אויף האָלענדיש. זיי האָבן דאָס פּרובירט, אָבער מער ווי צוויי „צוזאַמענשפּראַכן" האָבן זיי ניט אַרויסגעגעבן. כדי האָבן לייענער און געפינען אַ רעזאָנאַנס ביים עולם האָט מען געמוזט אָנקומען צו יידיש.

אפילו מענטשן, וואָס האָבן געפירט טאָג־ביכער און זיכער ניט געטראַכט וועגן דעם, אַז מען וועט זיי אַמאָל דרוקן, האָבן געשריבן אויף יידיש.

די שפּראַכלעכע טענדענצן פוןביידע צדדים שפּיגלען אָפּ זייער בולט די אידעאָלאָגישע איינשטעלונגען זייערע.

די נייע קהילה־לייט שרייבן מער דייטשמעריש, דער העברעישער עלעמענט איז ביי זיי אַ מאָגערער, אידיאָמאַטישע אויסדרוקן — אַ זעלטענע דערשיינונג.

די שרייבער פון דער אַלטער קהילה שרייבן אַ מאַקאַראָנישן לשון: יידיש באַווירצט ניט נאָר מיט העברעישע עלעמענטן, נאָר מיט גאַנצע פסוקים.

די „נעאָלאָגען" לאַכן אויס די דאָזיקע שפּראַך.

„דיא לייט מאהנען [מיינען], זיא טאהנן דויא עפּיז אהן חריפות. נעמען זיך אהן קאַפּיטל אוצר פסוק אין תהלים מיט דיא טייטש וויא זיא ר' משה דעססויא [מענדעלזאָן] פּרטייטש האָט".

אין אַן אַנדער אָרט רופן זיי אָן די שפּראַך פון דער אַלטער קהילה: „צאנה וראנה אָדר טייטש חומש" שפּראַך.

זיי האַלטן, אַז שרייבן יידיש מיינט שרייבן הויכדייטש און דערפאַר שרייבן זיי: (נומער 14 פון דער נ. ק.)

„געהע אין דיא שוהלע אונד לערנע ערשט דייטש שרייבן, הערר פאָן האבסט געהאבט, האבסט געהאבט אונד ווידר האבסט געהאבט. מיינע גראהסמוטטר קאָן דיין בריהף אום בעסטן מיט זיי איינע צאנה וראנה טאהן לעהזן, דס איינם הערן אונד זעהן פר געהט".

זיי רופן אָן די שפּראַך פון די שרייבער פון דער א. ק. „האַלב טייטש און האַלב אמשטרדמש".

די „נעאָלאָגען" האַלטן, אַז מען דאַרף שרייבן „הויך טייטש" מיט העברעישע אותיות און ניט דאָס „פלאַטי אמשטרדמשי יהודית" וואָס די אָרטאָדאָקסן באַנוצן.

דערביי ווערט אין דעם „שפּראַך קאַמף" אַרויסגעבראַכט איין וויכטיקער מאָמענט: דאָס איז די באַציהונג צו דער האָלענדישער שפּראַך.

די אַלטע קהילה לייקנט קאַטעגאָריש, אַז זי איז קעגן האָלענדיש. זי האַלט אָבער אַז עס איז אַ סך בעסער ווען אַזעלכע פּאָלעמישע שריפטן ווערן געדרוקט דוקא אין יידיש.

„אויב שוין איך דיסאפּרוביהרי [טאַדל] אללי דש סאהרט פון שרייבין, וואו איינר דעם אַנדערן מיט בילאסטרט, איז דאָך נאָך איין חילוק אויב עש אין יהודת טייטש גשריבין איז, אודר אין האָלענדיש" (נומ. 18).

אויף די באַשולדיקונגען אַז זיי, די אַלטע קהילה לייט זענען ניט קיין האָלענדער, ענטפערט זייער שרייבער אַזוי:

„אויך איך בין איין האָללאנדר. אבר נאָך לאהנט עז מיר דיא מיהע ניט מיינע פעדר אין דיא האָללענדשי שפּראַכי צו צייגן. פיליכט אבר באַלד זאע איך צו מיינעם פעדר לינקש אום שווענק

אונד איך שרייבי האללענדש. פיר דער האנד אלזא שרייבי איך דיר ניט מעהר אין יודשי שפּראכי״. (נומער 15 א. ק.).

דאָס שרייבן ניט אויף האָלענדיש איז ערקלערט געוואָרן, ווי א נויטווענדיקייט, כדי ניט אויפצורייצן דעם עולם.

שרייבן אויף האָלענדיש וואָלט געהייסן „פּובליהק אין דיא צייטונג שרייבן. עס וואהר איין חרפּה אונ׳ איין בושה פר דיא גאַנצי וועלט״.

אין דעם דיסקורס (נומער 20 פון דער א. ק.), געפינען מיר אַזאַ דיאַלאָג, וואָס אילוסטרירט אַמבעסטן די אַזוי גערופענע שפּראַכנפּראַגע פון יענער צייט אין אמסטערדאַם:

יעקב: דויא האָב איך צווייא... אדוועורטענציעס [אַנאָנסן] בייא מיר. איינש אין יהודת און איינש אין האללענדש. וואש פר ווילשט דוא האָבן.

אנשיל: גיב מיר דש אין האללענדש.

גומפּל: אַ לייאן עש אמאהל הויך. דש אין האללענדש האָב איך נאָך גאהר ניט גיזעהן, וואש טוהט מן דויא מיט. איך האפּ׳ דאך ניט דש מן עש אין האללענדש אין אונזער ליבה שוהל ווערט אויז גירופין האָבן.

יעקב: בגינשטו שוין פריא מיט שטות. עש איז דאָך גאהר ניט אויז גירופין גיוואָרן, אונ׳ וועהר רופּט איין כרוז אין האָללענדש אויז.

אנשיל: נאַרישקייט! וואש שטעכט [שטעקט] דויא אין?

גומפּל: וואש דויא אין שטעכט? מער אלז דוא דענקשט. וואָרפאהר זעניין מיר דען (דאָך) יהודים, מיר אונטר אנגדר מוזין יהודת ריידן. אַ וויא שיין שטיהט דש, ווען מן אין שוהל בייא אנגדר שטיהט אונ׳ שמוהזין האללענדש. מר [נאָר] גאָט בענש דיהר, וואָרום איז עש דען גאהר איבר זעצט גיוואָרין.

עס איז אַלזאָ קלאָר, אַז די יידישע שפּראַך איז ביי דער אַלטער קהילה געווען ענג פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער יידישקייט, מיט וועלכער זיי האָבן זיך אידענטיפיצירט און דערפאַר איז ביי זיי יאָ געווען אַ חילוק „אויב עס איז אין יהודת טייטש גשריבן, אודר אין האָללענדש״.

די נייע קהילה ליט האָבן אין אָנפאַנג בכלל איגנאָרירט די „שפּראַכנפּראַגע״. זיי האָבן געשריבן אַ כמעט דייטשן יידיש און האָבן באַנוצט טערמינען, וואָס דער לייענער פון די דאָזיקע דיס־

קורסן האָט ניט געקענט פאַרשטיין. מען האָט זיך אויף דעם באַקלאָגט אין איינעם פון די דיסקורסן גייט טאַקע וועגן דעם אַ שמועס.

די „פילאָזאָפישע שריפטן" אין די „קוראַנטן" האָט קיינער ניט פאַרשטאַנען און דערפאַר האָט מען אויף זיי ניט רעאַגירט.

די „פילאָזיפישע שריפטן" האָט מען גערופן די טעאָרעטישע אַרטיקלען פון דער נייער קהילה וועגן די פּרינציפּן פון פרייהייט און בירגערלעכע פליכטן.

האָט מען געמוזט איבערגיין אויף „פלאַטטע טייטש" און דער עולם האָט בעסער פאַרשטאַנען און אָנגעהויבן... קעגן שרייבן. אין דעם זין איז זייער כאַראַקטעריסטיש אַ באַמערקונג אין 14טן נומער פון דעם דיסקורס פון דער נ. ק.

נאָך דעם ווי עס ווערט איבערגעלייענט דער ענטפער צו דער אַל־טער קהילה, געשריבן אין אַ שטאַרק דייטשמערישער שפּראַך זאָגט איינער פון די מיטשמועסער, אַז ער וויל איבערלייענען זיינע אַ דער־קלערונג. דערביי באַמערקט ער, אַז אַלע וועלן דאָס בעסער פאַר־שטיין, ווי דעם ענטפער פון דער קהילה, ווייל ער גייט עס מאַכן אויף „פלאַט טייטש" (ד. ה. יידיש).

די נעאָלאָגען האָבן געמיינט, אַז דער „דעסויער יידיש" איז שטאַרק פּאָפּולער אין אַמסטערדאַמער געטאָ.

זיי האָבן געשריבן, אַז די „טייטשע ביכר שוועבן איבר אַל הערום". מען לייענט זיי מער, ווי „להבדיל תפלות אונד ספרים".

„דיא קצינים — שרייבן זיי — שפּיאַען דאָך אין טייטשע קומ־פּלימענטן ווערק".

אָבער די ווייבער און די מעדכן פון געטאָ, הגם זיי זענען „אונ־וויסנד" לייענען דייטשע ביכער פון מענדעלזאָן, ווילאַנד, לעסינג און אפילו רוסאָ און וואָלטער. מען גייט אין דייטשן טעאַטער, מען זעט די פּיעסן פון אַ קאָטצעבו. הייסט עס, אַז די דייטשע שפּראַך דאַרף זיין פאַרשטענדלעך די יידן.

„דיא טייטשע שפּראַכע איזט דאָך אין דיא אַרדער פון דיא טאהג אין דז גאַנצע יודען קוואַרטיהר".

דאָס איז געווען אַ גוזמא. געגרעכט איז געווען דער שרייבער פון דער אַ. ק., אַז אויף הונדערט יידן האָט מען קוים געקענט אָנציילן פיר, וואָס האָבן פאַרשטאַנען דייטש.

די נייע קהילה האָט געמוזט ביסלעכווייז איבערגיין אויף דעם אַמסטערדאַמישן יידיש מיט די כאַראַקטעריסטישע האָלענדיזמען —

ווייל אַנדערש האָט מען ניט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון אירע שריפטן.

בנוגע די שפּראַכלעכע אייגנטימלעכקייטן פון די דיסקורסן איז כדאַי אָנצואווייזן אויף אַזעלכע ווערבן ווי חרפּענען (זיך שעמען), אַזעלכע אויסדרוקן ווי יוקרר (טייערער), חאָטשי (נומער 13 פון נ. ק.).

פון ווערטלעך און אידיאָמאַטישע אויסדרוקן איז כדאַי צו פאַרצייכענען פאָלגענדע:

1) קריעה איבר מיינה שונאים.
2) וויא קומט דש צו דיא חברה אן שבת.
3) גקרייש [געפילדער] אונטר אננדר, אז ווי אויף אהן פוילי־ שי רייכסטאהג.
4) עז איז אהן [איין] סוד פון חד גדיה.
5) זיא זעלין איהרי יאהרין אויז לעהבין, אלז דש וואהר איז.
6) מען קען דאך אהן בער טאנצי לערנן.

די שפּראַכלעכע אייגנטימלעכקייטן פון דעם דאָזיקן דיאַלעקט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש אַמסטערדאַמיש וועלן זיכער פאַר־ אינטערעסירן אַ פילאָלאָג. די גרויסע צאָל פון ציטאַטן פון דעם דיס־ קורס קען דינען ווי אַ באַזע פאַר אַזאַ פאָרשונג. די דיסקורסן זענען חוץ זייער וויכטיקייט פאַר דער יידישער קולטור־געשיכטע, אויך אַ וויכטיקער מקור פאַר דער געשיכטע פון דעם יידישן לשון אין אַמ־ סטערדאַמער געטאָ.

## כאַראַקטעריסטיק פון די דיסקורסן

דאָס וואָרט דיסקורס האָט זייער אַ סך טייטשן. עס קען מיינען אַ טראַקטאַט, אַ שמועס, אַ רעדע און אפילו אַ... רכילה.

אין אונדזער פאַל האַנדלט זיך וועגן קורצע שמועסן דורכגע־ פלאָכטן מיט דיאַלאָגן, פיקטיווע בריוו, ערנסט און שפּאַס און פּאַראַ־ דיסטישע המצאות. אין דער רייכער האָלענדישער ליטעראַטור געפי־ נען מיר אַ סך דיסקורסן. באַזונדערס אין אַ צייט פון פּאָליטישע אויפרודערונגען, ווי מלחמות אָדער רעוואָלוציעס ווערט פאַרן פאָלק אַרויסגעגעבן אַזאַ דיסקורס, מערסטנטיילס אין אַ דיאַלאָגיזירטער פאָרמע ווי אַ מין באַריכט מעניני דיומא.

אַזאַ מין „וואָרהאַפּטיקע דיסקורס צווישן איינעם האָלענדישן

אונד ענגעללענדישן שיפער" איז אַרויס אויף דייטש אין אמסטערדאַם אין יאָר 1654 (8 ז. 4°).

לויט דעם מוסטער האָט דער קלוב „פעליקס ליבערטאַטע" איי־דער ער איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן זיין „דיסקוהרש" פאַרעפנטלעכט אין משך פון קנאַפּע צוויי וואָכן (צווישן 15טן און 27טן מאַרט, 1795) פיר נומערן פון אַזאַ דיסקורס, צו צוויי בלעטלעך יעדערע א. נ.

„פריינדליכה אונטע רעדונג צווישן צווייא גוטה פריינד וועגנש דיא טעגענוואַרטיגה אומשטאַנדיגהייטן זעהר נוציג אונ' נויטווענדיג פר איין יעדר צו וויסן". וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט אין פרי־ערדיקן קאַפּיטל.

אַ צווייטער טערמין אין האָלענדיש פאַר דעם מין דיסקורסן איז praatje פון ווערב prat, ד. ה. צו ריידן, שמועסן, פּלאַפּלען, רכילות טרייבן. די „פּראַאַטיעס" זענען געווען פאָלקס־ביכלעך (דאָס וואָס מען רופט אויף רוסיש „לובאָטשניא איזדאַניא"), געוויינטלעך אין אַ פאָרמע פון אַ דיאַלאָג. דער געשפּרעך קומט פאַר אָדער אין אַ „קאָלעשיע" (אַן עפנטלעכער פלאַץ), אָדער אויף אַ שיף בעת אַ נסיעה, אָדער אין אַ פּאָסט הויז, וואו עס קומען צוויי „פּאָסט וועגינס" פון פאַרשיידענע שטעט און די פּאַסאַזשירן דערציילן די לעצטע פּאָלי־טישע נייעס.

די דאָזיקע „פּראַאַטיעס" האָבן געוויינטלעך געהאַט פּרימיטיווע האָלצשניטן, וואָס שטעלט פאָר אַ שיף מיט מענטשן, אַן אכסניה, אַ פּאָסט־הויז א. א. וו.

די האָלענדישע ביבליאָגראַפיע פאַרמאָגט גלענצנדע רשימות פון אַזעלכע פילשפּראַכיקע „פּראַאַטיעס" אָדער „דיסקורסן", וואָס זענען דערשינען אין דעם דאָזיקן לאַנד און זענען אַ מין במקום־ציַיטונג אויסגאַבע, וואָס פאַרדינט זיכער אַן אויספאָרשונג, ווי אַ קולטור־היסטאָרישע דערשיינונג. לויט אַט־די דאָזיקע האָלענדישע „פּראַאַטיעס" זענען געפורעמט די יידישע דיסקורסן.

אַזעלכע „פּראַאַטיעס" בנוגע יידן זענען אפריער אַרויס אויף האָלענדיש.

אַזוי, למשל, איז באַקאַנט אַזאַ שמועס אויף אַ שיף צווישן אַן אָפיציר, שיפער, אַ מיידל און אַן הויכדייטשן יידן.

(Schuitpraatje tusschen een Officier, Schipper, Juffrouw en een Hoogduitsche Jood. 8pp.)

צוויי אַזעלכע דיאַלאָגן האָט אַרויסגעגעבן די נייע קהילה אויף האָלענדיש. דעם דיאַלאָג פירן צוויי יידן. איינער הייסט נאָך Andries

און פאַרטרעט די אַלטע קהילה. דער צווייטער מיט אַ מער פּאַסיקן נאָמען Philip פאַרטרעט די נייע.

(Zamenspraak, tusschen Twee Hoogduitse Jooden. Zynde de eene van de Oude Joodse Gemeenten, en den anderen van het thans Joodse Ligt Gemeenten. 1798, 8pp.)

אפילו אין דער אַלגעמיינער האָלענדישער פּרעסע קען מען געפינען אַזעלכע דאָקומענטן, וואָס זייער פּיקאַנטקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין מאָנאָלאָג אָדער דיאַלאָג איז אָפּגעהיט געוואָרן די שפּראַך פון דעם בעל־דבר. אין דער צייטונג Die Nieuwe Post פון 23טן אויגוסט, 1796, איז געווען אָפּגעדרוקט אַ בריוו פון אַ יידן מכח דער פראַגע פון צולאָזן די יידן אין דער אַרמיי. דער בריוו איז געווען געדרוקט אויף יידיש, אָבער מיט לאַטיינישע אותיות.

דער קאָנפליקט אָבער צווישן דער אַלטער און דער נייער קהילה איז געווען פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז אַרויסטראָגן אים לחוץ איז געווען אַ טאַקטלאָזע זאַך. פירן די פּאָלעמיק אויף האָלענדיש וואָלט אויך ניט געקענט האָבן קיין פּעולה, מחמת דעם, וואָס צווישן די לייט פון דער אַלטער קהילה זענען געווען זייער ווינציק האָלענדיש קענעוודיקע. אמת, מען האָט געקענט פירן די דאָזיקע אַטאַקעס אויף העברעיש, ווייל שרייבער האָבן ביידע צדדים גראָד געהאַט — אָבער די פּעריפעריע פון העברעישע לייענער איז געווען אַזאַ נישטיקע, אַז איר מיסיע וואָלט זיכער קיין שטאַרקן אָפּקלאַנג ניט געפונען.

ווער זענען געווען די שרייבער פון די דיסקורסן?

די דיסקורסן זענען דערשינען אַנאָנים. קיין רעדאַקטאָר איז אויף זיי ניט אָנגעגעבן, נאָר דער דרוקער. אין די שמועסן ווארפן זיך דורך נאָר די ערשטע נעמען פון יידן, וואָס מען שרייבט זיי צו די מחברשאַפט. אַזוי, למשל, ווערט אין די שמועסן פון דער א. ק. דערמאָנט איינער יעקב קוריעל, ווי אַ „אָטער" [אויטאָר] פון די ביכלעך.

אין נומער 6 פון דער א. ק. זאָגט איינער יעקב, אַז ער מאַכט די ביכלעך.

„איך זעלבר מאַך עש, מאהר [נאָר] איך בעהט אייך לייט פר ציהלט עס דאָך דיא גאַנצי וועלט ניט".

פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע רמזים איז שווער צו דעשיפרירן און נאָר אַן אויספירלעכע אויספאָרשונג פון דער לאָקאַלער יידישער סביבה אין יענער תקופה קען פעסטשטעלן ריכטיק און גענוי די מיטאַרבעטער פון „דיסקוהרש".

אין אַלגעמיין גערעדט קענען קומען אין חשבון, ווי וואַרשיינ־לעכע מיטאַרבעטער אָדער איבערזעצער חוץ ברומעטן, אסטערן און יהודה ליטוואַק (דער לעצטער האָט געקענט יידיש, ווייל ער איז געווען א פוילישער ייד), וועלכע האָבן מסתמא צוגעשטעלט מאַטעריאַלן, פאָלגענדע שרייבער:

דוד פרידריכספעלד (געבוירן אין בערלין אַן ערך 1775, גע־שטאָרבן אין אַמסטערדאַם דעם 19טן יאַנואַר, 1810), אַ מיטגליד פון דער באַרימטער מאספים־גרופע, אַ מחבר פון אַ רייע אַפּאָלאָ־געטיש־פּאָלעמישע שריפטן וועגן דער יידן־פראַגע אין העברעיש, דייטש און האָלענדיש. ער האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין פּאַ־לעמיק קעגן סווידן (Swieden), דעם סאַמע אויסגעשפּראָכענעם קעגנער פון דער עמאַנציפּאַציע פון די האָלענדישע יידן, וועלכער האָט גע־טענהט, אַז דער גלויבן אין... משיחן איז אין אַ סתירה מיט בירגער־רעכט.

פרידריכספעלד איז געווען נאָענט צו דער קהילה „עדת ישרון", אין דער העברעישער ליטעראַטור איז אויך באַקאַנט זיינס אַ שיר לכבוד דעם אמיענער שלום (דערשינען אין אַמסטערדאַם אין 1802) *.

פרידריכספעלד האָט אויך פאַרפאַסט אַ שיר צום חנוכת הבית פון „בית הכנסת של עדת ישרון" (צעדנער, ז. 454).

אין 1798 איז אַרויס זיינע אַ העברעישע איבערזעצונג פון דער דעקלאַראַציע פון רעכט פון מענטש און בירגער א. נ.

„אלה דברי הברית, החקים והמשפטים אשר בין אדם לאדם". (אין אַ פאָרמע פון אַ פלוגבלאַט).

געווען איז צו יענער צייט נאָך אַ וויכטיקער פאַרטרעטער פון דער השכלה ליטעראַטור אין האָלאַנד.

ער האָט געהייסן צבי הירש בן מרדכי מרקוס. געשטאַמט האָט ער פון אילפעלד (בייערן).

ער האָט עס צונויפגעשטעלט אויף העברעיש זייער אַ וויכטיקן ספר א. נ. דברי נגידים, אַ זאַמלונג פון דאָקומענטן, ווי רעדעס, רעזאָ־לוציעס א. א. וו. אין שייכות מיטן קאַמף פאַר דער יידישער עמאַנ־ציפּאַציע אין האָלאַנד (אַמסטערדאַם, 1799, 72 בל.).

---

*) ביי צייטלינען (ז. 99) פאַלש אָנגעגעבן: אַמסטערדאַם 1797 און אַז דאָס ליד איז כלומרשט לכבוד דער עמאַנציפּאַציע. אויך איבעריקע פאַקטן זע־נען דאָרטן ניט ריכטיק.

ביי ג ר ע צ ן (x, 134, דייטשע אויסגאַבע פון 1870) איז אגב, ניט ריכטיק אָנגעגעבן, אַז פ ר י ד ר י כ ס פ ע ל ד איז געשטאָרבן נאָך 1812.

דאָס בוך איז דערשינען ביי שלמה בן אברהם כ"ץ פּרופּס, דעם דרוקער פון דער אַלטער קהילה. אָבער איר מחבר איז געווען אַ משכיל, אַן אָנהענגער פון דער „באַטאַווישער רעוואָלוציע", ווי דאָס איז קלאָר פון דעם כרוז, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אויף העברעיש און יידיש דעם 9טן דעצעמבער, 1798, אין וועלכן ער איז מודיע וועגן דעם גיכן דערשיינען פון זיין „דברי נגידים"*).

מאַרקוס האָט אויך פאַרפאַסט אַ ספר א. נ. דרך ההשגחה, (אמסטערדאַם, 1805, (2) + 30 בל.).

נאָך אַ מחבר איז געווען אין אַמסטערדאַם. ער האָט געהייסן ליפמן בן הירץ ברונפעלד. ער האָט אָנגעשריבן אַ דיאַלאָג אויף העברעיש און האָלענדיש וועגן דעם אורשפּרונג פון דעם פרייהייטס בוים. (שיר על עץ החירות) (אמ. 1795, אַ כרוז).

פאַר דעם יידישן טעקסט קען אויך קומען אין באַטראַכט יאַקאָב דעסויער, אַ דירעקטאָר פון אַ יידיש־דייטשן פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, איבערזעצער, מחבר און קאָמפּילאַטאָר פון אַ ריי „זינגשפּילן" אין יידיש־דייטש.

דעסויער איז געווען אַ מיטגליד פון „פעליקס ליבערטאַטע" און האָט אפילו געגעבן אַ „בענעפיט פאָרשטעלונג" לטובת דער „רעוואָלוציע", דערביי געהאַלטן אַ רעדע אויף „הויך דייטש", וואָס איז דערשינען אין אָריגינאַל און אויף האָלענדיש אין דעם „ערשטן יאָר פון דער באַטאַווישער רעפּובליק" (1796). דאָס זענען אַלץ פּאָטענציעלע מיטאַרבעטער אויף דער זייט פון די „נעאָלאָגען". שווערער איז שוין אויסצוגעפינען מענטשן מיט אַ פּען, וואָס האָבן געקענט שרייבן פאַר די דיסקורסן פון דער אַלטער קהילה. אמת, דאָס שרייבן איז ניט פון אַ הויכער קוואַליטעט, אָבער די אָפּט באַנוצטע לומדישע פּסוקים זאָגן עדות, אַז מענטשן פון פאָלק און די גאָר באַדייטנדע אין צאָל יידישע פאָלקסשרייבער און גאַסן־פּאָעטן פון יענער צייט קומען ניט אין באַטראַכט ווי מעגלעכע מיטאַרבעטער פון דעם דיסקורס פון דער א. ק.

---

*) אַן עקזעמפּלאַר פון דעם אויפרוף איז געווען אין דער באַרימטער ביבליאָטעק פון דעם משכיל י ו ס ף  ו ו י א ז י נ ע ר  אין ליטע. ווען די רוסישע צענזור האָט איבערגעקוקט זיין ביבליאָטעק האָט זי דעם דאָזיקן „רעוואָלוציאָנערן" אויפרוף ניט קאָנפיסקירט, נאָר אומעטום אין טעקסט אויסגעמעקט דאָס וואָרט „חירות" (פרייהייט) (ש. ר אָ ז ע נ־ פ ע ל ד אין „פּערעזשיטאָיע" IV, 83).

אפשר האָט דאָרטן געשריבן זלמן בן משה פרינץ, א מחבר פון אן אינטערעסאַנטן ליד וועגן דעם אָנגריף פון די רעגירונגס קאָמי־סאַרן אויף די שול פון דער אַלטער קהילה, וואָס האָט באַצוועקט דעם גירוש פון די פרנסים און דאָס ארויפזעצן פון נייע פרנסים. דאָס דאָזיקע ליד האָט אפילו זוכה געווען צו דערשיינען אויף האָלענדיש און דער „נעאָלאָג" יאָאַכים עמדן האָט ארויסגעגעבן א האָלענדישן באריכט וועגן דער דאָזיקער געשעעניש, ווי א דאָקומענט פון טרי־אומף פון דער נייער קהילה.

פרינץ איז אַן אויסגעשפּראָכענער אָנהענגער פון דער אַלטער קהילה און קען דערפאַר קומען אין באַטראַכט.

אין אַלגעמיין קען מען די „רעדאַקציאָנעלע" אויסשטאַטונג, וואָס האָט פאַר א היסטאָריקער א חן פון א רייצנדן סוד — זיך פאָר־שטעלן גאָר פשוט.

דאָס זענען דאָך „פּראַאַטיעס" (רכילות) מער אָדער ווינציקער היסטאָריש באַשטעטיקטע, אביסל באַזאַלצן און באַפּעפּערט לויט דעם געשמאַק פון שרייבער און גאַליקייט פון זיין... פּען, צונויפגעזאַמלט אין די אומפאַרמיידלעכע קאַפע־הייזער אין אַמסטערדאַמער געטאָ, וועגן וועלכע אויסלענדישע רייזענדע פון 18טן י. ה. דערציילן אַזעלכע פּי־קאַנטע זאַכן. דאָן ווערן די דאָזיקע תורות שבעל פּה געבראַכט אין די רעספּעקטיווע דרוקערייען פון די צוויי „פּאַרטייען" (די „אַלטע" צו פּרופּסן, די „נייע" צו יוחנן רופא). דאָרטן ווערן די דאָזיקע שטיקלעך און ברעקלעך „קונסיפּירט", ווי מען האָט זיך אויסגעדריקט אין אַמסטערדאַם, און צונויפגעשטעלט. פאַר א מוסטער האָבן געדינט די האָלענדישע פאָלקס „פּראַאַטיעס" און דיסקורסן. אפילו די „דע־קאַראַציעס" טראָגן זיי איבער לעבעדיקערהייט פון די פרעמדע מוס־טערן. דיזעלבע אכסניה, פּאַסטוואָגן, שיף א. א. וו.; דיזעלבע טעכ־ניק און ענלעכער דיאַלאָג. א נייע רכילות ברייננגט אריין א נייע גע־שטאַלט אָדער ריכטיקער געזאָגט א יידן מיט אַן אַנדערן נאָמען. א ר' גומפּיל, ר' סנדר, אָדער ר' יעקב. אפילו אשה'ס פיגורירן אין די גע־שפּרעכן. דאָס פאָלק איז ניט אזוי פרום און דערלאָזט אַן אשה מיט־צואַרבעטן אין דער „הייליקער" ארבעט צושטייער טאָן א רכילות. כדי צו פאַרטומלען דעם עולם זענען אפילו די פּערסאָנאַזשען כמעט די־זעלבע איןביידע סעריעס פון די דיסקורסן. פון דער אויסערלעכער זייט איז שוין אָפּגערעדט. האָט דאָך דער פאַלסיפיקאַט געטעהנעט

אין אַ ספּעציעלער פּיפּיקער מודעה, אַז ער איז דער אָריגינעל און דער צד שכנגד מאַכט אים נאָך *).

אמאָל לאָזט זיך פון אַ רעמאַרקע אויפדעקן אַביסל טעמפּעראַ־מענט, אַביסל גאוה און אַמביציע צו געפעלן דעם לייענער, צו מאַכן אַן עפעקט.

אין נומער 6 פון דער א. ק. זאָגט איינער פון די „מיטאַרבעטער" אַז „נון האָפּי דש אונזרי דיסקוהרש היינט אוביגט פון גוט עפעקט זיין מעכטי".

און אין די אָוונטן, נאָכדעם ווי דער עולם האָט געקויפט פאַר צוויי אָדער צוויי און אַ האַלב שטיבער אַ ביכעלע אויפן שול בריק וואָס האָט געפירט צו דער גרויסער שול פון די אשכנזים, איז מען מסתמא געזעסן אין די קאַפעען (די סאָרט „פּאָליטיק", וואָס שטעקט אין זיי איז דאָך נאָר פאַר מענער!) און זיכער הנאה געהאַט און געלאַכט פון די בטלנישע וויצן, וואולגאַרן הומאָר, פּיקאַנטע קאַלאַמבורן און געלונגענע לידער־פּאַראָדיעס בניגון מאַרסעליעזע (לדוגמא: די תקנות פון דער אַלטער קהילה האָבן 102 פּאַראַגראַפן, וואָס מאַכט אויס: כלבים — 102). די לאָקאַלע היים־בלוטיקע אינסינואַציעס אונטער וועלכע איז פאַר דעם „שמויש" פון אַמסטערדאַמער געטאָ געלעגן אַ שטיק צאַפּלדיק לעבן, וואָס ער האָט גוט געקענט, זענען פאַר אונדז ניט מער ווי היסטאָריש שטויב, פון וועלכן מיר ווילן אויפדעקן דעם פעניקס פון יענער טעמפּעראַמענטפולער תקופה אין דער געשיכטע פון יידן אין האָלאַנד.

די „פּובליציסטישע" ניוואָ פון די אַרטיקלען און אויפרופן איז ניט קיין הויכע אפילו פאַר יענער תקופה.

קודם־כל דער ריין־פּערזענלעכער צוגאַנג צו די קעמפער פאַר דער עמאַנציפּאַציע פון יידן.

זיי זענען אַלע אין די אויגן פון דער א. ק. „בייזע גייסטער", די צייטונג פון דער נייער קהילה ווערט געשטעמפּלט מיט אַזעלכע עפּיטעטן ווי „לומפּ ביכלכי", שונד בלעטר", „שורקן בלאַט", „איין גאַנצי האַנד פול מישט", „רשעות ביכלעך" א. א. וו. אַזעלכע יידן ווי פרידריכספעלד און ליטוואַק דאַרף מען זען טויטע, וואָס ווערט אויסגעדריקט גאָר „אַפאָריסטיש": „קריעה איבר זעלכי יהודים".

*) „דויא ווערין קיין עקזעמפּלאַרן פר עכט ערקענט ווערדן דיא ניכט פון דעם שרייבער זעלבערשט אונטר צייכנט זינט" לייענען מיר אין נומער 1 (פּיקטיווער נומער 13) פון דער א. ק.

פאַר דער באַציהונג פון דער אַלטער קהילה צו די שריפטן פון די „נעאָלאָגען" האָבן מיר צום גליק אַ זייער וויכטיקן מקור.

איידער דער „דיסקוהרש" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען רעגל־מעסיק האָט דער קלוב „פעליקס ליבערטאַטע" אַרויסגעגעבן פיר נו־מערן פון אַ פּראָפּאַגאַנדע שריפט א. נ. אונטערררעדונג.

ווי אַזוי מען האָט רעאַגירט אויף די דאָזיקע אויסגאַבעס זאָגט עדות אַ מיטצייטלער, אַ געוויסער בנדיט בן אייזיק בינג, וועלכער האָט געפירט דאַטירטע נאָטיצן, געשריבן אין יידיש.

אונטער דער דאַטע פון 17טן מאַרט, 1795, לייענען מיר ביי אים אַזוי:

„נון האָט יוחנן דאָקטאָר *) בגונין אויז צו געבן איין בלעטיע [בלעטל] וועלכש אין סאהמינשפראך (!) [גיפטיקער שפראך] איז גיהאלטין ע"י אורי אונ' הירש אום נור דען דאממיט מענשן אן זיך צו ציהן אום ח"ו כופר בעיקר צו זיין, אום אפסילוהט [אבסאָלוט] מחלל שבת בפרהסיא צו מעגין".

בינג איז געווען אַן אָנהענגער פון דער אַלטער קהילה. דערפאַר שרייבט ער, אַז די בראָשורן פון די נעאָלאָגן זענען גיפטיקע.

אונטער דער דאַטע פון 27טן מאַרט, 1795, איז ביי אים פאַר־שריבן, אַז

„יוחנן דאָקטאָר האָט גיגעבן אין זיין שענד בלאַט אורי אונ' הירש איבערזעצט אין פלאַט טייטש דש רעכט פון דען מענש, הכל נור אום דש המון עם מב"ע [מבני עמנו] בייא זיך צו ציהן, אבל הילפס בס"ד [בסיעתא דשמיא] הכל ניקס".

דאָס מיינט ער די דעקלאַראַציע פון בירגער רעכט, וואָס דער קלוב „פעליקס ליבערטאַטע" האָט אַרויסגעגעבן אויף יידיש („פלאַט טייטש") וואו די צוויי פאַרשוינען פון דער „אונטערררעדונג" ר' אורי און ר' הירש דעבאַטירן וועגן דעם.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס פאַרלאָזן זיך אויף גאָט האָט ווינציק וואָס געהאָלפן.

אויף די אַלגעמיינע אַטאַקעס פון די אָרטאָדאָקסן איז די נייע

---

*) יוחנן דאָקטאָר איז דער בעל־הבית פון דער דרוקעריי, וואָס האָט צו יענער צייט געטראָגן די פירמע: יוחנן לוי רופא ובנו בנימין און האָט עקזיסטירט זינט 1726 (געגרינדעט פון נפתלי הירץ רופא פון עמדען). דער דאָזיקער י ו ח נ ן ו ו א ן ע מ ד ע ן איז געווען אין דער פאַרוואַלטונג פון „פעליקס ליבערטאַטע" און אַ מיטגליד פון „עדת ישרון".

קהילה ניט געבליבן שולדיק. זי האָט ארויסגעשטעלט איר ארסענאַל פון אדיעקטיוון.

ווען די שרייבער פון די ביכלעך פון דער אַלטער קהילה שרייבן זיי, אז „איין רעכטשאפנר, באוואוסטער, ערליכר שרייבר, דער שרייבט ניט פאר זיי". (נום. 14).

אלזאָ: „פען קנעכט" זענען די, וואָס שרייבן פאר די פרנסים! די „נעאָלאָגן" אטאקירן די פרנסים מיטן גאנצן אימפעט פון דער אי־דעאָלאָגיע, וואָס זיי רעפרעזענטירן. די דאָזיקע אידעאָלאָגיע איז דער בורזשואזער ליבעראַליזם אין זיינע „וועסנע" יאָרן... ער האָט זיך געשפייזט רהבותדיק מיט די זאפטן פון דער פראנצויזישער רע־וואָלוציע. זייער האָס קעגן דעספאָטיזם איז געווען א שטארקער, זייער שטרעבן אים אָפשאפן אין יידישן לעבן, פונקט ווי ער איז שוין פארניכטעט געוואָרן אין מלוכה־לעבן פון האָלאנד, איז געווען אן אויפריכטיקער און א נויטווענדיקער, דיקטירט פון די קלאסן־אינ־טערעסן, וואָס זיי האָבן פארטראָטן.

עס איז ניט קיין קאפריז געווען מצד די פרנסים די אָריענטאציע אויף די אָראַניער. די דאָזיקע ענגלישע דינאסטיע האָט פארקערפערט דעמזעלבן פעאָדאַלן סיסטעם אין דער עקאָנאָמיק פון האָלאנד, ווי די פרנסים האָבן דאָס רעפרעזענטירט אין דער עקאָנאָמישער סטרוק־טור פון דער פעאָדאַלער יידישער קהילה אין אמסטערדאם מיט איר עקאָנאָמיק.

זיי זענען געווען פונקט אזא דינאסטיע, ווי, להבדיל, די אָראַ־ניער. די וואלן זענען געווען א חוזק פון דעמאָקראטיע. די פרנסים האָבן געהערשט מיט א פעסטער האנט, קאָנטראָלירט די קהילה און אַלע אירע אינסטיטוציעס און געזוכט צו ציען וואָס מער הכנסה פאר זיך פון פלייש־שטייער און אנדערע מאָנאָפּאָלן. דאָס ווערט בולט ארויסגעבראכט אין די דיסקורסן פון דער נייער קהילה און היסטאָריש איז דאָס ריכטיק.

די פרנסים ווילן ניט אָנערקענען קיין שום מאכט, חוץ דער מאכט פון דער קהילה.

„וויר בהאלטן אונז קראכט [קראפט], קיין מלך איז זויא סאָ־ווערייִן אלס קהל" — דאָס איז די מאָטאָ אויף א פאָלעמישן ארטיקל אין די דיסקורסן, נומער 23 פון דער נ. ק. די ווערטער ווערן צוגע־שריבן דעם פרנס יוסף פרינץ. אויב זיי זענען צוגעטראכט פון דעם שרייבער, זענען זיי אָבער ניט אויסגעטראכט. זיי דריקן אויס די מאכט פארהעלטענישן אין דער אמסטערדאמער קהילה פון

יענער תקופה און דערפאר איז געווען אזוי שווער צו באקעמפן די פרנסים, ווייל חוץ אנדערע מאטיוון האבן זיי געהאט ארגומענטן וואס האבן ממש געשראקן די יידישע מאסע.

די „נעאלאגן" ווילן זיך מתחתן זיין מיט „אינו נמולים". (נומ. 2 פון דער א. ק.).

זיי ווילן ארויסטראגן פאר דער „גואישער וועלט" יידישע רעלי־גיעזע ענינים און דערפאר דארף מען ניט האבן קיין יידן־דעפוטאטן אין באטאווישן פארלאמענט. עס זיצן דאך דארטן קריסטן אויך! צו וואס זאל מען דערלאזן אריינמישן זיך אין יידישע ענינים?

די דאזיקע ארגומענטן האבן געווירקט קאנסערוואטיוו אויף די יידישע מאסן, א פשיטא נאך, אז די יונגע קעמפער, זעענדיק, אז זיי קענען ווי א הייפל ניט דורכפירן די געוואונשטע רעוואלוציע אין קהל — האבן זיך טאקע געווענדעט צו דער רעגירונג נאך הילף.

דאס ארויסטרייבן פון די פרנסים מיט דער הילף פון סאלדאטן האט זיכער ניט פארשטארקט דעם פרעסטיזש פון די „נעאלאגן".

אנאלאגיש איז אויך געווען דער קאנפליקט אין דער ספרדישער קהילה אין הארלעם (אין אמסטערדאם האבן זיך די ספרדים גע־האלטן לאיאל און נייטראל).

דארטן האט די רעוואלוציע אויך געווירקט אין דער ריכטונג פון דעמאקראטיזירן דעם וואל־סיסטעם. די ספרדישע פרנסים האבן געקוקט אויף זייערע אמטן ווי אויף א משפחה חזקה. די יונגע האבן דאס מער ניט געוואלט ליידן. זיי האבן פאראינטערעסירט די רע־וואלוציאנערע רעגירונג אין דעם קאמף און זי האט אריינגעשיקט א מלוכה־קאמיסאר צו פארוואלטן מיט די ענינים פון קהל. קעגן דעם האט זיך אויפגעהויבן א העפטיקער פראטעסט. מען האט באשלאסן מאכן נייע וואלן און די „פאטריאטישע" ספרדים זענען דורכגעפאלן מיט 8 שטימען (22 פאר די אלטע און 14 פאר די נייע).

די שבועה, אבער, פון געטריישאפט צו דער רעוואלוציע איז מיט גרויס פאראד דורכגעפירט געווארן אין דער סינאגאגע.

דאס זעלבע טאן אין אמסטערדאם האבן די „נעאלאגן" ניט גע־קענט. צו קליין איז געווען זייער ארמיי. פון איבער 20,000 יידן אין אמסטערדאם זענען נאר 700 געווען מיטגלידער פון דער נייער קהילה!

דערפון נעמט זיך, אז מיט דער גאנצער אימפעטיקייט פון דער אטאקע זענען די אנהענגער פון דער נייער קהילה דאך רודף־שלומדיק געשטימט און זוכן א „פאראייניקטן פראנט" מיט דער אלטער קהילה.

די אַלטע קהילה אָבער פּאַרטיידיקט שטאַרק אירע אַלטע פּאָזיציעס און פּריווילעגיעס. זי וויל ניט קיין „אומוועלצונגען"; זי איז פאַרן ancienne regime. זי האָט אַ סך געמיינשאַפטלעכעס מיט אַלע קאַטעריעס און גרופּעס אין די לענדער, וואָס זענען געלעגן אין דעם קרייז פון השפּעות פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און וואָס האָבן געהאַפּט און געביינקט נאָך דעם „אַמאָל".

אָבער די ליבעראַלע בורזשואַזיע האָט איר גורל פאַרבונדן מיט דער נייער הערשאַפט, מיט דער פראַנצויזישער אָריענטאַציע.

„דיא גאַנצי מדינה איז פרייא און גאהל [גלייך]: דיא פרנצי [פראַנצויזן] העבן זויא גוהט אן דיא יהודים דיא פרייהייט געגעבן, אז וויא אן דיא קריסטענען" באַלערנט יעקב איינער פון די מיטשמועסער אין דיסקורס פון דער נ. ק. (נומער 20).

דערויף ענטפערן די אָנהענגער פון אַלטן רעזשים, אַז כדי געניסן פון פרייהייט דאַרף מען קיין חברות ניט (אַ רמז אויף „פעליקס ליבערטאַטע"). די פּרנסים גופא וועלן פאַרטיידיקן די דאָזיקע „עגאַליטע", וואָס מען האָט זיי געגעבן. ראשית קענען זיי פערזענלעך די שררות און די אַלטע שתדלנות מעטאָדן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר גוטע.

ערקלערט זיי ר' יעקב פון דער נ. ק., אַז צייטן האָבן זיך געביטן און ממילא אויך די מעטאָדן פון קאַמף. דער ענין פון „חירות" איז ניט נאָר אַ יידישער ענין. ער איז חל אויף אַלע בירגער. יידן זענען דאָך בירגער פון לאַנד. דערפאַר קענען די פּרנסים ניט זיין מער קיין שתדלנים פאַר יידישע רעכט, ווייל פרייהייט באַשטייט טאַקע אין דעם וואָס עס איז נימאַ מער קיין יידישע רעכט.

דאָס דאַרף איצט טאָן די „וואול דענקנדי קריסטענה אונ' דיא יודישע פּאַטריאָטן", און ניט די פּרנסים, וועלכע ווערן עפּיטירט ווי „קאַנאַליעס, אַריסטאָקראַטן און דוועהרפּס" [קאַרליקעס]. (דיסקורס, נומער 3).

זיי ערקלערן די יידן, וואָס מיינט מלובה־מאַכט; אַז אַלע, וואָס זענען צופרידן מיט דער קאָנסטיטוציע זאָגן: יאָ, און אַלע קעגנער זאָגן: ניין.

צו די וועלכע קוקן אויף קהל, ווי אויף די העכסטע מאַכט, זאָגט דער שרייבער פון דעם נייער קהילה אַזוי:

„ווען אַ קייזר הייסט דאַרף מען טאָן" אַ פּשיטא ווען אַ פאָלק, וואו אַלע האָבן רעכט און קען „זעלבשט מיין רעגיהרונג מיט העלפן מאַכן אונ' אהך [אויך] יהודים און דיא רעגיהרונג האָבן

וואז עס שוין גאָט לויב און' דאנק זויא ווייט אין אונזר מדינה איז" (נומער 2).

אָבער די פּרנסים האָבן דאָס ניט געוואָלט און ניט געקענט פאַר־שטיין.

ביידע צדדים האָבן פאַרטיידיקט זייערע פּאָזיציעס, ווייל עס איז געווען — ווי עס באַמערקט ריכטיק דער האָלענדישער היסטאָריקער Boekman — אַ קלאַסן־קאַמף אין בוזים פון אַמסטערדאַמישן יידנ־טום, וואָס האָט זיך קלאָר מאַניפעסטירט אין דעם קאַמף פון דער ליבעראַלער יידישער בורזשואַזיע קעגן דער מאַכט פון די פּרנסים".
(De Vrijdagavond, 1929, VI, 106)

דערפאַר שפּיגלען אָפּ די דאָזיקע טשיקאַווע ביכלעך אַזאַ אינטע־רעסאַנטן דועל געפירט פון איין זייט מיט ראַציאָנאַלער פּראָפּאַגאַנדע פון יענער תקופה, פון דער צווייטער זייט מיט אימפּולסיווע אַטאַ־קעס, וואָס האָבן זיך באַמיט צו פאַרטיידיקן דאָס, וואָס פריער אָדער שפּעטער איז געווען פאַרמשפּט צו אַן אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג.

מען מוז אָבער למען האמת פעסטשטעלן, אַז די שרייבער פון דער נ. ק. זענען אַ סך ערנסטער, איידער די, פון דער א. ק. בעת די ערשטע האָבן פאַר זיך אַ קאָנסטרוקטיוון פּראָגראַם און באַמיען זיך איבערצייגן די קעגנער, אַז עס איז ניטאָ קיין סתירה צווישן רעליגיע און עמאַנציפּאַציע, טוען די צווייטע גאָרניט, נאָר שפּעטן זיי נאָך און אויף יעדער סאַטירישער המצאה פון די „נעאָלאָגן" ענטפערן זיי מיט קאָנטר המצאות, וואָס איז ניט מער, ווי אַ דראַנג מבטל מאַכן דעם צווייטן.

חוץ דעם האָבן די פּרנסים אויסגענוצט זייער איינפלוס כדי ניט צו דערלאָזן דאָס פאַרשפּרייטן פון די דיסקורסן פון דער נ. ק.

די פּרנסים האָבן אפילו אָנגענומען אַ באַשלוס אַז „דער דרוקער ר' יאָאכים און זיין שוואָגער, וועלכע האָבן זיך אויסגעדריקט קעגן אונדז מיט אינסינואַציעס און געדרוקט ביטול־ווערטער און אויך באַשפּאָטן די יידישע געזעצן און אונדז — אַז זיי זאָלן פון היינט אָן מער ניט מעגן גאָרניט דרוקן פאַר דער קהילה לעולם ועד" (צי־טירט לויט De Vrijdagavond, 1928, 308).

מסתמא האָט מען די דאָזיקע שריפטן סיסטעמאַטיש פאַרניכ־טעט, ווייל היינט צו טאָג זענען זיי זייער זעלטן און די ביבליאָגראַ־פיעס פאַרנאָטירן ניט מער ווי זעקס קאָמפּלעטן אין דער גאָרער וועלט *).

*) אַמסטערדאַם — צוויי, ניו־יאָרק — צוויי, פראַנקפורט אם מיין — איין און אין אַ פּריוואַטער זאַמלונג — איין.

י. שאַצקי

# הוספות

1) אַן אַרטיקל פון „דיסקוהרש" פון דער נייער קהילה (נומ. 11),
2) אַ „רעדע" צו דער אַלטער קהילה (נומ. 20).
3) אַן „אויפרוף" פון דער נייער קהילה („דיסקוהרש" נומ 22).
4) „יודש פאָלקס ליהד" בניגון מאַרסעליאַנשע מערש.
5) איין אנדר ליהד בניגון קארמאניאלע.
6) ביבליאָגראַפישע רשימה פון די „דיסקוהרשן".

## 1

אן דיא מאנארכען זיך נעננענדע פרנסים פון דיא אלטי קהילה אוני אן דיא גאַנצי אַלטי קהילה שלאווערנייא [1].

דז איך אייך אונטר דריקרס אונד איהר אונטר דריקטע אל צייט פר דום האבי גהאלטן קען איך ניכט לייקענען. ניכט איך אלליין זונדרן זעלבסטן דיא קלוהגשטי אונטר אייך. דיא נור וועהגנס פרנסה און אייך גקעשענט בלייבן מוזן דיא בויסען [2] לייטען דיא גאַנטץ פרעמדע לייטען קארטץ אין יעדר פלאַטץ וואו נור דער רוהף אייער קאראַקטער הין ברינגט גיבן אייך דען זא ריכטיגן טיטול: דום, ערטץ דום, ערשרעקליך דום אונד באהס האפט. איך ברויכה ניכט יעדר פון אייך פרנסים צו נעננן עז צו בוויזן דען אין איין אויף שלאַק לאסט זיך אייער גאנטצעס בזעהן אונד פון דיא טיילען שליהסט מן אויף דז גאַנצי אונד אלזא איז דער פראָדוקט דום אונד ניכט אנדרשט אלז דום. דאָך איין גוהטר שעניום [געניוס] רעגיהר־טע אייך דז איך וואול איין דוממע קלוהגהייט נעננן מאהג דז איזט דז איהר אויף אל דז וואהר האפטיגה שרייבן וואז מן זא וואהל אין קור־ראנטן אלז אין ביכלכים קעגן אייך גשריבן האָט ניכטס קעגין גשריבן העט דז וואהר איין מאהל איין דוממער פר נונפטיגר איין פאל. דען צו דום אום אייער ניכטס ווערדיגס בטראגן מיט איין מענטלכי צו בווימפלען [3]. צו דום אום דעם גמיינר מאן דורך פר טיידעגונג נאוך מעהר איין צו פיהרן אונד אום בקוואהם וויא איין יעדר אום ווארהייט אונוואהר צו מאכן. צו פיהל אין גוויסן גדריקט אום אייערע טאהטן

---

1) קנעכטשאַפט — slavernij
2) בייזן
3) באַהאַלטן, פאַרמאַסקירן — bewimpelen

צו רעכט פערטיגן. טאהט איהר בעשט ניכטס צו שרייבן. אויף איין מאהל פוהר דעהר טייפלשי שרייב זוכט אויך אין גדאנקן: הייארט[1] איין שרייבר. אונד איהר שרייבט. גאָט, גאָט וועלכי ערטץ דוממע גשעפער! האבן זיך פר פרנסים פון זויא איינה קהילה אויף גווארפן. דיא נור אויף דז ביסיע [ביסל] פר מעהגן. אונרעכטיגס פר מעהגן פראהלן גלייך אויב איין זאָק גילדנס מעהר אודר וועהניגר גנונג זייא איין פאָלק פון טויזענדע מענשן צו רעגיהרן. אונד וועלכר איין שרייבר! הערר סקריבענט, זאהג מיר איין מאהל אין פר טרויאן וואז האסטו גשריבן? האָסטו מענשן איבר צייגט דז דיא נייאי קהילה אונרעכט האט? האָסטו איבר צייגט דז דיא נייאי קהילה דז בלוהט דעם ארמען אויז זויגט וויא דיא אלטי טוהט? האָסטו איבר צייגט דז איין קצין מעהר קאפ האָט אודר האָבן מוז אלז איין דלפון? האָסטו איבר צייגט דז עס איין חרפה איז איין דלפון צו זיין? האָסטו איבר צייגט, דז דער קעגין ווערטיגר קצין אל צייט קצין בלייבן מוז? פון אללעם דז ניקש! דען דוא קענסט עז גיט! סיין מענש קען זאלכם! דוא בלעשטרסט [באלעסטערסט] דיא מענשן בוויילן רוב דלפנים דרין זיין. זאָהגסט אהני עז צו בווייזן דז זיא גוים זיין! וועה איבר דיר נר. קוק אין דיין בוזעם. אין דיא בוזעם פון דיא אלטי קהילה. דא ווירסטו פינדן וואו מיט[2] דוא דיא נייאי [קהילה] בלאמיהרסט[3]) עהזל [אייזל] בלאמיהרסט לייטן ווייל זיא נאָטיהרליך גברעכליך זיין אונד ווילסט לייטן הער פאהר ציהן דיא זיך דורך איהר שלעכטעס בטראהגן פון טאהג צו טאהג זברעכליכה מאָכן! אודר שרייבשט דוא נור אום דיין פר גטכי (?) דיין גרויסע לעטרס אונד דיין לשון הקודש הערען אונד זעהן צו לאָזן? דעהר שמש זאָהגסטו האָט קיינה לעמוהנען[4]) מעהר אונד דענקסט ניט דז דיין שמש, קיין ליינוואהטען(?) מעהר האָט. פלוהכן נור קענסטו! הייסט דז קעגין שרייבן! עהזעל, שורק! שרייבסט נור געלד צו פר דיהנען אונד זאָהגסט קיין וואהר הייט! דוא דעהר זויא פיהל אונגרעכטע טאהטן אויז גפיהרט האָסט לאסט דיך בצאהלן אום עהרליכע לייטען געגין צו שרייבן. ביסט דוא דוממער עהזעל פום טייפל בזעססען. שענשט [שענדעסט] דוא אויף מאן דעססן פוהס דוא ניט וועהרט ביזט צו קוסן! אויף איהר

---

1) דינגען — Huur
2) מיט וואָס
3) בלאמירן — קאָמפּראָמיטירן
4) קאָרט — lamoen

רב שענשט דוא! קענטע איך ניט אויף דיינם אויך שענדן? קאנטע איך ניט אויך זאָגן דיינר איז קליין. אָבר איך לאס איהם אין גאטס נאהמען קליין אונד דער נייער רב גראהס זיין. ניין הערר סקריבענט שרייב, אבר שרייב מיט שכל. האשטו גרונדן געגין דיא נייאי קהילה איין צו ווענדן. לאס הערן! מן ווירט דיך ווידר לעהגן, איבר ציינגן אונד וואז דוא האָסט גלייך געבן. אָבר קומסט דוא מיר ווידר מיט זיי איין אינפאם[1]) ניכטס בדייטינד דינג פר דעם טאָג זא ווייסע דז איך מיין פעדר געגין דיך שאַרפן ווער. דז דיא דיך דורך לייב אונ' זעהלע געהן ווירט. דיין נאהמען ווירדי איך אויך ניכט שאהנן, אונד איהר האהגעהרטע הערן דומהאנס[2]) פרנסים איך ווינשע אייך גליק מיט דען איין פאללי שרייבן! צו לאססן זיכר ווירט איהר עז אין אייער האכלעבליכע קאלעשיע קאמר[3]) רעווידיהרען עה [איידער] עס דיא פרעססע בטרעהטע אבר גלויבט מיר זויא פיהל איזט דוד דיקיע ניט גמאסיגט. זויא פיהל פויטן איהר איממער דרין לאססען ווירט דז דער ליבר גאָט אייך אנדרע רעכט שאפנע גדאנקן איין געבן מעכטע דז גאָט דיא אויגן אייער בלינדע קהילה עפנן מעכטע דז גאָט דיא נייאי קהילה זעהגנה אונד שוטצע ווינשט איין מענשין פריינד".

2

## אנרעהדע אן מיין מיט בריהדר וועלכע זיך נאָך אונטר דיא אלטע קהילה בעפינדן

איינפעלטיגה, איינגעפיהרטע מענשען! מיינה ליהבע מיט בריהדר! הערט נוך איינמאָהל דיא שטיממע איינס מענשען פריינד. הערעט נאָך איינמאהל דיא שטיממע איינר וואהרען יהודי אונד אורטיילט, אורטיילט אָבר אויך ענטשידן! שימפן אונד לעסטערן איזט מיינה זאכע ניכט. נור איך וויל אייך האָהר [דאָ] קליין דיא האַנדלונג אייערער פרנסים פר אויגן לעהגן אונד איהר זאָלט אורטיילן אויב איהר האַנדלונג פר אייער וואהל זיין וואהר. אבר איהר זאָלט אויך אורטהיילן דיא האַנדלונגן פון פעליקס ליבערטאַטע, דיא סאָסיעטיהט [געזעלשאַפט] וועלכי זיך אין דיא גאַנצי וועלט בייא אללי וואהל דענקענדע יהודים איין שם טוב גמאַכט האָט, דיא וועלכי פון אייער

---

1) שענדלעך — infaam

2) נאַרישע לצים

3) דאָ מיינט עס קהילה שטוב — college camera

פרנסים זויא שלעכט אונד נידרטרעכטיג בהאַנדלט איזט בלייבט ניכט אויף דיזום צייט פונקט שטעהן, געהט אבר פיהלע יאָהרען צו ריק. אונד זאָגט מיר אויף ריכטיג: וואש אויב וואהל נאָך פרנסים זא לאנג דיא קהילה שטיהט פר גוהטס פר יהודים אויז גריכט האָבן? ניכטס אַנדרש אלש אין דש פאהריגע בעשטוהר[1]) אפראבאציעס אונד צאנקציעס [פארוואלטונגס הסכמות און באשטעטיקונגען] אויף איהר תקנות סדום ער זוהכט אונד בקוממן תקנות וועלכי ניכט צור וואהל זיין אונד בשטאנד דער גמיינר מן איין גריכט זי זינד. ניין! דער גמיינר בארגר מן[2]) קומט אללעש צו לאשטן[3]). דער רייכער איזט דא בייא פרשונד [פארשוינט]. לאָזן זיא אייך איהרע ביהכר ווייזן וואו אל דאש אויף גבראכטי געלט איז גבליבן אונד איהר ווירט פינדן אהן צדקה גבאי דער דיא צדקה מיט איין ענארמע סומא בגנבת האָט, אהן האל גבאי[4]) דער דיא האל בגנבת האָט. פר שיהדנה קצינים דיא אין גובה בוהק גשטאנדן זינד ביז זיא גשטאָרבן אונד פר דארבן זינד. דש געלט פר לוהדרט אן חזנים ורבנים אן ניכטיעז[5]) אונ' נעהפיעז[6]).

אום אל דש גוהט צו מאכן האָט מן יעדר יאָהר דיא איינקומשטן פון דיא האל[7]) פר גרעסרט. אויף וועם זיין קאָפּ' איז דש אויז גגנאנגן? אויף דעם גמיינר מאן. דער בקומט שינדר פלייש, ביין, קנאכן, גאהר זיין גוויכט ניט. דער קצין בקומט דיא ברישט, ריבבן, דש פעט. אנדרי פינאַנציען וואהרן ניט צו מאכען דען דיא פרנסים וואהרן קיינע פינאאנציהרס. וואש האָט מן מוזן טוהן? אין שטאט איין גענעראהלע בלאשטונג[8]) אין פריאר צייטן אויף דיא ב"ב[9]) כל אחד לפי ערכו צו מאכן האָט מן ליבר דיא קהילה אין חובות גשטאָכן. זונדר דש זיא נימר דא צו געפולמעכטיגט וואהרן אונד דען דאך ווידר האלבי פלעטן אב גענאממן דיא שלעכטי דירעקציע האָט גמאכט דש אל דש געלט וויא איין זינק טיף איז גזונקן. זיא

1) רעגירונג, פאַרוואַלטונג — bestuur
2) בירגער מאַן
3) צו טראָגן
4) דער גבאי פון דער „קאָראָבקע"
5) קוזינען — neefjes
6) פלומעניקעס — nichtjes
7) פלייש האַלע
8) אַלגעמיינע באַשטייערונגען
9) בעלי הבתים

וואהרן צו שטאָלץ אום יחידים אן צו רוהפן זיא איין פּלאַן צור פר בעסערונג צו מאַכן. וואש איהר נוו[1]) אין דיא פאהריגע צייטן אין דיזע מדינה וואהרט ברויך איך אייך ניכט פיהל וצו זאָגן. שלאהוועז [שקלאַפּן] וואהרט איהר לייט. קוים דש עז אייך פּערמיטיהרט [דערלויבט] וואהר אייך צו ער נעהרן. תקנות המדינה וואהרן דש איהר וואול פּובליהק שוהלן מעהגט גיהן אבר פר הונגר צו שטערבן[2]) אין מקום צוגעהן, אויז [הויז] טרעהגערייאן, נייאי קליידר צו פר קויפן, בעלי מלאכות ניקש פון דז אללעש העט איהר טירפּן[3]) טוהן. מן האָט מיט אייך דורך דיא פינגר גזעהן. אונד דאָך וואכט געלט, קאפי אונד טעה געלט אונד אַללעש וואש דער אינו נימול[4]) אויף געבראַכט האָט העט איהר אויך מוזן אויף ברינגן. נבזה ונמאס וואהרט איר בעיני עם הארץ. בייא מלחמה צייטן העט איהר אל עז געפאהר מוזן אויז שטיהן וויא יעדר איינוואהנר. מן האָט אייך איינש [אפילו] קיין דאַנק דא פאהר [דערפאַר] גוואוסט וויא פיהל מכשולים זיי דויא דארך ענטשטאַנדן. איין גמיינר מן מיט איין הויז האלטונג גדרוקט פון דיא מדינה, גדרוקט פון דיא פּרנסים האָט אללעש אָן וועגדן מוזן זיין קאשט [חיונה] צו פר דיהנן. עז וואהר איהם ניט צו פר דענקן דש דויא דורך פיהלע רענקע אונד שעלמע־רייאן גשעהן זענן וואו דורך ער קיין נאמנות אצל עם הארץ האטטע. איהר זייט אימּמר דש לאַנד גטרייא גבליבן. איהר וואהרט דש יאָך גוואהנט אונד הרגל נעשה טבע דא דורך וואהרט איהר דש אראניע סיסטהעמא [די אָראַנישע מלוכה אָרדנונג] זא צו גטאהן. אבר זאהגט מיר וואש האבט איהר בייא דיא אומוועצטעלינג [אומוועלצונג — ענדערונג — רעוואָלוציע] אין עש יאָהר 1787 גוואוננן? האָט מן אייך מעהר חריות [פרייהייט] צו גשטאנדן? דער פּרינץ האָט פּער־מיטיהרט יהודים מעגין אין איטרט [Utrecht] וואהנן. דש הייסט הייאר[5]) טירפּן זיא פר איין הויז צאהלן אונד מיט אנדרי בארגרש גלייכי לאשטן טראָהגן. אבר ווינקלי[6]) טערפּטן זיא נישט טוהן. דש הייסט חריות. ווען איך ניקש טערף האנדלן וואו פון זאל איך דען אויף ברינגן. גאָט ב״ה האָט דש ניט לענגר קענן פר זיך זעהן. דיא

1) ניי, ניט לאַנג — nieuw
2) אַ פּראַזע, אַנטנומען פון אַ ס ס ע ר ס אַ רע״ע (זע אין טעקסט).
3) דאַרפן
4) אַ ניט ק יוןיידן
5) דירה געלד
6) האַנדלען

פראַנצאהזע האָבן איין רעוואָלוציאהן אין איהר מדינה פול בראכט אונד האָבן גזאָגט: דער מענש איזט פרייא דש איזט: פרייא אין זיינה גדאנקן. ער מעהגט גאָט דיהנן וויא ער וויל. דש הייסט יהודי אודר קיין יהודי אונד ער איז דאָך מיט זיינה עבין מענשן גלייך דש הייסט גלייך איזט ער איהם אום אויף אללעם אנשפרוך צומאַכן ווען ער בראהף אונט טוגנטהאפט איזט. אים פר מעהגן קען דער ארמר מן דעם קצין ניט גלייך זיין ער איזט איהם אבר דאָך גלייך, ווען יעדר נאָהך זיין ערך אויף ברינגט איז דש ווענינגה פון דעם ארמר מן זא פיהל אונד פילייכט נאָך מעהר אלש דש פיהל דעם רייכן. אונד ברוהדרשאַפט איז כלל גדול שבתורה ואהבת לריעיך כמוך. דיא פראנצאהזן זינד היר קומן אונד דיזי מדינה האָט אויך דש סיסט־העמא [1]) אָנגענאָממן אונטר זא איינר גראהסע מעננגע יהודים גב"הז. האָבן זיך וועהניגע אויף גטאהן דעוועלכי עז פרשטאנדן האָבן. זיא וואהרען מייסטענטיילס אללי אין גרעסטע פורכט. דיא פרנסים מיט איהרע אנהאנג דיא פיהל געלד אויף ענגילאנד פר דיהנען וואהרן שונאים גמורים פון דיזה סיסטהעמא. האָבן דעם גמיינר איינפעלטיגן מענש איינגשמוהזט(!) [איינגעשמועסט]. ער וועהרע איין אייג־ברוך באמונותינו הקדושה. דא ענטשטינדן אבר אייניגה חכמים אונד מאַכטן זיך איינה סאסיעטיהט [2]) אונד פראהגטן אל דש חריות פר דעם יהודי וואש איהם אלש לאנד איינוואהנר צו קומט? זיא פראהגטן ערשטליך דש גוועהר [3]) דא וואהר דער טייפעל לאם. דיא פרנסים פרעזענטיהרטען איין רעקוועשט [בקשה] זאלכט געגין צו גיהן. גלייך אויב דש קעגין אונזר אמונה וואהר. אבר דש וואהר דיא מיינונג ניט. דען אין אלטונה, מיטטלבורג אונד נאָך מעהר פלעטצר האָבן דיא יהודים שאהן לאַנגע דש גוועהר. אן שבת געהן זיא ניט. דען וועןעהר גפאלט עז אן שבת אונד דען קען מן דאָך פר זוימן עז וואהר נור אום דש איהר קאפריהציע [4]) עז ניט האָבן וואָלטן. וויא אויך אייניגה יהודים דא קעגין פראָטעסטיהרט האָבן אונד יעצונד ווייסט עז זיך אויז וויא פיהל יהודים געלט זיא דאָ דורך וועק גשמיססן האָבן. דען אל דיא לייטן פון פעליקס ליבערטאַטע אונד דיא 24 יחידים דיא דאָ קעגין צו דיזה צייט פראָטעסטיהרט

[1]) אָרדענונג

[2]) חברה — Societeit

[3]) מיליטער דינסט

[4]) קאַפריז

האבן. ברוכן יעצט קיינה הינטר שטאללינגה קוואטיזאטציע[1]) צו בצאהלן אונד אללי אנדרי יהודים מוזן עז בצאהלן. דא זינד לייטן דיא וואהל 50 א 40 גילדן אונד נאָך מעהר מוזן צאהלן. דש הייסט געלט וועק געשמיססן. אבר וואש געהט עז זיא אן. זיא זינד רייך גנונג. זיא קעננן עז מיססן [פאַרלירן]. אונד נאָהך דעם גמיינר מן פרעהג זיא ניקש. דש איזט נאָך ניקש נאָהך הערא [ביז איצט] האָט פעליקס ליבערטאַטע איין רעקוועשט[2]) אן דיא רעפרעזענטאַנטן פרעזענטיהרט אום דש בארגר רעכט פר יהודים צו פרעהגן, ניט פר זיך אלליין, נור פר אללי דיא יהודים. אָ מיינה ליבע מיט ברידער וויסט איהר ניכט מעהר וויא פרנסים אין האַג אויז גשיקט האבן זאלכש קעגין צו געהן. בייא דיא רעפרעזענטאַנטן דיא הייזר אב גלאפן. מיט אַדוואָקאַהטען מתיעץ גוועזט, מיט קוטשן[3]) הין אונד ווידר גריטטן, עומד ומצפה גוועזן יעדר טאַהג. דש עז ניט דורך זאָל גיהן. לעהסט [לייענט] דיא טאהג בלעטטר וועלכי אַרגומענטן אין דיא פרגאהדרונג [פאַרלאַמענט] זינד פאהר געפאללן אום אונש דא פון צו ענטהאלטן אויב שאהן דיא סעפטהעמא [ ] פון דיא מדינה עז אונש ניט האט קענן אנטהאלטן. האבן דאָך קעגינפאַרטייא אללעש אן גשטעלט אום עז קעגין צו ווירקען. ענטליך דורך פיהלע טרחות ויגיעות איז עז דאך דורך גאנגן, אויב שוין דש דריט חלק פון דיא פרגאהדרונג דויא קעגין וואהר. דיא יהודים וואהרן מיט אללע איינוואהנערען גלייך געשטעלט, וויא וויהר אויך זעהן איינינגה דיא זיך זאלכעש צור נוצטן גמאַכט האָבן אונד זיך אין דיא גילדנס געקויפט האבן. דא נאָך האָט דיא מדינה דעקרעטיהרט דיא קערק [קירך] איזט פון דען שטאהט גשיידן. דש איזט איך בין ניכט געצוואונגן אודר דיא רעגיהרונג קען מיר ניט צווינגן אונטר איין קערק גנאהטשאַפט [קירכן חברה] צו בלייבן אונד צו קאָנטריבואיהרן [בייזשטייערן]. פעליקס ליבערטאַטע איזט נאָך ניכט שטיל גזעססן. זיא האבן עטוואש בווערקט וכל המתחיל במצוה אומרים לו גמור. זיא האבן אין אויגן שיין גענאממן דער שלעכטער מעמד מהקהילה. האבן זיא זיך אנגעבאטין אצל הפרנסים צור רעדרעססע[4]) מהקהילה אונד וועז זיא ניכט וואללן דיא געפאלגען על חשבונם צו לאָזן. אָבר פרנסים האבן זיא ניכט אנגהערט אלש

---

[1]) קוואָטע, באַשטימטע סומע — Quotisatie

[2]) בקשת

[3]) קאַרעטן

[4]) באַשטעטיקונג — redres

לייטע דיא פון דש וואהל זיינש אללער יהודים קיין צייט, קיין טרחה,
קיין געלט גשפאהרט האבן. ניין! האבן זיא אבר שענדליך אבגוויזן
אונד האבן דיא פירוד בהקהילה דא דורך פר אורזאכט, וויא פעליקס
ליבערטאטע קשי ערפס גזעהן האט האבן זיא רעזאלפיהרט [בא־
שלאסן] זיך פון דיא סובארדינאציאהן לאס צו רייסן אונד איין נייאי
קהילה צו מאכן, וויא זיא אויך ב"ה גמאכט איז. אונד דא מיט איזט
דיא סאסיטיהט פראווישינעהל [צייטוויילִיקע חברה] אויז אנגדר גע־
גאנגן. פרנסים האבן אין כרוז לאזן אויש רוהפן שענדליך אונד נא־
ריש דען זאהגט איהר מיר איין מאהל מיינה איינפעלטיגה מיט
בריהדר זענן מיינה קינדר ממזרים אום דש מיין פרויא אויף דיא
הערדן גראפט אונד ניט אליץ דיא האליץ מארק אין מקוה גיהט? [1])
בין איך איין מסית ומדיח [אויפהעטצער] וועו איך אויף דיא הערדן
גראפט אונד ניט אויף דיא האליץ מארק שוהלן גיא? זאל מן זיך
ניט מיר מתחתן זיין וויל איך אן אייער פרנסים קיין געלט מעהר קאנ־
טריבואיהרן [ביישטייערן] וויל? איזט מיין שחיטה טריפה וויל
איך קיין שיסר(?) פלייש מעהר בייא זיא הוילן וויל? זיא קריישן
איבר דיא ארמי לייט. לעזן דיא ארמי לייט איבר זיא קריישן. האט
מן דיא ארמי דען צו קאריץ וואללן טוהן? איזט ניט דער גאנצער
אב זיכט פון פעליקס ליבערטאטע גוועזט דיא קהילה לטובת העניים
צו וועללן רעדרעסיהרן? [באשטעטיקן] וועו דיא פרנסים העטטן
פר כלל יהדות וואללן ווערקען העטטן זיא גלייך נאהך דיא רעוואלו־
ציע וויא זיא גזעהן האבן דויא זענן לייט דיא יוא עטוואש אונטער
נעממן טירפן זיך מיט פעליקס ליבערטאטע מוזן מתקשר זיין איינ־
שטעממיג דש חריות צו פראהגן אונד א מיינע ליבע מיטבריהדר,
וואס איין גראהסעס שטיק וועהרן מיר ווייטר. וועלכי פריכטן
העטעט איהר ניכט שאהן לאנגע גענאססן. אבר פרנסים האבן זיך
נור בטראכט, האבן אללעס אונטר פוהס וועללן ווארפן מיט אל איהר
קראפט פר היגדרן וואללן דש קיין יהודי אים שפיהל קומעט. אונד
נוא זאגן זיא כלומר דיא סיסטהעמא פון דיא מדינה ברינגט עז מיט.
דש איזט דיא נייאי קהילה איהר שולד ניט! איזט עז איהר שולד
דען? דיא נייאי קהילה שולד איזט עז באמת ניט. אבר פעליקס
ליבערטאטע שולד איזט עש! וועהר דען דעהר בלאקמיהלער קאלעק־
טעהר [2]) גווארדן. וועו איהם דורך פעליקס ליבערטאטע ניט דש

---

[1]) נעמען פון צוויי גאסן אין אמסטערדאמער געטא

[2]) רכילות זאמלער

בארגר רעכט צו גשטאנדן וועהר. וועהר דען דער אמיספורטר[1]) מוניציפאהל גוואררדן ווען ער דש בארגר רעכט ניט העט. איזט ניט אל דש וואש יהודי צו בעהרט פאלט דורך דיא ערשטי שטאפּ' דורך דש דעקרעהט פון דען צווייטע סעפּטעמבער 1795 גשעהן. העט מן וואהל אן אונש גדאכט ווען מיר ניט גפראגט העטטן. האָט מן אונש דען ניט דיא וויהק פר גאהדרונגן[2]) גוויגערט אונד זיא וועללן אייך נאָך איין שמוהזן(!) דש עז ניכט דארך פּעליקס ליבערטאַטע וואהר. אורטהיילט איהר זעלבר אונד ענטשיידעט. זיא פלאמיהרן [בלאַ־ מירן] דש קאָמיטע פון יוסטיהציע איבר איהר משפט. וועד אבר אוינן אים קאָפּ' האָט דעהר זעהט וואהל איין, דש דער סוף ווירט זיין פיהל געלט בחנם פרשפּילט. נאָך יעצט מיט דש אויז טיילן דעם גוועהר אונד וואהפנן וואלטן זיא ליבר אן דעם אינו נימול אלש אן דעם יהודי תשובה געבן אים גאהר ניקש אן דעם יהודי צו גיננן וואש זיא זונשטן פר איין כבוד מוזטן רעכינן אונד מיינט איהר דען דש דיזוש אללעש זויא גוהט אב לויפן ווירט ? ניין ! דעהר גראהסער טאהג ווירט קומן וואו דיא וועה טוהערס אונ' צו רוק האלטרס אייע־ רעם וואהל זיינש איהרע לאהן עמפאנגן ווירדן. אונד נור דעסט וועהגן שרייבי איך אייך אונד העראינגערע [דערמאן] אייך אן דעם גראהסער טאהג דער קומן ווירט. איך שרייבי אייך נור דעסט האלבן דש איהר אייך אן איהר געפלוידער ניכט שטעהרן זאָלט אלש אויב איך אייך איין אימה אייניאגן וויל. ניין ! קיין אימה ! איין גרושט־ הייט וויל איך אייך איין בלאהזן. איהר, איהר איינגעפיהרטע, איינ־ פפלטיגה מענשן, אויך איהר, דיא וועגינס אייער פרנסה ניכט הרויס טירפט. איהר האבט בייא גאָט ניכטס צו פורכטן. אייך ווירט קיין לייד גשעהן. מן ווירט איין מיט ווייבר אונד קינדר שוטצן. אייער וואהל זיינש איזט דיא אונזרי. מן ווירט דא פאהר וואכען אונד זאָרגן. דיא געפאלגע ווירדן אייך עס צייגן. דש מן שלאהפענדע פר אייך וואכט. איהר, ווייבר אונד קינדר, אייער נאהך קומן [יורשים] ווירדן אונזר נאהם [נאָמען] זעהגענן [בענטשן], אונזרי טהאטן פרייזן. ערלאנגען וויהר בלדי איינע קאָנסטיטוציאהן זא ווירט איהר דיא פרוכטן שמעקקן אונד גניהסן. אונד אָ מיינע ליבע מיטבריהדר וועלכע זעהגען [ברכה], וועלכען לאהב ווירדעט איהר דען ניכט אויס גיהסן איבר דיא הייבטער [קעפּ] אייערער וואהלטהעטער. אבר אויך

---

[1]) Amsfort

[2]) לאָקאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונג

מיט וועלכי פר אכטונג ווירט איהר דיזה אייערע יעציגה גאָלדני פרנסים גדענקן, מיט וועלך איין וויהטע [רשעות] אונד ראככע ווירט איהר דש אונגהיימר ניכט פער פאָלגן זיא זינד גאָלדני האנצן [לצים] שורקען, דעספאהטן, דריקקערס דעס גמיינן מאננעס, וואהל טעהגרם אונד ראכטזיכטיגע טיהגערען. היין וועק [איינוועגס] מיט דיזה אנגהייאער אויש אונזרע גדעכטענים ווירט איהר איינציג אויז רוהפן: אלזא מיינה ליבה בריהדר! פירכטעט אייך ניכטס! איהר ברויכט אייך ניכט מיט ווייבער אונד קינדר צו שאנצן. קיינר ווירט אייך עטוואש צו לייד טאהן. לאסט אייך ניכט צור גוואלטעטיגהייט עמ־פעהרן! פליהעט דש געפאהר אונד לאססעט דעם בעהזוויכט דיא פר דיהנטע שטראהפע אלליין איבר אלש מענשען פריינד ווארנע איך אייך. דען דיא געפאָלגען זינד אונברעכינבאהר. דען איך קעננה דיא רייכי טיהגער לאככענד געזיכט. איין אנגענאמעס געוואונגענעס לעככעלען אונד הייטערע מיהנע, שטאָלץ. דיא פעדר איינס פרעדיגרס אין דיא האנד. מיט דש אללעש ווללן זיא אייך פר פיהרן. אבר וועה, וועהע איבר דיזע דיא זיך אין דיזה בעטריהגערשע שטראהם לאססן היין רייסן! קיינע רעטטונג! קיין אויז קאממן, קיין פאהר שפרוך! ניכטס ווירט העלפן. נאָך איינס! טרויאַט ניט דער גלאטטע צונג דעם רייכען. לאסט דש גאָלד אייך ניכט פר בלענדן אונד ליהבט אונ׳ שטעהט אייערע פאמיליע, אייערע הויז האלטונג פאהר מעהר קאן איך אייך ניכט זאגן. דיא צייט ענטוויקלט אללעש עז שטעהט אלזא בייא אייך צו פאָלגן דיא ראהט.

איינס מענשען אונד וואהרהייטס פריינד

---

## אן „אויפרוף" פון דער נייער קהילה

(„דיסקוהרש" נומ. 22)

### מיינה ליבה מיט ברידער

ניכט אייער גליק נאהכטייליג צו זיין. ניכט אייערע פרייאהייט צו פרלעטצן. ניכט אייך מיט שמאך אונד שאנדן צו איבר הייפן. ניכט אייך איינינגה פורכט איין צו יאהגן (וויא יענר שרייבר דער פרנסים) איזט מיין ציהל. ניין ליבה מיט בריהדר! אייערע וואהל שטאנד, אייערע רעכטע, אייערע פרייאהייט ליגן מיר אל צו טיהף

אם הערצן אום אייך ניכט פאהר צו לייכטען, אום אייך ניכט צו ערמאהנען אונד אייך דען גראהסער טאהג אן צו קונד געהן. דער גראהסער טאהג, דעהר דעהן פאל אייערע אונטרדריקקערס, אייערער דעספאהטען פר דיא אויגען דער גראהסע וועלט דאהר ווירט שטעללן. ליבה מיט ברידר וואש ברויכה איך אייך נאָך פיהל מעהר צו ערמאהנען אוים מיין פאהריגה אנרעהדע שיינט דיא שלעכטי דירעקציע ניכט אליין. אבר אויך דיא אינטריגאנטשע שעלמשע אינטריגוס אייערער גליק אויף עהוויג צו צערניכטען וועלכעס זיך פרנסים אונטרשטאנדן האבן. כלומר לשם שמים צו טאהן. נאך אם ראנדע דעם גראהבע בלייבן זיא וויא זיא שטעהטץ [אלע מאָל] וואהרן. נעהמליך: שורקן דעספאהטען, טיראננען, אונטר דריקקערס דעם ארמען מאננעס. שיינפראממע [צבועקעס], שטאָלצע, הירשזוכטיגע, דומהאנצען [נארישע לצים], רייבער, פרשווענדער דער ארמר געלדער, אייגענזיננניגה גשעפף דיא אל דש וואהל זיין איהרער מיט בריהדער, איהרעם שטאָלץ אויף אפפערען, דיא אויף איהרע רייכטום, אויף איהר געוואוכערטעם גאָלד פראהלען. דיא ניא זא לאנג הקהלה שטעהט עטוואש פר דש אלגעמיינה וואהל זיינס אויש גריכט האָבן. דיא אייך נאָך מעהר נבוה ונמאס בעיני עם הארץ וויא איהר ביז יעצט וואהרט האבן מאכן וואללען. דיא נאָך דיא יודשי רעפּרעזענטאנטן דיא פר אייך וואככען (וויא וואהל אין איהרע שריפטן אויף איינה אינטריגאנטשע אהרט [אופן] משבח זיין). יעדאך אים אינרן איהרעם פרשטאקטען הערטצען אונד אים איננערעם איהרר ציממער פר פלוהכן. זיא רוהפן אייך דורך אנגעדונגענע שיינהייליקע שרייבערס צו: שטעהט פעסט, שטעהט וייטער פעסט, וואנקעלט ניכט! זיא פארכטען איהרע נידרלאהגע אונד מיינען בייא אייך שוטץ צו פינדן. אלזא הערעט מיינע שטיממע! גראהבעט מיינע ווארטע אין אייערע הערצע! זאהגעט דיא אייערע ווייבר אונד קינדר, דען זיא זינד וויכטיק. זיא פליהטען פר אייערע וואהלזיינס. זיא פליהטן צור אייערע מאנונג. הערעט דיא זעלבע אונד געהארכעט איך זאגע אייך. איך בשווערע אייך! איך רוהפע אייך מיט מעהר רעכט אונד בילליגהייט צו! שטעהט פעסט, שטעהט וייטר פעסט! וואנקעלט ניכט! דש הייסט מיט אנדרע ווארטע: פוצטעט אייך ניכטס. איהר דיא וועהגענס פרנסה אן זיא געקעטטענד [געבונדן] זייט ווירט קיין לייד גשעהן. שוטץ צו פלוכט אונד סאטיספאקציאהן ווירט איהר נאָך צופרידענהייט פינדען. איהר דיצו ניכט זו וועהגען פרנסה אבהענגליך זייט אבר דיא דאָך ביז יעצט שטיל בליהבן אונד אן איין

קליין העגטכיע [הייפל] מענשן דיא קוילן אויז עז [דעם] פייאער
האבט לאזן זוהכען, אהני זיא הילפען צו לייסטען. וואהל איזט
וואהר. דש איהר עז אונש בערייאען ווירט. אבר פורכטן ברויכעט
איר ניכטס. איהר ברויכעט אויך ניכט העלפן דעם פאל מיט צו
בווירקען. דען דעהר איזט שאהן ברייט שטיל שווייגענדע וצושויאער
זאלטעט איהר זיין. אונד אייך ערגעטצין. נאָהך הער ווען דער פאל
איינמאהל דאהר גשטעלט איזט דאן זאלט איהר דש פר גניהגנוג
[פארגעניגן] האבן דיא פרייאהייט אייערער מיטגשאנדן בריהדער
הילפן פארט צו פלאנצן. אבר איהר, דיא אויז דומהייט, אויז פאהר
אורטייל, אויז האבזוכט קעגין דיא גוטי זאכבע זייט. קעהרעט
צורוק ! פר אייך, דיא נור אינסטרומענטן דעם רייכע וואהרעט
איזט נאָך צייט. זעהעט איין ! זעהעט דיא צוקונפט ! זעהעט
צו וואש שוין כמה יהודים קומן זינד. דענקט דש יעדר וועהר אנ־
שפרוך אויף טוגענד אונד קונדע קאן מאכען עז צו בעהרט פאללען
קאן. דענקט אום פארטאיעש [אומפארטייאיש]. נאהך דיא האנד־
לונגען אייער פאהרשטעהער. אונד קעהרט אין דיא שאהס דער
גרעכטיקייט ווידר אונד מן ווירט אייך וויא פראירטע שאהף אויף
דעם רעכטונפאדע דער טוגענד אונד מענשן ליבה געגרונדעט על דת
אמונתינו הקדושה ווידר צו רעכט ברינגען. איר פראהג אייך מיינה
ליבה מיט ברידר מיט וואש קאן מן אנציגן דש פעליקס ליבערטאַטע
אודר דיא קהלה עדת ישרון אייניגה איינברוך באמונתינו הקדושה
האט מאכן וואללן, דש אייער פאהרשטעהער מיט איהרע שרייבערס,
וויא מיט דען באס האפטן נאהמען פאן מינים אונד אפיקורסים
בשטעמפעללען ? זינד ניט אַללע איהרע האנדלונגען ביז היר לטובת
הכלל גוועזטי ? דיא ביזהער נאָך בשטעהנבאהרע תקנות, דיא וויא
איהר אויז דש איין אונד צוואנציגשטע פער פאלג מיינר שריפטכע
גלעהזן האָט לויטר דעספאטיסמוס, לויטר קאנאליעריהן וואהרען.
איך זאגע דיא תקנות צו רעווידיהרן, צו פר בעססערען געגרונדעטע
אויף מעהר ביללינקייט [טאָלעראנץ] גרעכטיגקייט אונד גלייכהייט,
בעפעסטיגט על ידי דת תורתינו הקדושה אייערע רעכטן במדינה צו
רעקלאמיהרן [צו פאָדערן] אייך אין גלייכי שטאהט מיט ניט נמולים
בעסקי המדינה צו ברינגן, אייך מעהרע אונד בעסרי אויז זיכטן
פר אייערע פרנסה צו פר שאפפן. דיזום וואהרען זינד נאָך אונד
ווירדן אימממר בלייבן דיא געזיננונגען פון פעליקס ליבערטאַטע אונד
דיא נייאי קהילה עדת ישרון. דיא פרוכטען דעס פרייאהייטס בוים
פאנגן אן צו רייפן. באלד זאָלט איהר דיא שמעקקען. אונד המבדיל

בין עבדות לחירות דא איבר מאַכן. אלזא מיינע מיט בריהדער, מיין פר שפרעכן איז קיין קינדר שפיהל. פליכט נאָך עהע [איידער] דיזום די פרעססע בטרעהט איזט דיא פאהר באטטן שאהן דא אייך דש אללעס אן צו קונדיגען. אונד וועלך איין גנוגטוהנוג ווירט מיין הערץ עמפפינדן דש איך, אייך וואהר הייטען געזאגט האבי. בריהדער פריינדע! שטעהט פעסט! קיינע שוטצען, פר אייערע וועהטואער! קיינע עמפערונג זאגע אונד ווארנע איך אייך! דען בייא גאָט שוועהרי איך אונד גלויבעט מיר דמיו בראשו, קיין תקומה, קיין הילפע! בריהדער! וועהר זיך אייניגה עמפעהרונגען אייסערען זאלטע אבער ווא צו דיזה ערמאהנונג? וויים איך דאן ניכט? דש מייסט אללע יהודים אויף דעם שוהל האפן? דש מייסט איהר אללע אום געדולדיג אייך אויף דעם טאהג זעהנעט? [ביינקסט] וואהל אן דאן ברידר! וואהל אן! דער טאהג איז דא! איהר זאלט אייך ערגעטצן, איהר זאָלט אייך ערפרייאען! איהר זאָלט זעהן וויא דיא פרנסים זיך דיא הענדען ווירדען ריגגען איינה שוידערענדער אנבליקקע ווען ווייב אונד קינדר איהרער מאננעס אונד פאָטערס שטאָלץ פר פלוהכען אונד בערייאען ווירדן. איינע אנגענעהמע סענע [סצענע] ווען דיא שמייכעלערס אונד אנגעדונגענע שרייבערס איהרע דומהייט בעוויינען ווירדען. אבער וואש הילפט עז? רייאע [חרטה], וויינען, שרייאען אונד קלאהגען? ווירט ניכטס העלפן! דש גראהסע באטאהפשע פאָלק, דש זיך אויף דעם 22 יאַנואר זא איינע גראהסע נאָהמען מאכטע דולדעט קיינע דעקרעהטען שענדערס מעהר! זיא ווירדן אייך ציינען וויא מן דעספאהטע שטראהפט אונד וויא מן דעם בארגער וואהל דענקענד מענשן בלאהנט. דש 127 יעהריגה דעספאָטישע אונגע הייאער מיט זיינה זיבן קעפף ווירט שוין איינמאָהל אין איין שלאג נידר גפעלט אונד וויא איין גיפט שפייאענדער דראכע ווירט עז דען לעטצטען שניק [אָטעם] געבן. אונד דאַן ווירט אייערע קהלה אלש קהלה אונד איהר אלש יהודים אונד אלש באטאפשע איינגעזעססענע גרעטטעט זיין, דיא פרוכטען שמעקען. דער טאָהג מיט גאָלדנע בוהך שטאהבן אין פראטהאקאָל זעטצין, אונזרע טאהטען זעהגענען אונד אללע מיט מיר צו גלייך אויז רוהפען:

לאַנג לעהבע דיא באטאפשע רעפובליהק!

לאַנג לעהבע פעליקס ליבערטאַטע!

אונד לאַנג לעהבע דיא קהלה עדת ישרון מיט אללע וואהל דענקענדי יהודים".

# יודש פאָלק ליהד

## בניגון מארסעליאנשע מאַרש

[איבערגעדרוקט פון „דיסקוהרש" פון דער נייער קהילה, נומער 23; די ערשטע צוויי סטראָפעס זענען איבערגעדרוקט אין שולמאַנס; שפת יהודית־אשכנזית וספרותה, 1913, 200-201].

1

קומט נון אללע בעלי בתים קינדער,
זעהט נון וואָס איין יום טוב איז דויא!
קיינער קען אייך טוהן איין הינדר [1]
קלייד אייך אללע וויים, רויט און בלויא [2]!

פרנסים, אריסטאָקראהטען
זעננן נון קיין אָרטכע [3]) וועהרט.
איהר שמחה איזט פר שטעהרט,
וואש זאָגן נון איהר אדוואָקאטן?

אָ שמע, שמע ישראל
וואש איין חרפה פר דיא בוהל [4]
טריומף האָט נוא
דיא נייע קהלה שוהל [5].

2

געהט יוסף פרינץ [6]) ניט איבר דש מים [7]
מיט זיין בוהל אונד שלומפר זאַק [8]
מיט דיא צאכענערם [9]) לשם שמים,
אָ וויא האָבן זיא איין קראַק [10].

נאָהך צרפת [11]) קעננן זיא ניכט לויפן
אין ענגילאנד [12]) איז איהר גאָט
זיא זינד נון נע ונד
זיא וואלטען זיך גאָהר גערדן פר לויפען.

אַ שמע, שמע ישראל
וואש איין חרפה פר דיא בוהל
טריומף האָט נוא
דיא נייאי קהלה שוהל.

3

חכם ונבון ר' דוד דיקיע [13])
וואש זאָגט ער נון מיט זיין בויך?
וויא געפאלט איהם נון דש שטיקיע [14]),
ער זיצט נון ניט מעהר זויא הויך!

עס מוז איהם נון געווים קראפּיהרן [15])
וואש אויב, שלמה המלך זאָגט
איך וועט דש ער נון קיין קוגיל מאהגט [16])
ווייל מן גיט רעמאוויהרן [17]).

אַ שמע, שמע ישראל א. א. וו.

4

וויא זעננן זיא אין דיא באהנע? [18])
זיא וויססן נון ניט אין, נאָך אויש.
זיא זאָגן אוי מה היה לנו?
זינד שטוממפר וויא איין מויס [19])

נון ווערדן זיא ערשט רעכטע מענשן
דש ווירט איין יעדר זעהען,
דש זיא ניט נאָהך ראשעפּארט [20]) געהן
מעהגן זיא וואול גומל בענשען.

אַ שמע, שמע ישראל א. א. וו.

5

זאָהגט תחנות, טוהט תפלה
אן לעמאן און בראמעט א [20])

אונד פלעהעט [21]) דיא נייאי קהילה
דיא איך אַללע גיבט דיא וועט [22])

וואש זאָגט נון דער גרוישר רבי,
וואש זאגט נון דער קליינער רב?
נון ער ווערט איין באטאהב [23]
אונד זיא קיין קויא [24]) מעהר העבבע.

אַ שמע, שמע ישראל א. א. וו.

6

רוהפט נון דיא פרייאהייט אבען
דש פרינציע [25]) וואהר איין לאשט.
עש איז אום גאָט צו לאהבען
דיא פרנסים זיין פר נאשט

נון קעננן מיר אויך אמבטן האבען
אונד ווערדן בראווע זיין.
אונד קריהגען פלייש אָהנע ביין [26])
אונד דאָך וויא יהודים גלאהבען.

אַ שמע, שמע ישראל א. א. וו.

7

אַ, זיא רוהפן נון אוחילה [27])
אונד מוזן אויש דיא באנק
זיא פרייאען נון מחילה
אונד געהן וועק מיט שטאנק.

אַ, וואש איזט נון איהר תקווה,
ווא איזט נון איהר פלייש האלל [28]).
א וועלכע שרעקליכר פאלל!
וועק מיט איהר שטינקענד מקוה!

אַ שמע, שמע ישראל א. א. וו.

8

וואש הילפט זיא גון איהר וויללעם[29]
זיא מעזן דאך אוועק.
זיא זינד דוממער, וויא דער איהזל פון בלעם
אונד בלייבן עהוויג געק[30].

פסח זינד זיא מלכים
אונד קנייבלען אן איין ביין[31]
זיא וואללען ניכט בראווע זיין
אונד דענקען נור אן איהר רווחים.

אַ שמע, שמע ישראל א. א. וו.

9

זיא פרציהלן יציאות מצרים
און וואללען קיין פרייאהייט ניכט.
זיא נעננען דיא אנדרי קראים[32]
דיא דא טוהן איהר בארגר[33] פפליכט.

וויא ווירט זיא שמעקקן איהר אפיקומן
וואש איין ביטרר מרור, איי
וויר זעננן אללי פרייא
אונד זיא מוזן קהל שטוב רוימען.

אַ שמע, שמע ישראל א. א. וו.

## באַמערקונגען

[1] שטער.
[2] די קאָלירן פון דער באטאווישער רעפובליק.
[3] אָרטכע — oort אַ קליינע האָלענדישע מטבעה, גרויס ווי אַ פעני.
[4] לצים.
[5] די קהילה „עדת ישרון“.
[6] אַ פרנס פון דער אַלטער קהילה ווערט דערמאָנט אין בינגס זכרונות .Letterbode II. 34

[7]) אַ רמז אויף דעם, אַז די פראַנצויזיש געשטימטע פּרנסים האָבן אייגנטלעך באַדאַרפט אַנטלויפן קיין ענגלאַנד, וואוהין דער פּרינץ וווילעם איז אַנטלאָפן.

[8]) ?

[9]) אַרויסקוקער, זוכערס.

[10]) קראַך, מפּלה.

[11]) פראַנקרייך.

[12]) זע הערה: 7.

[13]) אַ נאָמען פון אַ פּרנס.

[14]) שטיקל, חמצאה.

[15]) קראַפּירן, אויסגיין.

[16]) אַ קויל קען אים ניט טרעפן.

[17]) באַזייטיקן.

[18]) גלות.

[19]) מויז.

[20]) עשאַפּאַט.

[20א]) די יידן־דעפּוטאַטן אויסגעקליבן אין באטאווישן פּאַרלאַמענט אין סעפּטעמבער, 1796.

[21]) בעט.

[22]) געזעץ (האָלענדיש).

[23]) אַ בירגער פון דער באטאווישער רעפּובליק.

[24]) ?

[25]) דער פּרינץ פון אָראַניען.

[26]) אַ רמז אויף די נייע פּלייש האלע פון דער נייער קהילה, וואָס האָט פאַרקויפט „פּלייש אָן ביינער". ער ווערט אָפּטמאָל דער־מאָנט אין די דיסקורסן.

[27]) די ערשטע ווערטער פון אַ ראש השנהדיקער תפילה.

[28]) זע: הערה 26.

[29]) ווילהעלם, דער פּרינץ פון אראניע, וועלכער איז אַנטלאָפן פון האָלאַנד דעם 15טן יאַנואר, 1795.

[30]) נאַריש — gek (האָלענדיש).

[31]) מאַכן געלט.

[32]) קאַראימער, סעקטאַנטן.

[33]) בירגער.

# איין אַנדר לידער

## בניגון קארמאניאלע

### 1

יוסף פּרינץ [1]) דער האָט געזאָגט (ביז)
דש מיר ווירדן וועק גיאגט (ביז)

אַ, זיין שמחה איז פר שטעהרט,
אונד דש בלעטיע [2]) איז אום געקעהרט.

א, וויא גרויש איז איהר מפלה!
אַ, וויא גרויש, אַ, וויא גרויש!
טנצן מיר נון מיט איין באהלע [3])
לאככען מיר זיא הערצליך אויש!

2

דוד דיקיע [4]) זיצט אונד שוויצט (ביז)
אויב שוין ער קיין אויבן היצט (ביז)
ליפמן רינטל [4]) ליגט אין דרעק
וויא קומט ער בשלום אוועק [5]).

אַ, וויא גרויש. (עקסעטרא [6])

3

ר' אברהם דער פרומר מאן (ביז)
וואהר צופרידן מיט דיא באַן [7]) (ביז)
אן דיא נייאי קהילה לייט
אונד נון איצט איין אנדרי צייט.

אַ, וויא גרויש. (עקסעטרא)

4

וואש הילפט זיא איהר קללה נוא (ביז)
הערט נון איהר יללה צו! (ביז)
בענדיט חלפון טעטשט [8]) ניט מעהר
אונד מיר קריגן דש גוועהר.

אַ, וויא גרויש. (עקסעטרא)

5

פרניסם האַלטן אל איהר קראכט [9]) (ביז)
ווערדן הערצליך אויש גלאכט (ביז)

ציטרן נון בייא יעדר שטאפּ [10])
אונד דיא קהילה פאלט זיא אָפּ!

אָ, וויא גרויש. (עקסעטרא)

6

ווייבר יוכצט אונד זייט פר גניהגטי (צופרידן)
דש איהר איין אנדר מקוה קריהגט [11]) (ביז)
לויפט נון נאָהך דיא נייאי האל [12])
קויפט פרייא פלייש פר ווארשט אונד באל [13])

אָ, וויא גרויש. (עקסעטרא)

7

דורי דורות טאַנצט מיט אונז (ביז)
פּרנסים האָבן נוא דיא בונם [14]) (ביז)
וואלטען אונש שטעהטץ [15] שקלאוועז זעהן
אונד טוהן אהנע בוקסען [16] געהן

אָ, וויא גרויש. (עקסעטרא)

8

יתומים טאנצט אום דיא פרייאהייטס בוים [17]) (ביז)
ביז יעצט האָט איהר עססין קוים [18]) (ביז)
אללע נון זאָרגט מן פר אייך
ארמע אונד רייך איזט יעצא [19]) גלייך.

אָ, וויא גרויש. (עקסעטרא)

9

אָ, דיא טוגענד האָט איהר זין
אָ, דיא טוגענד האָט איהר זין
שטעלט איין צווייטער פּורים אין
שטעלט איין צווייטער פּורים אין

סימו וקבלו על זרעם
עהרט דיא תורה אונד זייט פראם

אָ, וויא גרויש איז איהר מפּלה!
אָ, וויא גרויש, אָ, וויא גרויש!
טנצן מיר נון מיט איין באהלע
לאכבען מיר זיא העהצליך אויש!

## באַמערקונגען

1) אַ פּרנס פון דער אַלטער קהילה.
2) בלאַט, גורל.
3) פריידי.
4) זע: הערה 1.
5) ביז דער דאָזיקער שורה איבערגעדרוקט פון ש ו ל מ א ן. ז. 201.
6) et cetera — און אַזוי ווייטער.
7) חרם.
8) בלאָזן זיך.
9) קראַפּט, כוח.
10) טריט.
11) די נייע קהילה האָט אויסגעבויט אַ מקוה, וועגן וועלכער ג ר ע ץ שרייבט:
"Sie errichten ein neues, reinliches Gemeindehaus, ein"
וואָס צוזאַמען מיט אַנדערע, מעסיקע רעפאָרמען האָט ער אַרויסגערופן דעם צאָרן פון די אָרטאָדאָקסן (געשיכטע [דייטש] 10, 232—233, אויסגאַבע 1870).
12) די נייע שעכט־הויז.
13) אַזעלכע קאַטלעטן.
14) צרות.
15) שטענדיק.
16) ביקסן. אַ רמז אויף דעם אַריינגעמען די „נעאָלאָגען" אין די באַטאַווישע נאַציאָנאַלע גוואַרדיע.
17) דער פרייהייטס בוים. דער קלוב „פעליקס ליבערטאַטע" האָט פייערלעך געפלאַנצט אַזאַ בוים דעם 1טן מאַרט, 1795.
18) אַ רמז אויפן בית יתומים פון דער „נייער קהילה".
19) איצט. אין פרילוצקים אַרבעט וועגן ווערטער מיט דער טייטש „איצט" (לאנדוי בוך) ניט פאַרצייכנט.

---

## רשימה פון די פעריאָדישע אויסגאַבעס פון דער נייער קהילה

1) פריינדליכה אונטררעדונג צווישן צווייא גוטה פריינד וועגנש דיא טעגענוואַרטיגה אומשטאנדיגהייטן זעהר נוציג אונ' נויטווענדיג פר איין יעדר צו וויסן.

2 ניט נומערירטע בל. [„עז פער פאליג נאך קומן"]

2) עש פר פאליג פון נומער 1. [טיטל דער זעלבער, אָבער אַנשטאָט וויסן איז אויסגעלייגט: ווישן]. 2 ניט נומערירטע בל. „גדרוקט אונ' אויס גיגעבן בייא די דרוקירש יוחנן לוי רופא וגיסו ברוך".

3) [דער זעלבער טיטל] נומר 3.

2 ניט נומערירטע בל.

4) [דער זעלבער טיטל]. נומר 4.

2 ניט נומערירטע בל. פון וועלכע נאָר די ערשטע דריי זייטלעך זענען געדרוקט. [די דאָזיקע פר העפטן זענען דערשינען צווישן 15 און 27 מארט, 1795].

1) דיסקורש. צווישן יהודים אין שיף פון איטרט נאָך אמר שטרדם. 8 + (2) ז.

2) דיסקורש דרגויא — 8 בל.

3) דיסקורש גהאלטן אין דיא קאָללעשיע בייא ליב האמיל. 7 בל.

4) דיסקורש פערטע פער פאלג 7 בל.

5) ״ פינפטער פער פאלג 4 בל.

6) דיסקורש גהאלטן צווישן יהודים זיך אנטמוהטנדה אין דיא בישהאף. 7 בל.

7) דיסקורש זיבעטער פער פאלג 7 בל.

8) ״ אכטי ״ ״ 7 בל.

9) ״ נײנטי ״ ״ 4 בל.

10) ״ צעהנטי ״ ״ 8 בל.

11) ״ איילפטי ״ ״ 8 בל.

12) ״ צוועליפטי ״ ״ 8 בל.

13) ״ דרייצענטי ״ ״ 8 בל.

14) ״ פערצענטי ״ ״ 8 בל.

15) ״ פופצענטע ״ ״ 7 בל.

16) ״ זעכצענטע ״ ״ 8 בל.

17) " זיבצענטע " " 8 בל.
18) " אכטצענטע " " 7 בל.
19) " ניינצענטע " " 6 בל.
20) " צוואנציגשטי " " 8 בל.
21) תקנות פון דיא אלטי קהילה זייני עש איין אונצוואנציג־שטי פער פאלג. 18 בל. (פון דעם די לעצטע 2 בל. דער דיסקוהרש גופא).
22) דיסקוהרש צווייא אונצוואנציגשטי 4 בל.
23) אנרעהדע אן אללע יהודים באמשטרדם. דרייא אונ־צוואנציגשטי פער פאלג. 8 בל. (צום סוף זענען אָפּגעדרוקט צוויי לידער: איינע בניגון מאַרסעליעזע און אַ צווייטע בניגון קארמא־ניאלא (זע אויבן).
24) אנרעהדע אן דש יעצעגע נייאע אנגעשטעלטע פּראָוויזי־אנעהלער בעשטיהר פאן דיא אַלטע קהלה יע"ה. פיהר אונצוואַנציגשטי פער פאלג. 5 בל.

צוזאמען 28 פּעריאָדישע שריפטן, חוץ כרוזים וועגן וועלכע מיר האָבן דערמאָנט אין טעקסט. (זע די רעפּראָדוקציעס אין דער דאָ־זיקער ארבעט).

---

## רשימה פון די פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון דער אַלטער קהילה

1) דיסקוהרש וועגין דיא נייאי קהילה באמשטרדם גהאלטן אין איין פּאסט הויז וואו 2 פּאסט וועגינס צו גליך אן קומן, איין וועגין קומט פון פפ"ד. דוא אויף איז איין יהודי הייסט פייבל אונ' אויף דיא אנדרע פּאסט וואגין קומט פון אמשטרדם זיינען 2 יהודים: הייסן משה אונ' ליפמן. קומן דיא 3 צוגלייך אין פּאשט הויז.

נום. 1. 4 בל. [צום סוף אַ באמערקונג: „עז פער פאלג מן קאסל א"ה היר נאהך"].

2) דיסקוהרש וועגין דיא נייאי קהילה באמשטרדם, אונ' פר פאלג דיא קונטריהרונג אונ' בייא אזאמן קונפט אין קאסיל פון פייבל, משה אונ' ליפמן וועלכי בייא אזאמן לושיהרן [לאָזשירן] אין איין ווירטש הויז.

נום. 2. 4 בל. [צום סוף א באמערקונג: „עז פער פאלג מהנובר אי"ה היר נאהך"].

3) דיסקוהרש גהאלטן.................................אונד פער פאלג פון בייא אזאמן קומשט אין הנובר פון פייבל, משה אונ' ליפמן.

אונד בוויילין בפונדן האָבין דש דער שרייבר אודר שרייברש פון דיא רשעת ביהכלכע פר דיא נייאי קהילה עז לשון הקודש ניט מעכטיג זיין, אפשר ווייל עז קדושה איז. אויך צור גמאק פר פאר־טוקליכע [צום קאָמפאָרט פון איינצלנע] זוא וועדן ווייטר מיט לשון הקודש זוא פיל מיגליך זיין ווערט מענושיהרן [זיך באנוצן].

נום. 3. 4 בל. [צום סוף א באמערקונג: „עז פער פאלג מהמבורג אי"ה היר נאהך].

4) דיסקוהרש גהאלטן..............................אונד פער פאלג פון בייא אזא מן קומשט אין האמבורג פון.................................אונד צור גמאק גלייך מיר שוין אין נום. 3 פר מעלדט האבן ווערין זוא פיל אלש מיגליך זיין ווערט מאנושיהרן מיט לשון הקודש צו שרייבן.

נום. 4 [אָן א באזונדער שער־בלאַט]. 4 בל. [„עז פער פאלג פון שווערינן אין מעקלין בורג הר נאהך אי"ה].

5) דיסקוהרש גהאלטן..........................אונד פער פאלג דיא בייא אזא מן קונפט אין שווערינן אין מעהקלין בורג פון פייבל, משה אונ' ליפמן.

נום. 5. 4 בל. [„עז פער פאלג פון ברלין אי"ה היר נאהך"].

6) דיסקוהרש דרייא צעהנטע פער פאליג. 4 נום. + 1 ניט בל. („אדווערטיססעמענט") [צום סוף פון ביכל שטייט אז דאָס איז נום. 1].

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| 7 ) | " | פירצעהנטע פער פאליג 7 בל. (נום. 8 בל.) | | [2] |
| 8 ) | " | פופצעהנטע | פער פאליג 8 בל. | [3] |
| 9 ) | " | זעכצעהנטע | " 8 בל. | [4] |
| (10 | " | זיבנצערנטי | " 8 בל. | [5] |
| (11 | " | אכטצעהנטי | " 8 בל. | [6] |
| (12 | " | ניינצעהנטי | " 8 בל. | [7] |
| (13 | " | צוואנציגשטה | " 8 בל. | [8] |
| (14 | " | איינ אונ' צוואנציגשטה | " 8 בל. | [9] |
| (15 | " | צווייא אונ' צוואנציגשטה" | 8 בל. | [10] |

(זע: Roest: 70-71; Z. f h B. XV, 150)

## רשימה פון קוועלן, וואו דער „דיסקוהרש" ווערט דערמאָנט


1) C-a. Joodsche Taal in Nederland. „De Navorscher” 1855, 256.
2) *S. Seeligman.* Jewish Encyclopedia I, 542 (פון דאַרטן איבערגעזעצט אין דער רוסיש־יידישער ענציקלאָפּעדיע II, 349)
3) *Roest.* Catalogue, 70-71.
4) Catalogue von Biema, No. 499.
5) Catalogue Levison. Am. 1903. No. 1209.
6) Catalogue Achwa. Amst. 1904, No. 1722.
7) Catalogue בינה לעיתים 1907, No. 1539.
8) Catalogus van Judaica van de Welde, Amsterdam. Inter. Antiq. 1925, No. 51.
9) Zeitschrift für heb. Bibliographie XV, 149-150.
10) Tentoonstelling. Catalogus. Museum van het Genootschap voor de Joodsche Wetenschap in Nederland. 1928, No. 51 (J. M. Hillesum).
11) *Hirschel.* De hebreeuwsche typographie in Amsterdam. De Vrijdagavond, 1927, No. 44.
12) ז. רייזין. לעקסיקאָן, 1913, ז. 673
13) ש. שולמאַן. שפת יהודית אשכנזית, 1913, ז. 201
14) י. שאַצקי. ווי אַלט איז די אידישע פּרעסע? דער „טאָג“, ניו־יאָרק, פון 23טן נאָוו., 1927 (מיט 2 פאַקסימילעס)


## רשימה פון באַנוצטע קוועלן


1) *Baasch, E.* Holländische Wirtschaftsgeschichte. Jena. 1927.
2) *Bouchet, E.* La conquête de Hollande en 1795. Dunkerque, 1908.
3) *Breen, J. C.* De Regeering van Amsterdam gedurende den Franschen tijd. Amsterdam. 1914.
4) *Colenbrander, H. T.* De Bataafsche Republiek. Amst. 1908.
5) *Hartog, J.* De patrioten en Oranje. Amst. 1882.
6) *idem.* De Joden in het eerste jaar der Bataafsche vrijheid. “de Gids” 1875, pp. 116-152.
7) *idem.* Eene bladzijde uit de Geschiedenis der Joden. (de Tijdspiegel, 1898.)
8) *Hirschel, L.* De hebreeuwsche typoghaphie in Amsterdam. De Vrijdagavond, 1927, Num. 42-44.
9) Jubileum der Emancipatie der Israelieten in Nederland. 1796-1846. Am. 1846.

10) *Italie, H.* De Emancipatie der Joden in 1796. "Amsterdamsch Jaarboekje" 1897, p. 86-101.
11) *idem.* Over de Societeit Felix Libertate en wat zij voor de Emancipatie der Joden heeft gedaan. Oud Holland, 1898, vol. 16. 51-62; 79-92; 147-167.
12) *Jacobsen, Jensen J. N.* Reizigers te Amsterdam. Am. 1919.
13) *Jorissen, Th.* De Patriotten de Amsterdam in 1794.
14) *idem.* De overgaven van Amsterdam in Januari 1795. Amst. 1884.
15) *Knappert, D. L.* Geschiedenis der Nederlandsche Hervormde Kerk. Amst. 1912; 117-121; 209-220.
16) *Knuttel, W. P. C.* Catalogus van de pamfletten verzameling berustende in de Koninklijke Bibliotheek, 1486-1853. *Haage.* 1889-1920. 11 volumes.
16a) Krunitz's Encyclopedie, 1789.
17) *Kurlischer, J.* Allgemeine Wirtschaftsgeschichte. München, 1928, 2 vol.
18) *Maarsen, J.* Een Haagsche Opperabbijn over de "Neie K'hilloh". De Vrijdagavond, 1931, 36.
19) *Meyer, W.* Oranje en Israel. "Haagsch Jaarboekje" 1899, 435-452.
20) *Mulder, S. I.* Parnassijnsalmacht in vroegen tijd. Ned. Isr. Jaarboekje. Rotterdam, 1867.
21) *idem.* Het Geslacht Graanboom. Am. 1856. 20 pp.
22) *Nierop, T. S.* De immigratie en emigratie te Amsterdam. De Economist. 1893.
23) *Peyster, H.* Les troubles de Hollande à la veille de la révolution française 1780-1795. Paris 1905.
24) *Poppers, Helena.* DeJoden in Overijsel. Amst. 1926.
25) *Roest.* Losse Bijdragen tot de Geschiedenis der Joden in Nederland. Isr. Letterbode. Vol. 2, 3; 1875-1876.
26) *Sabron, F. H. A.* De oorlog v. 1794-1795 op het grondgebied van de republiek der vereen. Nederlanden. Breda 1892-4.
27) *Seeligmann, S.* Joodsch Kultuur-historische Vragen. De Vrijdagavond. 6. No. 39, 195-197.
28) *idem.* "De neie Kille sjoel" ibidem 1928, No. 3.
29) *idem.* De Emancipatie der Joden in Nederland. Amsterdam, 1913.
30) *Sluys, D. M.* Uit bange dagen. De Vrijdagavond 1927. No. 20-27.
30a) *idem.* Het reglement van de Adath Jeschurun (de "Neie Khilloh") te Amsterdam. Amsterdam, 1931.

31) *De Silva Rosa.* Bijdrage tot de kennis van den economischen en politikien toestand der Hoogduitsche Joden te Amsterdam in het begin der vorige eeuw. Amst. 1916.
32) *idem.* Over de verhouding tusschen Joden en niet—Joden in de Republiek der Nederlanden etc. Am. 1922. 31 pp.
33) *idem.* Bibliographie der Literatur über die Emanzipation der Juden in Holland (Zeitschrift für hebr. Bibliographie, 1911. XV).
34) *idem.* Geschiedenis der Portugeesche Joden te Amsterdam, 1925.
35) *Valentin, Hugo.* Judarnas Historia I Sverige. Stockholm 1924, 519-529 (וועגן יצחק גרינבאם, דעם רב פון „עדת ישרון")
36) *Vischer, L. C.* Chronologische Tafel voor de Geschiedenis der Israelieten in Nederland. Utrecht. 1850.
37) *M. Wolff.* De houding der joden in Holland in den tyd tusschen Oranjegezinden en Patrioten. Bijdragen v. vad. Geschiedenis, 1907, 430-470.
38) *idem.* De Geschiedenis der Joden te Haarlem. 1917.
39) *Zedner.* Catalogue of the Hebrew Books in the British Museum. 1867.
40) *Zeitlin, W.* Bibliotheca Hebraica Post-Mendelssohniana. Leipzig. 1891.
41) *Zuiden, D. S.* De Hoogduitsche Joden in 's-Gravenhags Haag. 1913.
(42 צבי ב"ר מרדכי מאַרקוס (אילפעלד) דברי נגידים. אמסטערדאַם, תקנ"ט, 72 זז.
(43 יהודה ליב לעוויסאָן משפחת גירי צדק ממדינת שוועדען. „בכורי העיתים" 2, 78-88.

חוץ דעם איז אויסגענוצט געוואָרן די מיטצייטלערישע פּובליציסטיק לויט די זאַמלונגען פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו יאָרק, „היברו יוניאָן קאָלעדזש" אין סינסינעטי, ראָזענטאַליאַנאַ אין אַמסטערדאַם, ווי אויך די פּריוואַטע זאַמלונגען פון וועדער (אַמסטערדאַם זיגמיונט זעליגמאַן (אַמסטערדאַם) און פּראָפ. אַלעקסאַנדער מאַרקס( ניו יאָרק).

יוסף מאַרגאָשעס

# „דער איזראַעליט"

אַ יידישע צייטשריפט אין לעמבערג.
אין די יאָרן 1869־1872.

דורך אַ צופאַל איז מיר געלונגען צו קויפן צוויי יאָרגענג (1870 און 1872) פון אַ צייטשריפט א. נ. „דער איזראַעליט". דער דאָזיקער עקזעמפּלאַר איז געווען דאָס אייגנטום פון דער רעדאַקציע גופא, ווייל אויף דעם איינבונד איז פאַראַן דער שטעמפּל פון דעם פאַריין „שומר ישראל", וואָס איז געווען דער אַרויסגעבער פון דעם דאָזיקן זשורנאַל.

דער פאַריין „שומר ישראל" איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין לעמ־בערג אין יאָר 1865. די מיטגלידערשאַפט איז באַשטאַנען מערסטנ־טייל פון דער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ. דער צוועק פון פאַריין איז געווען: שאַפן אַ צענטער, וואו אינטעליגענטע יידן זאָלן זיך קענען צונויפקומען מיטן צוועק צו זוכן מיטלען ווי אזוי צו בילדען דאָס פאָלק.

די פירערשאַפט פון דער לעמבערגער קהלה איז געלעגן אין די הענט פון די אָרטאָדאָקסן. די אינטעליגענץ האָט זי באַקעמפט און געשטרעבט איבערצונעמען, אָדער לכל הפחות, האָבן אַ גרעסערע דעה אין דער הנהגה פון דער קהלה.

אין די ערשטע עטלעכע יאָר האָט דער פאַריין קיין גרויסע זאַכן ניט אויפגעטאָן. די פירער פון פאַריין האָבן זיך אַרומגעזען, אַז אָן אַן אייגענער צייטונג, טאַקע אין דער שפּראַך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן וועט מען קיין גרויסעס ניט דערגרייכן.

אַזוי איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1869 דער צוויי־וועכנט־לעכער זשורנאַל א. נ. „דער איזראַעליט, צייטשריפט צור בעלעהרונג אונד העראַנבילדונג דעם יידישן פאָלקעס, הערויסגעגעבן פאָם פעריינע „שומר ישראל" אין לעמבערג. ערשיינט צוויי מאָהל אים מאָ־נאַטע" *)

*) רייזען שרייבט (לעקסיקאָן 1913, ז. 664), אַז דער זשורנאַל דער־שיינט נאָך (ד. ה. 1913). דאָס איז אַ טעות. פון 1874 איז דער זשורנאַל

יעדער נומער האָט געהאַט אַכט זייטן, דער פֿאָרמאַט איז געווען דערזעלבער ווי די דאַמאָלסטיקע העברעאישע זשורנאַלן („המגיד"). דער פּרייז איז געווען איין גולדן אַ יאָר; מען האָט זיך אָבער גע־קענט אַבאָנירן אויף אַ האַלבן יאָר אָדער פערטל יאָר. אַן איינציקער נומער האָט געקאָסט 5 קרייצער.

אין ערשטן נומער פון צווייטן יאָרגאַנג איז דאָ אַ מין פּראָגראַם אַרטיקל פון דער רעדאַקציע. דער דאָזיקער אַרטיקל פאַרנעמט אַ גאַנצן זייט און איז געחתמעט „דאָס קאָמיטע דעם פעראיינעם „שומר ישראל".

מיר גיבן איבער די הויפּט־פּונקטן אין דער שפּראַך און אויסלייג פון אָריגינאַל:

„דער לייטענדער אַרטיקעל ווירד הויפּטזעכליך די סאָציאַלע אונד פּאָליטישע צעטיילונג דער יודען אונד איהרע קולטוסגעמיינדען בע־האַנדלען.

די רובריק לאָקאַלע אָנגעלעגענהייטען ווירד וויכטיגערע פאָרפעלע אין לעמבערג, זאָווייט זי אונזער אינטערעסע בעטרעפען — מיטטהיי־לען אונד בעשפּרעכען.

אין דער פּאָליטישער איבערזיכט ברינגען וויר דיא וועלטבעגע־בענהייטען אונד וויכטיגסטע עראייגניסען אין זעמטליכע אייראָפּע־אישען שטאַאַטען פאָן 14 צו 14 טאַגען אין לייכט פאַסליכער צו־זאַמענהענגענדער דאָרשטעלונג.

די פאַרמישטע נאַכריכטען ווערדען אינטערעסאַנטע מיטהיילונגען פאָן אַלגעמיינעם אונד שפּעציעלען יודישעם אינטערעסע ביעטען.

דער בעלעהרענדע טהייל ווירד פּאָפּולערע אויפזעצע אויס דעם געביעטע אַללער וויסענשאַפטען ברינגען אויך אונטערהאַלטענדע אויפזעטצע, נאַמענטליך קליינע נאָוועלע אונד ערצעהלונגען וויא אויך ביאָגראַפישע סקיצצען זאָלען איינגאַנג אין אונזער בלאַטט פינדען.

פיר מיטטהיילונגען און בעשווערדען אויס דער מיטע דעס פּוב־ליקומס, ווערד איינע רובריק אונטער דעם טיטעל „איינגעזענדעט" אפפען געהאַלטען".

דער לייט־אַרטיקל פון ערשטן נומער הייסט „די אַכטונג פאָר

---

דערשינען נאָר אויף דייטש. די יידישע אויסגאַבע איז אַרויס נאָר פיר יאָר. די שפּראַך אירע, ווי מיר וועלן זען פון די ציטאַטן, איז געווען שטאַרק פאַרדייטשמערישט אין גייסט פון דער גאַליצישער תשכלת.

דעם געזעטצע". דער מחבר פירט אויס, אז אויב עס טרעפט אמאל אדער האט ביז איצט געטראפן אז א ייד האט עובר געווען אויף וועלכן־עס־איז געזעץ פון דער רעגירונג, איז דאס געווען בלויז דער־פאר, וואס „די צאהלרייכע בעשרענקונגען אונזערע רעכטע פאסט אויף יעדעם געביעטע דער געזעצטגעבונג בראכטען עס דאהער מיט זיך, דאס דאס יידישע פאלק די בעשטאנדענען איהנען פיינדליכע געזעטצע מיט ווידערווילען בעפאלגטע, אונד וויר מיסען עס אפען געשעהען, ביי יעדער געלעגענהייט צו אומגעהען זוכטע".

איצט אבער האבן זיך די אומשטענדן און די געזעצן בנוגע יידן גענענדערט צו בעסערן, דארפן עס די יידן אין אכט נעמען און „וויר זינד דען געזעטצען די העכסטע ליעבע אונד אכטונג שולדיג".

אזעלכע לייט־ארטיקלען זענען פאראן כמעט אין יעדן נומער. עס ווערט אין זיי געפאדערט אמתע (ניט בלויז אויפן פאפיר) גלייכבארעכטיגונג פאר די גאליציאנער יידן.

אונטער דעם קעפל „לאקאל אנגעלעגענהייטען" ווערט אין ערשטן נומער איבערגעגעבן דער פולער טעקסט פון א מעמאראנדום, וואס דער פאריין „שומר ישראל" האט געשיקט דער גאליצישער שטאט־האלטעריי. דאס איז געווען אן ענטפער אויף געוויסע אנגריפן אויף דעם פאריין, וואס זענען געווען געדרוקט אין א ווינער ציטונג. עס האט זיך געהאנדלט וועגן דער שלעכטער בעל־הביתישקייט פון דער לעמבערגער קהלה.

די רובריק „פאליטישע איבערזיכט" באהאנדלט די פאליטישע טאג־פראגן אין עסטרייך, פראנקרייך און רוים. (קיין פארייניקטע איטאליע איז אין אנפאנג 1870 נאך ניט געווען, און דער פויפסט האט דאמאלסט געשפילט א וויכטיקע פאליטישע ראלע).

די „פערמישטע נאכריכטען" ברענגען פארשיידענע אלגעמיינע ווי אויך יידישע נייס.

צווישן די דאזיקע ידיעות ווערט דערציילט וועגן צוויי נייע רוסישע פאראָרדנונגען בנוגע מיליטער־דינסט, און ווי יידן האבן דערפון זייער שווער צו ליידן, און דערפאר האבן א סך יידישע יונגע לייט אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע, „אום אין איינעם פרייען לאנדע פריי לעבען צו קענען".

די רוסישע רעגירונג האט זיך אבער אן עצה געגעבן, כדי פאר־פולן דעם בלויז אין רעקרוטן האט זי ארויסגעשיקט אין אלע גובער־ניעס א פאראָרדנונג „אויך עלטערע מענער, די בערייטס דאס רעקרו־

טירונגס־אַלטער איבערשריטען האָבען, צו אַסענטירן" (נעמען אין מיליטער).

אויף אַזאַ אופן זענען אין דער נאַכט פון 14טן אויפן 15טן דעצעמבער 1869 אין דער קרייז־שטאָט ווילאַדיסלאַוו אַרעסטירט געוואָרן אַן ערך פופציק יידישע פאַמיליענפאָטערס.

צוליב דעם און אויך צוליב אַ גזירה אויף יידישע דאָרפשענקערס אין דער סוואַלקער (אַזוי געשריבן) גובערניע האָבן די יידן אין אַמע־ריקע געשיקט אַ דעפּוטאַציע צום „פּרעזידענטען גראַנט" מיט דער בקשה — ער זאָל זיך דורך דעם אַמעריקאַנישן אַמבאַסאַדאָר אין פּעטערבורג „ביים רוסישען קייזער פערווענדען דאַמיט די אידישען אונטערטהאַנען מענשליכער בעהאַנדעלט ווערדען. דער פּרעזידענט האָט דיא דעפּוטאַציאָן זעהר פריינדליך עמפּפאַנגען אונד האָט אויך ווירקליך זיך אָן דיא רוסישע רעגיערונג אין דיעזער אַנגעלעגענהייט געווענדעט".

„ביז יעצט" — לייענען מיר ווייטער — „איזט צוואַר נאָך אונבעקאַנט וואָס דיא רוסישע רעגיערונג דאַרויף געאַנטוואָרטעט האָט. מאַן האָפּט יעראָך דאָס דיא וואַרמע מענשענפריינדליכע פירשפּראַכע דעם אַמעריקאַנישען פּרעזידענטען די ענטשפּרעכנדע ווירקונג האָבען ווירד".

וועגן דער לאַגע פון די יידן אין רומעניען קען די צייטונג אויך קיין גוטס ניט באַריכטן. דער פריערדיקער מיניסטער בראַטיאַנו האָט פאָרגעשלאָגן אַ געזעץ „וועלכעס די עקזיסטענץ דער יודען גענצליך צו פערניכטען דראָהטע". די וויכטיקסטע אייראָפּעאישע קאַבינעטן — דער עסטרייכישער, פראַנצויזישער, ענגלישער, איבערהויפּט דער עסטרייכישער, האָבן אָבער דער רומענישער רעגירונג די „נאַכדריקליכע פאָרשטעלונגען" געמאַכט געגן דעם, און איצט נאָכדעם, ווי דער מיניסטער בראַטיאַנו איז געפאַלן, האָפט מען, אַז פון זיין געזעץ וועט גאָרניט ווערן.

אין אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון דעם באַוואוסטן יידישן געלערטן און פילאָזאָף נחמן קראָכמאַל איז אָפּגעדרוקט אונטער דער רובריק „בעלעהרענדעס" אין פינף פאָרזעצונגען.

דאָס איז געווען דרייסיק יאָר נאָך קראָכמאַלס טויט. אין לעמבערג האָבן דאַמאָלסט נאָך געלעבט אַ סך פון קראָכמאַלס פריינד און תלמידים און דערפאַר איז די דאָזיקע ביאָגראַפיע, כאָטש זי האָט אין אַ סך פּרטים נאָכגעשריבן מאיר הלוי לעטעריסנס ביאָגראַפיע פון

קראָכמאַלן, איז זי דאָך גוט אָנגעשריבן און, ווי מיר שיינט, איז זי די ערשטע אַרבעט וועגן קראָכמאַלן אין יידיש.

אַזוי האָט, למשל, מרדכי דובש *) (מאַרעק גובס) (1805-1874), אַ לעמבערגער משכיל און קראָכמאַלס אַ תלמיד, דאָרטן געגעבן אַ אינטערעסאַנטע שילדערונג פון קראָכמאַלס כאַראַקטער. דער דאָזי־קער אַרטיקל איז אָריגינעל געווען געשריבן אויף פויליש און איז איי־בערגעזעצט געוואָרן פאַר דעם „איזראַעליט". דער זשורנאַל האָט שטאַרק אינזינען געהאַט די אינטערעסן פון זיינע פירער, און יעדעס מאָל, ווען עס איז נאָר געווען אַ געלעגנהייט, האָט מען קריטיקירט די מיוחסדיקע יידן פון לעמבערג, וואָס זענען געווען די פירער פון דער קהילה. אפילו קראָכמאַלס ביאָגראַפיע איז אויסגענוצט געוואָרן פאַר דעם צוועק.

צום סוף פון דערדאָזיקער לעבנס־באַשרייבונג געפינט זיך פאָלגנדיקער זייער אינטערעסאַנטער זאַץ:

„נאָך מיסען וויר ערוועהנען וועלכע אנזיכטען קראָכמאַל איבער דען זאָגענאַנטען יחוס האטע. עס פערשטעהט זיך פאָן זעלבסט, דאָס איין מאַנן וויא קראָכמאַל יעדען מענשען נור נאָך זיינעם אינע־רען ווערטהע שעטצען קאָנטע אונד דאָס דיא ניעדערע אבקונפט ביי איהם דיעזען ווערטה ניכט מינדערטע. — גערדע פפלעגטע ער צו זאגע פערדיענט איין מענש פאָן נידריגער הערקונפט דאָפעלטע אכ־טונג, ווען ער זיך דורך זיינע טוגענד אויסצייכענטע, די ער אָהנע ביי־פעל זיינע פאָרפאַרען בלאָס דורך זיינע אייגענע קראַפט זיך איינגע־איינגעט האָט — דער כאַראַקטלאָזע מענש אָבער פאָן פאָרנעהמען געשלעכטע איזט דאָפעלט פערעהרליכט. ווייל איהן דיא טוגענד אונד פרעמדיקייט זיינער אָהנען ניכט אָבגעהאַלטען האָבען זיך אונווירדיג צו בענעהמען".

צווישן די אַנאָנסן, וואָס די ציַיטונג האָט געהאַט אין אַ גאָר גרויסער צאָל, (די לעצטע זייט און אַמאָל אויך די פאָרלעצטע) זיינען אויך געווען ידיעות וועגן ליטעראַרישע ענינים. אַזוי איז, למשל, אין ערשטן נומער פון יאָר 1870 געווען אַן אַנאָנס וועגן דעם סדור „שפתי ישנים" עם ביאור מורה דרך מאת דניאל נייפעלד". דער סדור ווערט אויך אַנאָנסירט אויף פויליש: „מאָדלי טראַזיטנע איז־

*) אַ באַקאַנטער כלל־טוער אין גאַליציע, געווען ראש הקהל אין לעמ־בערג און דעפּוטאַט אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט.

ראַעליטאַוו" ז' קאָמענטאַראַרעס מאָרעה דערעך, פּרזעז דאַניעלאַ נייפעלדאַ" *).

צו פאַרקויפן איז דער סדור געווען ביי פּרץ סמאָלענסקין, דעם ארויסגעבער פון „השחר" אין ווין.

אַן איינלאַדונג צו ווערן אַן אבאָנענט אויפן „השחר" איז אָפּ־געדרוקט אין דעם זעלביקן נומער. דער אַגענט איז געווען דער יונ־גער העברעאישער דיכטער אהרן דאַרנצוויג פון לעמבערג.

צווישן די „בעלעהרענדע" ארטיקלען, וואָס זענען געווען געדרוקט אין די צוויי יאָרגענג, וואָס איך פאַרמאָג, זענען אַזעלכע ארטיקלען: „דער טהעע" וועגן דער אָנדענקונג און פאַרשפּרייטונג פון דער טיי־פּלאַנץ; „דאָס קוועק־זילבער", „איבער דומהייט", אַן אויסצוג פון אַ פּאָרטראַג פון אַ בערלינער געלערטן; „די רוימישע גהעטאָ", די לעצטע פון אַלע יידישע געטאָס אין אייראָפּע. עס זענען דאָרט אויך דאָ פאַרשיידענע ארטיקלען איבער דער יידישער געשיכטע: וועגן תשעה־באב אין הייגטיקן לאַנד מצרים לויט דער באַשרייבונג פון דעם יידיש־דייטשן דיכטער לודוויג אויגוסט פראַנקל, ווי אויך ביאָג־ראַפיעס פון וויכטיקע פּערזאָנען, איבערהויפּט יידישע.

דאָס רוב פון די דאָזיקע ארטיקלען זענען געווען איבערגעדרוקט אָדער באַאַרבעט פון דייטשע יידישע זשורנאַלן. עס זענען אָבער אויך פאַראַן אָריגינעלע ארטיקלען און איבערהויפּט דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ גרויסן ווערט פאַר דער געשיכטע פון די יידן אין גאַליציע.

אַזוי, למשל, איז אָפּגעדרוקט אַן ארטיקל מיט אויספירלעכע דאַטן וועגן דעם „אָסט־גאַליצישען שול־פאָנד". נאָך פון קייזער יאָזעפס צייטן האָט עקזיסטירט אַ יידישער פאָנד, כדי מען זאָל אין לאַנד עפענען שולן פאַר יידישע קינדער. איז אָבער פון דעם גאַנצן עסק גאָרניט געוואָרן, און דאָס געלט איז געלעגן ביי דער רעגירונג און מיט די פּראָצענטן איז אָנגעוואַקסן אַ סומע פון עטלעכע הונדערט טויזנט גולדן. איטלעכס מאָל ווען מען האָט אין גאַליציע אָדער עסטרייך גערעדט וועגן גרינדן אַ ראַבינער־סעמינאַר, האָט מען אינזי־נען געהאַט דעם דאָזיקן פאָנד. קיין גענויע פּרטים האָט מען אָבער ניט געוואוסט, ביז די צייטונג האָט וועגן דעם געמאַכט אַ גענויע אויספאָרשונג און זי פאַרעפנטלעכט.

---

*) דניאל ניפעלד, (1814־1874) — אַ יידיש־פּוילישער משכיל, רעדאַקטאָר פון דער ערשטער פּוילישער וואָכנשריפט פאַר יידן. זע וועגן אים: ייוואָ־בלעטער, 7, 110־116.

אין זומער 1870 איז אויסגעבראָכן די פראַנצויזיש־פּרייסישע מלחמה. עסטרייך, וואָס האָט אין 1866 באַקומען אַ מפּלה פון פּרייסן, האָט דאָס ניט געקענט פאַרגעסן און איז דערפאַר געווען אין גרויסער סימפּאַטיע צו פראַנקרייך. די צייטונג גיט איצט אַלגעמיינע אַרטיקלען וועגן קריג און וועגן דער פראַנצויזישער געשיכטע, דער־הויפּט וועגן די יידן אין פראַנקרייך און זייער עמאַנציפּאַציע אין די צייטן פון דער גרויסער רעוואָלוציע. עס זענען דאָרט אויך, שוין אין איינוועגס, פאַראַן אַ צוויי אַרטיקלען וועגן די איטאַליענישע יידן.

אַ וויכטיקער אַרטיקל א. נ. „די יודען אין גאַליציען אין נאַציאָ־נאַלער שטעלונג" איז געדרוקט אין עטלעכע פאָרזעצונגען. דאָס איז געווען אַן אויספירלעכער ענטפער אויף אַן אָנגריף אויפן פאַריין „שומר ישראל", וואָס איז דערשינען אין אַ ווינער צייטונג. דער פאַריין איז באַשולדיקט געוואָרן אין אַנטי־נאַציאָנאַלע טענדענצן, „אָדער מיט אַנדערע וואָרטען, דאָס וויר צור פּאָלנישען נאַציאָן היער צו לאַנדע פיינדליך ענטגעגען טרעטען אונד דרען בעשטרעבען צו הינדערען פערזוכען".

דער דאָזיקער אַרטיקל איז אינטערעסאַנט מיט דעם וואָס ער אַנטהאַלט דעם אויספירלעכן פּראָגראַם פון דער טעטיקייט פון דעם פאַריין „שומר ישראל", ווי אויך די שטעלונג פון דעם דאָזיקן פאַריין צו דעם קאָמפּליצירטן פּויליש־דייטשן קולטור־קאַמף אין גאַליציע.

אַ פּאָר ווערטער וועגן די רעדאַקטאָרן פון „איזראַעליט".:

דער רעדאַקטאָר פון ערשטן יאָרגאַנג (וואָס איך האָב ניט) איז געווען אַ געוויסער דאָקטאָר מ. גראָס. ער איז געווען רעדאַקטאָר ביזן נומער 23 פון 4טן יאָרגאַנג 1872.

דאַן איז געוואָרן רעדאַקטאָר יעקב קליין. אים האָב איך נאָך געקענט פּערזענלעך. ער איז געווען הויפּט־בוכהאַלטער ביים באַ־וואוסטן לעמבערגער גביר ר' אברהם יוסף מדפיס, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע יידישע בוך־דרוקעריי און ספרים־געשעפט.

קליין איז געווען אַ פייאיקער מענטש, און אונטער זיין פאַר־וואַלטונג האָט די צייטונג באַקומען די גרעסטע פאַרשפּרייטונג. ער האָט אויך געשריבן העברעאיש. אַלע העברעאישע ביילאַגן, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין „איזראַעליט" אין דער יאָרן־לאַנגער פּאָלעמיק מיט די אָרטאָדאָקסן און זייער אָרגאַן „מחזיקי הדת", זענען געווען געשריבן פון אים.

דער דריטער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, ווען זי איז שוין

געווען אינגאַנצן אַ דייטשישע איז געווען דר. פּיליפּ מאַנש. וועמען איך האָב אויך געקענט פּערזענלעך.

מאַנש איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער און פאָרשער פון יידיש, און ער האָט אין זיין צייטונג אין אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג, (געגאַנגען אין פאָרזעצונגען דריי יאָר (1888, 1889 און 1890), אונטערן נאָמען „דער יודיש־פּאָלגישער זשאַרגאָן".

בער באָראָכאָוו אין זיין „ביבליאָטעק פון יידישן פילאָלאָג" (אין „פּנקס", ווילנע, תרע"ג) שרייבט וועגן אים אזוי:

„דר. פיליפ מאַנש איז געווען איינער פון די איידעלסטע אידישע כלל־טהוער אין גאַליציען, אַן איבערגעבענער פריינד פון דער יודישער שפּראַך, ליטעראַטור און טעאַטער. ער האָט אויך איבערזעצט שלום עליכמס „סטעמפּעניו" אין דייטש. זיין וואונדערבאַר־טיעפער גראַ־מאַטישער ווערק וועגען יודיש איז געשריבען מיט גרוים ליעבע, מיט אַ טיעפען פילאָזאָפישען און פילאָלאָגישען בליק".

דער פריצייטיקער טויט (7טן אויגוסט 1890) האָט אונטער־בראָכן זיין אַרבעט, וואָס איז געבליבן ניט פאַרענדיקט.

„דער איזראַעליט" איז געווען אַ לעבעדיקע צייטונג און מוטי־קער קאַמפּס־אָרגאַן, איבערהויפּט אין זיינע ערשטע יאָרן איידער די פירער פון פאַריין און דער צייטונג האָבן אַריינבאַקומען אין זייערע הענט די לעמבערגער קהילה. מיט צען יאָר שפּעטער האָבן זיי גע־מוזט אָנפירן אַ פאַרטיידיקונגס־קאַמף געגן דער נייער אָרטאָדאָקסישער פּאַרטיי און זייער אָרגאַן „מחזיקי הדת".

דער דאָזיקער קאַמף איז שוין אָבער אַן ענין, וואָס האָט מיט דער צייטונג ניט צו טאָן *).

*) וועגן דעם קען מען לייענען ביי: 1) וו: פ ע ל ד מ אַ ן — די פּאָליטישע פּאַרטייען אין גאַליציע, קראָקע 1908, באַנד 2 (פּויליש), 2) ב א ל א ב א ן — די געשיכטע פון יידן אין גאַליציע, לעמבערג, 1915 (פּויליש), 3) דר. פ. פ ר י ד מ אַ ן — די גאַליצישע יידן אין קאַמפּע אום אירע גלייכבאַרעכטיגונג (1848־1868), ווין, 1929 (דייטש).

משה שטאַרקמאַן

# די יידישע פרעסע אין אַמעריקע, 1885־1875.

## אַ וואָרט פריער

די ווייטערדיקע נאָטיצן זענען אַ המשך פון מיין אַרבעט „די אַנטשטייאונג פון דער יידישער פרעסע אין אַמעריקע“ [1]), אין וועל־כער איך האָב פרובירט צונויפזאַמלען אַלע ידיעות און פאַקטן וועגן די יידישע צייטשריפטן, וואָס זענען דערשינען אין אַמעריקע אין משך פון די יאָרן 1870 — 1875.

אין יענער אַרבעט האָב איך געמאַכט אַ פּאַרזוך צו געבן אַ דעסקריפּטיווע ביבליאָגראַפיע פון דער אַמעריקאַנער יידישער פרעסע אין די ערשטע צען יאָר פון איר עקזיסטענץ.

פונקט ווי אין דער פריערדיקער אַרבעט, האָב איך אויך איצט זיך געמוזט שטיצן אינגאַנצן אויף רעפּראָדוקציעס פון געוויסע טיילן פון איינצלנע נומערן פון די דעמאָלטדיקע יידישע צייטשריפטן.

## פון 1875 ביז 1877 — און ווייטער

אין 1875 האָט מ. יהלומשטיין [2]) געגרינדעט די וואָכנשריפט „נויאָרקער איזראַעליט“ [3]), וואָס האָט לאַנג ניט עקזיסטירט, און אין משך פון קאַרגע צוויי יאָר איז קיין נייע צייטונג ניט צוגעקומען. כ. צ. שרהזאָנס [4]) „יידישע גאַזעטן“ [5]) זענען אַזוי אַרום געווען אַ לאַנגע צייט אָן קאָנקורענטן, אָבער אין 1877 איז צוגעקומען די

---

1) זאַמלבוך צו דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע אין אַמע־ריקע, רעדאַקטירט פון דר. יעקב שאַצקי. אַרויסגעגעבן פון דער יידישער קולטור געזעלשאַפט . . . 1924, זז. 13—21.

2) זלמן רייזען, — לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, ער־שטער באַנד, זז. 1255־1256.

3) זאַמלבוך צו דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע . . . זז. 19־20.

4) זלמן רייזען־לעקסיקאָן, באַנד, זז. 883־886.

5) זאַמלבוך . . . זז. 17־19.

ערשטע יידישע צייטונג אין שיקאַגע „די איזראַעליטישע פּרעסע", געגרינדעט פון נ. כ. עטעלסאָן[6]), און אַ יאָר שפּעטער — די „יודישע פאָלקס-צייטונג" אין ניו יאָרק. זיי האָבן שיעור ניט אומגעבראַכט שרהזאָנס וואָכנשריפט, וואָס האָט שפּעטער, נאָך אַ לאַנגן און שווערן קאַמף, ביידן איינגעשלונגען. אָבער וועגן דעם ווייטער.

## וועגן די מקורים.

ביים צענויפשטעלן די פריערדיקע אַרבעט און די איצטיקע, האָב איך זיך באַנוצט מיט אַ היפּשער צאָל מקורים, וואָס זענען פאַרצייכנט געוואָרן אין מיין רשימה פון „קוועלן-ליטעראַטור צו דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע 1870 — 1900", געדרוקט אין אַמעריקאַנער „פּנקס", באַנד 1, 1927 — 1928, זז. 312 — 320. כדי צו שפּאָרן פּלאַץ האָבן מיר באַשטימט צו דערמאָנען די מקורים לויט זייער פאַרצייכנונג אין דער דערמאָנטער רשימה אין „פּנקס" פון ייוואָ, ד. ה. „קוועלן-ליטעראַטור" מיט אַ נומער צום סוף.

## 1. איזראַעליטישע פּרעססע.

ערשיינט יעדען פריימאָג (ענגלישער טיטול: Israelitische) Presse) · · · נחמן דוב עטעלזאָהן הערויסגעבער, שיקאַגאָ. רע־דאַקטירט פון נ. ב. עטעלזאָהן און ש. ל. מאַרקוס.

דער גרינדער און אַרויסגעבער פון דער דאָזיקער ערשטער יידי־שער צייטשריפט אין שיקאַגע נחמן דוב עטעלזאָן, איז געבוירן גע־וואָרן אין 1828 אין שאַקי, סוואַלקער גובערניע, און געקומען איז ער קיין אַמעריקע אין 1851.

אַ ייד אַ למדן און משכיל, האָט ער, באַזעצנדיק זיך אין שי־קאַגע, מיט דער צייט געעפנט אַ דרוקעריי. אין יענע טעג האָבן אין ניו יאָרק זיך שוין געהאַט באַוויזן אַ ריי יידישע וואָכנשריפטן, און די דערפאָלגרייכסטע צווישן זיי איז געווען די „יידישע גאַזעטן", וואָס כתריאל צבי שרהזאָן האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין 1874. אָן אייגענע דרוקעריי האָט ער דאָך געהאַט, האָט עטעלזאָן אויך באַ־שלאָסן צו ווערן אַ צייטונגס-אַרויסגעבער, און אַ געלעגנהייט זיין פּלאַן צו פאַרווירקלעכן האָט זיך אים אונטערגערוקט, ווען ס'האָט

6) זלמן רייזען-לעקסיקאָן, צווייטער באַנד, זז. 739-740.

אויסגעבראָכן דער טערקיש־רוסישער קריג אין 1877. די מזרח־אייראָפּעאישע יידישע אימיגראַנטן, דאָס רוב געקומענע פון רוסלאַנד, האָבן געדורשט נאָך מלחמה־נייס. דאָס יידישע שיקאַגע האָט שוין אויך געהאַט אייגענע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, אַזוי, אַז עס איז שוין געווען אַן אָרט פאַר אַ לאָקאַלער צייטונג, בפרט ווען ניט אַלע האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט אויסצושרייבן די ניו־יאָרקער צייטונג, וואָס פלעגט אָנקומען מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג.

ווי דער 88־יאָריקער עטעלזאָן האָט דערקלערט ק. מרמרן[7] בעת אַ שמועס, וואָס זיי האָבן געהאַט אין סעפּטעמבער, 1916, איז דער „הויפּטצוועק פון דער צייטונג געווען ניט צו פריידיקן אַ וועלכע־עס־איז אידייע, נאָר צו געבן דעם יידישן עולם נייס און אמאָל אויך אַ באַלייכטונג פון אַ געוויסער צייטפראַגע".

פאַרן געהילף־רעדאַקטאָר פון זיין וואָכנשריפט האָט עטעלזאָן אָנגעשטעלט אַ משכיל און העברייער מיטן נאָמען ש. ל. מאַרקוס[8]). ער איז געקומען קיין שיקאַגאָ פון אַלאַבאַמאַ (אַ סאַוטערן סטייט, וועלכער באַזיצט פיר „אַלפן", זאָגט מאַרקוס אַליין עדות אין זיינס אַ קאַפּיטל זכרונות), און ער איז שפּעטער געווען אַ לערער אין איי־נער פון די צוויי יידישע שולן פאַר קינדער, אין וועלכע מען האָט געלערנט „חומש מיט מענדעלסאָנס איבערזעצונג און דקדוק לשון עברי". צבי גרשוני[9]), רעדאַקטאָר פון דער „פּאָסט", די צווייטע יידישע צייטשריפט אין אַמעריקע, אַרויסגעגעבן פון צבי הירש בערנ־שטיין[10]) אין ניו יאָרק אין משך פון 1870-1871, איז געווען איינער פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט עקזאַמינירט די קאַנדידאַטען פאַר לע־רער־שטעלעס, און ער האָט מבינות געזאָגט, אַז מאַרקוס טויג זיך אויס צו לערעריי.

די „איזראַעליטישע פרעסע" איז דערשינען אין שיקאַגע דריי יאָר כסדר. די וואָכנשריפט איז דערנאָך אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין ניו יאָרק, וואו זי האָט געפירט אַ שאַרפע קאָנקורענץ מיט שרה־זאָנס „אידישע גאַזעטן". אין דעם קאַמף האָט די „איזראַעליטישע פרעסע" פאַרלוירן, און נאָך אַן אַכט־יאָריקער עקזיסטענץ איז זי אונ־טערגעגאַנגען דעם 9טן אַפּריל, 1884, ווען ס'איז דערשינען דער לעצ־

7) קוועלן־ליטעראַטור, 40;
8) דאָרט, 34, 96;
9) דאָרט, 34, 39, 40;
10) דאָרט, 7, 39;

טער נומער. די „איזראעליטישע פּרעסע" האָט אויסגעהויבט איר זשורנאַליסטישע נשמה מיט אַ ביטערער אַטאַקע אויף די „אידישע גאַזעטען" און זייער אַרויסגעבער כתריאל צבי שרהזאָן.

אין שטיינשניידערס זשורנאַל „העברייאישע ביבליאָגראַפיע" איז די „איזראַלעיטישע פּרעסע" צוזאַמען מיט מ. טאָפּאָלאָווסקיס „יודישער פאָלקסצייטונג" (זע ווייטער) פאַרצייכנט אין די יאָרגאַנגען 1878, 1879 און 1880 [11]). דאָס מיינט, אַז זיי זענען געווען די ערשטע אַמעריקאַנער יידישע צייטונגען פאַרצייכנט צו ווערן אין אַ וויסנשאַפטלעך-ביבליאָגראַפישן זשורנאַל. עס איז דעריבער ניט אויסגעשלאָסן, אַז אין אַן אייראָפּעאישער ביבליאָטעק זאָלן זיך געפינען קאָמפּלעטן אָדער איינצלנע נומערן פון די דאָזיקע צוויי צייטשריפטן.

אַ פולן עקזעמפּלאַר „איזראַעליטישע פּרעססע" איז דערווייל ניט געלונגען צו קריגן. עס זענען פאַראַן צוויי אָריגינאַל-זייטן (5—6) פון אַ נומער, וואָס איז אַרויס אָנהייב 80ער יאָרן (קיין דאַטע איז ניט אָנגעגעבן) און פאָטאָגראַפיעס פון די ערשטע זייטן פון צוויי באַזונדערע נומערן: פון נומער, וואָס איז דערשינען אין שיקאַגע דעם 4טן אַפּריל, 1879 (דריטער יאָרגאַנג) און פון דעם לעצטן נומער, וואָס איז אַרויס אין ניו יאָרק דעם 9טן אַפּריל, 1884 [12]).

די „איזראַעליטישע פּרעססע" איז געווען געדרוקט אין פאָליאָ-פאָרמאַט, מיט דריי ברייטע עמודים אויף יעדער זייט; „דער פּרייז פיר איין יאָהר 2 דאָללאַר. פיר זעקס מאָנאַטע 1 דאָללאַר. פיר אויסלאַנד 3 דאָללאַר. איין בלאַטט 5 סענט. — פיר מודעות איינע ציילע 10 סענט. ביים מאָנאַט 10 פּראָצענט ביללינער. ביים יאָהר 20 פּ'צ ביללינער. פיר קאָנגרעגאַציאָנען (שולן און חברות — מ. ש.) דיא העלפטע בערעכענט" ווערט אָנגעגעבן אין אַ קעסטעלע, וואָס ציט זיך אונטער דער גאַנצער ברייט פון דער וואָכנשריפטס נאָמען.

די „איזראַעליטישע פּרעססע" האָט אויך געהאַט אַ העברעאישע ביילאַגע „היכל העבריה", וואו משכילים-העברייער האָבן זיך געקוויקט מיט דער בת-השמים, און דער רעפאָרם-ראַבינער פולזענטהאַל, וואָס האָט אויפגעשטורעמט די אָרטאָדאָקסיע מיט זיין פאָרשלאָג, אַז מען זאָל גרים באַפרייען פון מילה, האָט אין דער דאָזיקער ביילאַגע געקראָגן זיין פּסק פאַר אָט-דער געוואַגטקייט.

אויף איינער פון די צוויי אָריגינאַל-זייטן פון דער „איזראַעלי-

11) דאָרט, 82;
12) דאָרט, 1, 61, 96.

טישע פּרעססע" (געפינט זיך אין דער צענטראַלער יידישער ביבליאָ־טעק און פּרעסע ארכיוו, ניו יאָרק) זאָגט די רעדאַקציע מיט אַ גרויסער איבערשריפט:

„אדווערטייזט אין דער „איזראעליטשע פּרעססע" — דיעפּיינסטע יודיש־דייטשע צייטונג אין דער וועלט דיע „איזראעליטישע פּרעססע" האָט מעהר לעזעשטאָף אַלס אירגענד איינע אנדערע יודישע צייטונג".

די „איזראעליטישע פּרעססע" איז הן אינהאַלטלעך, הן שפּראַכ־לעך, ניט אַנדערש פון שרהזאַנס „גאַזעטן", וואָס זענען דערשינען אין ניו יאָרק. די ערשטע זייט הייבט זיך תמיד אָן מיט אַלגעמיינע און יידישע נייס, אַמעריקאַנער און אויסלענדישע, און דאָס איבעריקע פון לייען־שטאָף באַשטייט פון היסטאָרישע נאָוועלן, דאָס רוב איבערגע־זעצטע פון די דייטש־יידישע און ענגליש־יידישע זשורנאַלן און אויך, ניט זעלטן, פון די העברעאישע וואָכנבלעטער אין אייראָפּע.

איין זייט פון די צוויי־אָריגינאַל־זייטן „איזראעליטישע פּרעססע" הייבט זיך אָן מיט אַ פאָרזעצונג פון אַ לענגערער ידיעה וועגן אַ יידיש מיידל, וואָס איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין אַ שיסעריי צווישן אַ פּאָ־ליציימאַן און באַנדיטן. נאָכדעם גייט די באַשרייבונג פון אַ שיכורטע וואָס איר מאַן האָט באַצאָלט אין געריכט צען דאָלאַר, מען זאָל זי באַפרייען, און אונטער דעם געריכט־בילד די פאָלגנדיקע ידיעה:

## פריידע פיר יודען.

„דיא יודען אין ווהילינג, וועסט־ווירדזשיניא, זינד אין פּריי־דיגער אויפרעגונג איבער איינע זענדונג פאָן ערדע פאָן דעם יודישען בית עולם בייא ירושלים. דאָס דיא ערדע איזט עכט בעווייזט דער זיעגעל דעם אמעריקאַנישען וויצע־קאָנצול הערר יאקוב שומאכער. דער גליקליכער ערהאַלטער דער ערדע איזט איין געוויססער אויגוסט פּאָלאַק, אויך צעדערן אונד זאמען פאָן טרויבען זינד צור זעלבען צייט פאָן ירושלים איינגעטראָפפען".

נאָך דער באַשרייבונג ווי אַזוי מען האָט אין וואיט פּלעינס הינ־געריכטעט אַ געוויסן האָפמאַן פאַר דערמאָרדן אַ יידישן פּעדלער, גייט אַ לענגערע ידיעה א. נ. „רעליגיאָן אונד ליעבע" וועגן אַ מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפן אין דער דאַקאָטאַ־טעריטאָריע (שפּעטער זענען צפון און דרום־דאַקאָטאַ געוואָרן באַזונדערע שטאַטן) מיט אַ יונגן קאַטוילישן אדוואָקאַט, וואָס האָט זיך בסוף מל געוועזן חתונה צו האָבן מיט אַ 16־יאָריק יידיש מיידל. אָבער דאָס מיידל איז גע־

שטאַרבן און איר ליבהאָבער איז קראַנק געוואָרן פון ערגערניש. אויפן טויטן־בעט האָט ער דערציילט זיינע קאַטוילישע טאַטע־מאַמע, אַז ער האָט זיך מגייר געווען, און געבעטן מען זאָל אים באַערדיקן אויפן יידישן בית עולם לעבן קבר פון זיין כלה. די דאָזיקע ידיעה פאַרנעמט אַ שפּאַלט און דריי פּערטל, און די נייס־אָפּטיילונג ווערט פאַרענדיקט מיט אַ מיטטיילונג פון ברידזשוואָטער, קאָנעטיקוט, אַז אַ ייד איז דורך אַ צופאַל געטויט געוואָרן, ווען אַ פּעדלער, וואָס איז אַריינגעקומען צו אים אין שטוב האָט גענומען באַטראַכטן אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, און דער רעוואָלווער האָט פון זיך אַליין אויסגעשאָסן.

כמעט דער גאַנצער לעצטער שפּאַלט פון זייט 5 און איבער צוויי און אַ האַלב שפּאַלטן פון זייט 6 זענען אויסגעפילט מיט אַ היסטאָרישער דערציילונג „דער זעקסטער פערלאַנג", ווי אַזוי אַן אָרימער יידישער פעלצהענדלער פון דאַנציג האָט געראַטעוועט פרידריך דעם גרויסנס לעבן און מיט וואָס דער מאָנאַרך האָט אים אָפּגעצאָלט פאַר דער טובה. די דערציילונג איז אַרויסגענומען פון דער ענגליש־יידישער וואָכנשריפט „היברו סטאַנדאַרט". דערנאָך קומט אַ ידיעה וועגן אַ קאָנפערענץ צו גרינדן אַן אַנשטאַלט אויפן נאָמען פון משה מאָנטעפיאָרע צו זיין הונדערט־יאָריקן געבוירנטאָג, און דער לעצטער שפּאַלט ווערט אויסגעפילט פון דריי מודעות: וועגן טויט פון ר' אברהם לייב שו"ב פון שיקאַגע; וועגן דעם ש"ץ, שו"ב ומהל אברהם ראָזענטאַל פון ראָטשעסטער, נ. י. אַז ביי אים ווערן „אָרדערס פיר מהלשאַפט צו אַללער צייט אָנגענאָממען" און „שנעלע היילונגען גאַראַנטירט"; און פון שאַפּנערס וויין־געשעפט. דער דאָזיקער אַנאָנס איז איין העלפט אויף ענגליש און די צווייטע אויף יידיש. די רעדאַקציע לאָזט אויך וויסן, אַז „דיא פאָרטזעצונג פאָן ילתא דיא טאָכטער רבי חפניא'ס גאון סוריא ווירד נעכסטע וואָכע ערשיינען".

## 2. „דיא יודישע פאָלקסצייטונג".

„די גרעסטע אונד בילליגסטע יודישע צייטונג אין אמעריקא". ערשיינט יעדען פרייטאָג. אַרויסגעגעבן פון מ. טאַפּאַלאָווסקי מיט לאַנדוי אַלס רעדאַקטאָר.

נאָך איידער ער האָט זיך גענומען צו צייטונגס־פאַרלעגעריי, איז מ. טאָפּאַלאָווסקי געווען דער אייגנטימער פון דער גרעסטער און בעסטער יידישער דרוקעריי אין ניו יאָרק. די דרוקעריי האָט זיך גע־

פונען אין 121 קאַנאַל סטריט, און דאָרט האָבן זיך געדרוקט שרה־זאָנס „יידישע גאַזעטן" און י. מ. יהלמשטיינס „יזראַעליט".

ווי שרהזאָן דערציילט אין זיינע זכרונות[13], האָט „טאָפּאָלאָווסקי אָנגעפאַנגען צו חלומען דעם רעדאַקטאָרס גליקלעכן חלום, און מיט אַ ריכטיקן גרונט: „סטייטש, אַז שרהזאָן האָט ניט קיין שריפט און ניט קיין געלט, און ער האַלט זיך דאָך, אַ פּשיטאָ שוין, אַז איך האָב דאָך אַן אייגענע דרוקעריי און אַ רייכע שוויגער, וואָס ביי איר וועט זיין אַ כבוד גדול צו האָבן אַן איידים אַ רעדאַקטאָר, וועט נאָך פון מיינע לופטשלעסער ווערן טאַקע ריכטיקע שלעסער". געטראַכט און געטאָן. באַלד איז באַשאַפן געוואָרן אַ „פאָלקס־צייטונג", זייער שיין אויסגעשטאַטעט . . . איך בין געבליבן אָן שריפט, אָן געלט און אָן אַ זעצער, ווייל דעם זעצער האָט ער אויך צוגענומען . . ."

טאָפּאָלאָווסקים רייכע שוויגער איז טאַקע, ווייזט אויס, געווען ווילִיק ארויסצוהעלפן איר איידים אין זיין נייער אונטערנעמונג. מען האָט אויך געקראָגן אַ פּאַסיקן מענטשן פאַרן רעדאַקטאָר־אַמט אין דער פּערזאָן פון ג. לאַנדוי, און אין זומער 1878 האָט די נייע וואָכנשריפט, „די גרעסטע אונד בילליגסטע יידישע צייטונג אין אַמעריקאַ", אָנגעהויבן אַרויסצוגיין.

פאַרשטייט זיך, אַז די „גאַזעטן" און די „פאָלקסצייטונג" האָבן צווישן זיך שטאַרק קאָנקורירט, און איין אַרויסגעבער האָט געזוכט איבערצושטייגן דעם צווייטן. די „פאָלקסצייטונג" איז באמת געווען שיין אין טעכנישן זין, אָבער פאַר צוויי צייטונגען איז נאָך דעמאָלט קיין פּלאַץ ניט געווען אין ניו יאָרק. טאָפּאָלאָווסקין איז דער ענין פון אַרויסגעבעריי ביסלעכווייז נמאס געוואָרן, און ער האָט געזוכט אַ פּאַסיקע געלעגנהייט ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון זיין צייטונג אויף אַ שיינעם אופן. די געלעגנהייט איז געקומען אין מאַי 1880. און אַט ווי די זאַך איז צוגעגאַנגען:

„אין יענעם טאָג זענען מיר ביידע, טאָפּאָלאָווסקי און איך — דערציילט שרהזאָן אין זיינע זכרונות — צוזאַמען געווען אַלס דעלעגאַטן אויף אַ קאָנווענשאָן פון אָרדער ברית אברהם. פּלוצים איז ער צו מיר צוגעקומען מיט אַ פריינטלעכן „גוד איווונינג מיסטער שרהזאָן" און איז גלייך ווייטער אַרוים מיט די פאָלגנדע דייטלעכע ווערטער: „איך קען שוין לענגער ניט אויסהאַלטן, וואָס וועט זיין דער

13) קוועלן־ליטעראַטור, 1, 60, 61.

תכלית מיר קאָנקורירען איינער קעגן דעם אַנדערן. דאָס פעלד איז זייער באַשרענקט, און איך זע, אַז איך וועל ניט אויספירן . . . איך וועל אייך מיין „פאָלקס־צייטונג" פארקויפן, די אותיות, די סופּ־סקריפּשאָן ביכער, מיינע אויסשטייענדיקע חובות און אַלץ. איך ווייס דאָך, אַז איר האָט נישט קיין קעש געלט, קענט איר מאַכן די צאָ־לונגען אין קליינע ראַטעס". עס האָט קיין 24 שעה ניט געדויערט, און די גאַנצע יידישע שריפט, מיט די ביכער, און אויך דער זעצער פון דער „פאָלקס־צייטונג" זענען ביי אונדז אין שטוב געווען".

אין די „יודישע גאזעטן" פון 28טן מאַי, 1880 (6טער יאָר־גאנג, נומ. 21), איז אָפּגעדרוקט אויף דער ערשטער זייט די פאָלגנ־דיקע דערקלערונג פון מ. טאָפּאָלאָווסקי וועגן דער ליקווידאַציע פון דער „פאָלקס־צייטונג":

„פאָם הערויסגעבער יודישן פאָלקס־צייטונג

נאָך ביינאהע צווייא יעהריגער הערויסגאבע דער „יודישען פאָלקס־צייטונג", האבען וויר יעטצט בעשלאָססען, דיא וייטערע הערויסגאבע דער זעלבען אויפצוגעבען.

אלס איך פאר 2 יאָהרע דיא יודישע פאָלקס־צייטונג געגרינדעט האבע, האטטע זיך איינע גראָססע צאָהל פאָן סובסקרייבער אָנגע־שלאָססען און האָפּטע איך דיעזעם בלאַטט צו איינעם בעלעהרענדן אונד ניטצליכען צו מאַכען. צו דיעזעם צוועקק האבע איך שטעטס בעשטרעבט פערבעססערונגען צו אָנצוברענגען. לייִדער האבען מיך דיעזע אבאָנענטען אים שטיכע געלאַססען, דער גרעסטע טהייל האָט טראַטץ ביטטען אונד מאהנען דאָס אַבאָנעמענטס געלד ניכט איינ־געשיקט — פאָן דער ערשטער ביז דער לעצטער וואָכע האבע איך שטעטס יעדע וואָכע שווערהערעס געלד צוגעזעצט, אונד גלויבטע פיעללייכט ווירד עס בעסער ווערדען. עס לאַג ניכט דיא שולד אָן דיא צאָהל דער סובסקרייבער זאָנדערן אָן דיא ניכט פּינקטליכע צאָה־לונגען. עס איז דאָס טרויעריגע דאָס פילע סובסקרייבער בעטראַכ־טען דאָס אבאָנעמענטסגעלד אַלס איינע נדבה דיא זיא דעם הערויס־געבער געבע, אונד פיעלע האלטען זיך זאָגאר ניכט פארפפליכטעט זעלבסט דיא נדבה צו געבען. דעסהאַלב מוסטע איך דיא צייטונג אויפגעבען.

דען פריינדען דיא מיך וועהרענד דער צייט דורך פּראָמפּטע צאָהלונגען אונטערשטיטצען, דריקקע איך היערמיט מיינען העהציג־סטען דאנק אויס, זאָ וויא דאָס שמערצליכע בעדויערן פאָן איהנען

אבשיעד נעהמען צו מיססען. צור צופריעדענשטעלונג דער יעניגען סובסקרייבער אונד אדווערטייזער, דיא אונז אים פאראויס בעצאהלט האבען אונד דיא צייט איהרע סובסקריבציאן אונד אדווערטייזינג איזט ניכט אבגעלויפען, האבען וויר מיט מיסטער שרהזאן דעם הע־רויסגעבער דער „יודישען גאזעטטען", אן דעם וויר אונזערע יודישע פאלקס־צייטונג וויא אויך וואס דאצו בעלאנגט פירקויפט האבען, ריקשפראכע גענאמען, אונד אויסבעססערונגען, דאסס ער זאל אן דיא סובסקרייבער אונד אדווערטייזער דער יודישען פאלקס־צייטונג דיא פעהלענדע נוממערן דורך דיא זעלבע צאהל בלעטטער דער יודי־שען גאזעטטען פרייא אונד אונגעלטליך נאכדרוקקען אונד צוקאמען צולאססען. וואס מיסטער שרהזאן האט אויך איבערנעמען אונד שריפטליך זיך פערפפליכטעט צו טהון. דאגעגען האבען וויר אונ־זערער זייטס אן מיסטער שרהזאן אללע אונזערע אויסשטעהענדע פא־דערונגען און סובסקריבשאן געלדער אונד מודעות איבערגעגעבען. אונד מיסטער שרהזאן איזט היערמיט ערמעכטיגט אללע אונזערע ריק־שטענדיגע סובסקריבשאנס געלדער פיר דיא פאלקס צייטונג וויא פיר מודעות אדער אדווערטייזמענטס צו קאלעקטען איינצוקאסירען אונד דאפיר צו קוויטירען.

איך ביטטע דאהער אללע געעהרטע אבאנענטען פאן סיטי אונד קאנטרע וועלכע זינד מיר נאך ריקשטענדיג, דאס זיא אללע דיא מיר צוקאמענדע סובסקריבשאן געל־[?] געלדער צו זענדען אן מיסטער שרהזאהן, 21 אללען סט.

מ. טאפאלאווסקי, הערויסגעבער דער פאלקס־צייטונג.

ניו יארק, מאי דען 18טען, 1880".

REV. K. H. SARASOHN

21 Allen Street New York

*I hereby for value received sell and transfer to K. H. SARASOHN, all the debts due to me from subscribers or advertisers in or to the "Judische Volks Zeitung" newspaper and authorize him to collect all moneys therefore.*

*New York, May 24th,* 1880. M. TOPOLOWSKY.

City and County of New York, on this 24th day of May, 1880, before me personally came Moses Topolowsky, known to me to be the person described in and who executed the foregoing paper and acknowledged to me that he executed the same.

CHARLES H. SMITH
Notary Public,
*New York County.*

פון א רעפּראָדוקציע פון דער ערשטער זייט פון נומער 13 „יו־דישע פּאָלקסצייטונג", דאַטירט „ניו יאָרק, פרייטאָג. ז תשרי, תרל׳ט", איז צו זען, אַז פאַר די אבאָנענטן איז געווען דער „פּרייז אין ניו־יאָרק: 3 מאָנאַט 40 סענט, 6 מאָנאַט 80 ס. יעהרליך $1.50. פּרייז פיר קאָנטרע (פּראָווינץ): 3 מאָנאַט 50 ס., 6 מאָנאַט $1.00 יעהרליך $1.75".

אַזוי ווי אויפן נומער איז ניט אָנגעגעבן דער פּרייז פון אַן איינצלנעם עקזעמפּלאַר, מעג מען אפשר אָננעמען, אַז אויך די לאָקאַ־לע לעזער פלעגן זיך אַבאָנירן אויף דער דאָזיקער וואָכנשריפט, וואָס איז זיי געבראַכט געוואָרן אַהיים דורך ספּעציעלע צייטונגס־טרעגער און מסתמא אויך דורך דער פּאָסט.

נאָכדעם ווי די לעזער ווערן געבעטן אריינצושיקן די „פּרנומע־ראַציאָנס־געלדער פיר דאָס לעצטע קוואַרטאַל", ווערט געגעבן דער פאָלגנדיקער „אינהאַלט" פון נומער: „פּאָליטישע נייס. פּאָליטישע איבערזיכט. יודיש נייעס. אויסלענדיש נייעס: שענע צושטענדע. דער קאַיזער, דיא צייטונגען אונד דיא ניהיליסטען. ראַכע דער ניהי־ליסטען. איין וויבליכער רויבערהויפּטמאַן. סוליימאַן פּאַשאַ אונד דאָס קריעגסגעריכט. איין אַזיאַטישער פירסט אונד זיין זאָהן. איין וואָרט פיר דיא עפפענטליכקייט. דער יודישער פעדלער (אָריגינאַל ראָמאַן) אָנצייגען".

פון דעם אינהאַלטס־פאַרצייכעניש קען מען זען, אַז וועדליג דעם צושטאַנד פון יידישן זשורנאַליזם אין אַמעריקע אין יענער צייט איז די „פּאָלקסצייטונג" באמת געווען אַן גוט־צונויפגעשטעלטע וואָכנ־שריפט מיט אינטערעסאַנטע „פּיטשורס" אָפּגעבנדיק דערביי א סך פּלאַץ דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן און יידישן לעבן ניט בלויז אין אַמעריקע, נאָר אויך אויף יענער זייט ים.

יעדע זייט איז באַשטאַנען פון דריי עמודים. מיר ברענגען דאָ אַן אויסצוג פון די „פּאָליטישע נייעס", וועלכע פאַרנעמען א שפּאַלט און א פערטל פון דער ערשטער זייט, כדי צו שאַפן זיך א באַגריף וועגן וואָס און ווי אַזוי האָט מען געשריבן אין דער „יודישער פּאָלקס־צייטונג".

## פּאָליטישע נייעס

„דיא עסטרייכער האָבען די פעסטונג דוואָרניק אין באָסניען באַ־זעצט, דאדורך האָבען די אינסורגענטען זעהר פיעל פערלאָרען, אונד איזט האָפּפונג פערהאַנדען דאָסס דער קריג אין באָסניען באַלד צו

ענדע זיין ווירד. ביי וויעגראַד, אין באָסניען, האָבען דיא עסטריי־כער איינען זעהר גראָססען זיעג ערפאכטען. דיא אינסורגענטען פליעהען נאָך סערביען. דער עסטרייכישער אָבער גענעראל פיליפאָ־וויטש האָט געשריעבען, דאָסס ער ענדע אָקטאָבער פיעל מיליטער נאָך הויזע צוריק שיקען ווירד. מאן קאָן אָבער נאָך ניכט וויססען וויא דיא זאכען אויסזעהען ווירדען, ווען דאָס שלעכטע וועטטער קאָממען ווירד.

„דיא עסטרייכער האָבען די לעצטע פעסטונג וועלכע דיא אינ־סורגענטען נאָך אין דער הערצאָגווינא געהאבט האבען נאמענס סלאבוק ערשאָבערט. עסטרייך ווירד גלייך דיא פעסטונג ( . . . ) *) לאססען ( . . . ) *) זעטצען זאָלל.

„גריכישע ציטונגען טהיילען דיא נאכריכט מיט, דאָסס דיא אינסורגענטען אין טעססאליען 8 הונדערט מאן טירקישעס מיליטער ביי דער שטאָדט ארפירא געשלאָגן האָבען. רוססלאַנד פערלאַנגט דאסס איהם דיא טירקייא 310 אונד איינע האלבע מיליאָן פראנקס ((77 מיללי‎אָנען דאָללאר) קריעגעס קאָסטען צאָהלען זאָלל. אין דעם בערלינער פערטראג איזט נעמלעך איבער דיא קריעגסקאָסטען גאָר ניכטס אָבגעמאכט וואָרדען.

„דיא ניהיליסטישע פאַרטהיי ווירד אין רוססלאַנד מיט יעדעס מאלע שטאַרקער. עס הייססט, דאסס זיא איינע ציטונג הערויסגעבען ווירד, דיא אין פרייסען נאהע ביי דער רוססישן גרענצע ערשיינען ווירד. דיא רוססישע פאָליציי האָט פאָן דער רעגיערונג דען בעפעהל בעקאָממען אין אללע פאַבריקען ( . . .) *) צו האלטען. אונד אללע ארבייטער דיא אין פערדאַכט שטעהען צו דען ניהיליסטען צו געהע־רען, צו ארעסטירען.

„דיא רומענישע קאממער (קאָנגרעס) איזט ערעפנעט וואָרדען.

„עס איזט מיט בעשטימטהייט צו ערוואַרטען, דאסס דער קריי־עג צווישען ענגלאַנד אונד אפגאניסטאן אין אזיען באלד אויסברעכען ווירד. ענגלאַנד ציעהט זיין גאנצעס אינדישעס מיליטער פאן פלימוטה אין ענגלאַנד דאָרטהין געשיקט. אללעס איזט שאָן פארבערייטעט, אונד זיא וואַרטען נור נאָך איינען בעפעהל אָב, אום אין אפגאניסטאן איינצומארשיערען. דער פירסט פאָן אפגאניסטאן, שור אלי, האָט איינען בריף צום סולטאן נאָך קאָנסטאנטינאָפאָל געשריבען, אין וועלכען ער איהנען דען ראטה גיבט דיא מאכמעדאנער זאָללען זיך

*) ניט לעזבאַר אויף דער רעפּראָדוקציע.

מיט רוסלאַנד פעראייניגען. אונד ער האָט אויך געשריבען, דאסס ער איינען פערטראג מיט רוססלאַנד אָבשליעסען ווירד. עס איזט קיין צווייפעל מעהר, דאסס רוססלאַנד דען פירסטען געוועזן ענגלאַנד אויפ־געהעצט האָט".

„העכער אַ שפאלט אויף דער ערשטער זייט איז געווידמעט דער „פּאָליטישער איבערזיכט", וואָס ווערט פּאָרטגעזעצט אויף דער צווייטער זייט פון דעמזעלבן נומער, אָבער פון דער זייט איז קיין רעפּראָדוקציע נישטאָ.

פאַרגלייכט מען די שפּראַך פון דער „יודישער פּאָלקסצייטונג" מיט דער שפּראַך פון די „יודישע גאַזעטען", זעט מען טאַקע, אַז די ערשטע איז געשריבן געוואָרן אין אַ פּיל לייכטערן סטיל, און ס'איז דערפאַר קיין וואונדער ניט, וואָס שרהזאָן האָט געהאַלטן טאָפּאָלאָווסקין פאַר זיין געפערלעכסטן קאָנקורענט. דער ארויסגעבער פון די „גאַזעטען" האָט דערפאַר געהאַט גענוג אורזאַכן צו זיין צופרידן, ווען טאָפּאָלאָווסקי האָט אים זיין „פּאָלקסצייטונג" פאַרקויפט.

ווער ג. לאַנדוי, רעדאַקטאָר פון דער „פּאָלקסצייטונג" איז געווען, איז אונדז דערווייל ניט געלונגען צו דערגיין. צו זיין שבח זאָל געזאָגט ווערן, אַז לויט דעם צונויפשטעל פון דער „פּאָלקסצייטונג" און לויט דעם ריינעם סטיל, אין וועלכן זי איז געשריבן געוואָרן (ד. ה. אין אַ לייכטערן דייטשמעריש), איז ער בלי ספק געווען דער בעסטער יידישער רעדאַקטאָר אין יענע יאָרן.

## 3. „דיא טעגליכע גאַזעטען"

ארויסגעגעבען פון כתריאל צבי שרהזאָן, ניו יאָרק. ערשטער נומער, דעם 18טן יוני, 1881.

אַ היפּש ביסל שטערונגען און קאָנקורענטן האָט דער ענערגישער כתריאל צבי שרהזאָן געדאַרפט בייקומען פון 1874 ביז 1880, אַז זיינע „יידישע גאַזעטען" זאָלן שטיין אויף אַ פעסטן פונדאַמענט. אין 1880 האָט ער שוין געהאַט אָפּגעדונגען אין 21 עלען סטריט אַ קליינע דרוקעריי, וואָס האָט געהערט צו אַ דייטש. די „גאַזעטן", וועלכע פלעגן ביז דעמאָלט אין געוויסע וואָכן אינגאַנצן ניט ארויסגיין, האָבן אָנגעהויבן צו דער שיינען רעגלמעסיק.

דער באַלעבאָס פון דער דרוקעריי האָט אָבער פּלוצים באַשלאָסן זיך אינגאַנצן ארויסצוציען פון ניו יאָרק, און ער האָט איינגערעדט

שרהזאָנען, ער זאָל די דרוקעריי ביי אים אָפּקויפן. שרהזאָן האָט דעם דייטש אוועקגעגעבן זיין גאַנץ פאַרמעגן, אָבער עטלעכע טעג נאָך דעם איז געקומען דער מאַרשאַל איינמאָנען א „מאָרטגעדזש". שרהזאָן האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן, און מען האָט די דרוקעריי ליציטירט, און שרהזאָנען אליין איז געלונגען צוריק אָפּ־צוקויפן די דרוקעריי מיט דעם ביסל געלט, וואָס ער האָט אין לעצטן מאָמענט באַקומען אויסגעבאָרגט, און אין זיין אַרויסגעבערישער טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן א נאָרמאַלע צייט. אין מאַי 1881 האָבן די „גאַזעטן" און די דרוקעריי צוזאַמען מיט דעם אַרויסגעבערס גאַנצער משפחה זיך אַריבערגעצויגן אין 5 איסט בראָדוויי. אונטן איז געווען א מעבל־געשעפט; דעם ערשטן שטאָק האָבן פאַרנומען די „גאַזעטן" און די שרהזאָן משפחה, און אויפן צווייטן שטאָק האָט זיך געפונען די סואוואַלקער שול.

שרהזאָן האָט שוין געוואוסט פון פריערדיקע דערפאַרונגען, אַז מלחמות און נאַציאָנאַלע צרות האָבן געשאַפן מעגלעכקייטן פאַר דער גרינדונג, דערשיינונג און אויסברייטערונג פון יידישע צייטונגען. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די מוראַדיקע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אָנהייב די 80ער יאָרן, האָבן גענומען שטראָמען קיין אַמעריקע מאַסן יידן פון צאַרן־לאַנד. יענע מזרח־יידן, וועלכע זענען שוין געווען פון פריער אין אַמעריקע, באַזונדערס אין ניו יאָרק און אין די אַנ־דערע גרעסערע נאָענטע און ווייטע שטעט, האָבן געדורשט נאָך נייס פון יידישן לעבן אין איירָאָפּע.

שרהזאָן האָט איינגעזען, אַז דאָס איז א שעת־הכושר אַרויסצוגעבן א יידישע צייטונג יעדן טאָג.

דעם 18טן יוני, 1881, איז אין ניו יאָרק דערשינען דער ער־שטער נומער פון די „טעגלעכע גאַזעטן" — די ערשטע יידישע טעג־לעכע צייטונג אין אַמעריקע, און אויף דער גאַנצער וועלט.

פון די „טעגלעכע גאַזעטן" פון יענער צייט איז בלויז פאַרבליבן א רעפּראָדוקציע פון דער ערשטער זייט פון צווייטן נומער. דערשינען דעם 19טן יוני, 1881. דריי און א פערטל שפּאַלטן זענען פאַרנומען מיט א באַריכט פון דער „חברה כל ישראל חברים" (אַליאַנס איז־ראַעליט) וועגן דער לאַגע אין די פּאָגראָם־צענטרען, און דאָס איבע־ריקע פון פערטן שפּאַלט איז אויסגעפילט מיט קורצע, פּאָר שורה־דיקע נייס פון בולגאַריע, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך און זיד־אַמעריקע.

אין ניו יאָרקער יידישן קוואַרטאַל זענען דעמאָלט נאָך ניט גע־וועזן קיין יידישע צייטונגס־קיאָסקן. האָט מען די „גאַזעטעען" פאַר־טיילט צווישן די שפּייז־קראָמען ("גראָסערים"), און ווען די באַלע־באָסטעס זענען געקומען איינקויפן, האָבן זיי אין איין וועג שוין אויך איינגעהאַנדלט די „גאַזעטן". דער יידישער לעזער פון יענער צייט איז אָבער געוואוינט געווען צו קויפן אַ צייטונג בלויז ערב שבת, זענען דערפאַר דאָס רוב נומערן פון די „טעגליכע גאַזעטען" געבליבן ניט פאַרקויפט[14]).

נאָך צוויי חדשים דערשיינען טעגלעך (אייגנטלעך פינף מאָל אין וואָך), אויסער שבת און זונטיק זענען די „גאַזעטן" צוריק פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ וועכנטלעכער אויסגאַבע.

## 4. „דיא טעגליכע גאַזעטען"

„אַרויסגעגעבען פון כתריאל צבי שרהזאָן, ניו יאָרק. ערשטער נומער — דעם 6טן אַפּריל, 1883.

כאָטש זיין פּרואוו אין 1881 אַרויסצוגעבן אין ניו יאָרק אַ יידי־שע טעגלעכע צייטונג איז ניט געלונגען, האָט שרהזאָן נאָך אַלץ גע־וואַרט אויף אַ געלעגנהייט ווידער צו גרינדן אַ טאָגבלאַט.

אין יאָר 1883, ווען די יידישע באַפעלקערונג אין אַמעריקע איז שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן מיטן צופלוס פון נייע אײנוואַנדערער פון די יידיש־רעדנדיקע צענטרען, האָט שרהזאָן ווידער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן „טעגליכע גאַזעטען". די רעדאַקציע האָט דעמאָלט זיך שוין געפונען אין 44 איסט בראָדוויי, און פאַרנומען דעם גאַנצן צווייטן שטאָק פון דער דאָזיקער געביידע. שרהזאָן האָט ניט גע־צווייפלט, אַז דאָס מאָל וועלן די „טעגליכע גאַזעטען" געפינען אַן אָפּ־גאַנג ביים יידישן עולם, צווישן וועלכן עס האָבן זיך אויך געפונען אַ סך ערשט אָנגעקומענע משכילים. האָט ער דערפאַר זיך צוגע־גרייט מיט אַ נייער צילינדער פּרעס־מאַשין, וואָס האָט אים געקאָסט 12 הונדערט דאָלער — ניט קיין קליינע מטבע פאַר אַ יידישן צייטונג־אַרויסגעבער אין יענע יאָרן.

דער ערשטער נומער פון די נייע „טעגלעכע גאַזעטען" איז דער־שינען דעם 6טן אַפּריל, 1883, און האָט געקאָסט 2 סענט אַן עקזעמ־פּלאַר. ווי מען קען זען פון אַ פאָטאָגראַפיע פון דער ערשטער זייט

---

14) קוועלן־ליטעראַטור 1, 18, 49, 60, 61.

(און דאָס איז אַלץ, וואָס איז פון אים פאַרבליבן פאַר די קומענדיקע דורות), הייבט זיך אָן דער ערשטער נומער מיט אַ לענגערן לייט־אַרטיקל און אַנטהאַלט אויך צוויי און אַ האַלב שפּאַלטן אַלגעמיינע נייַס פון ענגלאַנד, רוסלאַנד, דייטשלאַנד און בעלגיע. די דאָזיקע זייט ווערט פאַרענדיקט מיט אַן אַנאָנס, אַ האַלבן שפּאַלט די גרויס, וועגן אַ יידיש טעקסטבוך זיך צו לערנען ענגליש.

דאָס לייט־אַרטיקל אין ערשטן נומער פון די באַנייטע „טעגליכע גאַזעטען" ברענגען מיר דאָ ווייטער אין דער אָריגינעלער אָרטאָגראַפיע. דאָס דאָזיקע לייט־אַרטיקל איז ניט בלויז אַ מוסטער פון יידישן זשורנאַליזם אין אַמעריקע מיט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, נאָר ווייזט אונדז אויך ווי אַזוי אַ יידישער רעדאַקטאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט דעמאָלט געקוקט אויף דער יידישער און העברעישער פרעסע און ליטעראַטור אין אייראָפּע.

דאָס לייט־אַרטיקל לייענט זיך:

„דיא צאָהל דער יהודים האָט זיך אין דען לעצטען פּאַר יאָהרען אין אַמעריקע בעדייטענד פערגרעססערט, דורך דיא שטאַרקע אויסוואַנדערונג אויס רוסלאַנד, עסטרייך אונד רומעניען וועלכער האָט אין דער לעצטען צייט אַלס פאָלגע דער יודענפערפאָלגונגען אויס דען געגנאַנטען לענדערן בעדייטענד צוגענאָמען. דיא מעהרסטע דיעזען נייען איינוואַנדערער זינד אים שטאַנדע קיינע אַנדערע שפּראַכע אַלס די יודיש־דייטשע, אונד דאָס נור אין דער יודישער שריפט צו לעזען אונד צו פערשטעהן. דיעזע לייטע וואַרען אָבער שאָן אין רוסלאַנד אונד אין עסטרייך אונד אין רומעניען געוואָהנט צייטונגען, ענטוועדער צייטונגען אום יודישען שאַרגאָן אָדער זאַגאַר אין לשון קודש צו לעזען. ווייל דאָרט בעשטעהען בערייטס זייט מעהרערען יאָהרען פערשיעדענע צייטונגען וועלכע ערשיינען ענטוועדער אים יודישען שאַרגאָן, ווי צום בייששפּיעל „דאָס פאָלקסבלאַט", „דער ישראלי", דער „קול מבשר", „וויענער איזראַעליט", „דיא פעסטער יודישע צייטונג", דער בוקאַרעסטער „היועץ" אונד דערגלייכען, אָדער אין לשון קודש וויא דער „המגיד", „הצפירה", „הכרמל", „העברי", אונד בעזאַנדערס דער אין פּעטערסבורג יעצט צווייטמאָל וועכענטליך ערשיינענדע „המליץ", אונד אויסער דעם ערשיינען דאָרט אין יעדעס יאָהר הונדערטע קליינע געשיכטען אונד אַנדערע ביכער אונד ספרים אין דען צוויי געגאַנטען שפּראַכען, וועלכע ווערדען פאָן טויזענדע טויזענדע יהודים פלייסיג געלעזען. אונד דיא מערסטע רוסישע יודישע איינוואַנדערער זינד אויך פלייסיגע לעזער, וויא וויר האָבען אונז גענוגענד איבערצייגט פאָן דען פיעלען בריעפען אונד צושריפטען, וועלכע וויר האָבען אין דער לעטצטען צייט פאָן איהנען ערהאַלטען מיט דעם וואונש דאָס דיא הערויסגעבער דער גאַזעטען,

> דיא ביז יעטצט נור איינמאָל אין דער וואָכע ערשיינען, זאָללען אנשטאַטט דעם איינע טעגליכע צייטונג הער־אויסגעבען, אונד דיא יעניגע לעזער, וועלכע פערשטעהען אויך אַנדרע שפּראַכען אונד ציהען עס פאָר אונזרע „גאַזעטען“ ליבער אַלס יעדרע צייטונג צו לעזען, האָבען זיך מיט רעכט בעקלאַגט, דאָס עס גיבט נאָך ניכט איין יידישעס טאַגעבלאַטט, אונד בייא דער יעצטיגען צייט אַלס אַללע טעגליכע צייטונגען ברינגען דיא ערייגניססע אונד נייאיגקייטען פאָן דער גאַנצער וועלט אין דעמזעלבען טאָג און אין וועלכעס דיא ערייגניסטע זינד געשעהן, ערפאַהרען עס דיא לעזער דער „גאַזעטען“ מאַנכעסמאָל ערשט אַכט טאָגע שפּע־טער, אַלס דיא לעזער אַנדערער צייטונגען, אונד דיא נייאיגקייטען זינד קיינע נייאיגקייטען מעהר, דאַרום האָבען וויר בעשלאָסען מעג־ליך דיא „גאַזעטען“ מיט אויסנאַהמע פאָן שבת ויו"ט הערויסצוגע־בען. דאַדורך ווערדען וויר אים שטאַנדע זיין אונזערע לעזער דיא נייאיגקייטען פאָן יעדעס טאָג גלייך דען זעלבען טאָג נאָכמיטאָג מיטצוטהיילען, אָבוואָהל דיעזעס אונטערנעהמען איזט, וויא יעדער קאָן זעלבסט פערשטעהן, מיט פיעלער אַרבייט אונד מיט גראָסען קאָסטען פערבונדען, טהוען וויר עס דאָך גערן אונד מיט פערגניגען, אום דיא גראָסע צאָהל לעזער וועלכע האָבען אונז דאַרום ערזוכט, צו־פרידען צו שטעללען. וויר האָפען דאָס אַללע סובסקרייבערס, וועל־כע האָבען אונזער וואָכענבלאַט געהאַלטען, ווערדען אויף דאָס טאָגע־בלאַט אום זאָ ברייטוויללליגער אַבאָנירען.“

אונטערן לייט־אַרטיקל גייט די מודעה, אַז די „טעגליכע גאַזע־טען“ ווערן געשיקט איבערן גאַנצן לאַנד פאַר פינף דאָלאַר אַ יאָר, $2.75 פאַר אַ האַלב יאָר און $1.50 פאַר דריי חדשים. אַן עקזעמ־פּלאַר קאָסט צוויי סענט. די רעדאַקציע לאָזט אויך וויסן, אַז די וועכנטלעכע „גאַזעטן“ וועלן ווייטער דערשיינען יעדן פרייטיק, ווי פריער, אין אַכט זייטן, אָבער מיט מער לייען־מאַטעריאַל.

די באַנייטע „טעגליכע גאַזעטן“ זענען דערשינען דריי חדשים כסדר, און פון יולי אָן צוריק וועכנטלעך, ווייל אַ יידיש טאָגבלאַט אין אַמעריקע האָט זיך דעמאָלט נאָך אַלץ ניט געקענט אויסהאַלטן.

אַ טעגלעכע יידישע צייטונג האָט טאַקע דעמאָלט נאָך ניט גע־קענט עקזיסטירן. אָבער אַ סך יידישע לעזער האָבן זיך שוין ניט גע־קענט באַנוגענען מיט אַ צייטונג בלויז איין מאָל אַ וואָך. צופרידנ־צושטעלן די דאָזיקע געטרייערע לעזער האָט שרהזאָן אויף אַ שטיק צייט אַרויסגעגעבן יעדן דינסטיק די „יודישע פאָלקס צייי־טונג“ (זע פריער), וואָס ער האָט אין 1880 אָפּגעקויפט ביי מ. טאָ־פּאָלאָווסקין און זי אָפּגעשטעלט[15]).

---

[15]) דאָרט 13.

צי שרהזאָן האָט ארויסגעגעבן די אָפּגעקויפטע „יודישע פאָלק־צייטונג" אויך בעת ער האָט ארויסגעגעבן די ערשטע „טעגליכע גאַזעטען" נאָך זייער פארוואנדלט ווערן צוריק אין אַ וואָכנבלאַט, איז ניט באַקאַנט. אין 1887, ווען עס האָט אָנגעהויבן ארויסגיין דאָס „אידישעס וואָכענבלאַט" (זע א. נ. מלאכים ארטיקל אין דעם זאַמל־בוך), איז עס געווען אַ מין המשך פון דער „פאָלקס־צייטונג".

## 5. „יידישעס טאַגעבלאַט".

ארויסגעגעבן פון שרהזאָן און זון, ניו יאָרק. געגרינדעט אין 1885, ענגלישער טיטול Jewish Daily News

צווישן דעם ערשטן פרואוו שרהזאָנס און דעם צווייטן ארויסצוגעבן אַ טעגלעכע צייטונג האָט געדויערט בערך 2 יאָר, און צו מאַכן דעם דריטן פרואוו האָט ער אויך אָפּגעוואַרט אזוי לאַנג, אָבער דאָס־מאָל איז אים שוין די אונטערנעמונג געלונגען.

די „גאזעטן" זענען פארבליבן אַ וועכנטלעכע אויסגאַבע ווי פריער. אין יאַנואר 1885 האָט שרהזאָן אָנגעהויבן ארויסצוגעבן זיין „יידישעס טאָגעבלאַט", וואָס איז דערשינען אָן איבעררייס 45 יאָר, ביז די צייטונג איז דעם 30טן אפריל, 1928, איינגעשלונגען געוואָרן פון „מאָרגן זשורנאַל", און די וועכנטלעכע יידישע „גאזעטן" זענען דעמאָלט פארייניקט געוואָרן מיטן „אַמעריקאַנער פרויען מאַגאַזין" נאָך אָן עקזיסטענץ פון 56 יאָר.

פון די ערשטע נומערן „יידישעס טאַגעבלאַט" זענען פארבליבן אויסצוגן, וואָס זענען איבערגעדרוקט געוואָרן אין דעם נומער צום 25־יאָריקן יובילײ פון דער צייטונג — דעם 20טן מערץ 1910. עס איז אויך פאַראַן אַ רעפּראָדוקציע פון דער ערשטער זייט פון אַן אַלטן נומער „טאַגעבלאַט", דאַטירט דעם 20טן מערץ, 1888, ד. ה. איבער דריי יאָר נאָך דער גרינדונג פון דער צייטונג. די ערשטע צוויי שפּאַלטן פון דער דאָזיקער זייט זענען אויסגעפילט מיט „קאַבעל־דע־פּעשן אויס אַללען וועלטטהיילען", די איבעריקע צוויי מיט „אינלענדישעס" און „יידישעס".

פּאַר אַ מוסטער ווי אַזוי מען האָט אין דעם ערשטן יאָרגאַנג „טאַגעבלאַט", טאַקע אין די ערשטע טעג פון דערשיינען, איבערגעגעבן יידישע נייס און נייס בכלל, דרוקן מיר דאָ איבער אַן אויסצוג

פון נומער, וואָס איז אַרויס דעם 30טן יאַנואַר 1885, ד. ה. מיט אי־בער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. דער אויסצוג לייענט זיך אַזוי:

„עס ווירד אויס קיעוו (רוסלאַנד) געמעלדעט, דאַס אן דעם טאַג אַלס סיר מאָזעס מאָנטעפיאָרע זיין הונדערט יעהריגעס יובילעאום פייערטע, ווורדע דאָרט איינע דענקמינצע געפּרעגט. אויף דער איי־ער זייטע איזט דאַס בילד פאָן מאָנטעפיאָרע. דיא מינצע זיזט אין דער געשטאַלט איינעס מגן דוד, אויף די שפּיטצען איזט דיא יאַה־רעסצאַהל תקמ״ח אונד אויף דער ענטגעגענגעזעצטער זייטע תרמ״ח, אין דער מיטע דאַס וואָרט ירושלים, אונד הערום אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני איינגראַווירט. דיא מינצען זינד אויס בראָנז אונד קאָסטעט 50 קאָפּ, פערגאָלדעט 2 רובל אונד אויס גאָלד 15 רובל. דאַס פיר דיעזען מינצען געלעזטע געלד ווירט אין איינער העלפטע צור אונטערשטיצונג דער קאָלאָניסטען פאָן ארץ ישראל אונד דיא צווייטע העלפטע פיר ישוב א״י איינגעזענדעט“.

(„יידישעס טאַגעבלאַט“, יאַנואַר 30, 1885).

אין 1881, ווען שרהזאָן האָט געמאַכט דעם ערשטן פּרואוו אַרויסצוגעבן אַ יידישע טעגלעכע צייטונג, האָט מען יעדן טאָג אויס־געטיילט די נומערן צווישן די שפּייז־קראָמען, וואו די באַלעבאָסטעס האָבן איינגעהאַנדלט דאָס „בלאַט“ ביים קויפן מיליכיקס און געבעקס. דאָס רוב עקזעמפּלאַרן זענען געבליבן ליגן, ווייל דער יידישער עולם איז נאָך ניט געווען צוגעוואוינט צו אַ טעגלעכער צייטונג, נאָר צו אַ וואָכנבלאַט, וואָס מען האָט געקויפט ערב שבת; אָבער אין 1885, ווען שרהזאָן האָט גענומען אַרויסגעבן דאָס „יידישע טאַגעבלאַט“, איז שוין זיין זון יחזקאל געווען אַ דערוואַקסענער בחור, און ער האָט אויף זיך גענומען צו אָרגאַניזירן דעם פאַרקויף פון דער צייטונג אויף אַ „מאָדערנער“ אופן, ד. ה. דורך צייטונגס־יינגלעך. עס זענען שוין דעמאָלט געווען אַ סך יידישע יינגלעך, וואָס האָבן אין דער פרייער צייט זיך פאַרנומען מיט פאַרקויפן צייטונגען. זיי זענען אָבער געוואוינט אויסצורופן און פאַרקויפן בלויז ענגלישע צייטונגען, אָבער אַרומטראָגן זיך מיט אַ יידישער צייטונג און הויך אויסשרייען איר נאָמען האָבן זיי זיך געשעמט. יחזקאל שרהזאָן האָט דערפאַר געדונגען ניט־יידישע „ניוס־באָיס“ צו פאַרקויפן דאָס „טאַגעבלאַט“.

דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון די „גאַזעטן“ און שפּעטער פון „טאַגעבלאַט“ איז געווען מרדכי יהלמשטיין (פריער דער אַרויסגע־בער־רעדאַקטאָר פון „ניו־יאָרקער איזראַעליט“, 1875), שרהזאָנס אַ שוואָגער. יהלמשטיין איז געווען אַ זעצער ביים פאַך, און עס איז ניט

אויסגעשלאָסן, אַז אין די ערשטע צייטן פון זיין רעדאַקציאָנעלער אַר־בעט פאַר זיין שוואָגער, דעם אַרויסגעבער, האָט ער אַ חוץ שרייבן אויך געהאָלפן זעצן די צייטונג. דער רעדאַקטאָר־זעצער איז אייגנטלעך געווען מער העברעישער שרייבער ווי יידישער. ווען צבי הירש בערנשטיין האָט אין 1871 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דעם „הצופה בארץ החדשה", די ערשטע העברעישע צייטשריפט אין אַמע־ריקע, איז יהלמשטיין געווען אי דער הויפּט־זעצער, אי דער פּאַקטי־שער רעדאַקטאָר.

מ. יהלמשטיין איז געווען אַ חוץ אַ העברייער אויך אַ „קאַלוואַ־ריער ראַטש", איז דערפאַר פאַרשטענדלעך, וואָס ער האָט זיך ניט באַמיט צו שרייבן אַ פאָלקסטימלעכן יידיש, אָדער צו האָבן וועלכע־עס־איז ערנסטע באַציאונג צום „זשאַרגאָן".

וואָס איז שייך יידישע נייס, האָט דאָס „טאַגעבלאַט" זיי הויפּט־זעכלעך געשעפּט פון לאָנדאָנער ענגלישן „דזשואיש קראָניקל", פון די העברעישע צייטשריפטן אין מזרח־אייראָפּע און פון מאַינצער „איז־ראַעליט". (אגב, אין די ערשטע יאָרן פון די „גאַזעטן" אין די 70ער יאָרן, ווען שרהזאָן האָט נאָך ניט געהאַט קיין אייגענע דרוק־קעריי, און ער האָט געמוזט אָנקומען צו די פאַנטאַסטישסטע פאָרט־לען ווי אַרויסצוגעבן זיין וואָכנשריפט, האָט ער אַ צייט לאַנג געקראָגן צוגעשיקט פון מאַינץ אַ היפּש ביסל עקזעמפּלאַרן פון „הישראלי", אַ יידיש וואָכנבלאַט, געדרוקט אויף דייטש מיט יידישע אותיות. אָבער אויף די עקזעמפּלאַרן, וואָס מען האָט געשיקט צו אים, איז די ערשטע זייט געווען אינגאַנצן ליידיק, און דאָ האָט מען שוין ווי־ניט־איז צו־געדרוקט די ערשטע זייט מיט דער איבערשריפט „יידישע גאַזעטען").

אַמעריקאַנער און אַלגעמיינע נייס האָט מען איבערגעזעצט אַביסל פון די ענגלישע צייטונגען, אָבער אַזוי ווי דאָס רוב יידישע זשורנאַליסטן פון יענער צייט, זענען געווען „גרינהאָרנס" און האָבן ניט געקענט ענגליש ווי געהעריק, האָט מען דאָס רוב אַלגעמיינע נייס איבערגעזעצט פון דער „שטאַטס־צייטונג" און פון „העראָלד", די צוויי דייטשישע טאָג־בלעטער, וואָס זענען דעמאָלט דערשינען אין ניו יאָרק.

אין יענע ווייטע טעג, ווען די „טעגלעכע גאַזעטן" און דאָס „אידישע טאַגעבלאַט" זענען געגרינדעט געוואָרן, און אויך יאָרן שפּעטער, איז געווען איינגעפירט אין די יידישע רעדאַקציעס, אַז יע־דער שרייבער האָט געדאַרפט קויפן מיטן אייגענעם געלט די דייט־שישע אָדער ענגלישע צייטונג, פון וועלכער ער האָט איבערגעזעצט.

די פאַרדינסטן פון אַ יידישן זשורנאַליסט זענען אָבער דעמאָלט געווען זייער קליינע, האָט יעדער שרייבער געזוכט, ווי ווייט מעגלעך איינצושפּאָרן זיך געלט, און פון איין־און־דעמזעלביקן עקזעמפּלאַר „העראָלד", שטאַטסציימונג" א. א. וו. איבערגעזעצט וואָכן נאָכאַנאַנד. אי וואָס די נייס זענען שוין געוואָרן אַלט־געבאַקן, דאָס איז ניט געווען קיין אָפּהאַלט[16].

דאָס „טאָגעבלאַט" האָט זיך ביסלעכווייז איינגעפונדעוועט, און שפּעטער זענען די „גאַזעטן" געוואָרן אַ וועכנטלעכער איבערדרוק פון אַלץ, וואָס האָט זיך פריער געדרוקט פון זונטיק ביז פרייטיק, אין׳ם „טאָגעבלאַט". בעת דאָס „טאָגעבלאַט" איז פאַרשפּרייט געוואָרן, באַזונדערס אין די שטאַטן ארום ניו יאָרק, זענען די וועכנטלעכע „גאַזעטן", דאָס הייסט, דער איבערדרוק פון „טאָגעבלאַט", געלייענט געוואָרן אין אַלע טיילן פון לאַנד, וואו יידיש־לייענדיקע יידן האָבן געוואוינט. און אַ היפּש ביסל עקזעמפּלאַרן פון די „גאַזעטן" זענען זיך צעגאַנגען אי אין דער ווייטער זיד־אַמעריקע, אי אין דער נאָך ווייטערער זיד־אַפריקע.

די „היברו ניוס", די דריטע יידישע וואָכנשריפט אין אַמעריקע, ארויסגעגעבן אין ניו יאָרק אין 1871 פון צבי הירש בערנשטיין און יעקב כהן[17], האָט געהאַט אַ חוץ דער העברעישער אָפּטיילונג אויך אַן ענגלישע. יהלמשטיין, רעדאַקטאָר פון „טאָגעבלאַט", האָט אין דער ציימונג אויך איינגעפירט אי אַ העברעישע אָפּטיילונג, אי אַן ענגלישע, און אַזוי ארום געשאַפן „שולע" אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער יידישן זשורנאַליזם ווייל זינט דעמאָלט האָבן שוין כמעט אַלע אַנדערע יידישע טעגלעכע ציימונגען דאָ אין לאַנד פּרובירט פאַרגרעסערן זייער צירקולאַציע דורך דרוקן העברעישע אַרטיקלען און דורך ענגלישע אָפּטיילונגען („דעפּאַרטמענטס") פאַר די קינדער פון זייערע לעזער. אויפן גורל פון פרץ ווייערניק[18], דעם שפּעטערדיקן שעף־רעדאַקטאָר פון ניו יאָרקער „מאָרגען־זשורנאַל", וואָס האָט אין 1928 איינגעשלונגען דאָס „טאָגעבלאַט", איז אויסגעפאַלן צו זיין איינער פון די מיטאַרבעטער, און שפּעטער רעדאַקטאָר פון דעם „ענגלישן דעפּאַרטמענט" (ענגלישע אָפּטיילונג) פון „טאָגעבלאַט". דערנאָך אַלס רעדאַקטאָר פון „מאָרגען־זשורנאַל"

---

16) קוועלן־ליטעראַטור 1, 18, 49, 60, 61, 97.

17) זאַמלבוך פון דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע, זז. 16-17.

18) זלמן רייזען־לעקסיקאָן, ערשטער באַנד, זז. 990-994.

האָט אָבער וויערניק שטענדיק אַרויסגעוויזן אַ פּאָזיטיווע, אָפּטמאָל סעמפּעריישע, באַציאונג לגבי יידיש און ניט דערלאָזט קיין פרעמד־שפּראַכיקן שמץ אין זיין ציטונג. אָבער דאָס האָט שוין ניט צו טאָן מיט דעם יידישן זשורנאַליזם אין די אַכציקער יאָרן, וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ.

### 6. „פּאַרמער־צייטונג", ניו יאָרק, 1885.

עס איז ניט באַקאַנט, צי דאָס איז געווען אַ וואָכנשריפט אָדער אַ חודש־זשורנאַל, און פון וועמען די „פּאַרמער־צייטונג" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן. די צייטשריפט האָבן מיר געפונען פאַרצייכנט ביי פּריידוסן [19], וואָס איז זיך מסתמא סומך אויף דער ביבליאָגראַפיע אין יובליי־נומער „יודישע גאַזעטען" [20].

### 7. „נויאָרקער יודישע צייטונג".

וואָכנשריפט, רעדאַקטירט פון משה וועקסלער. ניו יאָרק, 1885-1889.

אויך פון דער „נ. י. צ.", הגם זי איז דערשינען פיר יאָר כסדר, איז ניט פאַרבליבן קיין זכר, אַז מען זאָל זי קענען אויף וויפיל־ניט־איז כאַראַקטעריזירן. משה וועקסלער [21], דער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, האָט געשטאַמט פון אונגאַרן, וואו ער האָט אין 1872 אַרויסגעגעבן אַן אָרטאָדאָקסיש וואָכנבלאַט „דיא יודישע פּרעסע" (דערשינען אין מישקאָלץ). קיין אַמעריקע איז ער געקומען אין 1883, און מיט דער צייט האָט ער געעפנט אַן אייגענע דרוקעריי אין 97 נאָרפאָלק סטריט, וואו רבנים און חברות, דאָס רוב פון די אונגאַריש־יידישע איינוואַנדערער, האָבן געדרוקט זייערע ספרים און צירקולאַרן.

אויף אַ ספר, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין דער דרוקעריי פון „נ. י. צ.", ווערט פאַר דעם אייגנטימער אָנגעגעבן דר. מאָריס וועקסלער [22]. דעם דאָקטאָר־טיטול האָט ער מסתמא געהאַט פון ראַבינער־סעמינאַר, און אין שפּעטערדיקע יאָרן איז ער טאַקע געווען אַ רב אויך אין ניו יאָרק.

אַ חוץ די „נ. י. צ." האָט וועקסלער אויך אַרויסגעגעבן אַ וואָכנשריפט „די נייעסטע פּאָסט" און די „ווייבערישע צייטונג", דעם ערשטן יידישן פרויען־זשורנאַל אין אַמעריקע (1888).

---

19) קוועלן־ליטעראַטור, 66. 20) דאָרט, 1.
21) זלמן רייזען־לעקסיקאָן, ערשטער באַנד, זז. 1011-1012.
22) קוועלן־ליטעראַטור 16, 40, 56, 67.

מנשה אונגער

# ביבליאָגראַפיע

## פון דער יידישער פּרעסע אין ארץ־ישראל

### באַמערקונגען

די דאָזיקע ארבעט איז נישט מער ווי א פּרואוו אָנצואווארפן א בילד וועגן דער גאַזעטאָגראַפיע אין ארץ ישראל. ווייל יידישע אויסגאַבעס פון ארץ ישראל זיינען ביז איצט אין ערגעץ נישט שטארק אָפּגעהיט געוואָרן, דערפאר האָט זיך אין דער דאָזיקער ארבעט זיכער אריינגעכאַפּט געוויס טעותים, וואָס זיינען נישט אויסצומיידן ביי אַזעל־כע באַדינגונגען.

אין דער ארבעט האָט מיר א סך געהאָלפן דער ארץ ישראל־דיקער באַן־ארבעטער יוסף פּערלמאַן און דער פריינט י., וועלכער האָט נאָכקאָנטראָלירט דעם געהיימען אַרכיוו פון דער אַזוי־גערופע־נער „פראקציע". וועגן א סך אויסגאַבעס האָב איך זיך טאַקע גע־מוזט פאַרלאָזן אויף זיין זכרון.

עס האָבן מיר אויך אַרויסגעהאָלפן מיט ביבליאָגראַפישע נאָ־טיצן די פריינט א. ר. מלאכי, מ. קאַסאַווער און דניאל לייבל אין צו־זאַמענשטעלן די פּראָלעטאַרישע גרופּירונגען. זיי אַלע דאַנק איך דאָ האַרציק פאַר זייער מי און פריינטלעכקייט.

די ארבעט איז פאַרטיק געוואָרן אין ארץ ישראל אין יאָר 1929, אָבער ביז איצט נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. איך האָב דערפאַר דערגאַנצט די ארבעט, מיט די פאַרצייכונגען פון „קרית ספר" וואָס דערשיינט ביי דער ירושלימער ביבליאָטעק און פאַרנאָטירט פון איינ־צעלנע אויסגאַבעס וואָס איך האָב געפונען אין ביבליאָטעקן. איך בין דערפאַר זיכער אַז פון יאָר 1929 און ווייטער איז די ביבליאָגראַ־פיע ווייט פון זיין אַ פולשטענדיקע און אַ סך אויסגאַבעס זיינען זיכער אַרויסגעלאָזט געוואָרן.

כדי זיך צו אָריענטירן אין די פאַרשידענע נעמען פון די אַרויס־געבער פון פּראָלעטאַרישע אויסגאַבעס, דאַרף מען וויסן.

1) פון די פּראָלעטאַרישע גרופּירונגען פאַר דער מלחמה האָט בלויז די „פּועלי־ציון" פאַרטיי אַרויסגעגעבן צייטשריפטן אין יידיש.

2) נאָך דער גרינדונג פון „אחדות העבודה“, 1919, אויפן אָרט פון דער פריערדיקער "פועלי־ציון" פּאַרטיי, האָט זיך געגרינדעט די „סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי אין ארץ ישראל (פועלי־ציון)“ [העברעאישער נאָמען „מ. פּ. ס. — מפלגת פועלים סוציאַליסטית, דערפון דער צונאָמען „מאָפּסן“], שפּעטער אַ צייט לאַנג גערופן „יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי [פועלי ציון]“. אַ צייט שפּעטער רופן זיי זיך „י. ק. פּ. [יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי]פועלי ציון“. דאַן רייסן זיי איבער מיטן פועלי ציוניזם און שאַפן די פּ. ק. פּ. [פּאַלעסטינער קאָמוניסטישע פּאַרטיי] און ביי זיי גרינדעט זיך אַן אָפּאָזיציע ק. פּ. פּ. [קאָמוניסטישע פּאַרטיי פּאַלעסטינע], מיט אַ שאַרפערער באַטאָנונג פון אַנטי־ציוניזם. זייער פּעריפעריע גרופּירט זיך אין דער „אַרבעטער פראַקציע“, וועלכע דערשיינט שפּעטער אונטער פאַרשידענע נעמען: „אָנהענגער פון פּראָפּאינטערן“, „פּראָפּאינטערן אָפּאָזיציע“, „מעמד הפועלים“, „גוש שמאלי“, „אַרבעטער סאָלידאַריטעט“ און אַנדערע. וויטערדיקע קרייזן פון זייער ווירקונג זיינען: „אחוד“, „איניקייט“ א. א. זיי האָבן אויך אַן אַנדערע אָרגאַניזאַציע־פאָרם: די „רויטע הילף“.

אין יאָר 1923 גרינדעט זיך אַ נייע גרופּע פועלי־ציון פון אַ טייל פועלי ציוניסטיש געבליבענע עלעמענטן פון דער מ. פּ. ס. [רעוואוצקיאַנער], וועלכע שאַפן שפּעטער די „פועלי־ציון פּאַרטיי אין ארץ ישראל“, (פועלי־ציון ס. ד.) [סאָציאַל דעמאָקראַטן], און זיינען אָנגעשלאָסן אָן דעם צ. ק. [אָרגאַניזאַציע קאָמיטעט] פון „לינקע פועלי־ציון“ אין בערלין.

אין יאָר 1934 שאַפט זיך דאָס צענטראַל ביוראָ פון דער באַראַכאָוו־פראַקציע, אַזוי־גערופענע „מאַרקסיסטישע פועלי־ציון“ (ווּעשער גרופּע), אָנגעשלאָסן אָן דעם קאָמוניסטישן וועלט פאַרבאַנד פועלי־ציון. אין 1925 פאַרייניקן זיך ביידע גרופּעס (רעוואוצקי־ווּעשער) אין איין פּאַרטיי: „ארץ ישראלדיקע אַרבעטער פּאַרטיי (פועלי־ציון)“.

אין יאָר 1928 ווערט אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי אַ גרופּע, דער עיקר פון די אַמאָליקע רעוואוצקיאַנער, (איצטער גערופן „יצחקי גרופּע“). אַ צייט לאַנג בלייבן ביידע גרופּעס ביי דעם אייגענעם נאָמען, שפּעטער אונטערן דרוק פון דער רעגירונג, נעמט די ווּעשער־גרופּע אָן דעם נאָמען: „אַ"ידיקע אַרבעטער פּאַרטיי „(לינקע פועלי־ציון)“. אין יאָר 1930 פאַרייניקן זיך צוריק ביידע גרופּעס. אין יאָר 1934 ווערט ווידער יצחקים גרופּע אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי, שוין צוזאַמען מיט ווּעשער'ן, זיי רופן זיך איצט „חוג מרכסיסטיים“.

ח. אונגער

## אָנווייזונגען:

1) קוואַדראַט־קלאַמערן ווי [ ] פון מ. א. וואו עס שטייט: „העתונות", מיינט מען ביבל. נר. 10. „קרית ספר", ביבל נר. 12. „שבעים", ביבל. נר. 9. „קבץ מאמרים", ביבל. נר. 13. אַ שטערנדל (*) מיינט, אַליין נישט געזען די אויסגאַבע, נאָר אָנגעגעבן פון אַ פריינט.

## מאַטעריאַלן

1) באַראַבאַן מ. (פסעוו. פון מנשה אונגער). — די יידישע פרעסע אין ארץ ישראל. אונזער עקספרעס, וואַרשע. יובל נומער, 26טן פעברואַר, 1932.

2) יערי א. — קרית ספר, אָקטאָבער 1932, זז. 282 — 285.

3) מלאכי א. ר. — העתונות הירושלמית, סעפּעראַט אָפּדרוק פון לונצס „לוח ארץ ישראל" זז. 107 — 136, 1910, די יידישע אָפּ־טיילונג פון זז. 135 — 136. [דאָס איז די ערשטע גרעסערע אַר־בעט איבער דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין ארץ ישראל].

4) מלאכי א. ר. — יידיש אין ארץ ישראל, באַמערקונגען צו ב. קאַראַלניקס אַרטיקל, צוקונפט, ניו יאָרק, יוני 1928, זז. 357 — 358.

5) מלאכי א. ר. — נסיונות שלא הצליחו — ושלא יצליחו. „הדואר", ניו יאָרק, 1935, נומער 12. (אין אַ פּאָלעמיק וועגן דער שפּראַכן־פראַגע אין ארץ ישראל, ווערט געבראַכט אַ רשימה פון אַלע יידישע צייטונגען וואָס זיינען דערשינען ביזן יאָר 1911 אין ירושלים).

6) פייגעס מאטל [פסעוו. פון מ. קאַסאָווער] — ווי אַזוי אַר־בעטער־אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל באַציען זיך צו דער יידישער שפּראַך. אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן דער ערשטער פּאַלעסטינער פּרעסע־אויסשטעלונג אין תל־אביב, ווילנער טאָג, נר. 241, 1928.

7) פייגעס מאטל. — די יידישע פּרעסע אין פּאַלעסטינע, וועגן דער יידישער אָפּטיילונג אויף דער פּרעסע־אויסשטעלונג אין תל־אביב. ליטעראַרישע בלעטער, נר. 45, 1928.

8) פראַבסט מ. — העתונות העברית הכרונולוגית, לוח אחיאסף, תרפ"ג. [יידישע אויסגאַבעס פון ארץ ישראל, זייער ווייניק פאַרצייכנט].

9) פּעווזנער זלמן, — שבעים שנה לעתונות הישראלית בארץ

ישראל, תל־אביב, תרפ"ב, [דער קאַטאַלאָג איז שלעכט און נישט פּאַכמענעריש צונויפגעשטעלט געוואָרן].

10) קלעי ד. און פּראבסט מ. — העתונות הישראלית בארץ ישראל מאז היותה ועד ראש השנה תרפ"ט. ערוך בידי ד. קלעי ומ. פּרובסט. [דערשינען לכבוד דער פּרעסע־אויסשטעלונג אין תל־אביב 9—10, 6, 1928. ארויסגעגעבן פון „ועדת התרבות".] תל־אביב, דרוק אמנות, 1928, 27 זז. [דער פּאַקטישער צונויפשטעלער איז געווען מ. פּראבסט. די יידישע אָפּטיילונג האַלט אינגאַנצן פיר און אַ האַלב שפּאַלטן, די רעגיסטראַציע איז זייער פּעלערהאַפט און נישט פולשטענדיק].

11) קאַראַלניק ב. — יידיש אין ארץ ישראל, צוקונפט ניו יאָרק, מערץ 1928, זז. 169 — 170.

12) קרית ספר — ביבליאָגראַפישע קווארטל־אויסגאַבע פון דער העברעאישער ביבליאָטעק אין ירושלים.

13) קבץ מאמרים לדברי ימי העתונות בארץ ישראל. עורך הקבץ דוד אידילוביץ. כרך ב', תל־אביב, תרצ"ו, זז. 4 — 7, אַ רשימה פון אַלע צייטונגען, וואָס זיינען דערשינען אין ירושלים ביז צום אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה.

14) רייזענס לעקסיקאָן פון דער יידישער פּרעסע: מ. א. ניו יאָרק, 1935.

## ביבליאָגראַפיע

1. אויף דער וואַך, זאַמלהעפט פאַר אַ"י'דיקע ארבעטער אינ־טערעסן. ארויסגעגעבער און רעדאַקטאָר לאה לינדוואסער [פּועלי־ציון פּאַרטיי], תל־אביב, — יפו דרוק ציפּקין, מערץ, 1930, 48 שפּאַלטן.

2. אויף דער וואַרטע, ארויסגעגעבער א. צופה. [ציוניסטיש סאָציאַליסטישע העפטן]. ירושלים, 1920, אונרעגלמעסיקע פּובליקאַ־ציע [„העתונות"].

3. אונדזער אַפּעלאַציע, ארויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער ארבעטער פּראַקציע. ירושלים, דרוק „תל־אביב", אויגוסט 1926, 8 זז. 40.

4. אונדזער וואָרט, זאַמלהעפט, געווידמעט פראגן פון ארבע־טער־לעבן, ארויסגעגעבער י. חפשי [פּראַקציע].

5. אונדזער וועג. [זאַמלהעפט], ארויסגעגעבן פון „גוש השמאלי" אין הסתדרות הכללית. תל־אביב, דרוק „אמנות", נאָ־וועמבער 1928, 16 זז. 8°.

6. אונדזער קאַמף, ארויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער ארבעטער פראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר", חיפה, 3 אפריל 1925, 8 זז. 4О.

ז. אונדזער שטימע, זאַמלהעפט, געווידמעט אקטועלע פראַגן. פאַראַנטוואָרטלעכער אַרויסגעבער ז[אב] ב[ירמאן], [פראַקציע]. תל אביב, דרוק „תל־אביב", 1928, 16 זז. 8О.

8. אונזער אמת, [נר.] 1, [זאַמלהעפט אַרויסגעגעבן פון דער סאָצ[יאַליסטישער] ארב[עטער] פאַרטיי אין א"י, פועלי־ציון. יפו, דרוק וואַלפערט, אַפּריל 1920, ניסן תר"פ, (2), 32 זז. 8°.

[דערשינען נאָר איין נומער. נאָך דער יידישער אָפּטיילונג קומט אַ העברעאישע, וואָס האלט 10 זז. דער רעדאַקטאָר פון „אונזער אמת" איז געווען י. מאירזאן, געווען דעמאָלט אַ העברעאישר לערער אין פתח תקוה. פאַרפאַסט דעם אויפרוף קעגן דער ענגלישער רעגי־רונג וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין „אונזער אמת". געפינט זיך איצט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיין בוך: „די אַרבעטער און די יידישע קאָלאָניזאַציע", פאַרלאַג „די וועלט", וואַרשע].

9. אונזער אַרבעטער שטימע, זאַמלהעפט, אַרויסגעגעבן פון דער א"ידיקער אַרבעטער פאַרטיי (פועלי ציון). יפו — תל־אביב, דרוק „פועלי־ציון", 7 אָקטאָבער, 1926, 16 שפאַלטן, 4°.

10. אונזער ברודער, ירושלימער נייטראַלע ציטונג פיר אַללע יידישע אינטערעססען. פאַראַנטוואָרטליכער רעדאַקטאָר ש[מואל] א. טיקטין, פערלאַגער ברוך ראהאלד, דרוק לוי עט קאָמפּ. ירושלים, ה' סיון, תרע"א [1911]. [דערשינען איבער אַ יאָר]. ש. א. טיק־טין, וווינט די לעצטע יאָרן אין ניו יאָרק. אין העברעאיש איז פון אים דערשינען: „אמרי בינה", שפּריכווערטער און „צרור המור", צוויי העפטן איבערגעזעצטע דערציילונגען.

אינם „החרות", ירושלים, פערטער יאָרגאַנג נר. 85 געפינט זיך אַן אַנאָנס וועגן „אונזער ברודער".

אויף מיין ווענדונג צום רעדאַקטאָר שמואל אפרים טיקטין, מכח מער פרטים וועגן „אונזער ברודער", האָט ער מיר געענטפערט אַט־וואָס:

„וואָס עס האָט מיך באַוואויגן אַרויסצוגעבן „אונזער ברו־דער", געדענק איך שוין נישט. איך ווייס נאָר אַזוי פיל, אז היות העברעאישע צייטונגען האָבן מיר אין ירושלים דעמאָלט געהאַט אַ סך,

האָב איך געהאַלטן פאַר ראַטזאַמער ארויסצוגעבן מיין ציטונג אין יידיש.

די ציטונג האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען ערב שבועות תרע״א און איז דערשינען ביז ב׳ אדר תרע״ב.

די צאָל אבאָנענטן פון „אונזער ברודער״ איז געווען די זעלבע וואָס פון דעם „הצבי״ אָדער „השקפה״. [דאָס זיינען די העברעאישע ציטונגען וואָס זיינען דעמאָלט דערשינען אין ירושלים].

„אונזער ברודער״ איז געווען דער אָרגאַן פון די אָרטאָ־דאָקסישע יידן. דאָרט האָבן זיי באַקאַנט געמאַכט זייערע ענינים. די העברעאיסטן זיינען געווען נייטראַל צו דער ציטונג.

„אליעזר בן יהודה — שרייבט ווייטער טיקטין — האָט מיר ביי דער ערשטער באַגעגניש געזאָגט: „אלו היית מוציא עתונך בעברית הייתי מברכך בסמן טוב, אבל עתה לא אעשה זאת״. [ווען דו וואָלסט ארויסגעגעבן דיין ציטונג אין העברעאיש, וואָלט איך דיר געווען געוואונשן מזל־טוב, אָבער איצט וועל איך דאָס נישט טאָן]. ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע און האָב באַזוכט הרב יפה, האָט ער שטאַרק באַדויערט וואָס „אונזער ברודער״, האָט זיך אָפּגעשטעלט, וויל די ציטונג איז שטאַרק געפעלן די היגע יידן און זיי האָבן גע־האַט בדעה די ציטונג צו פינאַנסירן, כדי זי זאָל קענען ווייטער דער־שיינען.

אויסער שלום עליכמס עטלעכע סקיצן וואָס זיינען געווען געדרוקט אין „אונזער ברודער״, האָט די ציטונג געהאַט נאָך גוטע פריינט צווישן די גדולי ישראל. אַזוי האָט דער באַקאַנטער געלערנ־טער יעקב רייפמאַן פון שערבשין מיר צוגעשיקט אַ פּאָר „זאַכן״ פאַר דער ציטונג, אָבער דער פּלאַץ אין „ברודער״, איז געווען זייער באַגרעניצט״.

11. אונזער געדאַנק, זאַמלהעפט, ארויסגעגעבן פון דער א״י־דישער ארבעטער פּאַרטיי „פּועלי־ציון״. יפו — תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון״, 16טן דעצעמבער, 1926, 16 שפּאַלטן, 8°.

12. אונזער וואָרט, זאַמלהעפט, ארויסגעגעבן פון ארבעטער סאָלידאַריטעט. תל־אביב, דער 1טער מאַי, 1928. [העתונות״ [ז. 31].

13. אונזער וואָרט, זאַמלהעפט, ארויסגעגעבן פון דער א״ידי־שער ארבעטער פּאַרטיי „פּועלי־ציון״. יפו — תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון״, 9 יאַנואַר, 1929, 16 שפּאַלטן, 8°.

14. אונזער וועג, איינמאָליקע אויסגאַבע, אַרויסגעגעבן פון דער „פּועלי־ציון”. פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר א. שערמאַן. תל־אביב, 1927. [„שבעים”].

15. אונזער וועג, איינמאָליקע אויסגאַבע, פּועלי ציון. פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר א. לעווקאָוויטש. תל־אביב, 1930. [„שבעים”].

16. אונזער לעבן, איינמאָליקע אויסגאַבע פון פּראָפ. ראַט פון פּועלי ציון און אומפּאַרטייאישע א"ידיקע אַרבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון), חיפהער אָרגאַניזאַציע. חיפה, העקט. יאַנואַר 1929, 16 זז. 4°.

17. אונזער פּאַן, זאַמעלהעפט פאַר אַקטועלע פראַגען פון יידישען אַרבעטער לעבען. אַרויסגעגעבען דורך מאַרקסיסטישע פּועלי־ציון אין ארץ־ישראל. תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון”, אב, תרפ"ד [אָנגעגעבן אויך מיט לאַטיינישע שריפט: „אויגוסט 1924, תל־אביב”]. 14 שפּאַלטן, 4°.

18. אונזער פּאָנד, ביולעטין פון דער הויפּט־ביוראָ פון אידישען נאַציאָנאַל פּאָנד קהק"ל. ירושלים, דרוק „אחדות”, תל־אביב. [אָנגעהויבן צו דערשיינען אין חודש אדר ב', תרפ"ד—1924. דערשיינט יעדן חודש. אויך אין אַנדערע שפּראַכן].

19. אונזער פּראָגנאָז, זאַמלהעפט, אַרויסגעגעבן פון דער ארץ־ישראלדיקער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). יפו — תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון”, 7טן נאָוועמבער, 1928, 32 שפּאַלטן, 8°. [דער זאַמלהעפט איז געווידמעט דער פייערונג פון זיבעטן נאָוועמבער].

20. אונזער פּראָגנאָז, זאַמלהעפט, אַרויסגעגעבן פון דער א"יִדיקער אַרבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון”, 16 אויגוסט, 1933, 31 ז.. [„קרית ספר”].

21. אונזער קאַמף, איינמאַליקע אויסגאַבע, אַרויסגעגעבן פון דער אַרבעטער פּראַקציע. חיפה, 1925. („שבעים”).

22. אונזער קאַמף, זאַמלהעפט, אַרויסגעגעבן פון דער א"יִדיקער אַרבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). יפו — תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון”, 21טן סעפּטעמבער, 1928, 16 שפּאַלטן, 8°.

23. אונזער שטימע, בלעטלעך פאַר אונזערע ברודערליכע לאַנדעס־אָרגאַניזאַציעס. אויסגאַבע פון .צ ק. פון דער ארץ־ישראלדיקער יוגנט־אָרגאַניזאַציע א. נ. ב. באַראַכאָוו. [תל־אביב ? העקט]. 28 5, 1925, 11 זז. 4°. [אַרויס איין נומער].

24. אונזער שטימע, זאַמלהעפט, אַרויסגעגעבן פון דער א"י־דיקער אַרבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). יפו — תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון", 21טן סעפּטעמבער, 1926, 16 שפּאַלטן, 4°.

25. דאָס אידישע אַרבייטער וואָרט, נר. 1. אַרויסגעגעבן פונם אידיש־ליטער. אַרבעטער פאַראיין אין ארץ־ישראל. פּרייז 3 פּיאַסטער. [אָרט און דרוק נישט אָנגעגעבן. 1917, מער פון איין נומער נישט דערשינען. רעדאַקטירט פון א. גלילי מיט דער מיטהילף פון דעם דרוקער סוכאָוואָלסקי. לויט א. גלילי געדרוקט אין חיפה].

26. דער אייזנבאַן־אַרבעטער, [זאַמלהעפט] אַרויסגעגעבן פון פּראָפּאַינטערן אָנהענגער ביי די אייזנבאַן־אַרבעטער. חיפה, [דרוק נישט אָנגעגעבן], 22טן אַפּריל, 1926, 16 זז. 8°.

27. דער אייזענבאַנער, אַרויסגעגעבן דורך דער פּראָפּאַינטערן סעקציע אין אייזענבאַן־פאַריין. חיפה, העפט נר. 9, 11, 1927 15 זז. 8°. נר. 3, 28, 1928, 15 זז. 8°. נר.4, 5, 30, 1928, 14 זז.

28. איינהייט, איינמאָליקע אויסגאַבע, „פּועלי־ציון". תל־אביב, 1925, [„שבעים"].

29. איינס, שריפט פאַר ליטעראַטור און קריטיק, אַרויסגעגעבן פון יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן קלוב אין ארץ־ישראל. תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון" אַפּריל, 1929, 68 זז. 8°.

30. אין קאַמף, זאַמלהעפט פאַר ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער אינטערעסן, רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער י. קאַמינער. [פּועלי־ציון פאַרבאַנד]. תל־אביב, יפו, דרוק „אמנות", 4טן אָקטאָבער, 1929, 64 שפּאַלטן. [קרית ספר].

31 אין קלעם . . . צו די פאַרפאָלגונגען פון ציוניסטישער יוגענט אין ראַטען רוסלאַנד. ערשטער זאַמעלבוך. תל־אביב, אויסלענדישע דעלעגאַציע פון „פאַראייניגטער ציוניסטישער יוגנט אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד". דרוק „הפועל הצעיר", 1927, 99 (1) זז. 8°.

32. אינטערנאַציאָנאַלע רויטע הילף אָרגאַניזאַציע, סעקציע פון מ. א. פּ. ר. [זאַמלהעפט, העקט.], אויגוסט, 1926, 10 זז. 8°. [נישט לעגאַל].

33. 8טער מערץ, זאַמלהעפט, אַרויסגעגעבן פון אַרבעטער פראַקציע 1929. [*].

34. אָנהייב, זאַמלהעפט פאַרן יידישן וואָרט אין ארץ־ישראל. ירושלים, דרוק „העברי", אויגוסט, 1928, 44 זז. 8°. [דערשינען מיט דער מיטהילף פון ירושלימער „אַרבעטער קולטור פאַרבאַנד".

רעדאַקטירט געוואָרן דורך אַ קאָלעגיום: דניאל לייבל, י. פּאַפּיערני־קאָוו, מ. אונגער און י. קובלאַנאָוו].

35. דער אָנפאַנג, ערשטער יאָרגאַנג, נר. 1, תמוז תרס"ז [1907], רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן דורך דעם צענטראַל קאָמיטעט פון דער יוד. סאָציאַל. דעמאָקראַטישער אַרב. פּאַרטיי אין פּלשתינא [פּאַלעסטינע] (פּועלי־ציון) 16 זז. 8°. ["דער אָנפאַנג" איז גע־דרוקט געוואָרן אין יפו, נאָר צוליב צענזור טעמים אָנגעגעבן: דרוק פּ. צ. [פּועלי־ציון] אלכסנדריא של מצרים. "דער אָנפאַנג", האָט געזאָלט זיין אַ חודש־זשורנאַל, אַרויס צוויי נומערן. נר. 2, דערשי־נען ט"ו אָב, תרס"ז [1907] 12 זז. 8°. די לעצטע צוויי זייטן שוין מיט העברעאישן טעקסט: "מחיי הארץ". רעד. איז געווען י. בן־צבי און דער דרוקער (געדרוקט מיט אַ הילצערנעם פּרעס) זאב אשור. "דער אָנפאַנג" האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע קעגנערשאַפט אין די רייען פונם "הפועל הצעיר"].

36. אָפּקלאַנג, אָרגאַן פון חיפהער קאָמיטעט פון פּ. ק. פּ. (סעקציע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל). [העקט. אָנגעהויבן צו דערשיינען 1914 (?), אַרויס נישט רעגלמעסיק ביז בערך סוף יאָר *].

37. אָקטאָבער, [זאַמלהעפט פאַר] ליטעראַטור און קריטיק. רע־דאַקטירט פון אברהם בליי. תל־אביב, פאַרלאַג "אין צוים", דרוק "התחיה" ירושלים, אָקטאָבער, 1931, 18 (2) זז. 8O.

38. דער אַרבעטער, איינמאַליקע אויסגאַבע, אַרויסגעגעבן פון צענטראַלער אַרבעטער פּראַקציע. חיפה, 1925. ["שבעים"].

39. דער אַרבעטער, [איינמאָליקע אויסגאַבע] אַרויסגעגעבן פון דער פּראָפאינטערן אָפּאָזיציע אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. חיפה, דרוק "אמנות", תל־אביב, 17טן יוני, 1927. 6 זז. 4O.

40. די אַרבעטער, אַרויסגעגעבן פון דער פּרויען אָפּטיילונג ביי דער פּ. ק. פּ. (סעקציע פון קאָמאינטערן). יפו, [העקט. נישט לעגאַל] נר. 1, 1925, 12 שמאָלע לאַנגע זייטלעך.

41. די אַרבעטער, אַרויסגעגעבן דורך אַ גרופּע אומפּאַרטיי־אישע אַרבעטערנס [פּראַקציע]. ירושלים, [העקט. יאָר ?] 10 זז.

42. אַרבעטער געדאַנק, אַרויסגעגעבן פון דער אַרבעטער פּראַק־ציע אין הסתדרות הכללית. ירושלים, דרוק "העברי", מאַי, 1923, 21 זז. 8°.

43. אַרבעטער וואָך, איינמאָליקע אויסגאַבע [אַרבעטער פראַקציע]. ירושלים, 1925. [„שבעים"].

44. אַרבעטער וואָרט, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פראַקציע אין הסתדרות הכללית. ירושלים, דרוק א. נ. [נישט לעגאַל], אויגוסט, 1923. 24 זז. 8°.

45. דאָס אַרבעטער וואָרט, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר" חיפה, 15טן דעצעמבער, 1925. 8 זז. 4°.

46. אַרבעטער וואָרט, איינמאָליקע אויסגאַבע, [אַרויסגעגעבן פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי]. כפר־סבא (העקט.). 1929 [„שבעים"].

47. אַרבעטער וואָרט, אַרויסגעגעבן דורכן צ. ק. פון דער א"ידיקער אַרבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). ירושלים, דרוק „ציון", 6טן מערץ, 1930, 20 זז. [„קרית ספר"].

48. אַרבעטער וועג, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פראַקציע. תל־אביב, דרוק „אמנות", יאַנואַר, 1927, 16 זז. 8°.

49. אַרבעטער וועג, זאַמלהעפט, אַרויסגעגעבן פון דער א"יִדיקער אַרבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). יפו — תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון", יוני, 1927, 24 ה. זז. 8°.

50. דער אַרבעטער וועג, איינמאָליקע אויסגאַבע פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון", 1טן יולי, 1931. 4 זז. פאַראַנטוואָרטלעכער רעד. חיים שריפטמאַן. [„קרית ספר"].

51. אַרבעטער וועלט, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר" חיפה, 27טן מערץ, 1925, 8 זז. 4°.

52. די אַרבעטער וועלט, זאַמלהעפט, אַרויסגעגעבן פון דער א"ידקער אַרבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). יפו — תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון", 11טן יאַנואַר, 1926, 16 האַלבע זייטן. 4°.

53. אַרבעטער טריבונע, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פראַקציע אין הסתדרות הכללית. ירושלים, „קבוצת הפּועלים", דרוק „העברי", 1טער מאַי, 1924, 23 זז. 8°.

54. אַרבעטער־לעבן, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר", חיפה, 27טן פעב־רואַר, 1925, 8 זז. 4°.

55. אַרבעטער סאָלידאַריטעט, זאמלהעפט, ארויסגעגעבן דורך נטע געלמאַן, [פראַקציע]. תל־אביב, דרוק „תל־אביב", 1928, 15 (1) זז. 8°.

56. אַרבעטער פּאָן, ארויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער ארבעטער פּראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר" [חיפה], 17טן אפּריל, 1925, 6 זז. 4°.

57. אַרבעטער פיוער, זאמלהעפט, ארויסגעגעבן פון דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). יפו — תל־אביב, דרוק, „פּועלי־ציון", 21טן יאַנואַר, 1928.

58. אַרבעטער פּראָבלעמען, זאמלהעפט, ארויסגעגעבן פון דער ארבעטער פּראַקציע אין הסתדרות הכללית. ירושלים, [דרוק „הנפיר", חיפה ?], מערץ 1923, 13 זז. 8°.

59. אַרבעטער פּראַגן, ארויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער ארבעטער פּראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר" חיפה, 3טן פעברואַר, 1925, 8 זז. 4°.

60. אַרבעטער פּראַקציע, ארויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער ארבעטער פּראַקציע. ירושלים, דרוק „העברי", תרפ"ד, 15טן יולי, 1924, 24 זז. 8°.

61. די אַרבעטער פרוי, פּלאַטפאָרם צו דער קאָנפערענץ פון די ארבעטערנס אין ארץ־ישראל. ארויסגעגעבן פון דער ארץ־ישראל־דיקער ארבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). יפו — תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון", 1טער אפּריל, 1926, 16 זז. 8°. [עס איז געווען נישט בלויז א פּלאַטפאָרם, נאָר אויך א זאמלהעפט. אָנגעגעבן פּלאַטפאָרם, נאָר כדי עס בעסער צו פארקויפן *].

62. אַרבעטער פרוי, גיי אין לענינס וועגן, (צום 4טן יאָרצייט פון טויט פון גרויסן פירער וו. א. לענין). [ארויסגעגעבן פון דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי]. תל־אביב, דרוק „תל־אביב", 21טן יאַנואַר, 1928. 4 זז. [„קרית ספר"].

63. אַרבעטער־פריינט, ארויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער ארבעטער פּראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר", חיפה, 20טן פעברואַר, 1925, 8 זז. 4°.

64. אַרבעטער קאַמף, [זאמלהעפט], אויסגאַבע פון דער ארבע־טער פּראַקציע אין הסתדרות הכללית. ירושלים, [דרוק „הנפיר" חיפה ?], 30טן אפּריל, 1923, 14 זז. 8°.

65. אַרבעטער קאַמף, ארויסגעגעבן פון צ[ענטראַל] ר[אַט]

פון דער אַרבעטער פּראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר", חיפה, 9טן סעפּטעמבער, 1925, 4 — 12 זז. 8°.

66. אַרבעטער קאַמף, אָרגאַן פון קאָמיטעט פון אַרבעטער פּראַקציע אין ירושלים. נר. 2, 15טן פעברואַר, 1927, [העקט. וויפל נומערן?], 8 זז. 4°.

67. אַרבעטער־קאָנפערענץ, זאַמלהעפט, ארויסגעגעבן דורכן צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פּראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר" חיפה, דעצעמבער 1924, 30 זז. 8°.

68. אַרבעטער קלאַס, זאַמלהעפט, ארויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פּראַקציע. ירושלים, דרוק (כ. נ. [?] חיפה), אָקטאָבער 1924, 32 זז. 8°.

69. אַרבעטער־קעמפער, זאַמלהעפט, ארויסגעגעבן פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). יפו — תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון", 17טן פעברואַר, 1928, 24 זז. 8°.

70. אַרבעטער שטימע, [זאַמלהעפט], אויסגאַבע פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). ירושלים, דרוק כהנא, [יוני, 1925], 24 זז. 8°.

71. אַרבעטער שטימע, איינמאָלקע אויסגאַבע פון צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פּראַקציע. חיפה, 1925. [„שבעים"].

72. אַרבעטער שטימע, איינמאָליקע אויסגאַבע, ארויסגעגעבן פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). רחובות, [העקט.], 1927. [„שבעים"].

73. ארץ־ישראל־בלאַט, דיזע בלאַט גיט צו וויסען אלס וואַס געשיהט אין היילינען לאַנד. ירושלים, [רעד. אלטער לאַזינסקי?], תרע"ב [1902]. [ארוים אינגאַנצן איין נומער*].

74. דער ארץ־ישראל יוד, אַ זשאַרגאָנישע אומפּאַרטייאישע צייטונג. ירושלים, דרוק י. הירשנזאהן. נר. 1, 2 מאַי, 1890. [פולער קאָפּ פון דער צייטונג]: „דער ארץ־ישראל יוד, אַ זשאַרגאָנישע צייטונג, ערשיינט וועכענטליך אין ירושלים ת"ו ערשטער יאָהרגאַנג, י"ב אייר תר"ן נר. 1". מיט לאַטיינישע אותיות Jerusalem 2 מאַי, 1890. פרייז פיר חו"ל אין טירקיי 2½ מעדזידי. רוסלאַנד 4.50 רובעל. ענגלאַנד 10 שילינג. אַמעריקע 3 דאָלאַר. אַנדערע לענדער 10 פראַנק. פרייז פיר אר"ק. אין גאַנץ ארץ־ישראל 1½ מעדזידי אין ירושלים 23 פּיאַסטער איין נומער 20 פאַרעס. מען קאַן זיך אבאָנירען האַלב

און פירטעל יאהריג אויך און עס מוז פאראויס בעצהלט [באצאלט] ווערין. מודעות פאר יעדע שורה 1 גרוש.
(מיט לאטיינישע אותיות אן איבערשריפט איבער דעם אידישן קאפ:

Jüdisch Deutsche Ausgabe des HAZEWI

אדרעס (מיט לאטיינישע אותיות) „סאלאמאן עפשטיין עט סמו־על ראפאלאוויץ יערוסאלעם (פאלעסטינא)"

דער ארץ־ישראל יוד איז דערשינען אלס ביילאגע צום העב־רעאישן וואכנבלאט „הצבי", וואס איז רעדאקטירט געווארן פון בן יהודהן, ווייל די רעדאקטארן האבן נישט געהאט קיין רעכט אליין ארויסצוגעבן א צייטונג. זע נומער 82.

אין דעם ערשטן נומער, דערקלערן די רעדאקטארן פארוואס זיי האבן אנגעהויבן ארויסצוגעבן א וואכנבלאט אין יידיש.

„פונ'ם ארץ־ישראל יוד. געוויסס וועט יעדער פראקטישער מענש נייגעריג זיין צו וויססען די סבה וואס האט אונז מעורר גיווען ארויסצוגעבען א זשארגאנישעס בלאטט אין ירושלים ת"ו, וואס איז אונזער צוועק דערמיט, אדער צו וואס פאר א צילל ווילען מיר דא, מיט אזא מין צייטונג פיהרען. ס'וועט דערום גיט איבעריג זיין, ווען מיר וועלען וועגען דעם א ביסעלע זיך דורך שמועס'ן".

און דאן ווערט דערציילט ווי אזוי די אחב"י האבן תמיד גע־טראכט ווי אזוי „אויסצובעסערין דעם גייסטליכען מצב פונ'ם ארץ־ישראל יוד'ן" און דערפאר שרייבט די רעדאקציע פון „ארץ ישראל יוד" אז עס איז נויטיק א יידישע צייטונג צי דערציילן ווי אזוי די יידן לעבן אין ארץ־ישראל. זי זאגט: „מיר וועלען זיין א מונד פאר'ן פאלק און אללע וועלכע אינטערעסירען זיך שטענדיג צו וויססען די ווארהייט, ווערדען שטענדיג פונ'ם אומפארטייאישען ארץ־ישראל יוד ריכטיקע ידיעות בעקומען" . . .

יענער נומער פון „ארץ־ישראל יוד" האט געהאט 4 זייטן. דער־שינען 8 נומערן אין משך פון דריי חדשים. דער לעצטער נומער דערשינען, 18טן יולי, 1890. אין נר. 6 איז ש. רפאלאוויץ מודיע אז ער פארלאזט די רעדאקציע און די לעצטע צוויי נומערן זענען שוין רעדאקטירט געווארן פון עפשטיינען אליין.

אין „המליץ" פון 18טן אפריל, 1890 ווערט „דער ארץ־ישראל יוד" אטאקירט. די רעדאקטארן פון „ארץ־ישראל יוד" האבן געענט־פערט אויף דער אטאקע פון „המליץ" אין „חבצלת", יארג. 20, נר. 28 (9טן מאי, 1890).

דער רעדאַקטאָר שמואל רפאַלאָוויץ (רפאלי), איז דער באַקאַנ־טער נומיזמאַטיקער. געבוירן אין פּאָהופּאָל, פּאָדאָליע, אין יאָר 1867, א יוגנט חבר פון מיכה יוסף באַרדיטשעווסקי. געקומען קיין ארץ־ישראל צום זיידן קלמן רפאַלאָוויץ. געוואוינט אין ירושלים. זיין פּאָטער משה גיט אים אוועק אין דער ישיבה „עץ החיים", צו 16 יאָר אָנגעשריבן א ביבלישע דראַמע „משפיל גאים".

געווען א צייט לאַנג אין לאָנדאָן און אין ניו יאָרק. פאַרעפנט־לעכט אין בן יהודהס "הצבי" היסטאָרישע דערציילונגען און איבער־זעצונגען פון דער ענגלישער ליטעראַטור.

א יאָר פאַר זיין טויט, 1923 פאַרעפנטלעכט זכרונות אין „ספר השנה" וועגן אַלטן ישוב אין ארץ־ישראל.

זיין לעבנסווערק איז דאָס באַקאַנטע בוך וועגן יידישע מטבעות: „מטבעות היהודים", אַרויסגעגעבן דורך אפרים דיינארד, ירושלים, תרע"ג *).

*) ביבליאָגראַפיע:

1) אפרים דיינארד, אין דער הקדמה צום אויבנדערמאָנטן בוך.

2) א. ל. מלאכי: אין לינצס לוח ארץ־ישראל", [ז. 135].

3) א. ל. מלאכי: „שמואל רפאלי". „התורן", תרפ"ד, 1923, העפט ח — ט.

שלמה עפשטיין (פסעוו. שע"ה) איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד. געוואוינט אין ארץ־ישראל, חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון קאָלאָניסט שמוליצנסקי פון ראשון לציון און דערנאָך געוואָרן אַ תושב אין ניו יאָרק.

שלמה עפשטיין דאָט אַרויסגעגעבן אַ ארץ־ישראל־מאַפּע. וועגן דעם פאַרעפנטלעכט אַ קורץ אַרטיקל אין „התורן", אויגוסט, 1921 זז. 46 —49. פאַרעפנטלעכט אויך אַ פעליעטאָן וועגן ל"ג בעומר אין ירושלים אין „הצפירה" פון יאָר 1887.

אַ קורצער ביאָגראַפישער נאָטיץ וועגן שלמה עפשטיין געפינט זיך אין אייזענשטאַדטס „דור רבניו וסופריו" באַנד 6, ניו יאָרק, תרפ"ח ז. 55 און אין „קבץ מאמריו לדברי ימי העתונות בארץ ישראל", כרך ב', תרצ"ו. ז. 119, פון מ. קאַסאָווער.

„דער ארץ־ישראל יוד" פון מרדכי קאַסאָווער אין „קבץ מאמרים". זז. 119 — 126. אן אויספירלעכע באַשרייבונג וועגן דער צייטונג און וועגן פּראָספּעקט, וואָס די רעדאַקטאָרן האָבן אַרויסגעגעבן און אַ פאַקסי־מיליע פון דעם ערשטן נומער.

75. דער באַטריבס אַרבעטער, חודש־זשורנאַל, פּ. ק. פּ. העקט. 1930. [„שבעים״].

76. דער באַן־אַרבעטער, אויסגאַבע פון אייזנבאַנער גרופּע ביי דער אַרבעטער פראַקציע אין הסתדרות הכללית. חיפה, דרוק „העברי״, יוני 1923, 11 זז. 8°.

77. באַנייאונג, איינמאַליקע אויסגאַבע. תל־אביב, יולי 1934. [אַרויסגעגעבן פון דער יצחקי—וועשער גרופּע *].

78. ביולעטין נומער 1, אַרויסגעגעבן דורכן קאָמיטעט פון דער אַרבעטער פּראַקציע. [העקט.] ספּטמבר (?) 1926, 18 זז 4°.

79. ביולעטין, אַרויסגעגעבן דורך דעם יפוער קאָמיטעט פון דער אַרבעטער פראַקציע. (סעקציע פון פּראָפּאינטערן). יפו, דרוק [?], 25 אַפּריל, 1927, 8 זז. 4°. [נישט לעגאַל — זע „ביולעטין 1״, נר. 78].

80. ביולעטין פון צ. ק. [פון דער א״ידישער אַרבעטער פּאַרטיי „פּועלי־ציון״]. תל־אביב, העקט. [דערשיינט נישט רעגלמעסיק].

81. ביולעטין פון דער רויטער הילף, אַרויסגעגעבן פון צענט־ראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַלעסטינער רויטער הילף. [דערשינען אין חיפה, ירושלים, יפו און אין א טייל קאָלאָניעס, העקט.]. 12—16 זז. 8° [*].

82. בית יעקב, דערשינען אין ירושלים צוויי מאָל אין חודש פון יאָר 1892 ביז 1893. [דער פולער טיטל־בלאַט פון דער צייטונג איז געווען: „הצבי לבית יעקב״, יופיע פעמים בחודש אין עברי־טייטש, ארויס גיגעבין פון הא. חיה בן יעקב. אלף ותתכ״ג לחרבן ותרנ״ב ליצירה. שנה ראשונה. גליון א. מחירו בירושלים לשנה, 5 פראנק, ליחידים ארבעה אשרע לכל גליון. לעניים שני אשרע, ביתר ערי ארצנו שלשה מאג׳די, בחו״ל 8 פראנק. מחיר מודעות בדף אחרון גרוש לשורה קצרה״.

איבערן קאָפּ פון דער צייטונג איז אָנגעגעבן פאַר א מאָטאָ א פסוק פון ישעיה: „והיה ביום ההוא לא יוסיף עוד שאר ישראל ופליטת בית יעקב להשען על מכהו ונשען על קדוש ישראל באמת״.

דאָס בלאַט האָט געהייסן: „הצבי לבית יעקב״, ווייל ביז דעם יאָר 1909 האָבן נאָר צוויי יידן געהאַט א דערלויבעניש פון דער טער־קישער רעגירונג אויף אַרויסצוגעבן צייטונגען אין ארץ ישראל: י. ד.

פרומקין און יצחק הירשענזאהן, פלעגט מען דערפאַר אַלע צייטונגען ארויסגעבן אַלס ביילאַגע צום „חבצלת" און „הצבי".

די אמתע אַרויסגעבער פון „בית יעקב" זענען געווען: חיים און יצחק הירשענזאהן. דער נאָמען „חיה בן יעקב" וואָס איז אָנגעגעבן אַלס רעדאַקטאָר, איז בלויז א פסעוו. כדי מען זאָל מיינען, אז דאָס עברי־טייטש־בלאַט דערשיינט דורך א פרוי. דער ציל פון דער צייטונג איז געווען צוצופאַסן זיך צום המון־עם און פרויען, איז א גרויסער טייל פון דער צייטונג געווען געפינטלט. עס איז אָבער אויך מעגלעך אַז די רביצן חוה הירשענזאהן האָט צוגעהאָלפן רעדאַקטירן די צייטונג.

„בית יעקב" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען ד' אייר תרנ"ב און איז דערשינען מער ווי א יאָר.

„חיה בן יעקב" וואָס איז אָנגעגעבן אַלס רעדאַקטאָר, איז די ראשי תיבות פון די ברידער חיים און יצחק הירשענזאהן.

חיים הירשענזאהן האָט אויך אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט דעם האַלב־לומדישן חודש־זשורנאַל „המסדרונה", ירושלים, תרמ"ה. זיינע זשורנאַליסטישע אונטערנעמונגען האָבן אָבער נישט געהאַט קיין דערפאָלג און ער האָט געמוזט פאַרלאָזן ארץ־ישראל. א געוויסע צייט איז ער געווען לערער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו ער האָט איינגעפירט די שיטה פון „עברית בעברית", דאַן אַוועק קיין אמעריקע און געוואָרן רב אין האָבאָקן.

חוה הירשענזאָהן איז געווען די פרוי פון הרב חיים הירשענזאָהן, און א טאָכטער פון הרב שאול בנימין הכהן פון דזשאלידיק און דזשישקאָוויץ. זי האָט געקאָנט גוט לשון־קודש און איז געווען א מלומדת, זי איז געשטאָרבן אין עלטער פון 70 יאָר אין האבאקן נ. דזש. וועגן איר: פ. גראיעווסקי, „בנות ציון וירושלים", העפט ט'.

וועגן בית יעקב שרייבט יקותיאל דייטש אין שורס: „הפסגה" (1892, נומ. 9) „עס זענען דערשינען צוויי נייע בלעטער: „בית יעקב" און „המוריה". דעם ערשטנס נאָמען באַווייזט, אז עס איז געגרינדעט געוואָרן פאַר ווייבער. דער ציל פון הר"ר ח. הירשנזאָן, מיטן אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בלאַט איז: צו ווירקן אויף די ירושלימער ווייבער זיי זאָלן זיך אויסלערנען רעדן העברעיש. דעם רעדאַקטאָרס שפּראַך איז זייער א שלעכטער זשאַרגאָן ענלעך צו מיין באָבעס „תחינת שלוש משמורים".

אין „חבצלת", יאָרג. 22, נומ. 37, געפינט זיך א פּראָטעסט־

ארטיקל פון די רעדאקטאָרן פון „בית יעקב" קעגן די „אידישע גאַזעטן" אין ניו יאָרק, אונטערגעשריבן: „עורכי בית יעקב" *).

83. בית ישראל וארץ ישראל, פעריאָדישע אויסגאבע. ירושלים, קרן קימת צענטראלע, 1929, [דערשיינט אויך אין אנדערע שפראכן. „שבעים"].

84. בולעטלעך, אָרגאַן פון חיפהער קאָמיטעט פון פּ. ק. פּ. (סעקציע פון קאָמאינטערן). [נישט געזען. לויט אָנגאבע פון אַ פריינט, אָנגעהויבן צו דערשיינען סוף יאָר 1924 אין חיפה. העקט. שמאָלע לאנגע זייטלעך פון 8—10 זייטן א נומער].

85. ברויט און אַרבעט, אָרגאַן געווידמעט דעם קאמף קעגן ארבעטסלאָזיקייט. ארויסגעגעבן פון יפוער קאָמיטעט פון דער ארבעטער פראקציע. (סעקציע פון קאָמאינטערן). יפו, העקט. נר. 1, 28 נאָוועמבער 1927, 12 זז. °8. [נר. 2. דערשינען פעברואר 1928, 6 זז. וויפיל נומערן נאָך דערשינען ?].

86. געגן שטראָם, זאמלהעפט געווידמעט די יידישע ארבעטער אינטערעסן. תל־אביב, דרוק אחדות, 1930, 7טן אויגוסט. 32 האלבע זז. [„קרית ספר"].

87. דער דאָרף־אַרבעטער, [זאמלהעפט], ארויסגעגעבן פון קאָמיטעט פון דער ארבעטער פראַקציע אין פתח־תקוה. פתח־תקוה, העקט. מאי־יולי 1928, 12 זז. °8. [נישט געזען, אָנגעגעבן פון אַ פריינט, וויפיל נומערן דערשינען ?].

88. 3־טער מערץ, איינמאָליקע אויסגאבע [פּ. ק. פּ.] פאלעסטינע. [„שבעים"].

89. דריי, זאמלונג פאר ליטעראטור און קולטור, ארויסגעגעבן פון יידישן ליטעראטן־ און זשורנאליסטן־קלוב אין ארץ־ישראל. תל־

---

*) ביבליאָגראַפיע:

1) „בית יעקב", פון יוד [יודעלאָוויץ] אין „קבץ מאמרים". זז. 127 — 129. מיט אַ פאקסעמיליע פון „בית יעקב" נום. י"א שנה שניה.

2) א. ר. מלאכי אין צוקונפט", 1928.

3) א. ר. מלאכי אין „הדואר", תרצ"ב.

4) „יידישע צוקונפט" יארג. 1. העפט. 1. (1904) ; לטעראַרישע היסטאָרישע נאָטיצן 1.: די ערשטע יידישע צייטונג אין ארץ־ישראל פון בן־אדם, [פסעוו. פון ד"ר יחזקאלווארטסמאן].

אביב, דרוק „המערב", ירושלים, 1931, 32 האלבע זז. [זע „איינס", נר. 29 ].

90. האַלץ־אַרבעטער, ארויסגעגעבן פון פועלי־ציון גרופּע אינם האַלץ־פאַריין. תל־אביב, העקט. 14 דעצעמבער 1925, 4 זז. [פון לינקס אויף רעכטס].

91. האַלץ־אַרבעטער, פּעריאָדיש, [פון] די פּ. ק. פּ. אינם סטאָליער פאַריין. ירושלים, 1926, העקט. [„שבעים"].

92. דער האַלץ־אַרבעטער, ארויסגעגעבן פון דער ירושלימער סטאָליער גרופּע ביי דער אַרבעטער פראַקציע. [ירושלים], העקט. 1, 8 [מאַי] 1928, 13 זז. 8°.

93. דער האַלץ־אַרבעטער, ארויסגעגעבן פון דער סטאָליער גרופּע ביים יפוער קאָמיטעט פון דער אַרבעטער פראַקציע. יפו, העקט. פעברואר 1929, 8 זז. 8°.

94. דער האַמער, זאמלהעפט, ארויסגעגעבן פון דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטער פאַרטיי (פּועלי־ציון). תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון", יאנואר 1927, 24 האלבע זז. 8°.

95. דער הייליגר אָנצייגער, דערשינען אין יאָר 1887, ארויס־געבער י. גאשצינני. — א חודש־זשורנאַל. ירושלים, [„העתונות"... ז. 30]. לויט א. ר. מלאכי, „צוקונפט", 1928, איז י. גאשצינני נישט געווען דער רעדאקטאָר. לויט ווי חיים הויזדאָרף האָט מלאכין אי־בערגעגעבן איז „דער הייליגר אָנצייגער" רעדאקטירט געוואָרן פון אים.

„דער הייליגער אָנצייגער" ווערט קריטיקירט פון אליעזר רוקח אין זיין פעליטאָן „בין האולם ולמזבח", „חבצלת", 1888, נומ. 12.

96. די הייליגע באטשאפט, צו פערטיפונג פון זיטליכען לע־בען. ירושלים. [דערשינען איין נומער אין תרע"ב, 1911. יאָר, דרוק נישט אָנגעגעבן, רעד. ל[־בר־טוב]. מיסיאָנעריש. פון אינ־האַלט: די לעבענס באשרייבונג פון דעם גרויסן ייד פ[יליפּ] גאָרדאָן. וועגן אים זע: ז. רייזען לעקסיקאָן 1 ].

97. השופר, א פּאסקוויל געגען די ממונים פון ועד הכללי אין ירושלים, ארויסגעגעבן דורך דער חברה „עזרת אחים". ירושלים. [רעדאקטאָר איז ווארשיינלעך געווען אַלטער לאַזינסקי. דערשינען אין יאָר 1909. ארויס צוויי העפטלעך אין העברעיש און יידיש. פאָרמאַט 12, צו 16 זז.].

98. די וואָך, ארויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער אר־

בעטער פּראַקציע. ירושלים, דרוק [?], 17 אָקטאָבער 1925, 4 זז. 8°.

99. וואַל־בלאַט, אַרויסגעגעבן פון וואַל־קאָמיטעט פון פּועלי־ציון. יפו—תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון", 12 נאָוועמבער 1925 4 זז. 4°.

100. וואַל־קאַמף, אַרויסגעגעבן פון צ.[ענטראַל] ר[אַט] פון דער אַרבעטער פּראַקציע, ירושלים, דרוק „הנפיר", חיפה, 15טן נאָוועמבער 1925, 8 זז. 8°.

101. וואָס איז געווען און ווער איז גערעכט? ירושלים, [קאָמוניסטישע פּאַרטיי, 1924. אָנגעגעבן פון אברהם יערי אין „קרית ספר", תשרי, תרצ"ג, אָקטאָבער 1932].

102. דאָס וואָרט, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פּראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר" חיפה, 30טן אָקטאָבער 1925, 8 זז. 4°.

103. די וועלט, זאַמלהעפט, אַרויסגעגעבן פון דער א"י אַרבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון", פעברואַר 1926, 12 האַלבע זז. 4°.

104. דער וועקער, אָרגאַן פון יפוער קאָמיטעט פון פּ. ק. פּ. (סעקציע פון קאָמאינטערן). [יפו, העקט.] שבת דעם 1טן פעברואַר 1925. 16 שמאָלע לאַנגע זייטלעך. [וויפיל נומערן דערשינען?].

105. דער וועקער, איינמאָליקע אויסגאַבע, [אַרויסגעגעבן פון דער אַרבעטער פּראַקציע. פּאַראַנטוואָרטלעכער רעד. ז. בירמאַן. חיפה 1925. אָנגעגעבן אין „שבעים". מעגלעך אַז סאיז די זעלבע צייטונג פון נומער 104].

106. וועקער, וואָכנטלעכע אויסגאַבע אין יידיש, אַרויסגעגעבן פון יפוער קאָמיטעט פון דער פּ.[אַלעסטינער] ק.[אָמוניסטישער] פּ.[אַרטיי] (סעקציע פון קאָמאינטערן). יפו, העקט. 9 מערץ, נר. 1 1928, 4 זז. 8°. [נר. 5, דערשינען 1 מאַי 1928, וויפיל נומערן דערשינען?].

107. זאַמל־העפט, געווידמעט פראַגען פון דער אַרבעטערין. תל־אביב, דרוק „תל־אביב", סעפּטעמבער 1927, 16 זז. 16°.

108. ד־טער נאָוועמבער, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער־פּראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר", חיפה, 7טן נאָוועמבער 1925, 8 זז. 4°.

109. 27טן פעברואַר, איינמאָליקע אויסגאַבע. תל־אביב,

1931. [ארויסגעגעבן פון דער פועלי־ציון. פאַראַנטוואָרטלעכער רעד. מ. אלקון. „שבעים"].

110. 26־טער פעברואַר, איינמאָליקע אויסגאַבע פון דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטער פאַרטיי, (פועלי־ציון). תל־אביב, דרוק „פועלי־ציון", 1932, 16 האַלבע זז. [„קרית ספר"].

111. חיפה, בלעטער פאַר ליטעראַטור און קריטיק, ארויסגעגעבן דורך די חיפהער חברים פון יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ישראל, פאַראַנטוו. רעד. ש. צוקער. חיפה, דרוק ג. ווארהאפטיק, פעברואַר 1932, [3] 20 זז. °8.

112. דער חיפהער אַרבעטער, ארויסגעגעבן פון פראָפאַיגטערן אָפּאָזיציע אין די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען. חיפה, דרוק וואַרהאפטיק, אַפּריל 1927, 8 זז. °4.

113. חיפער אַרבעטער וואָרט, איינמאָליקער זאַמלהעפט, געווידמעט אינטערעסן פון די היגע ארבעטער. חיפה, העקט. (ערב סוכות) דעם צווייטן אָקטאָבער 1925, 16 זז. °4. [פועלי־ציון].

114. טאָג־פראַגן, [זאַמלהעפט], ארויסגעגעבן פון „מעמד פועלים" [פראַקציע]. יפו—תל־אביב, דרוק „אמנות", מערץ 1927, 16 האַלבע זייטן. °4.

115. ידיעות, פונם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סאָצ. א. פּ. פּוע"צ אין א"י. יפו, 1920. [„העתונות"].

116. ידיעות, פון דער י. ק. פּ. (פועלי־ציון) אינם לאַנד. ארץ־ישראל, [אָרט און דרוק נישט אָנגעגעבן], יאַנואַר 1922, 8 זז. [?]. °4. [די נומעראַציע גייט פון לינקס אויף רעכטס].

117. ידיעות, די VI קאָנפערענץ פון י. ק. פּ. (פועלי־ציון) אין ארץ־ישראל. ארץ־ישראל, [אָרט און דרוק נישט אָנגעגעבן], יאַנואַר 1922, 4 זז. °4.

118. ידיעות, [פּעריאָדישע אויסגאַבע פון דער] אויסלענדישער דעלעגאַציע פון ציוניסטן־סאָציאַליסטן (צ. ס.), אין אויסלאַנד. תל־אביב, 1929. [דרוק און זייטן ? דערשיינט אויך אין אַנדערע שפּראַכן. „שבעים"].

119. יוגנט־פאָן, צום צענטן יאָרצייט פון בער באָראָכאָוו. זאַמל־העפט ארויסגעגעבן דורכן ארץ־ישראלדיקן ארבעטער יוגנט פאַרבאַנד א. נ. בער באָראָכאָוו. תל־אביב, העקט. 17 דעצעמבער, 1927, 7 זז. °4. [אין „שבעים" . . . איז אָנגעגעבן די „יוגנט פאָן", פון יאָר 1927. מעגלעך אַז דאָס איז אַן אַנדער אויסגאַבע, אָדער אפשר די זעלבע, נאָר פאַלש פאַרצייכנט דאָס יאָר].

120. די יוגנט־שטימע, זאמל־העפט, ארויסגעגעבן דורך דעם ארץ־ישראלדיקן ארבעטער יוגנט פארבאנד א. נ. ב. באראכאוו. תל־אביב, העפט. 16טער דעצעמבער 1928, 10 זז. 4°.

121. יוני, [איינמאליקע אויסגאבע פאר]ליטעראטור און קריטיק. תל־אביב, פארלאג „אין צוים", רעדאקטירט פון אברהם בליי. דרוק „המערב", ירושלים, יוני 1931. 20 זז. 8°.

122. דער יידישער וועג, איינמאליקע אויסגאבע, [אגודת ישראל]. פאראנטוו. רעד. ב. איזמאן. ירושלים, דרוק פ. עניו, י"ח חשון תרצ"ג, 1933. [זע נומ. 124, „קרית ספר"].

123. די יידישע פרוי אין ארץ ישראל, בת ישראל וארץ ישראל, זשורנאל, ארויסגעגעבן פון קרן קימת לישראל. ירושלים, 1932, 12 זז. 8°. [העקט. מאשין־שריפט. אלע מאמרים אין העברעאיש, נאר איינער אין יידיש. ארויס אויך אין אנדערע שפראכן. דער נומער 3 פון ערשטן יאר ארויס נאוועמבער 1930. ביז נאוועמבער געהייסן: „האשה העבריה". פון 10 אקטאבער 1932, דערשינען אונטערן נאמען „בת עמי". „קרית ספר"].

124. די יידישע שטימע, יידישע ביילאגע צום „קול ישראל". ירושלים, דרוק פ. עניו, תרצ"ג, 1933. [„די יידישע שטימע" איז געווען א וואכנבלאט, ארויסגעגעבן פון „קבוצת עסקנים חרדים", געמיינט די „אגודת ישראל". י. מרחשון ארויס א נומער אן א נומעראציע. פאראנטוו. רעד. ב. איזמאן. דער דריטער נומער ארויס י"ז חשון, אונטערן נאמען „דער יידישער וועג" (זע נומער 121) איינמאליקע אויסגאבע. [כ"ד מרחשון ארויס דער 4טער נומער, פאראנטוו. רעד. ע. בלוי ].

125. יכין־בלעטער, [אנגעגעבן] קווארטל אויסגאבע. תל־אביב, העקט. מאשין־שריפט. 1934. [אויף איין זייט פון די בלעטלעך העברעאיש. ערשטער העפט דערשינען אין יאנואר. ביז יאנואר 1935 נאך דערשינען. „קרית ספר"].

126. ירושלים, ארגאן פיר די פריינדע ציונאס, [רעדאקטירט דורך מיכל כהן, ארויסגעבער יצחק גאשציצי. ירושלים, ערשטער נומער דערשינען 4טן יאנ. 1882, פאליא־פארמ., 4 זייטלעך א נומער, פרייז 10 פראנק א יאר]. ביבל. 1) Revue des études juives V, 158 2) מלאכי א. ר., צוקונפט 1928: [שרייבט: „אין זעלבן יאר זענען אויך דערשינען עטלעכע העפטלעך געדרוקט אין יידיש און העברעאיש. *].

127. דאָס לאַנד, ערשטעס זאמלהעפט. ירושלים, פערלאַג „דאָס לאַנד", דרוק „אחדות", תרע"ג, [1913] 32 זז. °8. נר. 2, 34 זז. °8. נר. 3, 34 זז. °8. [פועלי־ציון זשורנאַל, רעד. יעקב וויינטרויב. ארויס 6 [?] נומערן. י. וויינטרויב האָט געהאַט א לייביבליאָטעק אין ירושלים. דער ערשטער זאמלהעפט דערשינען אין א צווייטער אויפלאַגע און אויפן שער־בלאַט איז אָנגעגעבן: „צווייטע אויפלאַגע, די פירטע טויזענט" ].

128. דאָס לעבן [?], חודש־זשורנאַל, ארויסגעבער יעקב וויינטרויב. ירושלים, 1912־1913. דערשינען 7 נומערן. [„העתונות" לויט אלע וואַרשיינלעכקייטן איז אזא צייטונג נישט דערשינען. זע: מלאכי, „צוקונפט" 1928 ].

129. דאָס לעבן, איינמאָליקע אויסגאַבע. [ארבעטער פראַקציע. פאַראַנטוו. רעד. ז. בירמאַן]. חיפה, דרוק [?], 1925. [„שבעים"].

130. לעני, איינמאָליקע אויסגאַבע, [ארבעטער פראַקציע, פאַראַנטוו. רעד. ז. בירמאַן]. חיפה, [יאַר, דרוק?], [„שבעים" ].

131. מאַי, זאמלהעפט, צום 1טן מאַי, ארויסגעגעבן דורך דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטער פאַרטיי (פועלי־ציון). יפו—תל־אביב, דרוק "פועלי־ציון", 30טן אַפּריל 1928, 32 שפּאַלטן, °8.

132. מאַי, ליטעראַרישע איינמאָליקע אויסגאַבע. פאַראַנטוו. רעד. א. בליי. תל־אביב, דרוק „אחדות", פאַרלאַג „אין צוים", 1931, 24 זז. °8 [זע נר. 121].

133. מבשר ישראל, ווייזט דעם אידישען פאָלק דעם אמת'ן משיח. ירושלים, תרע"ב, 1912. [מיט אן ענגלישער אויפשריפט "Israel Messenger" דערשינען נאָר איינמאָל. מיסיאָנעריש. רעדאַקטירט פון משומד ל. א. פיליפּ.].

134. מבשר ציון, אלדאָס גוטס פון דער הייליגער שטאָט ירושלים. ירושלים, תרנ"ד [1894]. [רעדאַקטירט און ארויסגעגעבן: דוד גאָלד. דערשינען אלע צוויי חדשים. מיסיאָנעריש. דער מאָטאָ אויפן שער־בלאַט: „והוא מחולל מפשעינו מדכא מעונותינו מוסר שלומנו עליו ובחברתו נרפא לנו" (ישעיהו נ"ג, ה'). צום סוף פלעגט קומען די קוריאָזע ענד, וואָס איז גלייכצייטיק אויך געווען אן אַנאָנס: „הוי כל צמא לכו למים, קומט אריין צו אונז, יפוער שטראָסע נר. 3. ווער עס קומט אריין צו אונז, געהט נישט חרטה'דיק ארוים".

דוד גאָלד האָט ארויסגעגעבן א ביכל: „דער נצחון איבערן

נצחון", פון ר' יום־טוב מילהויזן, געדרוקט אין המשכים אין „מבשר ציון" *].

135. מחזיקי הדת, [וואָכנבלאַט], ארויסגעבער א. שור. ירושלים, 1919־24. [נישט רעגלמעסיק, 21 נומערן אויך אין העב־רעאיש אונטער דער רעד. פון הרב י. ל. טויבער. אויפן שער־בלאַט איז געווען אָנגעשריבן: „לא להשתמש במכ"ע שום דבר שבחול". א געוויסע צייט אויך געווען רעדאַקטאָר מענדל העניג].

136. מיר, ליטעראַטור און קריטיק, רעדאַקטירט [פון] אברהם בליי. תל־אביב, פאַרלאַג „אין צוים", מערץ 1932. [איין גאַנצע זייט און] 5 ביי 42 האַלבע זייטן.

137. מכתב גלוי . . . היוצא לאור . . . פעמיים בכל חודש... ירושלים, 1882. [מיסיאָנעריש, דערשינען צוויי מאָל אין חודש אין יידיש און העברעאיש. זע מלאכי, „צוקונפט", 1928].

138. המלאכה, עתון מקצועי לעניני המלאכה והתעשיה הזעירה בארץ־ישראל. יו"ל ע"י „מרכז בעלי מלאכה", תל־אביב—יפו. [א פאַך־צייטונג פאַר מלאכה און קליין־פאַבריקאַציע אין ארץ־ישראל — גייט ארויס דורך דער צענטראַלע פון די בעלי־מלאכות אין תל־אביב—יפו]. יפו, „דרוק „שהם", צווייטער יאָרגאַנג, תרפ"ד, [1924], רעדאַקטאָר א. נחמני, העפט ח. [8], 34 זז. 8°. [אויפן שער־בלאַט: „הגליון הזה תורגם מעברית מ„המלאכה" אך ורק בשביל חוץ לארץ", דאָס מיינט: דער דאָזיקער נומער איז איבערגעזעצט פון העברעאיש אויסשליסלעך פאַר אויסלאַנד].

139. דער מעטאַל אַרבעטער, ארויסגעגעבן דורך א גרופע ביי דער ארבעטער פראַקציע. [אָרט פון דערשיינען נישט אָנגעגעבן], העקט. אָקטאָבער 1926, 8 שמאָלע לאַנגע זייטלעך.

140. מעטאַל אַרבעטער, ארויסגעגעבן פון פועלי־ציון גרופע אין מעטאַל פאַריין. תל־אביב, העקט. 9/7 1926, 8 זז. 4°.

141. דער מעטאַל אַרבעטער, ארויסגעגעבן פון דער מעטאַל גרופע ביים יפוער קאָמיטעט פון דער ארבעטער פראַקציע. יפו, העקט. פעברואַר 1929, 6 זז. 8°.

142. נאָוועמבער, איינמאָליקע אויסגאַבע, ארויסגעגעבן פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער פאַרטיי (פועלי־ציון). תל־אביב. 7טן נאָוועמבער 1931. 4 זז. [„קרית ספר"].

143. נייע אַרבעטער וועלט, זאַמלהעפט ארויסגעגעבן פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער פאַרטיי (פועלי־ציון). יפו—תל־אביב, דרוק „פועלי־ציון", 8 יאַנואַר 1926, 8 האַלבע זייטן. 8°.

144. דאָס נייע וואָרט, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פּראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר" [חיפה], 28טן אַפּריל 1925, 10 זז. °4.

145. נייוועלט, צווייוואָכנשריפט פאַר פּאָליטיק און ליטעראַ־טור, פּרייז 10 מיל. [יידישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב אין תל־אביב]. רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער ד"ר ניר־ראַפּאַלקעס. תל־אביב, דרוק ענגלבערג. נר. 1, 16 נאָוועמבער, 1934. צייטונגס פאָרמאַט. נר. 2, 30 נאָוועמבער 1934. נר. 3, 14 דעצעמבער, 1934. נר, 4, 28 דעצעמבער, 1934. [יעדער נומער האָט 6־8 זייטן. דערשיינט ווייטער נישט רעגלמעסיק].

146. סאַבּרעס, הומאָריסטישע איינמאָליקע אויסגאַבע. תל־אביב, העקט. 1928. 14 זז. °8. [דערשינען צום פּורים מאַסקן־באַל, וואָס דער יידישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב האָט איינגעאָרדענט].

147. עמוד היראה, [רבישער חודש־זשורנאַל וואָס דער באַקאַנ־טער רב עקיבא יהוסף שלעזינגער, דער מחבר פון „לב העברי", האָט אין אָנהויב פון די אכציקער יאָרן אַרויסגעגעבן אין ירושלים. די אינפאָרמאַציע באַקומען פון א. ר. מלאכי. ער שרייבט: „איך האָב דעם „עמוד היראה" קיינמאָל נישט געזען, אָבער ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, האָבן זיך אין דעם זשורנאַל אויך געדרוקט אַרטיקלען אין יידיש"].

148. ערשטער מאַי, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פּראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר" [חיפה], 28 אַפּריל 1925, 10 זז. °4.

149. דער ערשטער מאַי, (איינמאָליקע אויסגאַבע), פון דער א"ידיקער אַרבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). יפו, דרוק „פּועלי־ציון", [דאָס יאָר נישט אָנגעגעבן. לויטן אינהאַלט אַרויס אינם יאָר 1926]. 8 זז. °16.

150. דער וטער מאַי, אַרויסגעגעבן פון „מעמד הפועלים" [אַרבעטער פּראַקציע]. יפו, דרוק „אמנות", מאַי 1927, 16 האַלבע זייטן. °4.

151. דער וטער מאַי, זאַמלהעפט, אַרויסגעבער ז. בירמאַן [אַרבעטער פּראַקציע]. יפו, דרוק „תל־אביב", אַפּריל 1928, 16 זז. °8.

152. וטער מאַי, איינמאָליקע אויסגאַבע, אַרויסגעגעבן פון דער

ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון", 1932, 30 האַלבע [1] זז. [„קרית ספר"].

153. די פאָן, איינמאָליקע אויסגאַבע, אַרויסגעגעבן פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). פּאַראַנטוו. רעד. ח. שריפטמאַן. תל־אביב [דרוק?], 1931. [„שבעים"].

154. פּאַראויס, אָרגאַן פון צ.[ענטראַל] ק.[אָמיטעט] פון דער פּ.[אַלעסטינער] ק.[אָמוניסטישער] פּ.[אַרטיי] (סעקציע פון קאָמאינטערן). [אָנגעהויבן צו דערשיינען אין יוני 1926, אַ שטיקל צייט דערשינען אַלע חודש, דערנאָך אַלע צוויי וואָכן, די גאַנצע צייט נישט לעגאַל. די נומערן פון די יאָרן 1930-29, אָנגעגעבן: דרוק „פּ. ק. פּ." 16 זז. דערשיינט כסדר נישט רעגלמעסיק. דער „פּאַראויס" דערשיינט אויך אין אַראַביש ].

155. פּאַרווירקלעכונג, אַ זאַמלהעפט, אַרויסגעגעבן פון פּאַלעסטינער אַרבעטער־פּאַנד. תל־אביב, דרוק „אחדות", אָקטאָבער 1926, [2] 63 זז. 8°. [נאָר פאַר אויסלאַנד].

156. פּאַרטיי־בולעטין, זשורנאַל פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). תל־אביב, העקט. 1932. [„שבעים". זע נר. 80 ].

157. פון דער צווייטער צו דער דריטער קאָנפערענץ פון הסתדרות. [אַרבעטער פראַקציע]. תל־אביב, 1926. [יערי].

158. דער פונק, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר", חיפה, 8 זז. 8°. [זע נר. 157].

159. פונקען, אַרויסגעגעבן פון ירושלימער קאָמיטעט פון פּ. ק. פּ. (סעקציע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל). [נישט לעגאַל. אָנגעהויבן צו דערשיינען אין חודש מערץ־אַפּריל 1924, דערשינען נישט רעגלמעסיק, צוערשט „דער פונק" (זע נר. 158). אין יאָר 1924 דערשינען 32 נומערן. אין אַ סך נומערן פאַראַן אַן אָפּטיילונג פאַר יוגנט א. נ. „יוגנט ווינקל". געזען אַ נומער „פונקען" פון 5טן אַפּריל, 1927, געווען אָנגעגעבן: „פונקען", ירושלימער ק—ט פון פּ. ק. פּ. (סעקציע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל). 4טער יאָרגאַנג, נר. 2, אַפּריל, 1927". ווייזט אויס אַז „דער פונק" פון נר. 158, האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין יאָר 1923. העקט. שמאָלע לאַנגע זייטלעך ].

160. הפועל בעמק, [חודש־זשורנאַל, האַלב יידיש האַלב העברעאיש, דער שער־בלאַט אילוסטרירט. אַרויס דורך דעם] קאָמיטעט

פון פּ. ק. פּ. אין עמק. העקט. 12 זז. °8. [דערשינען בערך פון סעפּטעמבער 1928 ביז פעברואַר 1929. ארויס 4 נומערן מיט אַ הוספה צום 7טן נאָוועמבער. אין יעדן נומער קאַריקאַטורן־בילדער].

161. 5טער פעברואַר, איינמאָליקע אויסגאַבע, ארויסגעגעבן פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). תל־אביב, פּאַראַנט. רעד. מ. אלקון. 1931. [„שבעים״].

162. 5טער פעברואַר, איינמאָליקע אויסגאַבע פון דער א״ידי־שער אַרבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון״, 1932, 16 האַלבע זייטן. [„קרית ספר״].

163. פּיר, זאַמלהעפט פאַר ליטעראַטור און קולטור, ארויסגעגעבן פון דעם יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ישראל. תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון״, סעפּטעמבער 1932, 16 זז. °8. פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר: דניאל לייבל.

164. דער פערמיטלער, [ארויס] בהוצאות „חברה מסחרית חשאית״ [פון געהיימער סוחרישער געזעלשאַפט?]. יפו, 1924, האַלב־יידיש, האַלב־העברעאיש. [„העתונות״].

165. פראַגן פון אַרבעטער לעבן, [ארויסגעגעבן דורך דעם] צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פראַקציע. ירושלים, דרוק „החדש״, יאַנואַר 1923, 9 זז. °8.

166. דער פּראָלעטאַריער, ארויסגעגעבן פון דער אַרבעטער פראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר״, חיפה, 30 מאַי 1925, 8 זז. °4.

167. פּראָלעטאַרישער וועג, (אַרבעטער זאַמלהעפט), [ארויסגעגעבן] פון דער פּראָלעטאַרישער פראַקציע אין הסתדרות הכללית. ירושלים, דרוק „החדש״, 11 מאַי 1923, 16 זז. °8.

168. פּראָלעטאַרישע הילף, [זאַמלהעפט], ארויסגעגעבן דורך דער הילפס־קאָמיטעט ביי דער פּועלי־ציון אין ארץ־ישראל פאַר ארעס־טירטע. תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון״, 25 מערץ 1927, 20 האַלבע זייטן. °8.

169. די פּראָלעטאַרישע שטימע, זאַמלהעפט ארויסגעגעבן פון דער א״י אַרבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון). יפו—תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון״, 5 פעברואַר 1926, 16 האַלבע זייטן. °4.

170. די פּראָלעטאַרישע שטימע, (אַרבעטער זאַמלהעפט), ארויסגעגעבן פון צייטווייליקן צענטראַל־ראַט פון דער „פּראָלעטאַרישער פראַקציע״ אין הסתדרות הכללית. ירושלים, דרוק „החדש״, 26 מאַי 1926, 16 זז. °8.

171. פראָנט קעגן פראָנט, זאַמלהעפט פון דער ארץ־ישראלדי־
קער ארבעטער פּאַרטיי („פּועלי־ציון"). תל־אביב, דרוק „אחדות",
אַפּריל 1933, 31 [1] זז. פּאַראַנט. רעד. א. דוד. [אויפן שער־
בלאַט אָנגעגעבן: „ארויס אין קאַמף קעגן עליה באַגרעניצונגען.
„קרית ספר"].

172. דאָס פּראָפעסיאָנעלע בלאַט, ארויסגעגעבן פונם פּראָפ.
ראַט ביי דער ירושלימער ארבעטער אָרגאַניזאַציע. א"ידיקע ארבע־
טער פּאַרטיי (פּועלי־ציון) [יצחקים גרופּע]. ירושלים, העקט. 1טן
יאַנואַר 1929, נר. 1, 8 זז. 4°.

173. פּראָפעסיאָנעלע בלעטער, ארויסגעגעבן פון די „פּועלי־
ציון" חברים אין די פּראָפ. פאַריינען. תל־אביב, העקט. פרייטיק 18
[אויגוסט] 1926, 14 האַלבע זייטן. 8°.

174. די פּראָפעסיאָנעלע וועלט, איינמאַליקע אויסגאַבע פון
דער באַראָכאָוו־אָפּאָזיציע אין הסתדרות. תל־אביב, דרוק „פּועלי־
ציון", 9טן דעצעמבער 1932, 4 זז. פּאַראַנטוו. רעד. חיים שריפּט־
מאַן. [„קרית ספר"].

175. דאָס פּראָפעסיאָנעלע לעבן, זאַמל־העפט, געווידמעט דער
1טער פּראָפעסיאָנעלער קאָנפערענץ פון חיפה און קרייז. [ארויסגע־
געבן פון דער] ארץ־ישראלדיקער ארבעטער פּאַרטיי פּועלי־ציון,
חיפהער קרייז. תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון", 16 מערץ 1928,
16 האַלבע זייטן. 8°.

176. דאָס פּראָפעסיאָנעלע לעבן, ארויסגעגעבן פון דער ארץ־
ישראלדיקער ארבעטער פּאַרטיי (פּועלי־ציון'. פּאַראַנטוו. רעד. ח.
שריפּטמאַן. תל־אביב, 1931. [„שבעים"].

177. דער פּראָפעסיאָנעלער קאַמף, זאַמלהעפט, געווידמעט דער
1טער פּראָפעסיאָנעלער קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון און אומפּאַרטיי־
אישע אין תל־אביב. תל־אביב, דרוק „פּועלי־ציון", 9טער נאָוועמ־
בער, 1928, 32 האַלבע זייטן. 8°.

178. דער פרדס, [וועכנטלעכע צייטונג], ארויסגעבער שלמה
ישראל שיריזלי. ירושלים, אתת"מ לגלותנו (תרס"ט) [1909] פּרייז
1 מאַטעליק [טערקישע מטבע]. דער ארויסגעבער שלמה ישראל
שיריזלי איז געווען א ספרדישער ייד וואָס האָט אויך ארויסגעגעבן
דעם „פרדס" אין העברעאיש אונטערן נאָמען „הפרדס" און אין שפּאַ־
ניאַליש „איל פּאַראַדיזו".

אַלע דריי צייטונגען האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען אין איין
מאָל. דער קאָפּ פון דעם פרדס איז געווען בערך אַזוי: „דער

פּרדס" אַ צייטונג, גייט איצט ארויס איינמאָל אין דער וואָך, פּריי־טיק, מנהל און ארויסגעבער שלמה ישראל שיריזלי. ירושלים, ער־שטער יאָרגאַנג, נומער 1, יום ששי, ט. אייר, א׳תת"ם לגלותנו (תרס"ט) 1909.

יענער נומער האָט געהאַט 4 זייטן, אין אַ געוויינטלעכן ציי־טונגס פאָרמאַט. פּרייז אין ירושלים: 6 פראַנק אַ יאָר, אין לאַנד 8, אין חו"ל 10 פראַנק, רוסלאַנד 3.30 רובל.

ווי נאָר דער „פּרדס" איז דערשינען, האָט ער ארויסגערופן אַ טומל אין דער העברעאישער פּרעסע. עס איז צווישן אַנדערע אויף אים אָנגעפאַלן דער העברעאישער לערער און שרייבער קדיש יהודה סולמאַן אין בן־יהודהס „הצבי" נר. 168 מיט אַ שרייענדיקן אַרטיקל: „הנשתק?" [צי וועלן מיר שווייגן?] וואו עס ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט: „איך געדענק נישט ווען האָט נאָך אַזוי געציטערט מיין האַנט ווי היינטיקעס מאָל. פאַר אונזערע אויגן טוט זיך אָפּ פאַר־דעכטיקע מעשים און מיר שווייגן. שלמה ישראל שיריזלי גיט ארויס דעם „פּרדס" אין ירושלים. און . . . זאָל יעדע יידישע פאַ־מיליע קענען די „טאַטערישע" נשמה, וואָס רוט אין קערפּער פון שלמה ישראלן. ווידערווילן, כעס, הארצקלאַפּעניש און נשמה־ציטער כאַפּט ארום, אַ ווילן אָנצוכאַפּן אָט־דעם מענטשן און אים צעקוועטשן ווי אַ וואַנץ.

"...שלמה ישראל דער ספרדי, גיט ארויס אין ירושלים אַ ציי־טונג אין אַ דייטשן־זשאַרגאָן און אויב מען וועט אייך מאָרגן זאָגן, אַז אָט־דער מענטש האַנדלט מיט מענטשלעכע נשמות, וועט איר דען נישט גלייבן?

„ . . . מיט אַזאַ שמוציקן לוינט זיך נישט צו דיסקוטירן, און איך וויל דאָס גאָר נישט" . . .

אין אַ פּאָלעמיק מיט חיים מיכל מיכלין, געדרוקט אין „החרות", 1909, באַשולדיקט זלמן בן טובים, אַז מיכלין רעדאַקטירט דעם „פּרדס". מיכלין האָט אין אַ בריוו צו שיריזלי (געדרוקט אין העב־רעאישן „הפּרדס") דאָס אָפּגעלייקנט, אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָט מיכלין געהאַט אַ „האַנט" אין רעדאַקטירן דעם יידישן „פּרדס". אַרטיקלען מיט זיין אונטערשריפט זענען אָבער אין „פּרדס" קיינמאָל נישט דערשינען. די ערשטע דריי נומערן זענען רעדאַקטירט געוואָרן דורך אַלטר לעווין, דער העברעאישער פּאָעט, באַקאַנט אונטערן פּסעוו.

„אסף הלוי", וועמענס סקיצן זענען געדרוקט אין „פרדס" א. פּ. „חאדזיש מוסטאפא עומרא".

אַ חוץ סולמאַן, איז אויך י. קרניאלי שטאַרק אָנגעפאַלן אויף שירייזלי אין בן־יהודה'ס „הצבי".

אין דעם נומער 4 פון „פרדס" איז געדרוקט אַן ענטפער צו די אַלע וואָס האָבן אטאַקירט דעם „פרדס".

אויך י. ח. ברענער האָט געשריבן קעגן דעם „פרדס" אין „הפועל־הצעיר", תרס"ט, 1909, (זע „כל כתבי י"ח ברנר", באנד ח', בוך א', ז. 151) *).

179. די פרייהייט, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר", חיפה, 5 יולי 1925, 8 זז. 4°.

180. פרייער גערדאַנק, זאַמלהעפט, געווידמעט די א"ידיקע אַר־בעטער אינטערעסן. תל־אביב, דרוק „אחדות", 1930, [?] האַלבעזז. [„קרית ספר"].

181. פרייער גערדאַנק, [פועלי־ציון]. פאַראַנטוו. רעד. א. לעווו־קאָוויטש. תל־אביב, 1931. [„שבעים"].

182. דאָס פרייע וואָרט, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר", חיפה, 5טן דע־צעמבער 1925, 8 זז. 4°.

183. צבי לבית ישראל? [לויט „העתונות", „הצבי לבית ישראל"]. ירושלים, האַלב חודשלעך, אַרויסגעבער בן־יעקב. דער־שינען אין די יאָרן 1892־1893. [אָנגעגעבן אין „העתונות" זז 30. לויט מלאכי אין „צוקונפט", 1928, האָט אַזאַ צייטונג בכלל נישט עקזיסטירט. זע נר. 82 און די באַמערקונגען ].

184. צו דער אַרבעטערס־קאָנפערענץ, אַרויסגעגעבן פון פּרווי־ען־סעקרעטאַריאַט ביים צ. ק. פון פּ. ק. פּ. (סעקציע פון קאָמאינטערן). [אָרט פון דערשיינען נישט אָנגעגעבן], העקט. 1 אַפּריל 1926, 28 האַלבע זז. 16°.

---

*) וועגן „פרדס" זע:

1) מ. ד. גאון, קבץ מאמרים לדברי העתונות בארץ־ישראל, תל־אביב, כרך ב' תרצ"ו. זז. 170—172.

2) א. ר. מלאכי „ליטעראַרישער חודש", פון י. בידערמאַן, ניו יאָרק, דעצעמבער־מערץ 1930־1931.

3) מ. פּויגער [מאטל קאסאוועך] „ליטעראַרישע בלעטער", נר. 35, 1928.

185. צו דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט, [ארויסגעגעבן פון דער] ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער פּאַרטיי (פועלי־ציון). יפו — תל־אביב, דרוק "פועלי־ציון", 13, 10, 1926, 8 זז. 16°.

186. צום ברעג, ארויסגעגעבן פון אמעריקאנער־יידישן לעגיאָן. העקט. 40 זייטלעך, [ארוים אין זומער 1916, אויף דער שיף וועלכע איז געגאַנגען פון ענגלאַנד קיין ארץ־ישראל. רעדאַקטירט געוואָרן פון יהושע גאָרדאָן ז. ברכות און ז. וויינפּער].

187. צום ערשטן מאַי, ארויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון פ. ק. פ. (סעקציע פון קאָמאינטערן). [אָרט און דרוק נישט אָנגעגעבן]. 1928, 6 זז. 8°.

188. צום 8טן מערץ, (אינטערנאַציאָנאַלער פרויען־טאָג). אויסגאַבע פון פרויען־אָפּטיילונג ביים צענטראַל־ראַט פון דער ארבעטער פראַקציע. ירושלים, דרוק „אמנות", תל־אביב, מערץ 1927, 16 זז. 16°.

189. צום 10טן יאָרצייט־טאָג פון ב. באָראָכאָוו. תל־אביב, דרוק „פועלי־ציון", דעצעמבער 1927, 8 זז. 8°.

190. צוויי, זאמלהעפט פאַר ליטעראַטור און קריטיק, ארויסגעגעבן מיט דער מיטווירקונג פון יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ישראל. תל־אביב, דרוק צוקערמאַן [ירושלים] יולי 1929, 80 זז. 8°.

191. צווישן צוויי און דריי, זאמלונג פאַר ליטעראַטור און קולטור. ארויסגעגעבן פון דעם יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב אין ארץ־ישראל. תל־אביב, דרוק „פרדי", דעצעמבער 1929, 33 [1]. זז.

192. ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (צ. ס.) אין ראַטן־פאַרבאַנד, ידיעות פון דער אויסלענדישער דעלעגאַציע פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (צ. ס.) אין ראַטן־פאַרבאַנד. [תל־אביב ?] תר"ץ. [1930. זז. ?]. [דער ערשטער נומער ארוים אין תשרי, נומער ד' ה', טבת, שבט, העקט. מאַשין־שריפט, ארוים אויך אין העברעאיש. „קרית ספר"].

193. צייט פראַגן, ארויסגעגעבן פון צ. ר. פון דער ארבעטער פראַקציע. ירושלים, דרוק „עבודה", 1926, 23 זז. 8°.

194. 10 יאָר פּראָלעטאַרישע רוסלאַנד, זאמלהעפט, ארויסגעגעבן דורך דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטער פּאַרטיי „פועלי־ציון". ירושלים, דרוק כהנא, נאָוועמבער 1927, 36 זז. 8°.

195. דער קאָלאָניסט, לאַנדווירטהשאַפטליכער אָרגאַן, ענט־

האלט וויסענשאפטליכע ארטיקלען, נאָטיצען, באַלעהרונגען אונד פּראַקטישע ערפאהרונגען אין אַללער פעכרן דער לאַנדווירטהשאפט, צום פּראַקטישען נוצען דער יידישער אַקערבוי אין ארץ־ישראל. ירושלים, דרוק אברהם משה לונץ. 8°. [דערשינען פון אָנהייב תרנ״ג — נ״ה (1893-95) ]. הערויסגעגעבען פאן (אונטער דער מיטווירקונג פאן מעהרערע פאַכמענער אים היילינען לאַנד) רעדאַקטאָר אגראָנאָם מנשה מאיראָוויטש אין ראשון לציון, אונד אברהם משה לונץ עורך [רעדאַקטאָר פון] „ירושלים״. [אינם ערשטן יאָר ארויסגעגעבן 4 נומערן, בלויז אין יידיש, אינם צווייטן יאָר שוין דערשינען געמישט, העברעאיש און יידיש און דער שער־בלאט איז שוין געווען אויף העברעאיש און אויף דער לינקער זייט איבערגעזעצט אויף יידיש. אינגאַנצן ארויס 6 נומערן ].

196. דאָס קאָמוניסטישע וואָרט, [פּעריאָדיש] צענטראַל־ראַט פון דער פּ. ק. פּ. העקט. 1929. [„שבעים״].

197. דער קאַמף, ארויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער ארבעטער פראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר״, חיפה, 20 מערץ 1925. 8 זז. 4°.

198. קאַמף, ארויסגעגעבן פון ירושלימער קאָמיטעט פון דער ארבעטער פראַקציע. [העקט.] 1927, 14 זז. 8°.

199. דער קאַמף, זאַמל־העפט, ארויסגעגעבן דורכן צענטראַל־ראַט פון דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטער פּארטיי פּועלי־ציון. [יצחקים גרופּע]. תל־אביב, [העקט.] 15טער יאַנואַר 1929, 20 זז. 8°.

200. קאַמף, איינמאָליקע אויסגאַבע. [פּאַלעסטינער רויטע הילף]. 1930. [„שבעים״].

201. קול מציון, [האַלב יידיש און האַלב העברעאיש. ארויסגעגעבן פון דער חברה „עזרת נדחים״]. ירושלים, [1883]. [דערשינען צוויי נומערן. די אויפגאַבע פון דער חברה „עזרת נדחים״ איז געווען צו באַקעמפן די מיסיאָנערן. אויספירלעכער וועגן דעם אין „דואר היום״, אלול, תרפ״ג, פון א. ר. מלאכי].

202. קול שופר, [דערשינען איין מאָל אין צוויי חדשים אונטער דער רעדאַקציע פון דזשאָן משה עפּשטיין. אינגאַנצן ארויס צוויי נומערן]. ירושלים, 1895. [וועגן דזשאָן משה עפּשטיין זע: John Moses Epstein by Rev. Lindey Lonow, 1926, p. 39].

203. קלאַנג, איינמאָליקע אויסגאַבע, ארויסגעגעבן פון צענט־

ראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פראַקציע. פּאַראַנטוו. רעד. ז. בירמאַן. ירושלים, 1925. [„שבעים"].

204. דער קלאַסן קעמפער, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר", חיפה, 5 אָקטאָבער, 1925, 8 זז. 4°.

205. דער קעמפער, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר" חיפה, 26 סעפּטעמבער 1925, 6 זז. 4°.

206. דער קעמפער, [אַרויסגעגעבן פון דער אַרבעטער פראַקציע]. ירושלים, העקט. [אָנגעהויבן צו דערשיינען בערך 1926, דערשינען ביז 1927. געזאָלט אַרויס אַלע צוויי וואָכן, איינמאָל אין העברעאיש און איינמאָל אין יידיש. אינגאַנצן אַרויס אַ 8־6 נומערן, נישט רעגלמעסיק, פון 12—16 זז. 8°].

207. קפאי־ידיעות, וועכנטלעכע אויסגאַבע דערשיינט דורכן פּאַלעסטינער אַרבעטער פאָנד. רעדאַגירט פון מ[לך] ניישטאַט. תל־אביב, דרוק „אחדות". 16—20 זז. 8.

[אָנגעהויבן צו דערשיינען דעם 7טן יולי 1926. דערשינען ביז 1930. אַ שטיק צייט איז אויך געווען רעדאַקטאָר מערעמינסקי. דערשינען צוערשט אין ראָטאַציע, פון נאָוועמבער 1928 דערשינען געדרוקט, אילוסטרירט.

די „קפאי־ידיעות" זענען דערשינען אויסשליסלעך פאַר אויסלאַנד און האָט אַנטהאַלטן ידיעות וועגן אַרבעטער־לעבן אין ארץ־ישראל].

208. קרננו, צוויי־וועכנטלעכער זשורנאַל [אַרויסגעגעבן פון קרן קימת לישראל], ירושלים. [אָנגעהויבן צו דערשיינען אין יאָר 1926]. דערשינען אויך אין אַנדערע שפּראַכן, אויסשליסלעך פאַר אויסלאַנד.

209. דיא ראָזע [פּולער טיטל]: „חבצלת די ראָזע. אַ יידישער פאַמיליען בלאַטט, פאַר אַלע אוהבי ציון וירושלים, ערשיינט לעת עתה צוויי מאָהל אים חודש. הערויסגיגעבען פאַן ישראל דוב פרומקין, מיכל הכהן. ירושלים, ערשטער יאָהר גאַנג. נר. 1 ב' אייר, תרל"ז, [1877] Jerusalem, 16 April 5637

דיא פּרייז פון דעם בלאַטט איז אין אַללע לענדער 10 פראַנק אַ יאָהר, 5 פראַנק אַ האַלב יאָהר. אין רוסלאַנד 3½ רו"כ אַ יאָהר. מודעות קאָסטען איין פּיאַסטער אַ שורה. איין בלאַטט קאָסט 60 פּאַרעס. אינפראַנקירטע בריעפּ ווערדין ניט אַן גינומין.

אינהאַלטס־פאַרצייכנעס. פאָרוואָרט, ירושלים, קאָנסטאַנטינאָ־פּיל, גבריאל זים, א בטלנישע רייד".

[דער] „פאָרוואָרט אָדער פאַרסט גירעט א הקדמה" הויבט זיך אָן: „וואָס גיבין דיא לייט אָן? וואָס ווילין זייא ווייטער? שוין א חבצלת אויף זשאַרגאָן אויך?". אזוי וועלין געוויס פרעגין פיל לעזער וועלכע זיינען אונבאקאנט מיט אונזער גרונדליכען צילל; אונד דער פאַר, קלערין מיר, אז עש [עס] איז טאקע ניט איבעריק צו ערקלע־רין זייא וואָס אונזער צילל איז אייגענטליך מיט דער הערויס־גאבע פאַן דער חבצלת בלאַטט אין לה"ק שוין 7 יאָהר, אונד איצטער מיט דעם זשאַרגאָן בלאַט. דארום גיבען מיר דאָ דיא הקדמה, האָץ [כאָטש] מיר שטיממען אייגענטליך גאָר ניט איין, מיט דעם אַלטען מחבר'שן שפּריך־וואָרט „א ספר אָן א הקדמה, איז וויא א גוף אָן א נשמה"...

דערנאָך קומט א משל פון א קראנקן און א נמשל אז דאָס מיינט מען א"י און דאָן:

„... וויל זעהר פיל פון דיא יעניגע וואָס דאַרפין וויסין, פאַרשטעהען לשון קודש וויינינג, אונד צו דעם צוועק אז דער המון העם בארץ ישראל ובחוץ לארץ זאָל עפּפנען דיא אויגין אונד גוט אכטונג געבין אף די זאכין, וואָס זיינען נוגע צוא דער לאַגע פון ארץ ישראל, צו דעם צוועק קאָנען מיר בישע ה' דורך א זשאַרגאָן בלאַטט, פּיל ניכער קוממען, ווייל עס איז א פאַרשטנדיגע שפּראַך אונטער דיא אַללע וואָס זיינען אינטערעסירט דארינען".

דער צווייטער נומער „דיא ראזע" און דער לעצטער, דערשינען מיט צוויי וואָכן שפּעטער.ביידע נומערן געהאַט צי 8 זייטן אין א צייטונגס פאָרמאַט.

אין „חבצלת" פון שבט תרל"ז (1877), געפינט זיך א רעדאקציע דערקלערונג, אז פרומקין און מיכל כהן פאַראייניקן זיך ווידער אין דער אויסגאַבע פון חבצלת און אָנשטאָט דעם „האריאל", (דאָס בלאַט וואָס מ. כהן האָט געהאַט ארויסגעגעבן, און צוליב זיין ווערן א שותף מיט פרומקינען אויפגעהערט צו דערשיינען) הויבן אָן די רעדאַקטאָרן ארויסצוגעבן א יידיש בלאַט מיטן נאָמען „דיא ראָזע".

---

ישראל דוב פרומקין איז געבוירן געוואָרן אין ווייס־רוסלאַנד אין יאָר תרי"א, 1851. צו ניין יאָר איז ער געקומען צוזאמען מיט זיינע עלטערן קיין ארץ־ישראל. צו 15 יאָר האָט ער חתונה געהאַט, ווען ער איז אַלט געווען 19 יאָר איז ער שוין געווען דער רעדאַקטאָר פון

„חבצלת". ער איז געווען א געזעלשאַפטלעכער טוער און א באַקאַנטע פּערזענלעכקייט אין ארץ־ישראל. געשטאָרבן אין ירושלים, י"ד אייר, תרע"ד, 1914.

מיכל הכהן (זיין פולער נאָמען איז געווען יצחק אליהו מיכל הכהן) איז געבוירן געוואָרן אין יאסווין, קאָוונער גובערניע, אין יאָר תקצ"ד, 1834.

אַלס קינד געקומען צוזאַמען מיט זיינע עלטערן קיין ירושלים, צו 11 יאָר געבליבן א יתום, ווערט אויפגעצויגן אין הויז פון זיינס א קרוב ר' שבתי כהן, ער לערנט ביי ר' ישראל סאלאנט, באַקומט א שם פאר אן עלוי, צוזאַמען מיט יחיאל בריל הויבט ער אָן אַרויסצוגעבן דעם „לבנון" אין ירושלים אין יאָר תרכ"ג.

אין זיינע יונגע יאָרן איז ער אויך געווען א כולל שרייבער אין ירושלים און דערנאָך סעקרעטאַר פון „בקור חולים־שפּיטאָל" און משגיח אין „משגב לדך". ער איז איינער פון די גרינדער פון דער פּרעסע אין ארץ־ישראל דורך די פיל יאָרן פון זיין זשורנאַ־ליסטישער טעטיקייט, אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט פאַלגנדיקע צייטונגען: „הלבנון", 1863, „חבצלת", 1873—1877, „האריאל", 1875-1877, „ירושלים", 1882, און דיא „ראָזע", 1877. געשטאָרבן 1914.

ביבליאָגראַפיע וועגן מיכל הכהן:

חיים מיכל מיכלין, „האריאל" אין „קבץ מאמרים", זז. 39—47.

זלמן פעוווזנער, „האריאל" אין „קבץ מאמרים". זז. 48—51.

וועגן פרומקין:

מרדכי בן הלל הכהן, „בעל החבצלת", „קבץ מאמרים". זז. 32—38.

„לוחם נשכח" (לזכר י. ד. פרומקין) מאת א. גור (א. ר. מלאכי) דואר היום, תרפ"ב.

אין לונצס „לוח ארץ ישראל" 1910, ז. 44.

א. ר. מלאכי: „א זשורנאַליסט פון צוויי דורות", טאָגע־בלאַט, ניו יאָרק, 1914.

א. ר. מלאכי, אין זיין אַרבעט וועגן דער געשיכטע פון דער השכלה־באַוועגונג אין ירושלים, אין לונצס „לוח ארץ ישראל", 1916.

ספר זכרון לסופרי ישראל, פון סאָקאָלאָוו, אַפּט. „חכמי ירושלים".

ש. ל. ציטראָן, „לקסיקון ציוני".
ביבליאָגראַפיע וועגן „דיא ראָזע":
מ. קאַסאָווער: „דיא ראָזע", „ליטעראַרישע בלעטער", נר. 20, נר. 21, 1936.

מרדכי קאַסאָווער; „חבצלת: די ראָזע", „קבץ מאמרים". זז. 113—119. מיט אַ פאַקסעמיליע פון ערשטן נומער „דיא ראָזע".

210. רויטע הילף, אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַלעסטינער רויטע־הילף, סעקציע פון א. ד. ה. (מאָפּר). [אָרט און דרוק נישט אָנגעגעבן], יאַנואַר 1929, נר. 1, 30 זז. °8. [מיט בילדער].

211. דער רויטער העלפער, ביולעטין פון פּאַלעסטינער „רויטער הילף". יפו, דרוק „אמנות", מאַי 1927, 16 האַלבע זייטן, °8.

212. דער רויטער העלפער, פּעריאָדיש, „מאָפּר", [נישט לעגאַל, העקט. 1928. „שבעים"].

213. דער רויטער פּאַן, (זאַמעלהעפט), [אַרויסגעגעבן דורך דעם צענטראַל־ראַט פון דער אַרבעטער פראַקציע. ירושלים, דרוק „הנפיר" חיפה. 1925, 16 זז. °8.

214. רחובותער אַרבעטער וואָרט, אַרויסגעגעבן פון רחובותער סניף פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרב. פּאַרטיי „פּועלי־ציון". רחובות, [העקט.] נר. 1, 27 יאַנואַר, 1928, 6 זז. °4. נר. 2, 5 פּעברואַר, 1928, 6 זז. °4. נר. 3, 10 פעברואַר, 1928, 6 זז. °4. נר. 4, 17 פעברואַר, 1928, 6 זז. °4. נר. 5־6, 2 מערץ, 1928, 8 זז. °4. נר. 7, 4 אַפּריל, 1928, 8 זז. °4. נר. 8, 22 יוני, 1928, 8 זז. °4. נר. 9, 27 אויגוסט, 1928, 6 זז. °4.

[נאָך נומער ניין האָט די רעגירונג אָפּגעשטעלט די צייטונג, ווייל זי איז דערשינען אָן איר דערלויבניש].

215. רחובותער אַרבעטער שטימע, אַרויסגעגעבן דורכן רחובותער קאָמיטעט פון דער א"י אַרב. פּאַרטיי „פּועלי־ציון". רחובות, [העקט.] נר. 1, אָקטאָבער, 1927, 7 זז. °4.

216. שולמית [וואָכנבלאַט]. ירושלים, [דערשינען אַ 6־8 נומערן אין די יאָרן 1910־11. אַרויסגעגעבן פון ח. גאָלדבערג. רעדאַקטאָר: שלום ירמיהו כ"ץ *).

*) שלום ירמיהו כ"ץ איז געבוירן געוואָרן אין ירושלים. זיין פּאָטער אליהו כהן, איז געווען איינער פון די ערשטע פיר מלמדים פון דער

217. דער שוסטער אַרבעטער, [חודש־זשורנאַל פון דער אַרבע־טער פּראַקציע]. יפו, [העקט.] 1930. [„שבעים"].

218. שושנה, [וואָכנבלאַט]. ירושלים, 1908. [דערשינען 4 נומערן. „שבעים"].

219. שטערן, איינמאָליקע אויסגאַבע, ארויסגעגעבן פון דער אַרבעטער פּראַקציע. חיפה, 1925, פּאַראַנטוו. רעד. ז. בירמאַן. [„שבעים"].

220. שערי ציון, צוויי־וואָכנבלאַט אין העברעאיש און יידיש. רעד. יצחק גאשצינני און חיים פרעס.

דער „שערי ציון" איז דערשינען נישט רעגלמעסיק, פון יאָר 1876 ביז 1885. אין די לעצטע צוויי יאָר עטלעכע מאָל אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן.

צוליב דעם, וואָס דער ארויסגעבער האָט נישט געהאַט קיין דער־לויבעניש פון דער רעגירונג ארויסצוגעבן אַ צייטונג, זענען עטלעכע נומערן דערשינען אונטערן נאָמען: „הצבי" און זענען געווען גע־דרוקט אין פּאָרמאַט פון אַ גרויסער צייטונג.

וועכנטלעך האָט דער „שערי ציון" אָנגעהויבן צו דערשיינען פון נומער 19 אָן. און זייט דעמאָלט, נאָר אין העברעאיש. דער לעצטער נומער איז שוין דערשינען מאָנאַטלעך.

אין דער יידישער אָפּטיילונג פון דער שטאָטישער ביבליאָטעק פון ניו יאָרק, געפינען זיך די ערשטע פינף יאָרגענג פון „שערי ציון". דער פולער טיטל פון צווייטן נומער איז: (די ערשטע זייט פון ערשטן נומער פעלט):

„שערי ציון" מ"ע יו"ל פעמים בחודש ויודיע כל דבר הדרוש לחפץ לבב אוהבי שערי ציון. מאתי יצחק גאשצינני. שנה ראשונה נומער 2, ירושלים, יוד סיון, ה' תרל"ו. (דער 3טן יוני, 1876) מאָטאָ: „גאָט ליבט די טויערן פאַן ציון מעהר ווי אַללע רוהיננען פון יעקב", אוהב ד' שערי ציון מכל משכנות יעקב" (תהלים, פ"ז, ב').

„די פּריים אין טורקאיי 3 מאגי'די, אין עסטרייך אונגאַרען אונד רומאניען 6 פל. רוסלאַנד און פּאָלען 4 רוביל, דייטשלאַנד 12 מאַרק, פראַנקרייך 15 פר. ענגלאַנד אַמעריקע 15 שילינג. אומגעפראַנקירטע

---

תלמוד תורה „עץ החיים". ער ווערט דערמאָנט אין טיקאַצינסקיס אַרטיקל: „חצר רבי יהודה החסיד" אין לונצס „לוח ארץ ישראל", תרס"ד. שלום ירמיהו כ"ץ האָט אַלס חדר יונגל געשמט פּאַר אַ בעל־דקדוק.

בריעף, ווערדין ניכט אַנגענאָמען. מודעות ווערן בעצאָהלט 10 קר. אָדער 6 קאָפּ. א געדרוקטע שורה.

דער ערשטער נומער דערשינען: כ"ה אייר, תרל"ו.

דער נאָמען פון דער צייטונג איז שפּעטער אויך אָנגעגעבן גע־וואָרן אין אראַביש. דער מאָטאָ איז שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אין דייטש און א צייט שפּעטער אין פראַנצויזיש.

די צייטונג האָט זיך געדרוקט אין דער דרוקעריי פון די ספרדישע יידן, ר' משה פּרץ און ר' חי גאנין. גאשצינגי האָט געהאַט געדונ־גען די דרוקעריי און ער אליין איז געווען דער זעצער און פאַרוואַל־טער פון דער דרוקעריי.

אויף זייט 4 פון ערשטן נומער „שערי ציון", ווערט אָנגעגעבן פאַר וואָס די צייטונג האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען, וואו עס ווערט צווישן אנדערן געבראַכט א משל מיט א הויז וואָס האָט פעלערן און יעדער איינער וויל די פעלערן אויסבעסערן, נאָר ער ווייסט נישט ווי אזוי, און דערנאָך קומט דער נמשל: „דאָס זעלבע איז מיט דעם היילינגן לאַנד. פיל לייט העטטין גערין אונז העלפן אָבער זייא ווייד סין ניט מיט וואָס, יעדער זאָגט זיינע געדאַנקען און מיר זענען נאָך ניט גיהאָלפין גיוואָרין. אשר ע"כ האָבן מיר זיך מעורר געווען ארויס ציא געבין איין בלאַט. ער וועט פאַרייניגין דיא אללע דעות און וועט נאָך איינזאַמלען די בעסטע רפואות פאַן דיא גרעסטע דאָק־טוירים, וואָס דער נסיון האָט זייא אוס גילערנט וויא ציא היילין דיא פעהלערם פאַן דען הייליגען לאַנד און דאָס איז טאַקע די סיבה וואָס מיר געבין דעם בלאַט האַלב אויף זשאַרגאָן, כדי אונזערע ברי־דער וואָס פאַרשטייען ניט דיא הייליגע שפּראַך וועלין מיר מיט זייא רעדין מיט דעם לשון וואָס זייא פאַרשטייען — כדי זייא זאָלין אויך נעמין איין חלק אין דיא שיינע נייאיקייטין וואָס מיר וועלין ארויס־געבין" . . .

פון נומער 2 אָן הויבט זיך אָן דרוקן: „דיא פאַנטאַזיע רייזע אין דער גאַנצער וועלט", נאָך א. בערנשטיין, בעאַרבייטעט אויף יו־דיש טייטש פאַן א. מ. הורדנאי.

דער פאָרמאַט פון דער צייטונג איז געווען 4°. יעדער נומער האָט געהאַט 8 זייטן. פון נומער 19 אָן (כ"ז שבט, תרל"ז), איז דער פאָרמאַט אביסל פאַרגרעסערט געוואָרן און די צאָל זייטן איז פאַרקלענערט געוואָרן, אויף 4. פון דעם דאָזיקן נומער אָן, ווערט צוזאַמען מיט גאשצינגי'ס נאָמען אויך אָנגעגעבן דער נאָמען חיים

פרעס אַלס רעדאַקטאָר. („מאתי יצחק גאשצינני ע"י חיים פרעס) און אין דעם נומער פעלט אויך דער יידישער טעקסט.

אין אַ קורצן נאָטיץ אין העברעאיש איז די רעדאַקציע מודיע אַז: „בשעת מיר האָבן גענומען ארויסגעבן דאָס בלאַט „שערי ציון", האָבן מיר מיט רעכט געוואָלט רעדאַקטירן אַ האַלבן נומער אין דער „זשאַרגאָנישער" שפּראַך, כדי אונזערע ברידער אין רוסלאַנד, וואָס די העברעאישע שפּראַך איז זיי פרעמד, זאָלן קענען פאַרשטיין אונזער הייליקן צוועק און דורכדעם ערן די, וואָס וואוינען אויפן באַרג ציון, אָבער טראָץ אונזער מי, האָט דאָס בלאַט צוליב פאַרשידענע אורזאַכן, נישט געפונען קיין גרויסן אָפּגאַנג אין רוסלאַנד, האָבן מיר דערפאַר באַשלאָסן אויפצוגעבן די פאַרדאָרבענע שפּראַך און אָנשטאָט דעם, ארויסגעבן דאָס בלאַט וועכנטלעך, אין דעם דאָזיקן פאָרמאַט און מיט פילע גוטע און וויכטיקע ענדערונגען, וואָס די מערסטע לעזער וועלן זיך דערמיט פרייען, ווי זייערע אויגן וועלן דאָס אַליין זען" . . .

דער רעדאַקטאָר חיים פרעס איז געקומען קיין ארץ-ישראל צו-זאַמען מיט זיינע עלטערן אין יאָר תר"י, 1855, פון ביאַליסטאָק. גע-לערנט אין דער ישיבה „עץ חיים", דאָרט געוואָרן „אָנגעשטעקט" מיט השכלה געדאַנקען, געוואָרן דערנאָך אַ מלמד, אָבער ווען די טאַטעס דערוויסן זיך אַז ער איז אַ משכיל נעמען זיי ביי אים צו די קינדער.

אין „פרחי חבצלת" צווייטער יאָרג. נום. 404. אָנגעהויבן דרוקן אַרטיקלען וועגן דער העברעאישער שפּראַך און געוואָרן אָנגענומען פאַר אַ גרויסן „בעל דקדוק".

פאַרעפנטלעכט אויך אין בן יהודהס „הצבי" אַרטיקלען צו דער געשיכטע פון דער קאַראַאימישער סעקטע.

(וועגן חיים פרעס זע: פ. גראיעווסקים „זכרון לחובבים הראשונים", ירושלים, העפט 6, ז. 25, אין „חכמי ירושלים" פון אריה לייב פרומקין — אליעזר ריבלין, דריטער טייל, ז. 265. און אין „קבץ מאמרים" זז. 60—61).

אין „חבצלת" יאָרג. 15, נום. 16, 30טן יאַנואַר, 1885, געפינט זיך אַן אָנפאַל אויפן „שערי ציון" פון יעקב גאָלדמאַן.

וועגן „שערי ציון" זע:

„שערי ציון" ווערט דערמאָנט ביי שטיינשניידער אין „העב-רעאישע ביבליאָגראַפיע" XVI ,74 ;XVII ,50, ווי אויך ביי אליהו הרכבי אין „יעווריסקאיא ביבליאָטעקא". 105 ,21 ,VII ,1879.

מנשה אונגער, די יידישע פרעסע אין ארץ-ישראל, 60 יע-

ריקן יובילײ פֿון „שערי ציון“, „פּראָלעטאַרישער געדאַנק“, ניו יאָרק, 1טער יוני 1936.

מ. ד. גאון „שערי ציון“ אין „קבץ מאמרים“. זז. 145—147.

א. ר. מלאכי. אין ברוקלינער שטימע.

ישעיהו פּרעס „שערי ציון“ אין „קבץ מאמרים“, זז. 52—61, מיט א פאקסעמיליע פון העברעאישן „שערי ציון“ נומ. א. 5טער יאָרג.

221. דער שרונער אַרבעטער, ארויסגעגעבן פון פּ. ק. פּ. [?]. [אָרט נישט אָנגעגעבן, העקט. פעברואַר, (?) 1929, 12 זז. 8°.]

א. ר. מלאכי

# „יידישעס וואָכענבלאַט"

צווישן די פאַרשיידענע צייטונגען, וואָס די פאַמיליע שרהזאָן האָט אַרויסגעגעבן, געפינט זיך אויך אַן אומבאַדייטנדיק בלעטל „יידישעס וואָכענבלאַט", וואָס איז לערך פיר חדשים צייט אַרויס אין ניו יאָרק. אין יענעם יאָר זענען גראָד געווען וואַלן פון שטאָט־באַאַמטע, און כדי צו באַקומען פּאָליטישע אַדווערטייזמענטס פון אַלע פּאַרטייען, האָט שרהזאָן אַרויסגעגעבן גאָך א בלאַט, אַ זאַך, וואָס די אַרויסגעבער פון „טאָגעבלאַט" פלעגן זייער אָפט טאָן. אין „וואָכענבלאַט" געפינט זיך טאַקע אַ היפּשע צאָל מודעות פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי מיט די נעמען פון די קאַנדידאַטן פאַר וועמען צו שטימען.

עס קען אויך זיין, אַז די גרינדונג פון „וואָכענבלאַט" האָט אַ שייכות מיט גאָלדפאַדנס פּרואוו אַרויסצוגעבן זיין „יודישע אילוסטרירטע צייטונג". אָנהויב אָקטאָבער 1887 האָט גאָלדפאַדן אַרויסגעלאָזן אַ פּראָבע־נומער, אָנזאָגנדיק אַז אין נאָוועמבער וועט זיין צייטונג דערשיינען. די פאַמיליע שרהזאָן, וואָס אין יענער צייט האָט זי זיך שוין געהאַט „אַרויפגעאַרבעט", האָט אָנגעהויבן פאַרדינען פון זייערע בלעטער פיל געלט און געגרינדעט אַ „צייטונג־טראָסט"; האָט זי אין גאָלדפאַדנס צייטונג געזען אַ קאָנקורענץ צו זייערע „ביזנעס" און זיך מקדים געווען אַרויסגעבן אַ ניי בלאַט, וואָס זאָל אין פאָרם און אין אינהאַלט זיין ענלעך צו גאָלדפאַדנס.

ווי שרהזאָן אַליין גיט איבער (אין דעם יובל־נומער פון די „יידישע גאַזעטן", דעם 20טן אַפּריל 1894), איז דאָס „וואָכענבלאַט" דערשינען 13 וואָכן פון ווינטער פון יאָר 1885 אין אָפיס פון די „יודישע גאַזעטען", 12 זייטן אין קלייגער פאָרמאַט, צו 3 סענט אַ בלאַט, אויף קאָלירטע פּאַפּיר געדרוקט. דאָס „וואָכענבלאַט" איז געווען גוט און געשמאַקפאַל רעדאַקטירט און האָט זיך אין דער קורצער צייט אין גאַנץ אַמעריקא אַבאָנענטען ערוואָרבען".

באמת אָבער איז דאָס בלאַט אַרויס אין 1887 און ניט אין 1885 און אויף קאָלירטע פּאַפּיר זענען געדרוקט נאָר די לעצטע 6 נו־

מערן. דאָס איז אָבער פון אַ קליינעם אינטערעס. וואָס אונדז אינ־טערעסירט איז — צי איז דאָס בלאַט טאַקע „געשמאַקפול רעדאגירט געווען”; און מיר וועלן זיך דערויף אָפּשטעלן.

דער ערשטער נומער „וואָכענבלאַט” איז ארויס דעם 12טן אָק־טאָבער 1887 (י״ד תשרי, תרמ״ח) און איז אָנגעגעבן אַלס „סעמפּל־קאָפּיע” מיט אַ באַמערקונג: „דיזע נומ׳ ווירד אַן אַלע אבאָנענטען דער „יודישער גאַזעטען” אַלס פּראָבע בלאַט פּערזאַנדט. ווער עס וויל אויף דאָס „וואָכענבלאַט” אבאָנירען, ביטיגסט דאָס סובסקריפּ־שאָן געלט איינשיקען”.

אַנשטאַט אַ פּראָגראַם פון דעם נייעם אָרגאַן, איז מיט גרויסע אותיות געדרוקט אַ מודעה „אַן די לעזער”, וואָס איז שוין אויך במקום לייט־אַרטיקל. אין דער מודעה לייענען מיר:

„מיט דיעזער נומער געבען וויר דעם יודישען פּובליקום איינע נייע יודישע צייטונג, וועלכע ווירד פאַן יעצט אַן אונטער דען נאָמען „יודישעס וואָכענבלאַטט” אַן יעדען זאָנטאַג ערשיינען.

„דאָס נייע בלאַט ווירד אין דעמזעלבען פאָרמאַט ווי דיעזעס פּראָבע־בלאַט אונד ערשטע נומער ערשיינען, אָנפאַנגס אכט זייטען, שפּעטער מיט ביילאַגען, אונד ווירד איממער נייע לעזעשטאָף ענט־האַלטען, אונד ניכט דאַסזעלבע וועלכעס וואר שאָן פריהער אים „יודי־שען טאָגעבלאַטט” אָדער אין „גאַזעטטען” צו לעזען.

„דאָס יודישע וואָכענבלאַטט” ווירד ענטהאַלטען: וועלטלעכע ניי־איגקייטען יודישע נייאיגקייטען, ארבייטער אַרטיקלען, לעבענס בע־שרייבונגען, רייזע־בעשרייבונגען, שילדערונגען אויס דער נאַטור־וויססענשאַפט, אויס דער פעלקערקונדע א. ז. וו. קורצע געשיכטען אונד ערצעלהונגען, הומאָריסטישעס און געלעגענטליך אויך אינ־טערעסאַנטע און בעלעהרענדע אַרטיקלען אָדער מאמרים אין לשון־קדש. אים פיליעטאָן ווירד זיא ברינגען נאָוועללען אונד שילדערונ־גען אויס דעם יודישען לעבען.

„דאָס יודישע וואָכענבלאַטט” קאָסטעט מיט פרייער צוזענדונג פער פּאָסט יעהרליך $1.50, 6 מאָנאַטע 75 סענט. אבאָנענטען דעם „טאָגעבלאַטט” ווערדען עס פרייא ערהאַלטען.

„ביטטע צו בעמערקען, דאָס דאָס „וואָכענבלאַטט” ווירד אין איינער פיעל לייכטערן שפּראַכע אַלס דיא „גאַזעטען” אונד דאָס „טאָ־געבלאַטט” געשריבען ווערדען. דיא שפּראַכע דעם וואָכענבלאַטטס ווירד מעהר עהנליכקייט מיט דעם אין ליטא אונד רוסלאַנד געשפּראָ־

כענעם יודישען דיאַלעקט האָבען, אונד ווירד וויינינער דייטשע אויס־דריקע ענטהאַלטען, למען ירוץ הקורא בו.

„צו דיעזער נייען האָבען מיר גוטע קאָרעספּאָנדענטען אונד מיט־ארבייטער אָנגענאָממען, וועלכע ווערדען אונזער אונטערנעהמונג אונ־טערשטיצען, אונד צוואר זאָלכע קאָרעספּאָנדענטען די אונז אַלס פאַר־טרעפליכע שרייבער בעקאַנט זינד".

נאָכדעם קומט אַ קליין ארטיקל „ומי שלא בקצו", אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט אין פילאַדעלפיע: „איין 18 אָדער 20 יעהריגער יודי־שער יונגערמאַן פאָן דען איינוואַנדערער אויס רומעניען, וואר היער אין איינער צוקערפאַבריק בעשעפטיגט", און דער פאָרמאַן פון פאַב־ריק, „וועלכער איזט ווי עס שיינט איין רעפאָרמער" האָט אים ניט גע־וואָלט באפרייען פון דער ארבעט דעם צווייטן טאָג ראש השנה. דער יונגערמאַן, אויס מורא ער זאָל ניט אָנווערן דעם „דזשאב" האָט גע־מוזט נאָכגעבען און „בלב נשבר ונדכה איזט ער נאָך דער פאַבריק גע־גאַנגען, אונד עס איזט קיין וואונדער, דאָס אין דיעזעם פערוואָרכענעם גייסטעסצושטאַנד האָט ער זיך אויס פערזעהען דעם טריעבראַד דער מאַשינע גענעהערט, ער וואורדע פאָם טריעברימען ערגריפפען אונד אַללע קנאָכען אים לייבע צעבראָכען".

דעם יונגנמאַנס נאָמען האָט דער שרייבער פאַרגעסן צו דער־מאָנען, און די רעדאַקציע באַמערקט: „ווארום שרייבט דער קאָרעס־פּאָנדענט ניכט דען נאָמען דעם פעראונגליקטען הרוג, דען נאָמען דעם פאָרמאַן אונד דען נאָמען דעם פאַבריקאַנטען?"

איך גיב דאָס איבער אַלס באַווייז וואָס פאַר אַ „גוטע קאָרעס־פּאָנדענטען" דאָס „וואָכענבלאַט" האָט אנגאַזשירט; אויך פון דעם „ריינעם יידיש" וואָס האָט אין „וואָכענבלאַט" געהערשט, וואָס די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ קען זיין אַ מוסטער.

די פּאָליטישע פראַגן ווערן באהאַנדלט אין עטלעכע שורות אונטערן טיטל „פראַנקרייך און דייטשלאַנד"; מיר דערוויסן זיך „דאָס דער פּרייסישע זאָלדאַט קויפמאַן, וועלכער האָט אויף די פראַנצאָזן איבער די גרענצע געשאָסען, האָט רעכט געהאַנדעלט. די פראַנצאָזי־שען צייטונגען שרייבען דאַגעגען, דאָס קויפמאַן האָט קיין רעכט גע־האבט אויף די פראַנצאָזען צו שיסען".

די גרעסטע „פיטשור" אין בלאַט איז אַ מעשה פון „איין זעלבסט־מאָרד אום ערב יום הכפורים", וואָס האָט פאַסירט אין סיראַקיוז, נ. י., באַשריבן אויף גאַנצע צוויי זייטן, אגב גאַנץ לעבעדיק, מיט

אלע פּרטים. דער אַרטיקל גיט אַ בילד פון דעם אינווייניקסטן פאַ־מיליע־לעבן פון די ערשטע עמיגראַנטן אין אַמעריקע.

אַזעלכע סענסאַציעס האָבן בכלל אין „וואָכענבלאַט" פאַרנומען דעם אויבן־אָן. אַזוי איז אין פערטן נומער ברייט באַשריבן געוואָרן די „פערהייראַטהונג דער בתולה אלין ראָטשילד, איינע טאָכטער דעם באַראָנס ראָטשילד, מיט דעם בחור אַלבערט עדוואַרד סאַסען אָדער ששון". דער פעליעטאָניסט פון „וואָכענבלאַט" ג. זעליקאָוויטש אין זיין וועכנטלעכן פעליעטאָן „דאָ און דאָרט און איבעראַל" שענקט היפּש אָרט דער חתונה, איז באַגייסטערט פון דער חופּה צערעמאָניע, וואָס „די גאַנצע בלומע פאָן פּאַריזער ליטעראַטור, וויסענשאַפט, קונסט, פינאַנץ, פּאָליטיק, אַרמעע אונד אַריסטאָקראַטיע זינד געקו־מען הערען אין שול דעם „הרי את מקודשת". „אָט איז עפּעס אַ צערעמאָניע! — ענדיקט ער מיט התפּעלות, — איך וואָלט נאָר גע־וואָלט וויסען וויעפּיעל דרשה געשאַנק דאָרט איז „געפאַלען", וואָרום האָט מאַן געוואָרפען?"

דאַגעגן אַזעלכע וויכטיקע היסטאָרישע געשעענישן ווי די עקזע־קוציע פון די שיקאַגער אַנאַרכיסטן אָדער דער אַרעסט פון יאָהאַן מאָסט, דער פירער פון די אַנאַרכיסטן אין אַמעריקע, זענען אין „וואָכענבלאַט" אָפּגעפּטרט מיט קורצע נאָטיצן. זיי זענען איבערגע־געבן „רעפּאָרטעריש" און אָנשטענדיק, כאָטש די אַרויסגעבער זע־נען געוועזן פיינדלעך צו סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן.

אין דעם ערשטן נומער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אַ באַשריי־בונג „דאָס הויז ראָטשילד", וואָס איז געגאַנגען כמעט אין יעדן נו־מער און איז ניט פאַרענדיקט געוואָרן. די דאָזיקע ביאָגראַפיע האָט באַדאַרפט אויך פאַרבייטן דעם ראָמאַן, וואָס פעלט ביז די לעצטע דריי נומערן פון „וואָכענבלאַט". „די רעדאַקציאָן" באַמערקט טאַקע וועגן דעם: „דיא געשיכטע פאָן דיעזער פאַמיליע איזט פיעל וואונ־דערבאַר אונד אונפערגלייכליך פיעל אינטערעסאַנטער אלז דער אינ־טערעסאַנטעסטער ראָמאַן אונד האָט דאביייא דאן פאָרהייל אונד דיא מעלה דאָס זיא איזט ניכט ערפונדען אָדער אויסגעדאַכט, נור דאָס זיא איזט וואהר אונ ענטהאַלט טהאַטזאַכען, וועלכע זינד פיעל וואונ־דערבארער אַלס דיא ערפינדונגען דער איינבילדונגס קראַפט איינעם ראָמאַנענשרייבערס. דיא געשיכטע דעם הויזעס ראָטהשילד איזט זאָ וואונדערבאַר, דאָס מאַן פינדעט איהרעס גלייכען אין דער וועלט־געשיכטע ניכט. מיום ברא אלקים ארץ ושמים האָט עס נאָך ניכט געטראָפען, דאָס איינע פאַמיליע זאָל אין איינער זאָ קורצער צייט

איין זאָ גראָסעס פערמעגען ווי דאָס דער ראָטהשילדס ערוואָרבען אונד איינעם זאָ האָבען שטאַנד אין דער פינאַנציעלען געזעלשאַפט ווי דיא ראָטהשילדס עררייכען".

קיין נאָמען פון מחבר איז ניט אָנגעגעבן, אָבער עס איז משער צו זיין, אַז די ביאָגראַפיע איז פאַרפאַסט פון מרדכי יהלומשטיין, וואָס איז אין יענער צייט געווען דער רעדאַקטאָר פון די „גאַזעטן", און אויך דאָס די „וואָכענבלאַט" איז געווים פון אים רעדאַקטירט געוואָרן. יעדנפאַלס, איז די ביאָגראַפיע איבערגעזעצט פון אַ דייטש ביכל. די שילדערונג פון דער „יודענגאַסע" אין פראַנקפורט און די ציטאַטן פון היינע וועגן די ערשטע ראָטשילדס, וואָס ווערן דאָ געבראַכט, האָב איך געלייענט אין ראָטשילדס ביאָגראַפיע פון יעקב הייפלער, וואָס איז געדרוקט אין זאב יעבצסים „הארץ", און איז איבערגעזעצט פון לעאָן ריינאָדס בוך. „דאָס הויז ראָטשילד" איז ניט שלעכט געשריבן, הגם דייטשמעריש.

די איבעריקע „לעבענסבאַשרייבונגען" פון גרויסע מענטשן אין „וואָכענבלאַט" זענען נאָך פון קנאַפערן ווערט און אינטערעס — מאָגערע און קורצע נאָטיצן וועגן דעם פראַנצויזישן פרעזידענט גרעווי, יאָזעף פוליצער, דעם אַרויסגעבער פון דער ניו יאָרקער „וואָרלד", ראַסעל סיידזש און דזשאַן וו. מאַקיי — די לעצטע צוויי באַרימטע מיליאָנערן אין אַמעריקע. צו די נאָטיצן קומען אויך בילדער, וועלכע זענען געדרוקט מיט אַ וואָך פריער, מיט אַן אונטערשריפט: „אין נעכסטער נומער ווערדען וויר . . . לעבענסבאַשרייבונג ברינגען". אין די קורצע ביאָגראַפיעס ווערט שטאַרק און מיט נאַיווע התפעלות באַטאָנט זייער גרויסער ערפאָלג אַרויפצואַרבעטן זיך און ווערן מיליאָנערן. וועגן פוליצער ווערט געזאָגט: „זיין גראָסער ערפאָלג (הצלחה) איז איין בעווייז, וואָס איין קלוגער און טהעטיגער מאַנן קאָן אין אַמעריקא אַלעס ערלאַנגען". צום סוף ווערט אויך אָנגעגעבן: „פוליצטערס שונאים זאָגען, דאָס ער איזט איין יהודי". אויסער דעם זענען אין „וואָכענבלאַט" אויך געדרוקט ביאָגראַפיעס פון „מלאכים און קעניגן": פראַנץ יאָזעף, דער קייזער פון עסטרייך, ווילהעלם דער ערשטער און ווילהעלם דער צווייטער און די קייזערין אַגוסטאַ. די אַרטיקלען טראָגן אָבער שוין דעם כאַראַקטער פון פאָליטישע אַרטיקלען.

די „ליטעראַטור" פון ערשטן נומער באַשטייט פון אַ שוואַכן פעליעטאָן „דאָס איז דאָך ידוע דאָס" פון גז־אל (דער פסעוודאָנים פון ג. זעליקאָוויטש), אַ מין „פילאָסאָפישע פלוידעריי" איבער דעם

יידישן לעבן אין אמעריקע, פול מיט קיבעץ וועגן די רבנים, חזנים, שוחטים, כלל־טוער און אלערליי כלי־קודש. אַט דעם סאָרט פעליע־טאָנען פלעגט זעליקאָוויטש שרייבן כמעט יעדע וואָך אונטערן שוין דערמאָנטן טיטל „דאָ און דאָרט און איבעראל". איינציקע זענען גע־ראָטן. עס איז נויטיק צו דערמאָנען, אַז זעליקאָוויטש איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דעם מין פעליעטאָן איינגעפירט אין דער יידישער פרעסע פון אמעריקע און אין די פעליעטאָנען איז ער אויך געווען דער ערשטער צו שרייבן אַ מער־ווייניק ריינעם יידיש, געזען ווי ווייט מעגלעך אויסמיידן דייטשמעריש, כאָטש ער האָט דאָס גע־טאָן אומבאַוואוסטזיניק. פעליעטאָנען מיט דעם זעלבן טיטל האָט זעליקאָוויטש אויך פאַרעפנטלעכט אין גאָלדפאדנס „יודישע אילוס־טרירטע צייטונג"; דאָרטן באהאנדלט ער דאָס רוב אויסלענדישע פּאָליטישע טעמעס, אינדערצייט וואָס אין די פעליעטאָנען אין „וואָכענ־בלאַט" האָט ער באַרירט לאָקאַלע ענינים, קריטיקירט אָדער גערימט פּערזאָנען, וואָס האָבן גענומען אָן אָנטייל אין דעם יידישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן פון פילאַדעלפיע, וואו זעליקאָוויטש האָט דאַמאָלסט געוואוינט. טיילמאָל פלעגט ער זיך דערלויבן שפּאַס און קריטיק אויך איבער אָנגענומענע מנהגים, און דאָס האָט אַרויסגערופן פּאַרדרוס ביי די אָרטאָדאָקסישע יידן. אין „הצפירה" פון יאָר 1888 נום. 229 שרייבט איינער זרח קאַנטאָר: „דער געערטער שרייבער דר. זעליקאָ־וויטש, וואָס האָט געשטראַלט צווישן די בעסטע שרייבער פון די העב־רעישע בלעטער, האָט פאַרשוועכט זיין פּען און האָט זיך אויסגעדריקט קעגן יידישקייט אין אַ וואָכנבלאַט, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך אַן אונבאַגלייבטער קאָמפּאַניע. ווויי, ווויי, האָבן די פּאַרערער פון זיינע בריוו אין „המגיד" און „המליץ" געשריען און זיך גע־וואונדערט צו זען ווי אַזוי אַ מענטש, מיט וויסן לערנט די מאַסע אין דער זשאַרגאָנישער שפּראַך, דאָס לעבן פון די עגיפּטער פאַר אדם הראשון און שליידערט טויט־פיילן אין דעם הייליקן תענית תשעה באָב. זיינע לעצטע מעשים אָבער אין פילאַדעלפיע האָבן אים נאָך מער חרפּה פאַרשאַפט און אפילו ביי דער מאַסע האָט ער אָנגע־וואָרן דעם חן. ער איז אויך אַרונטערגעזעצט געוואָרן פון זיין פּראָ־פעסאָר־שטול און אַריינגעשליידערט צווישן די מענטשן־קרבנות, וואָס זייער תאוה וויים קיין גרענעץ ניט". דאָס לעצטע איז מן הסתם אַ רמז אויף דעם סקאַנדאַל דאַמאָלסט מיט זעליקאָוויטשן, וואָס ניט דאָ איז דער פּלאַץ צו באַרירן. אין „המגיד" (1888 נום. 48) האָט אָבער איינער נחום וואָלף גאָלדין פאַרטיידיקט זעליקאָוויטשן. צ"א

שרייבט ער דאָרט: „און וועגן דעם, וואָס ער באשולדיגט זעליקאָ־וויטשן, אז ער האָט אין דער וואָכעדיקער שפּראַך געשילדערט, דאָס עגיפּטישע לעבן פאַר אדם הראשון; באַדאַרף ער וויסן, אז אויף די דאָזיקע אַרטיקלען וואָס ער דרוקט אין דעם היגן בלאַט „יידישע וואָכענבלאַט", חתמעט זיך ניט זעליקאָוויטש מיט זיין נאָמען, נאָר רופט זיך „גץ אל" (?) און „וחלקלקות", און ער איז ניט פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר דעם".

אין אייניקע פּעליעטאָנען האָט זעליקאָוויטש זיך ארויסגעשטעלט ווי א קעמפער פאַר יידיש. בשעת דר. וויז פון סינסינאַטי האָט אין זיין אָרגאַן „הדבורה" קריטיקירט דאָס „וואָכענבלאַט" און די יידישע שפּראַך, וואָס איז א שטער צו דער אַמעריקאַניזירונג פון די יידן, האָט זעליקאָוויטש אים שאַרף געענטפערט. אין דעם זעקסטן נומער שרייבט ער:

„ווען מאַן איז קיין חמור ניכט, קען מאַן מיט „וואָס" און „דאָס" אויך אויסדריקן אַלע געדאַנקען. וויר האָבן שוין געלעזן גרויסע שטותים אין ניי־דייטש געשריעבען מיט „דאָס" אונד „וואָס". יעדער בר בי רב דחד יומא וויסט „דאָס מאַן קען זאָגן אונד ריידען גרויסע חכמות אין זשאַרגאָן עבען זאָ גוט ווי מאַן קען זאָגען אונד שרייבען גרויסע דומהייט אין האָך־דייטש אָדער אין איינגליש. דאַ־רום זאָל אונז דער רעדאַקטאָר פאָן דיא „דבורה" ענטשולדיגען אָב וויר פינדען זיין קריטיק אויף דאָס „וואָכענבלאַט" זעהר לעכער־ליך" . . .

. . . „מיר מוזען צום לעזער ריידען אין דיא שפּראַך, וועלכע ער אַם בעסטען פערשטעהט; אין דיא שפּראַך, אין וועלכע מאַן פלעגט איהם פערשלעפערן זינגענדיג איבערען וויעגעלע, אין דיא שפּראַך אין וועלכע ער האָט אָנגעפאַנגען צו פּרעפּלען דיא ערשטע ווערטער, איידער ער איז אַנטוואָהנט געוואָרען און אין דיא שפּראַך אין וועלכע ער האָט זיין ערסטען טריט געמאַכט אויף דער פּראַקטי־שען וועלט, אין דיא שפּראַך, אין וועלכע ער פיהרט טעגליך זיינע געשעפטען אונד אין וועלכע ער האָט אויף זיין לעבען געזיפצט, געשמייכעלט, געקלאָגט געלאַכט אונד געליעבט!"

אין דעם ערשטן נומער איז אויך געדרוקט א לאַנג ליד, „אַלעס צוזאַמענגעקלעבט" געחתמעט מיט די ראשי תבות צב"י פון דעם סאָרט געגראַמטער פּראָזע, וואָס אין יענע גוטע צייטן פלעגט מען זיך קוויקן דערמיט אין יידישן טעאַטער:

„טרעפסט איינע דאַמע אויף דער שטראַסע,
ראַטהע באַקען, ברייטע ברוסטע, ווייסע ציין,
שוואַרצעס האַר, איינע ווארע הדסה,
דענקסט דאַ איזט איינע ביוטי, אַ, וויא שיין!
טו אַבער אַ בליק אין איהר בעדרום,
וואַ זיא איזט אַליין, שפעט אין דער נאַכט,
מוסט בעשעמט רופען: „אַ, איך ווער דום!
פאַן איין מעדכען הינטערן ליכט געבראַכט!"
דין וויא אַ ברעט איזט די ברייטע ברוסט,
דיא ראַזען באַקען בלאַס אונד פאַל פלעקען,
די הארע אויפן טיש, דער מויל איז פוסט" א. א. וו.

דאַס ליד אַנטהאַלט אַבער אויך בילדער, ווי אַזוי חברות און „סאָסייעטים" זענען אין יענער צייט געגרינדעט געוואָרן:

„שבת צו מנחה איזט אין שול אַ קאַך,
יאַשקע קוקט אויפן פּרעזידענט „קראַס"
די חברה האַט בעקאַמען אַ בראַך,
אונד קיינער דער מעמבערס וויים פאַר וואַס.
נאַך הבדלה זיטצט אין סאַלון, בייא ביר,
יאַשקע מיט נאַך זיעבען חברה לייט.
„נאַך ביער! פילט דיא גלעזער היער
אונד אַ וויטאַק אין חיימקעס זייט!"
אַ לאַיער ווירד שנעל אין סאַלון געבראַכט.
דאַס ביער ווערט פּאַרגאַסען מיט טהייערעס וויין,
אַן אַפּליקיישען אויף אַ טשאַרטער ווירד געמאַכט,
און „חברת צדק ושלום" זאַל איהר נאַמען זיין.
פּרעזידענט ווירד דער פוהרמאַן,
ישראלקע לאַטוטע ווירד דער וויס;
טרעזורער ווירד דער שנאַרער קאָהן,
און סעקרעטאַר דער בעהעלפער גיים"

דער מחבר הויבט דאָס ליד אָן:

„שאַן באַלד אַכט רונדע יאַהרען,
האַבע איך אין אַמעריקע געלעבט".

עס איז זייער מעגלעך, אַז אונטערן פּסעוודאָנים צב"י האָט זיך באַהאַלטן יעקב צבי סאָבעל, דער מחבר פון „שיר זהב", דאָס ערשטע יידישע ביכל, וואָס איז געדרוקט אין אַמעריקע. דער סטיל פון ליד האָט ענלעכעס צו סאָבעלס לידער אין „שיר זהב", כאָטש דאָרט איז זיין שפּראַך מער דייטשמעריש.

די איבעריקע עניינים, וואָס געפינען זיך אין ערשטן נומער פון „וואָכענשריפט", זענען עטלעכע העברעישע אַרטיקלען און טעאַטער נאָטיצן, וואָס וועגן דעם וועל איך שרייבן אין אַ באַזונדער קאַפּיטל.

אַ פּיל שענער ליד איז געדרוקט אין צווייטן נומער, דאָס איז יהודה ליב גאָרדאָנס באַקאַנט ליד „זמר לשמחת תורה", וואָס איז געשריבן אונטערן רושם פון די ערשטע פּאָגראָמען. דאָס ליד איז אָבער ניט געשריבן ספּעציעל פאַרן „וואָכענבלאַט", נאָר איז איבערגעדרוקט פון גאָרדאָנס ביכל „שיחת חולין". בכלל האָט מען אין „וואָכענבלאַט" צופיל געהאַלטן פון „שלך — שלי", און אַ גרויסער טייל פון מאַטעריאַל איז גענומען פון אויסלענדישע צייטונגען. איבערגעדרוקטע לידער געפינען זיך אין „וואָכענבלאַט" אַליקום צונזערס „בטוח אני באלה" און „דער וועלט טעאַטער", ישראל דוב ריזבערגס, משה חאַשקעס און דר. נאַטהאַן פרידלענדערס. דעם לעצטנס ליד „דער יודע" איז געשריבן אין עכט ניט „קאַלווירער" דייטש. דער רעדאַקטאָר פון „וואָכענבלאַט" איז, ווייזט אויס, אַזוי שטאַרק באַגייסטערט געוועזן פון דעם ליד, אַז ער האָט זיך אויך „פאַרעדט" אין דייטש. טראָץ זיין הבטחה דאָס אין „וואָכענבלאַט" „ווירד ווענינקער דייטשע אויסדריקע ענטהאַלט", האָט ער צום ליד צוגעשריבן אַ זאַץ אין דייטש: „הערר דאָקטאָר פריעדלענדער, דער הייטע 70 יאָהר אַלט איזט, וואורדע איינסט צו איינער קריסטליכען פּאַציענטין גערופען, אַלס ער הינקאַם אונד נאָך איהם געבענטצימער ווײַלטע, טראַט די יונגע אַלגאַסי, טאָכטער דעם שטייער אינספּעקטאָר, מיט דער פראַגע אינם צימער: „וואר דער יודע שאָן היער? דיעזעס מערכען שיקטע דער האַרצט פאָלגענדעס געדיכט. די יונגע דאַמע האָט דען דאָקטאָר אום פערצייהונג געבעטען אויך זיא בעזוכט זייט דעם אַלס פריינדין זיין הויז. דיעזעס געדיכט דורכגעדרונגען פאָן ליעבע צום יודענטהום הייסט „דער יודע".

אין „וואָכענבלאַט" האָבן אָבער אויך ניט געפעלט „שאַפּונגען" פון אַמעריקאַנער פּאָעטן. אין 8טן נומער איז געדרוקט אַ כלומרשט קריטישע סאַטירע איבער אַ חברה, אַ פּרעזידענט און „טראָסטים" אונטערגעשריבן „איין לאַנדסמאַן". אין 9טן נומער געפינט זיך אַ ליד „לא המדרש עיקר אלא המעשה" פון באר־אבן. המכונה „איש ישר" זינגט אַ „זמר לחנוכה" און איינער וו. ג—ן (נחום וואָלף גאָלדין ?) האָט אין צענטן נומער אָן אָדע צום דאָלאַר:

„דו ביזט דער גאָט דעס פרומען,
דער אידעאַל דעס אַריסטאָקראַט,

דער וואונש פאַן דעם דומען,
יעדעס האַפנונג בכלל ובפרט".

און

„וואָרום וויל ווערען ר' חיים
אַ פּרעזידענט אין בית התפלה?
ווייל ער איז אַ נקי כפים
און וויל ברייננען נוטצען דער קהלה?
ער האָט ערשמעקט אַ דאָלאַר!"

און אזוי ווערן אין ליד אויסגעלאַכט רבנים, דרשנים, סאָציאַ־ליסטן, אַנארכיסטן, שרייבער, קרעמער, וואָס האָבן „ערשמעקט" א דאָלאר".

ווי עס איז צו זען האָבן לידער אין „וואָכענבלאַט" ניט געפעלט. אפילו זעליקאָוויטש און זייפערט האָבן זיך ניט אַנטזאגט צו שרייבן לידער. פון זייפערט איז געדרוקט א לאַנגע פּאָעמע „נאַטור אונד קונסט", וואָס אין איר געפינט איר אַלץ וואָס אייער הארץ גלוסט: סאטירע, הומאָר, קריטיק, נאָר ניט קיין פּאָעזיע . . .

דאַגעגן איז אין „וואָכענבלאַט" ניט געווען געדרוקט ניט קיין דערציילונגען און ניט קיין ראָמאַנען. ערשט אין די לעצטע דריי נו־מערן האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן א נאָוועלע „געטאַנצט נאָך דער פידעל", אָן דעם נאָמען פון מחבר, געשריבן אין דייטשמערישער שפּראַך. אין דעם עלפטן נומער איז פאַרעפנטלעכט א פעליעטאָן „א פלוגתא צווישן רבי ינאי אונד מיין עלטער מומען" אונטערגע־שריבן ליבין. דאָס איז אָבער שוואַך געשריבן און האָט א קנאַפּן ליטעראַרישן ווערט. די איינציקע ליטעראַטור בלייבט טאָקע נאָר זעליקאָוויטשעס פעליעטאָנען „דאָ און דאָרט און איבעראַל", אָבער מיטן זיבעטן נומער האָט זעליקאָוויטש אויפגעהערט זיך צו באַטיי־ליקן אין „וואָכענבלאַט". צו דער „ליטעראַטור" דאַרפן אויך צוגע־שריבן ווערן די וויצן, שפּריכווערטער, אַפּאָריזמען און געגראַמטע גלייכווערטלעך, וואָס פלעגן זיך אָפט דרוקן אין „וואָכענבלאַט". צו אייניקע וויצן איז צוגעגעבן א קאריקאַטור פון א זאַט־אָנגעגעסע־נעם „אָלרייטניק"; שטייט א צופרידענער מיט פאַרלייגטע הענט און דעם בויך אַרויסגעשטעלט און אַנטקעגן אים א דערשראָקן יידל מיט א נעבעך־פּנים אָנגעטאָן א קאָמישן „דוירבי" קאַפעליושל. דאָס זיי־נען די „העלדן" שמערל און בערל, וואָס פילאָזאָפירן צווישן זיך און שיטן חכמות און וויצן.

## ב.

מיט דעם 4טן נומער הויבט דער „וואָכענבלאַט" אָן ציילן אַ נייען יאָר רעכענונג, כאָטש צו 1888 איז נאָך געווען עטלעכע חדשים. דער נייער יאָרגאַנג הויבט זיך אָבער ניט אָן אַלס צווייטער, נאָר צענ־טער. דער צו־ווייטער שפּרונג איז צו דערקלערן דערמיט, וואָס די אַרויסגעבער זענען אויסן געווען צו נאַרן די „אַדוועריטייזער", אַז דאָס בלאַט עקזיסטירט שוין יאָרן לאַנג און האָט דעריבער אַ גרויסע צאָל לעזער.

אין דעם פּערטן נומער האָט זיך אויך אָנגעהויבן דרוקן אַ שרייענדע רעקלאַמע „וואָס דער עולם זאָגט איבער אונדזער ציטונג", וועלכע האָט זיך געדרוקט אַלס „לייט־אַרטיקל" אין דריי פּאָרזעצונגען. עס איז כדאי צו ברענגען אייניקע ציטאַטן פון דעם דאָזיקן אַרטיקל כדי צו באַווייזן די מעטאָדן, מיט וועלכע מען פלעגט דאַמאָלסט צוצי־ען דעם לעזער.

„דער עולם זאָגט", פאַנגט אָן דער שרייבער, „אפילו איין שפּריכ־וואָרט, דאָס דריי זאָל מאַן ניט פרעגן ווי געהט עס? אונד אָב זי זינד צופריעדען. איינען חתן די ערשטע וואָך נאָך די חתונה, אָב ער איזט צופריערען מיט דער כלה. איינען פּרעזידענטען איינער קהלה פאַר ימים נוראים, אָב ער איזט מיט דעם נייען חזן צופריעדען אונד איינען רעדאַקטאָר פאָן איינער נייען ציטונג, אָב זיינע נייע ציטונג געהט גוט. דען ווי דען זאָלען די אַלע דריי זאָגען, אפשר שלעכט? אוודאי, געוויס ווערדען זי זאָגען גוט, בעסער אַלס זי האָבען זיך זעלבסט געוואונשען, דען דער חתן וויל נאָך ווענינסטענס אייניגע ציט ביי דער כלה'ס עלטערן קאָסט עסען אונד זאָ מוס ער מיט דער כלה צופריעדען זיין. דער פּרעזידענט וויל אם סוכות „לשמוע אל הרינה ואל התפלה", טיקיטס פאַרקויפען, אונד מוס דאַרום דען חזן ריהמען, אונד דער ציטונג הערויסגעבער האָפט פיר זיינע נייע ציי־טונג מודעות צו בעקאָמען אונד ער ווערע איין חמור יעדעם צו ער־צעהלען, דאָס זיינע נייע ציטונג האָט לעת עתה נור ווייניג לעזער אונד איזט אין קיינע גראָסע צירקולאַציאָן, דאַרום וואָלטען וויר פאָן דער צירקולאַציאָן אונד דער פערברייטונג אונדזערעס נייען וואָכענ־בלאַטעס אייגענטליך גאָר ניכט שרייבען ווייל דער עולם קאָן אונז חושד זיין, דאָס וויר ריהמען זיך נור, אונד דאַרום וואָלען וויר נור אייניגע טהאַטזאַכען און פאַקטען ברינגען, וועלכע זיך ניכט אָפּלייגנען לאַסען, אונד די וויר אימער בערייט זינד צו באַווייזען, אונד אויס

דיזען טהאַטזאַכען אונד פאַקטען, אויס דיזען ראיות אותות ומופתים ווירד דער קלוגע פערנינפטיגע לעזער וכל מי שיש לו מוח בקדקדו, שליעסען קענען (מיט חמורים וואָלען וויר ניכט צו טהון האָבען אונד פיר פתאים המאמינים לכל דבר שרייבען וויר ניכט) משער זיין אונד וויסען קאָנען, אין זיך פאָן דער ענשטוינענסווערטהען אונד פאַסט אומגלויבליך שיינענדער גראָסען פערברייטונג די אונזער וואָכענבלאַט, בערייטס נאָך איהרען קורצען ערשט דריי וועכענטלעכען בעשטעהען זיך צו ערפרייען האָט".

די באַווייזן זענען „איינִיגע אָפיציעלע בעריכטע פאָן אונזערע רעפּאָרטערס, וועלכע וויר האָבען בעאויפטראגט, דאָס זי זאָלען זיך ערקונדיגען וואָס דער עולם זאָגט צו דאָס „יודישע וואָכענבלאַט".

און לויט וואָס דער עולם זאָגט, ווי עס איז איבערגעגעבן אין דער זיסער שפּראַך פון די רעפּאָרטערס, איז אַזוינס ווי דער „וואָכענ-בלאַט" נאָך קיינמאָל ניט געווען. אין 13 העסטער סט. האָט דער רעפּאָרטער אונטערגעהערט אַ שמועס צווישן צוויי שכנים. איינער האָט שטאַרק גערימט „דעם נייען וואשילישקער חזן, וואָס האָט אַ שטים ווי אַ לייב און אַ קול ווי אַן אָקס", מען איז איהם געלאָפן הערן ווי אַ בייזוואונדער. דער צווייטער האָט אים געענטפערט: דאָס בשעת ער האָט געוואָלט גיין אין שול, האָט „גראָד איין באָי דאָס נייע „יודישע וואָכענבלאַט" העריינגעבראַכט", ער האָט גענומען לייענען דעם בלאַט און זיך אַזוי שטאַרק פאַרטיפט אין אים, דאָס ער האָט פאַרשפּעטיקט דעם דאַווענען, „און איך האָב קיין חרטה ניט, ווייל איך האָב פאָם „יודישען וואָכענבלאַט" מעהר פערגניגען געהאַט אַלס ווי פאָן 10 אונד פאָן הונדערט חזנים, און ווען איך זאָל אפילו וויסען דאָס דער נייער חזן האָט איין קול פאָן איין נערה המאורסה אונד פאָן שעיר המשתלח איזט מיר דאָס „וואָכענבלאַט" פיעל ליעבער".

אין אַן אַנדער הויז האָט דער רעפּאָרטער אויסגעפונען דאָס צוליב דעם „וואָכענבלאַט" האָט אַ חתן פאַרשפּעטיקט צו קומען צו דער חופּה. מען האָט אים אומעטום אַרומגעזוכט, די כלה האָט געחלשט, ביז מען האָט אים ענדלעך געפונען לייענענדיק דעם „וואָכענ-בלאַט" „אונד דער חתן ענטשולדיקטע זיך, דאָס ביים לעזען דעם „וואָכענבלאַטס" האָט ער אָן דער גאַנצען וועלט, אונד אויך אָן דער כלה, אָן דען מחותנים אונד דער חופּה פערגעסען געהאַבט".

און נאָך אַנדערע „נסים" פון דעם סאָרט ווערן אין דעם דאָזיקן אַרטיקל דערציילט, געשריבן אין כלומרשט הומאָריסטישן טאָן.

וואָס דער לעזער האָט אזוינס געפונען אין די דריי נומערן פון „וואָכענבלאַט" ער זאָל אריינפאלן אין אזעלכע „קעלבערנע התפעלות" איז שווער צו פארשטיין סיידען ער איז ווירקלעך געוועזן פון די „פתאים המאמינים לכל דבר", און שרהזאָן האָט זיך ערלויבט אריינ־לייגן אין זיין מויל וואָס אים האָט געלוינט.

ג.

ניט רייך איז אויך געוועזן די פובליציסטיק פון בלאַט. ניט אל־געמיינע און ניט יידישע פראַגן זענען אין „וואָכענבלאַט" באַרירט גע־וואָרן. אין דעם דריטן נומער געפינט זיך א שוואכער אַרטיקל פון ג. זעליקאָוויטש „איין פילאָזאָפישער ממה־נפשך אונד די אַרבעטער פראַגע", אין וועלכן ער שטעלט זיך אַרויס ווי אַן אַרבעטער פריינט. ער ווייזט אָבער אַרויס ווייניק פאַרשטענדעניש אין דער אַרבעטער־פראַגע. האָט נאָר אויבערפלעכלעך אויפגעכאַפּט דעם ענין סאָציאַ־ליזם אַנאַרכיזם און זייער ביטערניש געגן די קאַפּיטאַליסטן. אַנשטאָט צו דערגרונטעווען זיך פאַלט ער אַף די מאָנאָפּאָליסטן, וואָס זענען די „חיה רעה אשר ברא השטן בערב שבת בין השמשות, אונד דיעזע חיה רעה זייגט אַרויס די מארך פון יעדען אַרבייטער", זידלט זיי און שרייט אויס: „מאָנאָפּאָליסטען! באַנדיטען! איהר קלאָגט אויף די סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען, ווייסט איהר אָבער דאָס איהרע טרערען זענען דעם אַרבייטערס שוויים און בלוט? ווייסט איהר דאָס אתם עתידים ליתן את הדין פיר אייערע עגאָיסטישע האַנ־דלונג?"

איבערהויפּט לאָזט ער כל חמתו אויס אויף דעם מיליאָנער דזשיי גולד און פרעגט: „פאָן וואנען איזט דער נויאָרקער דזשיי גולד גע־וואָרדען אַ 100 פאַכער מיליאָנער אָב ניכט פאָן געגזלטע געלד? דיע־זער לעבעדיגער בר־מנין וואָס זעהט ניט אויס גרעסער פאר א זנב הלטאה, האָט זעלבסט ערצעהלט פאָן וואנען זיינע עשירות קאָמט". זעליקאָוויטש זעצט פאָרט: „עס איזט צו־שפּעט וויר זאָלען הייטע פאָן דיעזעם תכשיט שפּרעכען, אונד וויר פערשפּרעכען איהם פאָרצושטע־לען אין דיא „וואָכענבלאַט" ביי איינער אַנדערן געלעגענהייט, ווי זאָ גולד האָט נעבאַך צוזאַמענגעקראַצט זיין הונדערט מיליאָניגע אפּותיקי, קאָן מען אין איין קליינען אַרטיקעל ניכט ערצעהלען. נור עס איזט גאָר קיין ספק בייא מיר, דאָס ווען גולד זאָל חס ושלום אַריינקאָמען אין גן עדן, וואָלט ער זיך באַלד אַריינגעגנבעט צווישן די צדיקים היושבים ועטרותיהם בראשיהם, ענד אי בעט איי דאָלאר טויענטי

פיוט, דאָס איז צירקאָ פון איין חודש וואָלטען אלע עטרות געלענגען פערפאונט".

אין דעם 7טן נומער באַרירט זעליקאָוויטש ווידער דאָס לעבן פון די ארבעטער. אין אַן ארטיקל „די ווייסע סקלאַווין" שילדערט ער דעם אָרימן, גרויען און עלנדן לעבן פון דער ארבעטער פרוי. דער ארטיקל איז ניט פארענדיקט, און ווי עס ווייזט זענען די ביידע ארטיקלען געשריבן געוואָרן מיט דער כונה צו באַווייזן די אַרבעטער, אַז דאָס „וואָכענבלאַט" קעמפט פאר זייערע אינטערעסן און נעמט זיך אָן זייערע קריוודעס אום צו געווינען זיי אלס לעזער.

די איבעריקע פובליציסטישע אַרטיקלען זענען וועגן באַראָן הירש און זיין פופציק מיליאָן נדבה פאַר די רוסישע יידן אַן ארטיקל „דאָס חנוכה ליכט" פון יעקב מאָריזאָן, און די פּאָר ארטיקלען אין דער ביי־לאַגע „דער וואַנדערער", וועלכע מיר וועלן דערמאָנען שפּעטער.

אויב די פובליציסטיק איז אין „וואָכענבלאַט" געווען מאָגער, קען מען זיך אָבער ניט באַקלאָגן אויף די ניים, וואָס זענען אין „וואָכענבלאַט" געגעבן געוואָרן מיט א פולער שפע. די אינלענדישע יידישע ניים האָט געטראָגן דעם נאָמען „שטאָדט נויאָרק" און האָבן שוין אנטהאַלטן פאסירונגען אין די פּראָווינץ־שטעט. ניים פון אויס־לאַנד האָבן זיך געדרוקט אין א באזונדער רובריק „וועלטליכעס" אָדער אלס טעלעגראַמעס. אייניקע מאָל זענען געווען געדרוקט קורצע קאָ־רעספּאָנדענציעס פון דער פּראָווינץ, אָבער זיי באהאנדלען קליינע אומווייכטיגע פאסירונגען, מעסטנס וועגן דער גרינדונג פון א תלמוד תורה, דאנק־בריוו צו חזנים, אָדער פּרעזידענט־וואַלן אין שול. אין פערטן נומער איז געדרוקט א קאָרעספּנדענץ פון אויסלאַנד; דאָס איז א בריוו פון קאַרלסבורג אין זיבענבירגן פון יאָזעף אלטמאַן, אין וועלכן ער באַשרייבט פראַנץ יאָזעפס רייזע איבערן לאַנד, דעם גרויס־אַרטיקן קבלת פּנים, וואָס ער באַקומט איבעראַל און זיין פריינטלעכע באַציאונג צו די יידן. דער שרייבער, וועלכער איז „אָבערלערער" גע־ווען אין קאַרלסבורג, ענדיקט זיין בריוו: „האָפּען וויר אָבער, דאָס דער גייסט דער ציוויליזאַציאָן אויך אין יענען פינסטערען לענדערן, דאָס ליכט דער טאָלעראַנץ שיינען לאסען ווירד, און דאָס קעניג קאַרל פאָן רומעניען זאָוואָהל אלס דער צאַר פאָן רוסלאַנד זיך פאָן אונזע־רעס מאָנאַרך איין ביישפּיעל נעהמען ווערדען. ובא לציון גואל וכי'ר". אויסער די אלגעמיינע און לאָקאַלע ניים האָט דאָס „וואָ־כענבלאַט" אויך איינגעפירט א מין „סאָסיעטע קאָלום" אונטערן טיטל „בעקאַנטע פערזאָנען".

## ד.

צו דעם אכטן נומער איז צוגעגעבן אַ ביילאַגע „דער יודישער אויסוואַנדערער". די ביילאַגע איז דערשינען נאָר צוויי מאָל און האָט פאַרנומען עפּעס מער פון אַ זייט „וואָכענבלאַט". דער באַזונדער נאָמען איז אָבער פון „ביזנעס"־שטאַנדפּונקט וויכטיק געווען פאַר די ארויסגעבער, ווייל אין יענעם יאָר האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־עמיגראַציע פון רוסלאַנד, און שרהזאָן האָט געוואָלט די נייע אָנגע־קומענע עמיגראַנטן וויזן, דאָס ער איז זייער פריינט און זאָרגט פאַר זייערע אינטערעסן און אַזוי זיי צוציען אַלס לעזער פון זיינע צייטונ־גען. די ביילאַגע האָט געזאָלט דערשיינען נאָך אין זעקסטן נומער, און אין אַ באַמערקונג צו דער הקדמה פון דער ביילאַגע ווערט גע־זאָגט: „די ביילאַגע „דער יידישער אויסוואַנדערער" ערשיינט צום ערשטען מאָל נעכסטע וואָכע". די „הקדמה" איז אַ פּעליעטאָן אין גראַמען, וואָס פון סטיל איז צו דערקענען דאָס זי איז געשריבן גע־וואָרן פון זעליקאָוויטש, ווערט פאַרענדיקט מיט אַ רוף צום לעזער צו אַבאָנירן זיך אויפן „וואָכענבלאַט".

„דיעזע ביילאַגע איז פאַר אייך אַלעס געשריבען
איהר אַלע עמיגראַנטען ווערדעט עס ליעבען.
דאָס איז די איינציגע ענטפער לעזער לעבען,
וואָס איך קען דיר אויגענבליקליך געבען.

ווילסטו דאָך וויסען ווענען דאָס קען דיענען:
לעז עס דורך ווערסטו אַ בעסער אַנטוואָרט געפינען.
אין אונזער ביילאַגע גיעבט אייך עטוואָס לשון־קודש,
און זי וועט ערשיינען צוויי מאָל אַ חודש."

און אין אַ ליד „דער אויסוואַנדערער", וואָס איז געדרוקט גלייך נאָך דער „הקדמה" און איז אויך איבערגעדרוקט אין ערשטן נומער פון דער ביילאַגע, דערמוטיקט זעליקאָוויטש די עמיגראַציע קיין אַמע־ריקע:

„וואַנדער מיט פרייד אין די נייע וועלט,
אין אַמעריקא מאַך דיין נייעס געצעלט; .
זיי נור אַרבייטזאַם אונד וויש אָב דיינע טרערען
עס איז נאָך ניכט פערלאָשען דיין מאָרגענשטערען".

אין זעקסטן נומער איז פאַרעפנטלעכט אַ קורצער אַרטיקל „די איינוואַנדערונג" — אַ סטאַטיסטישער באַריכט פון וואַשינגטאָן וועגן

דער צאָל עמיגראַנטן, וואָס זענען אין 1887 אַריינגעקומען אין אַמע־ריקע, „והיוצא לנו מזה, איזט דאָס די יודישע איינוואַנדערונג אָן אונד פיר זיך וואר אין דיעזעס יאָהר מיט 1261 פּערזאָנען גרעסער אַלס אים פאָריגען יאָהר״.

אין אַ צייט פון אַ מאַסן־עמיגראַציע וואָלט אַ בלאַט געווידמעט ספּעציעל די אינטערעסן פון די עמיגראַנטן זייער ווינטשנסווערט גע־ווען. אין דער ביילאַגע איז אָבער ווייניק־וואָס באַהאַנדלט געוואָרן די עמיגראַציע פּראַגע און די עמיגראַנטן איז ניט געוויזן געוואָרן קיין וועג ווי זיך איינצואָרדענען אין זייער נייער היים. איין איינציקער אַר־טיקל געפינט זיך, וואָס איז פאַר די עמיגראַנטן וויכטיק געווען—דאָס איז „עצות טובות פיר איין־אונד־אויסוואַנדערער״, וועלכער אַנטהאַלט אינפאָרמאַציע ווי צו פאָרן נאָך אַמעריקע, זיך אויסהיטן פון שווינד־לער און ווי צו פירן זיך ווען מען קומט שוין אין „גאָלדענעם לאַנד״ אַריין. דער אַרטיקל איז אָבער געדרוקט אין „וואָכענבלאַט״ און ניט אין דער ביילאַגע.

דער מאַטעריאַל, וואָס איז אין דער ביילאַגע אַריין, אין אַן אַר־טיקל „געשיכטע דער יודען אין קאַנאַדאַ״ פון אַלכסנדר האַרקאַווי, אין וועלכן ער גיט אַ קורצן איבערבליק זינט די יידן האָבן זיך באַ־זעצט אין קאַנאַדע ביז 1887. איבער דערזעלבער טעמע האָט האַר־קאַווי פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין גאָלדפאַדנס „יודישע אילוס־טרירטע צייטונג״.

דער הויפּט אַרטיקל אין „אויסוואַנדערער״ איז „איניגע וואָר־טער צום אויסוואַנדערער״, וואָס איז במקום פּראָגראַם־אַרטיקל. ער הויבט זיך אָן מיט די פערזן :

„פרייהייט אונד גלייכהייט״ איזט דעם מאַנעס וואָרט,
„פרנסה״, דעם פאַמיליענפאַטערס זאָרגען ;
דיעזע זוכענד, פערלאַסט ער פאַטעראָרט,
אונד וואָ ער זיא פינדעט איזט ער געבאָרען״.

און דער שרייבער הויבט אָן פילאָזאָפירן וועגן די אורזאַכן, וואָס „יעדער דער זיין פאַטערלאַנד, פאַמיליע און פריינדע פערלאָסט, זיין וואַנדערשטעקן אין האַנד נימט, זיין לעבען אין געפאַהר זעטצט, איבער לאַנד אונד מער רייזט אום פיר זיך אונד זיינע פאַמיליע איין נייעם פאַטערלאַנד צו זוכען״.

נאָכדעם ווי עס ווערן קלאַסיפיצירט די פאַרשיידענע עלעמענטן, וועלכע מוזן אויסוואַנדערן פון זייערע געבורטסלענדער, די גליכן,

וואָס מען געפינט אין אַמעריקע, וועלכע „ווירד מיט רעכט דאָס לאַנד דעס גאָלדעס אונד דער פרייהייט גענאַנט", פאַרענדיקט דער שרייבער:

„אָבער דיעזע פרייהייט מוס ניכט אין חוצפה אויסמאַכטען, דיעזע גלייכהייט מוס ניכט אין וועלט־אָרדנונג־צערשטערונג אויסגע־לאַסען ווערדען; דיעזעס „לעבען מאַכען" זאָל אונד דאַרף אין קיינע „מאַכערייא" ליעגען, — קורץ, דאָס געזעטץ, די קאָנסטיטוציאָן אונד אָרדנונג דעס לאַנדעס מוס איין יעדער איהם אויגע האָבען דער היער געליעבט, געאַכטעט אונד פרייא זיין וויל".

אַ וואונק וועגן די סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן, וואָס זענען אין יענער צייט געקומען הערשן אין דער יידישער גאַס און אויף די אַר־בעטער אַ שטאַרקן איינפלוס געהאַט, האָבן אַגיטירט פאַר סטרייקס, וואָס אין דעם אָנהויב פון דעם אַרבעטער־און־קאַפּיטאַליסט־קאַמף זענען זייער אָפט פאָרגעקומען.

די רעדאַקציע האָט פאַרזיכערט, דאָס אין „אויסוואַנדרער" „ווערדען די לעזער אימער אינטערעסאַנטע סקיצען, בעלעהרענדע אויפזעטצע אונד אונטערהאַלטענדע בעמערקונגען איבער אַמעריקאַ אונד די אַמעריקאַנער פינדען", וואָס זי האָט קיינמאָל ניט מקיים געווען. אין ערשטן נומער איז אָפּגעדרוקט אַ בילד פון דעם ברוקלין בריק, וואָס איז אין יענער צייט געבויט געוואָרן, מיט דער באַמערקונג: „איינע באַשרייבונג איבער דער איסט ריווער בריקע אין נעכסטער נומער דעס „יידישן אויסוואַנדרער". די באַשרייבונג איז ניט „געקומען" און דער „נעכסטער נומער" איז דערשינען מיט אַ חודש שפּעטער און אין אים געפינט זיך נאָר איין אַרטיקל, אַ בריוו פון „קעסטל גאַרדן". דער נומער איז אויך געווען דער לעצטער פון דער ביילאַגע. מער האָט דאָס „וואָכענבלאַט" זיך ניט „געבאַדערט" מיט די עמיגראַנטן, און, ווי עס ווייזט אויס, האָט שרהזאָן די „עמיגראַציע ענינים" אַריבערגעטראָגן אין זיין הויפּט־פּעסטונג — דעם „טאַגע־בלאַט", וואָס אַ דאַנק דער עמיגראַציע איז ער אין אָנהויב פון 1887 באַנייט געוואָרן און גענומען ווערן די „כל ישראל ציטונג".

## ה.

די עמיגראַציע האָט געבראַכט אַ סך תלמידי חכמים, משכילים און העברעישע שרייבער, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן נאָר אויף דער העברעישער פּרעסע. עס האָט זיך גענומען פילן אַ פאָדערונג אַרויסצוגעבן דאָ אַ העברעיש בלאַט. איינער פון די משכילים שלום

יוסף זילבערשטיין האָט גענומען מאַכן הכנות אַרויסצוגעבן אַ העב־רעיש וואָכנבלאַט אונטערן נאָמען „היהודי״. די פאַמיליע שרהזאָן האָט די דאָזיקע שטימונג אויסגענוצט צו באַקומען לעזער און אין „וואָכנבלאַט״ אָפּגעזונדערט אַ ווינקל פאַר העברעישע אַרטיקלען און מיט דעם צוציען די לעזער צו זייער בלעטער בכלל. וואָלטן זיי די דאָזיקע אָפּטיילונג פאַרפאַלקאָמט, וואָלטן די לעזער, וועלכע האָבן גע־לעכצט נאָך אַ העברעיש וואָרט, זיי זיכער דאַנקבאַר געווען. אין אַמעריקע האָבן דעמאָלט זיך שוין געפונען עטלעכע באַגאַבטע העב־רעישע שרייבער און זיי וואָלטן די אָפּטיילונג געמאַכט אינטערעסאַנט און אינהאַלטסרייך. די פאַמיליע שרהזאָן האָט אָבער ניט געוואָלט אַריינטרייבן זיך אין אַן איבעריקער הוצאה פון קויפן העברעישע אַר־טיקלען, בשעת זיי האָבן די דאָזיקע סחורה געקענט באַקומען אומזיסט — איבערדרוקן פון „המליץ״ און „הצפירה״, און האָבן געטאָן אַזוי. די העברעישע אָפּטיילונג פון „וואָכענבלאַט״ איז פול מיט איבערגע־דרוקטע אַרטיקלען, מערסטנס הנ״ץ׳ס פעליעטאָנען. די אָריגינעלע אַרטיקלען, וואָס זענען געדרוקט אין „וואָכענבלאַט״ פון אַמעריקאַנער שרייבער, זענען אומבאַדייטנד און נישטיק. דאָס זענען אַפּאָריזמען פון איינעם יוליוס בלומענזאָן, אַ „מאמר״ פון אַ חזן אברהם צבי כ״ץ, וואָס משפט זיך מיט דער קאַלוועריער שול פאַר באַוועלן אים און ניט וועלן אים באַצאָלן זיינע שכירות. דאַנק־בריוו צו חזנים און רעדנער, וואָס זענען געווייס געדרוקט אַלס אַ באַצאָלטע מודעה. צווישן די דאַנק־בריוו איז אויך אַ שטיקל „פּובליסיטי״ צו זעליקאָ־וויטשן, אין וועלכן מען רימט אים אַלס דעם גרעסטן למדן, קענער, שרייבער און רעדנער. דער איינציקער אַרטיקל, וואָס האָט אַ שטיקל ווערט, איז „אלה תולדות אַמעריקע״ פון יוסף מוזיקאַנסקי, אין וועלכן דער שרייבער קריטיקירט די אומאחדות פון די יידן אין אַמעריקע, זייער צושפּליטערונג אין פאַרשיידענע געמיינדעס, אַזוי דאָס איינע האַסט די צווייטע און איין ייד קען דעם צווייטן ניט פאַרטראָגן.

אַ צווייטער אַרטיקל מיט אַ שטיקל אינטערעס איז זעליקאָווי־טשעס „בצאתי ובבואי״, וואָס איז געדרוקט אין דעם פינפטן נומער. דאָס איז אַ בריוו צו זיין „פריינט דער געשעצטער פּאָעט״, וואָס ווי עס ווייזט אויס איז דאָס יהודה ליב גאָרדאָן, מיט וועמען זעליקאָ־וויטש האָט דאַמאָלסט געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ. דער בריוו איז אַן ענטפער אויף דעם דיכטערס ביטע אים צו שילדערן דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע, אָבער אַנשטאָט איינדרוקן קומט פילאָזאָפישע מליצה וועגן דעם שטורם, וואָס האָט בשעת זיין רייזע אויסגעבראָכן אויפן

ים, און דעם טייטש פון פילאַדעלפיע, וואָס מיינט אין גריכיש ברו־דער־ליבע. ווי ער קומט אָבער צום עיקר דערציילן ווי אַזוי די יידן לעבן אין פילאַדעלפיע, פּטרט ער אָפּ מיט שה׳י־פה׳י, שיקט אָפּ צו לייענען זיינע אַרטיקלען „דאָ און דאָרט און איבעראַל", וואָס דרוקן זיך אין „וואָכענבלאַט".

ווי עס ווייזט אויס זענען די לעזער ניט איבעריק באַגייסטערט געווען פון דער העברעישער אָפּטיילונג און אויסגעדריקט שרהזאָנען זייער אומצופרידנהייט. שרהזאָן האָט דעריבער באַשלאָסן די העב־רעישע אָפּטיילונג אָפּשאַפן. אין אַכטן נומער געפינט זיך די פאָלגנ־דיקע דערקלערונג אין העברעיש:

„צו די לעזער פון „וואָכענבלאַט", וואָס פאַרשטייען העברעיש".

„עס איז געווען אונדזער ווילן און וואונטש צו צוגעבן צום „וואָכענבלאַט" אַ באַזונדער העברעישע ביילאַגע, אָבער מיר זענען איבערצייגט געוואָרן דאָס העברעישע לעזער געפינען זיך אין אַמע־ריקע זייער ווייניק, און די בעסטע איילן זיך אויך ניט צו אָבאָנירן זיך אויף דעם „וואָכענבלאַט" צוליב די העברעישע ביילאַגע, און אונ־דזער מי וועט זיין אַרויסגעוואָרפן; דעריבער האָבן מיר זיך באַדיינקט און באַשלאָסן אויפהערן דרוקן העברעישע אַרטיקלען אין „וואָכענ־בלאַט". אָבער צוליב די איניקע, וואָס זייער האַרץ טוט באמת לעכצן נאָך אַ העברעיש בלאַט, וועלן מיר זיי צוליב טאָן און אָפּרעדן מיט איינעם פון די אַרויסגעבער פון אַ העברעיש בלאַט אין איראָפּע ער זאָל פאַר די אַבאָנענטן פון „טאַגעבלאַט" אַרונטערלאָזן די „סובסקריבשאָן" אויף האַלב, און מיר וועלן ביי אים נעמען אַ צאָל נומערן פאַר די אַבאָנענטן פון „טאַגעבלאַט" אָדער די „גאַזעטן" און וועלן דעם העברעישן בלאַט צושיקן צוזאַמען מיט דעם „וואָכענ־בלאַט" פאַר העלפט פרייז. די אַלע וואָס ווילן באַקומען אַ העב־רעישן בלאַט, וואָס דערשיינט אין איראָפּע, פאַר העלפט פרייז, זאָלן אונדז גלייך לאָזן וויסן און מיר וועלן זיין וואונטש ערפילן פון אָנ־פאַנג יאָר 1888 און וויטער".

ו.

אָרים און מאָגער זענען אויך געווען די נאָטיצן וועגן טעאַטער. אין ערשטן נומער איז געדרוקט אַ האַלבער קאָלום „טעאַטער באַריכט", טרוקענע ידיעות אָן שום קריטישע באַמערקונגען. אין צווייטן נומער געפינט זיך אַ לענגערער אַרטיקל מיטן נאָמען „שוסטער בלייב ביי

דיינען לייסטען". אין דעם דאָזיקן אַרטיקל נעמט זיך „איין אונפּאַר־טייאישער טעאַטער בעזוכער" אָן די קריווּדע פון פּרוי ליפּצין, וואָס איז שאַרף קריטיקירט געוואָרן אין דער „ניויאָרקער יודישע פאָלקס צייטונג". עס איז כדאַי צו ברייננען אַן אויסצוג פון דעם דאָזיקן אַרטיקל צו זען, ווי „טעאַטער פּאַטריאָטן" פלעגן אין די אַמאָליקע יאָרן זיך אויסטענהן:

„די פרעכהייט אונד אונפערשעמטהייט מאנכער זאָגענאַנטען „פּובליציסטען" אין דיעזעס „פּרייעם" לאַנדע, קענט קיינע גרעניצען. עס איזט שאָן טרויעריג גענוג, דאָס אָן דער אונזערעס אַמעריקאַני־יידיש־דייטשען ליטעראַטור, אין דער לעצטען צייט, געווּיסלאָזע אונד וואַגאַבענדירענדע לייטע, זאָגענאַנטע „וועלט אומשטירצער" זיך גע־שטעלט האָבען, דיא מיט איין הייזעריגער טראָמפּעטע דעם גאַנצען וועלט מאָרד אונד פערדערבען צורופן, אָבער נאָך טרויעריגער איזט עס, ווען דיעזע לייטע, דיא ניכטס געלערענט האָבען, אויף דעסען ליפּען דאָס מילך פאָן איהרער מוטערברוסט נאָך ניכט אויסגעטראָק־נעט איזט, לייטע, דענען דיא אונבעדייטענדסטען עלעמענטאַר וויסענ־שאַפּטען פרעמד זינד, זיך ערפרעכען איבער דינגע צו אורטהיילען, דיא איהנען, וויא די חינעזישע שפּראַכע פאָלקאָמען פרעמד זינד. וויר העטען אונז גלייכגילטיג געפאַלען לאַסען, ווען יענע מאָדערנע „פּובליציסטיק" בייא איהרעס געקרידעל איבער פּרייהייט דורך דינאַ־מיט איבער קאַפּיטאַל־פּערוואַלטונג דורך מאָרד געבליבען, איבער דיע־זען פּונקט קאָן איהנען דער פאָליסמענקלאָבהינרייכענד אויפקלערונג געבען, ווי דאָס שאָן אונלענגסט אם יוניאָן סקווער געשעהען איזט, אָבער דאָ דיא לייטע זיך נאָך ערפרעכען אין דער וויסענשאַפּט איינ־צודרינגען אונד איבער געגענשטענדע צו אורטהיילען, די איהרעס עזעלסהירנע ניכט געוואַקסען זינד, זינד וויר פערפּליכטעט איהנען צו צורופען: „שוסטער, בלייב בייא דיינען לייסטען!".

אין זיבעטן נומער איז דאָ אַ נאָטיץ וועגן דער אויפפירונג פון „יוסף אונד זיינע ברידער" אין אָריענטאַל טעאַטער"; אין עלפטן נו־מער צוויי קורצע נאָטיצן וועגן „די וואָרזאָגערין", וואָס איז אויפגע־פירט געוואָרן אין „רומעניען אָפּערא הויז" און „המן און אסתר" אין אָריענטאַל טעאַטער". די נאָטיצן זענען פשוטע רעקלאַמעס און זענען געווים געשריבן געוואָרן פון די טעאַטער־באַלעבאַטים. וועגן יידישן טעאַטער אין פילאַדעלפיע באַריכט זעליקאָוויטש אין זיין פע־ליעטאָן „דאָ און דאָרט און איבעראַל" (נומ. 8), אין וועלכן ער רימט די אויפפירונג פון „די קאַפּריזנע טאָכטער" און באַשיט מיט קאָמפּלי־

מענטן די אַקטיאָרן אבראַמאָוויטש, פרידמאַן און סימאָנאָוו און די אַקטריסעס האַלדער, אבראַמאָוויטש און גרינבערג. „ואחרון אחרון חביב — הער וואכטעל. ער שפּיעלט זיין שווערע ראָלע פון חאזקעל דעם משרת וויא איין קאָמעדיאַנט פאָן קאָמעדיעלאַנד. אי בעט, ער וואָלט קענען מאַכען לאַכענדיג דעם מלאך דומה אליין".

## ז.

ווי עס ווייזט אויס האָט שרהזאָן, טראָץ זיין באַרימעריי און שרייענדיקע רעקלאַמעס, קיין גרויסע גליקן אין „וואָכענבלאַט" ניט געמאַכט. די לעצטע וואָכן פון זיין דערשיינונג האָט דאָס בלאַט גע־נומען איינשרומפּן. פון 12 זייטן איז געוואָרן אכט. די לעצטע פיר נומערן האָבן זיך געדרוקט אויף קאָלירטע פּאַפּיר, יעדער נומער אַן אַנדער פאַרב. זיי האָבן דאָס זיכער געטאָן צוליב רעקלאַמע, אָבער די פּאַפּיר איז געווען ביליקע פּאַק־פּאַפּיר. אפילו די ווייסע פּאַפּיר פון „וואָכענבלאַט" איז זייער אַ שלעכטע געווען. בכלל האָט די פאַמי־ליע שרהזאָן זיך קיינמאָל ניט גערעכנט מיט דער אויסערלעכער אויס־שטאַטונג פון זייערע בלעטער. בעת דער אָרימער גאָלדפאַדן האָט מיט אַלע מעגלעכקייטן געזען, דאָס די אויסערלעכקייט פון זיין בלאַט זאָל אויסזען שיין, און זיין „יידישע אילוסטרירטע צייטונג" איז געדרוקט אויף שיינע פּאַפּיר און מיט ליכטיקע אותיות, האָט דער „וואָכענ־בלאַט" פון דעם רייכן שרהזאָן אויסגעקוקט ווי אַ פּאַרזעעניש . . .

און עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס דאָס בלאַט האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען. מיט דעם 16טן נומער האָט עס, דעם 15טן יאַנואַר 1888, אויפגעהערט דערשיינען.

די שולד פון דעם „וואָכענבלאַט"ס אונטערגיין וואַרפט שרהזאָן אַרויף אויף דער „פּאָלקסצייטונג" אַ סאָציאַליסטישער וואָכנבלאַט, וואָס איז דאַמאָלסט דערשיינען אין ניו יאָרק. אין דער יובילײ־ אויס־גאַבע פון „גאַזעטן", אַפּריל 20, 1894, שרייבט ער: „דאָס „וואָכענ־בלאַט" האָט געמוזט איינגעהן דורך פערפאָלגונגען און אינטריגעס פון דער 2טער „יודישער פּאָלקס צייטונג", וואָס איז דאַמאָלסט זעהר מעכטיג געוועזען. דאָס „וואָכענבלאַט" מיט די מטלטלין זיינען אי־בערגעגאַנגען צו די יודישע גאַזעטען".

ניט האָבנדיק די „פּאָלקס צייטונג" פאַר זיך, ווייס איך ניט וואָס די „פּאַרפאָלגונגען און אינטריגעס" זענען געווען. די סאָציאַליסטישע „פּאָלקס צייטונג" פלעגט געוויס אָנפאַלן אויף שרהזאָנען און אַטאַקירן

זיינע בלעטער. אָבער ניט דוקא דעם „וואָכענבלאַט" אַליין. ווען די „פאָלקס צייטונג" וואָלט פאַרפאָלגט נאָר דעם „וואָכענבלאַט" אַליין, וואָלט מען איר זיכער אָפּגעענטפערט מיט געגן־אַטאַקעס. די „פאָלקס־צייטונג" איז טאַקע אין דעם צווייטן נומער פון „וואָכענבלאַט" שטאַרק אָנגעגריפן געוואָרן אין דעם פריער דערמאָנטן אַרטיקל „שוס־טער, בלייב ביי דיינע לייסטענס".

אַט־די התנצלות שרהזאָנס איז אַ באַווייז אַז דאָס „וואָ־כענבלאַט" איז אונטערגעגאַנגען ניט צוליב „פאַרפאָלגונגען און אינ־טריגעס", נאָר פשוט ווייל דער לייען מאַטעריאַל האָט דעם לייענער ניט צופרידנגעשטעלט. זיי איז זיכער ניט אָנגעשטאַנען, דאָס זייערס אַ בלאַט האָט ניט געהאַט קיין אריכות ימים און זיך געפּרובט אָפּ־שאָקלען פון אים, ווי ער וואָלט גאָר פון אַנדערע אַרויסגעגעבן גע־וואָרן; ווען ניט — וואָס באַטייט „דאָס וואָכענבלאַט מיט די מטלטלין זיינען איבערגעגאַנגען צו די יודישע גאַזעטען"? אויף יעדען נומער איז דאָך אָנגעגעבן „שרהזאָן און זין, אַרויסגעבער". דאָס איז אפשר אויך די אורזאַכע, וואָס אין יובילעי־אַרטיקל גיבן זיי אָן אַז דאָס בלאַט איז געגרינדעט געוואָרן אין 1885, ווענדיק מאַכן דעם איינ־דרוק, דאָס עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען מיט אַ יאָר פריער איי־דער די „פאָלקס־צייטונג", וואָס לויט נאָך זייערע רייד איז זי שולדיק אין דעם אונטערגאַנג פון „וואָכענבלאַט" *).

*) עס וועט ניט זיין זיין איבעריק איבערצוגעבן וואָס די אַרויסגעבער פון „טאָגעבלאַט" שרייבן וועגן דער „פאָלקס־צייטונג":

„די אידישע פאָלקס־צייטונג געבאָרן אין יוני 1886; מיט סאָציאַליס־טישער גרונדלאַגע, רעדאַקטערע ה' מאָזעס מינץ און דר. בראַסלאַווסקי. אַזוי לאַנג ווי זי האָט זיך געהאַלטען עהרליך אָן איהר טענדענץ און האָט די „יודישע גאַזעטען" נור ביסלאַכווייז געשימפּט, האָט זי צימליך שעהן אויס־געמאַכט און פיעל אַנהענגער געפונען. קוים אָבער האָט זי אָנגעפאַנגען צו פיהרען איין גרויסען קאַמף געגן די „גאַזטען" און האָט זיך שטאָלץ אַרויסגעשטעלט אין אַ בילד אַלס גרויסער עלפאַנט, וואָס וועט איבערלעבן דאָס קליינע הינטעלע „די גאַזעטען", האָט זי זיך גלייך דערוואָרגען ווי אַ הונד מיט אַ ביין און אין אַ קורצע צייט זיינען איהרע 8 זייטען אַדווער־טייזמענטס צוזאַמען געשרוהמפּט געוואָרען. די פּובלישערס האָבען זיך צו־הרגעט און די „פאָלקס־צייטונג" איז אונטערגעגאַנגען".

## אליהו שולמאַן

# די „וואַרהייט״

## — ערשטע געזעלשאַפטלעכע יידישע צייטונג אין אַמעריקע.

מיין חבר דר. עזריאל נאקס געווידמעט.

אין דעם קאמף צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די אַנאַר־כיסטן האָט די פּרעסע געשפּילט א וויכטיקע ראָלע. נאָך איידער די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן געהאַט זייער אייגענע פּרעסע, האָבן זיי זיך באַנוצט מיט דער „ניו יאָרקער יידישער פאָלקס צייטונג״, (א ריין פּריוואַטע אונטערנעמונג). די אַנאַרכיסטן האָבן ניט געהאַט קיין אייגענע צייטשריפט. מיט גרויסע קרבנות איז זיי אָבער געלונ־גען צו שאַפן אַן אייגענע פּרעסע־פּלאַטפאָרמע — דאָס איז געווען די „וואַרהייט״, די ערשטע געזעלשאַפטלעכע יידישע ארבעטער צייטונג. די דאָזיקע צייטונג איז מאַטעריעל ניט געווען באַזאָרגט. לויט איר כאַראַקטער האָט זי ניט געקענט אַפּעלירן צו די יידישע לייענער פון יענער צייט. די אַרטיקלען זיינען דאָרטן געשריבן געוואָרן צו־לאַנג און דערצו אין א שווערער דייטשמערישער שפּראַך. די ארבעטער לייענער האָט די צייטונג ניט דערגרייכט. עס זיינען דעמאָלט ניט געווען נגנוג אינטעליגענטן, וואָס זאָלן אַזאַ צייטונג קענען אויס־האַלטן; עס האָבן ניט געהאָלפן די געלט זאַמלונגען און די טע־אַטער פאָרשטעלונגען לטובת דעם אָרגאַן — נאָך אַן עקזיסטענץ פון פינף חדשים איז די „וואַרהייט״ אונטערגעגאַנגען.

די ארויסגעבער האָבן געוואָלט געבן דער צייטונג א כאַראַקטער פון א ניט פּאַרטייאישן רעוואָלוציאָנערן אָרגאַן. פאַרן רעדאַקטאָר האָט מען איינגעלאַדן מ. ווינטשעווסקין. ער האָט זיך אָבער אַנטזאָגט צו קומען. דאַן האָט מען באַשטימט פאַרן רעדאַקטאָר י. יאַפּפּאַ, וואָס האָט פאַרטראָטן דעם אַנאַרכיזם אין לאָנדאָנער „ארבעטער פריינד״. די ארויסגעבער זיינען ניט געווען צופרידן מיט דעם אופן ווי יאַפּפּאַ האָט רעדאַקטירט די צייטונג, און זיי האָבן אויסגעקלבן א רעדאַק־ציע־קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון מ. קאַטץ, ה. זאָלאָטאַראָוו, ר. לואיס און י. א. מעריסאָן.

דער טיראַזש פון דער צייטונג איז געווען 2500 [1])

דער ערשטער נומער פון דער „ווארהייט" איז דערשינען דעם 15טן פעברואר 1889. דער נומער הויבט זיך אָן מיט א ליד פון ד. עדלשטאט „צום רוף דער „ווארהייט" און מיט אן אויפרוף צו די יידישע ארבעטער פון די ארויסגעבער. „די פיאָנערן דער פריי־הייט"; אינהאלט פון אויפרוף: דער ארבעטער איז אומעטום פאַר־שקלאַפט. די יידן ווערן פאַרפאָלגט און געמאָרדעט. די, וואָס זיינען געפלויגן קיין אמעריקע צו געפינען דאָרטן רו, האָבן גלייך אין „קעסטל גארדן" דערפילט, אז אויף זיי קומט אָן א נייע שקלאַפעריי. די מאסן ווערן עקספּלאָטירט, כדי עטלעכע מענטשן זאָלן לעבן אין רייכטום און לוקסוס. „זי (די געשיכטע) לערנט, אז די הערשער און טיראַנען מיט אַלע רעגירונגס פאָרמען האָבן קיין אנדערן צוועק ווי צו אונטערדריקן, שמידן אין געזעצ קייטן די גרעסטע טייל פון דער מענטשהייט אום דאדורך צו האלטן דאָס פאָלק אין אונטערטעניקייט און שקלאַפעריי" . . . די קאַפּיטאַליסטן . . . האָבן נאָר איין ציל, אויסצוזויגן דאָס בלוט פון די אָדערן, מאָרדן און בארויבן די גרעס־טע טייל פון דער מענטשהייט . . . אום צוזאמען מיט פּאַפּן און הערשער . . . צו לעבן אין רייכטום . . . ווייל . . . די ארבעטער מאסע שמאַכטעט און ליידט אונטער דעם שקלאַפן יאָך . . . די גע־שיכטע לערנט אז דער ציל פון דער הערשנדער קלאסע אין אַלע פאָר־מען . . . איז צו בארויבן די ארבעטער קלאַסע . . . מיר אַלע יידישע ארבעטער, אַלס אויסגערויבטע און בארויבטע, דאַרפן זיך פארבינדן מיט אַלע ארבעטער פון דער גאנצער וועלט, מיט דעם פּראָ־לעטאריאט פון אַלע לענדער . . . די „ווארהייט" וועט קעמפן אזוי לאַנג ביז שקלאַפעריי וועט פאַרניכטעט ווערן . . . א קאַמף געגן פּאַפּן, רבנים, קאַמף געגן שווינדלעריי, געזעצ און קייטן, קאַמף געגן אויסבייטער און רויבער, קעמפן אום צו זיגן" [2]).

הגם די „ווארהייט" איז געווען א וועכנטלעכע אויסגאבע, האָט זי אָבער אָפּגעגעבן פיל פּלאַץ פאַר נייס. גאַנצע שפּאַלטן זיינען אָפּ־געגעבן געוואָרן צו מעלדן וועגן פארזאמלונגען פון פּראָפעסיאָנעלע פאריינען, פון ארבעטער־קלובן און פון דער אנארכיסטישער באַוועג־גונג. מען האָט אויך געדרוקט נייס וועגן אַלגעמיינעם לעבן. די

---

1) בורגין: „די געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער באַוועגונג" זייטן 161—159.

2) אָרטאָגראַפיע מאָדערניזירט.

ניים פלעגט באַגלייט ווערן מיט קאָמענטאַרן. מיר ווען דאָ ברענגען עטלעכע מוסטערן: „אין ברוקלין האָט פּאַריקן זונטיק אַפּגעברענט א קריסטלעכער בית המדרש. דער שאָדן וואר אויף צען טויזנט דאָ־לער — מער ניט? אזעלכע ניים אביסל אָפּטער וואָלט גאָרניט גע־שאַדט"; „אין דובלין (אירלאַנד) האָט געטראָפן א פּאַל, וועלכער שטימט זייער גוט מיט דער גמרא. ווערנד דער לענדלאָרד בריג איז געפאָרן מיט זיין טאָכטער אין קירכע, האָט איין אונבעקאַנטער אויף זיי אויסגעשאָסן און האָט די טאָכטער אראָפּגעשאָסן די נאָז און דעם פאָטער לייכט פערוואונדעט. שליחי מצוה אינן ניזיקין (ווען מען שיקט טאָן א מצוה, דער האָט קיין שאָדן ניט) זאָגט די גמרא". און ווייטער: „אין דייטשלאַנד האָבן אין 1871 צוויי מיליאָן, פינף הונ־דערט טויזנט עמיגראַנטן פארלאָזן זייער היימאַט. צוויי מיליאָן פון זיי זיינען געקומען נאָך אמעריקע. — א גרויסער טייל איטאַליענער פארלאָזן אַלע וואָך זייער היימאַט און גייען נאָך בראַזיליען. די אַר־בעטער לויפן פון אַלטן הונגער זוכן נייען ביז זיי וועלן ענדלעך פאַר־שטיין, אז ניט אין לויפן ליגט זייער רעטונג זאָנדערן, אז זיי וועלן מאַכן לויפן זייערע בלוט זויגער פון זייער היימאַט". (נומער 5); „אין ניו יאָרק גיבט עס 5300 פּוילענצער וועלכע רופן זיך אדוואָ־קאַטן. עס איז קיין וואונדער ניט וואָס עס גיבט אזויפיל פערברעכן" (נומער 6); „די שריפות זיינען יעצט אין ניו יאָרק אזוי אריין אין דער מאָדע דאָס עס פארגייט ניט איין טאָג וואָס עס זאָל ניט טרעפן צוויי, דריי. און עס לויפט ניט אָפּ נאָר מיטן מאַטעריעלן שאָדן אליין, עס קומען אויך אום מענטשן. עס איז זיך אָבער אין אונזער געליבטן לאַנד ניט צו וואונדערן דעריבער — יעדער מאַכט ביזנעס ווי ער וויל".

אין א רעדאַקציאָנעלער נאָטיץ וועגן אויסלענדישע אָנגעלעגנ־הייטן ווערט דאָרטן אזוי גערעדט: „ווען וועלע תכשיטל, דער דייטשער טראָן הונט נומער צוויי, האָט שוין א דאַנק זיין ליבן נאָמען בעקומען די גרעסטע ווייזשעם (שכירות). די פאַרלאַנגטע סומע פון דריי און ½ מיליאָן מאַרק אום צו פאַרגרעסערן זיין איבערפליסיקן לעבן האָבן די דייטשע שטום אייזלען באַוויליקט, און חוץ א פּאָר ליבע־ראַלע דייטשן, וועלכע האָבן געמאַכט קולאַקעס אין די קעשענעס... האָט זיך קיינער ניט געוואגט צו עפענען א מויל אויף פּראָטעסט נעגן דעם געקרוינטן רויבער".

כדי צו פּאָפּולאַריזירן די אידייען פון אַנאַרכיזם, האָט זיך אין

דער „וואַרהייט" געדרוקט אַ „פּאָלקס ווערטערבוך" פון פּ. א. פראַנק 3) מיר גיבן דאָ עטלעכע מוסטערן:

אבסאָלוטיזם: אין גאַנצן אונבעגרענעצט, פּאָלקאָם. די רוסישע רעגירונג איז איין אַבסאָלוטע, דען דער צאַר איז „סאַמאָדערזשאַווען", דער פּאָליטיקער וואָס ווינשט אזא רעגירונג הייסט „אבסאָלוטיסט, אזא רעגירונג איז „אבסאָלוט". אזא רעגירונג איז „אבסאָלוט" פערדאָרבן, דען אַז דאָס לעבן און טויט פון אַ גאַנץ פאָלק אַבהענגען פון איין „פּראָכוואָסט" איז דער גרעסטער —

אבסורד, אַ פּלוידער, אַ טשעפּוכא. צ. ב. ש. די מיינונג פון אַנדערע אַרבעטער, אַז אַן באָסעס וועט זיך די וועלט ניט קענען פירן, איז דער גרעסטער „אבסורד". די אידייע, אַז געוויסע מענטשן זיינען געבאָרן געוואָרן צו זיין קנעכט. דאָס גלויבן אין גאָט איז אַן „אבסורד" דען קיינער קאָן ניט בעווייזן אַז ער איז דאָ (אַז ער איז ניטאָ וועלן מיר שפּעטער באַווייזן אין אות „גאָט"). נור „אבסורדנע" מוחות גלויבן אַז ער איז איין —

אבסטראַקט: אָפּגעצויגן, וואָס מען קאָן ניט פילן מיט די חושים, רוחני. מיר שטעלן זיך פאָר אבסטראַקטנע די קינפּטיקע געזעלשאַפט און מיר ווערן בעגייסטערט פון די וואַרע גלייכהייט, וואָס מיר וועלן דאָן געניסן. אבסטראַקטנע פּאַרשטייען מיר אַז איין געזעלשאַפט דאַרף קיינע הערשער און דארום מאַכן מיר —

אַגיטאַציאָן — און ווייטער קומען אַזוינע ווערטער ווי אַדמיניסטראַציאָן, אידעאָלאָגיע, אויטאָריטעט, אויטאָנאָמיע, אַטעאיזם, אינדיווידיאום א. א. וו. די אויסטייטשונגען ווערן געגעבן אין דעם זעלבן נוסח.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט די ערנסטע אַרטיקלען, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין דער „וואַרהייט". מיר וועלן זיך איצט אָפּשטעלן אויף עטלעכע, כדי צו באַקומען אַ בילד פון דער צייטונג.

פ. א. פראַנק האָט געשריבן וועגן „די רעטעניסע פון לעבן". ער האָט אַרומגערעדט אַלע מיסטעריעס אין דער וועלט און האָט באַוויזן, אַז מען דאַרף זוכן די לייזונג פון אַלע פראַגעס ניט אין דער גאָטהייט — נאָר דורך דער וויסנשאַפט. דערזעלבער האָט אויך געשריבן וועגן נאַטורוויסנשאַפט.

ה. זאָלאָטאַראָוו האָט געשריבן אַרטיקלען וועגן אַמעריקע און איר געשיכטע, איבער מאָנאָפּאָל און מאָנאָפּאָליזם. דערזעלבער האָט

3) „פריי און פראַנק" — י. א. מעריסאָן.

אויך פיל געשריבן וועגן דעם אכט שעה'דיקן אַרבעטסטאָג. ער האָט געהאַלטן, אַז מיטן פאַרקירצטן אַרבעטסטאָג וועלן די אַרבעטער ניט געהאָלפן ווערן. מען קאָן דורכן געזעץ און די לעגיסלאַטיווע אַנשטאַלטן גאָרנישט אויסקעמפן. אַט האָבן די אַרבעטער שוין יאָ אויסגעקעמפט אין געוויסע לענדער אַ קורצן אַרבעטסטאָג, אָבער ווי ווערט דער געזעץ דורכגעפירט? עס איז קלאָר, אַז עס בלייבט נאָר צו קעמפן, דערציילן די אַרבעטער דעם אמת וועגן זייער לאַגע און ווייזן זיי אין וואָס עס ליגט זייער רעטונג. מען דאַרף צוגרייטן די מאַסן צום קאַמף פאַר פרייהייט, גלייכהייט און ברודער ליבע. מען דאַרף אַרבעטן פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

אונטערן פסעוודאָנים עבד בן עבד האָט איינער פאַרעפנטלעכט עטלעכע אַרטיקלען וועגן „דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג און די יעצטיקע ציוויליזאַציע". די ציוויליזאַציע האָט געמאַכט ריזיקע פאָרשריטע לגבי דער פאַרגאַנגנהייט. די וויסנשאַפט האָט פּראָגרעסירט. אָבער איז זי פריי? צו וועמען געהערט זי? די ליטעראַטור איז גרויס אָבער וועמען דינט זי? אַלץ דאַרף געהערן און דינען דעם פּראָלעטאַריאַט.

אין אַן אַרטיקל „די סאָציאַלע לאַגע" שרייבט י. יאַפּפּאַ וועגן דעם, ווי דאָס פאָלק איז שטענדיק געווען אונטערדריקט פון די הערשער, די אונטערדריקונג האָט אָבער געווירקט אויף די מאַסן. זי האָט ביי זיי אַנטוויקלט דעם גייסט פון זעלבסטבאַוואוסטזיין. די אונטערדריקונג האָט די מאַסן צוגעגרייט צום קאַמף. די קאַפּיטאַליסטן האָבן אויסגענוצט די רעליגיע, כדי אָנצוהאַלטן זייער הערשאַפט. איצט איז די רעליגיע אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אָבער איר פּלאַץ פאַרנעמט די פּאָליטיק. מען פאַרדרייט די אַרבעטער אַ קאָפּ מיט „פּאַטערלאַנד ליבע"; „פּאַטערלאַנד איז אין געפאַר". אָבער די אַרבעטער פאַרשטייען דעם שווינדל. זיי וועלן זיך ניט לאָזן פאַרדרייען די קעפּ. און יאַפּפּאַ שרייבט ווייטער אַזוי: „יעצט זיינען אַלע רעגירונגען צוטומלט. דאָס זיי ווייסן שוין גאָרניט וועלכע מיטלען זיי זאָלן גרייטן אום דעם אָנקומענדן פאָלקסשטורם אָפּצואווענדן. זיי וואָלטן וועלן מאַכן אַביסל מלחמות צווישן זיך, אָבער זיי האָבן מורא, אַז זיי וועלן אָפּציען דאָס מיליטער פון לאַנד, זאָלן דערווייל די אַרבעטער ניט מאַכן אַ קלאָרע רעכענונג אין דער היים. קורץ — די רעגירונגען זיינען איצט דול פון ראַטלאָזיקייט . . ." יאַפּפּאַ פאַרענדיקט דעם אַרטיקל מיט די ווערטער: „מוזן מיר זיין געפּאַסט, אַז דער געוואַלטיקער קראַך וועט באַלד איינטרעטן און וועט מאַכן פון רעגירונגען, מאָנאַפּאָל, רעגירער

און מאַנאַפּאָליסטן איין בארג אַש. דאַן ערשט וועלן די ארבעטער־מאסן וויסן, אַז זיי וויל לעבן און זיי ווילן קענען פריי געניסן אַלעס וואָס די נאטור גיט צום לעבן" (נומער 4) (אָרטאָגראַפּיע מאָדערניזירט).

אין אַ ספּעציעלן ארטיקל געשריבן פאַר דער „ווארהייט" פון יאָהאָן מאָסט פארגלייכט דער שרייבער די היינטיקע לאַגע צו דער שקלאפעריי אין מצרים. אויך היינט איז פאראַן אַ משה, וואָס וויל באַפרייען דער מענטשהייט — דאָס איז דער סאָציאַליזם; עס איז אויך פאראַן דער עמוד האש — דאָס איז די סאָציאַליסטישע פרעסע.

אין דער „ווארהייט" איז אויך פיל מאָל ארומגערעדט געוואָרן די יידישע פראַגע. משה קאַטץ האָט געשריבן אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג אויף דער טעמע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם, וואָס די יידן זיינען ניט קיין פאָלק אין דעם וויסנשאַפטלעכן זין, ווייל זיי האָבן ניט קיין לאַנד און קיין שפראַך. זיי זיינען פארבונדן בלויז דורך רעליגיע און דעם געפיל, אַז זיי זיינען אַ פאָלק. דעריבער וויל די יוגנט קאָלאָניזירן פאַלעסטינע, כדי צו קריגן אַ טעריטאָריע און ווערן אַ פאָלק אין וויסנשאַפטלעכן זין. אָבער אויב רעליגיע שפּילט ניט קיין גרויסע ראָלע, טו וואָס־זשע פארבינדט אַלע יידן אין איין פאָלק?" ניט די רעליגיע, ניט די שפּראַך, ניט קיין לאַנד . . . דאָס אַלץ ברענגט אונז צום שלוס, אַז יידן עקזיסטירן אַזוי לאַנג זייער געוואוינהייט צו אַלע צרות, צו אַלע שלעק, אין וועלכע זיי האָבן זיך איינגעלעבט פון אָנפאַנג זייער געשיכטע . . . יידן בינדט צוזאַמען דער האַס און די פארפאָלגונג געגן זיי . . . דער געבילדעטער ייד פילט זיך אַלס ייד נאָר דערפאַר, וואָס ער ווערט ניט צוגעלאָזן צו די גוים". אָבער פארוואָס ווערן יידן פארפאָלגט? פרעגט משה קאַטץ — און ער ענטפערט, אַז יידן ווערן ניט פארפאָלגט צוליב רעליגיעזע מאָטיוון. דאָס האָבן גלחים און קאַפּיטאַליסטן פארפוצט דעם קאַמף געגן יידן אין רעליגיעזע מאָמענטן, כדי צו געווינען די סימפּאַטיע פון דעם פראָסטן פאָלק פאַר דעם קאַמף. מען האָט יידן אָנגעהויבן צו פארפאָלגן, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן וואַנדערן, כדי די הערשער זאָלן קענען צונעמען דעם יידנס רייכטום, און כדי די מאַסן זאָלן אויסלאָזן זייער צאָרן ניט צו זייערע אמת'ע אונטערדריקער, נאָר צו די יידן. די הערשער האָבן אויך געקענט צונעמען ביי די מאסן זייער פרייהייט מיטן אויסרייד, אַז דאָס פאָלק מיסברויכט מיט זיין פרייהייט. די פארפאָלגונגען אויף יידן האָבן איין צוועק: צו פארבלענדן דאָס פאָלק די אויגן, כדי ער זאָל ניט זען די ריכטיקע אורזאַכן פון זיין ליידן. די יידישע ארבעטער דארפן

דעריבער פאַרשטיין, אַז זייערע שונאים זיינען ניט די מאַסן, נאָר די, וואָס ריידן אין די מאַסן. די יידן פראַגע וועט פאַרשווינדן נאָר דאַן, ווען עס וועט געלייזט ווערן די סאָציאַלע פראַגע.

צו דעם יובילײ פון דער פאַריזער קאָמונע איז אַרויס אַ ספּעציעלער נומער אין רויטע ראַנדן מיט בילדער פון די שלאַכטן אויף די פאַריזער גאַסן. אין אַ גרויסן אַרטיקל גיט איבער י. יאַפּפּאַ די געשיכטע פון דער פאַריזער קאָמונע. ער פאַרענדיקט זיין אַרטיקל מיט די פאָלגנדיקע צוויי פּאַראַגראַפן, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם געדאַנקענגאַנג פון די דאַמאָלדיקע אַנאַרכיסטישע שרייבער: „דיזע אומגעהויערע מאַסע בלוט. וועלכע איז פון די בלוטדורשטיקע קאַפּיטאַליסטישע רויבער באַנדע פאַרצאַפּט געוואָרן, שטייט נאָך אַלע זעלבסטבאַוואוסטע אַרבעטער דער וועלט פאַר די אויגן, און שרייט נאָך ראַכע. „די פעלערן, וועלכע מיר האָבן באַגאַנגען, ברידער", שרייען די ערמאָרדעטע צו אונז, „זאָלן אייך אַלס לערע דינען, ווי איר האָט אין דער צוקונפט צו האַנדלען. מיר האָבן מיט אונזערע מערדער מיטלייד געהאַט, מיר האָבן מיט זיי מענטשלעך געהאַנדלט, און דערפאַר פוילן מיר מיט אונזערע אומשולדיקע קינדער און פרויען אין דער ערד. פאַרזיכט און קיין מיטלייד!" „זאָל נאָר דער טאָג דער אָפּרעכנונג קומען, זיינען מיר זיכער, אַז די פעלערן, וועלכע אונזערע פאַריזער ברידער האָבן באַגאַנגען, הויפּטזעכלעך פאַרלאָזנדיק זיך אויף פירער, וועלן ביי אונז ניט פאָרקומען, און דעמזעלבן מיטלייד, וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע קראָקאָדילן האָבן געהאַט צו די פינף און צוואַנציק טויזנט אָפּפער, וועלן מיר זיי צאָלן מיט פּראָצענט". (אָרטאָגראַפיע מאָדערניזירט).

חוץ אָט־די ערנסטע אַרטיקלען זיינען אויך געדרוקט געווען עטלעכע לייכטע אַרטיקלען אונטערן נאָמען „פּאָליטישע וואָכן רונדשוי" פון איינעם „ביסמאַרקס אייניקל". אָט־דער שרייבער רעדט אַרום די וועלט־פּאָליטיק אויף אַ בטלנ׳ישן אופן.

דער קאַפּיטאַל און די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג איז דאָרטן באַקעמפט געוואָרן אויף אַלע אופנים — פאַר דעם צוועק איז אַפילו אויסגעניצט געוואָרן די ביבלישע פאָרמע. אָט־איז אַ מוסטער:

די עשרת הדברות פון קאַפּיטאַל.

אָנכי: איך, אַלמעכטיקער קאַפּיטאַליסט, בין דיין גאָט. צו מיר זאָלסטו זיך נויגן און בוקן, קניען און נויגן, און איך וועל אייך פאַר שקלאַפן מאַכן;

לא יהיה: אַנדערע געטער זאָלסטו ניט מאַכן, טאָמער וועסטו

וועלן מאכן אזעלכע בילדער מיט געמאָלעכטס ווי איך, טאָרסטו ניט, וואָרום אל קנא, איך בין איין אויפריגער גאָט, איך רעכן זיך מיט די טאַטעס און קינדער און קינדסקינדער (היינטיקע צייטן אפילו מיט די פרויען אויך).

לא תשא: דו זאָלסט זיך ניט ערלויבן א וואָרט אויף מיר צו רעדן, וואָרום איך שוין ניט קיינעם, וואָס וואַגט זיך נאָר מיין נאָמען צו שלעכטס צו דערמאָנען.

זכור: גערענק דאָס זעקס טעג זאָלסטו מיט דיין פרוי און קינדער אַרבעטן שווער און ביטער. צו 20 שטונדן אין מעת לעת; ויום השביעי, אין דעם זיבעטן טאָג זאָלט איר אלע רוען און זיצן צו הויז, מאכן וואַנעס און לייגן פלאַסטער צו די פיס און די הענט, דאָס זיי זאָלן ווידער געזונט ווערן אום ווייטער צו קענען אַרבעטן. וואָרום אזוי האָט דער אלמעכטיקער קאַפּיטאַליסט אויך געטאָן: זעקס טעג געהוליעט, געשפּילט אין קאָרטן, פאַרבראַכט וואכעדיקע נעכט, געפרעסן, געטרונקען. דעם זיבעטן טאָג מוז ער נעמען איין אָפּרו פאַר דער גאַנצער וואָך. שריי: הויך איז דער רו־טאָג.

כבד: דו זאָלסט ערלעך האַלטן דעם קאַפּיטאַליסט; אז ער ווירד דיר אָנטראָטן, זאָלסטו שווייגן, זאָלסטו זיך ניט אריינמישן, ווען ער שפּרעכט, און דו זאָלסט שטיין פאַר אים „רוקי פאָ שוואם".

לא תרצח: דו זאָלסט זיך ניט ערלויבן אויף צו הויבן איין שטאַנד קעגן מיר, אָבער אז איך וועל נעמען טויזנטער אַרבעטער און זיי מיט איין מאָל אונטער איין שטיק ערד אין א מינע באַגראָבן, קומט מיר גאָרניט.

לא תנאוף: פאַר דיזער עברה זאָלסטו זיך שטאַרק היטן און ניט קוקן אויף אונז, דען מיר מעגן און דו טאָרסט ניט. רשי הקדש זאָגט: לא תנאוף — אפילו באשתך.

לא תגנוב: הזהר והזהר פון אזא געפערלעכער עברה ווי גנב'ענען איז: למשל, א שטיקל ברויט פון אונטער מיין טיש, וואָרום דאָס קאָן דיר פירן אין סינג־סינג. נאָר איך אליין מעג אוועקנעמען מיליאָנען, בארויבן די אַרבעטער פון זייער פאַרדינסט און — שאַ!

לא תחמוד בית רעך: טאָמער וועסטו וועלן וואוינען אין איין הויז אָן געלט, וועט מען דיר באַלד מיט א שעריף ארויסוואַרפן, אָבער איך מעג האָבן הייזער און קיינער דאַרף א וואָרט ניט רעדן.

לא תחמוד אשת רעך: מיט דעם ווירסטו געוויס הייסן א אָרימער בעל עבירה, אז דיר וועט זיך גלוסטן האָבן די זאכן אין

דיין אייגנטום, וואָרום דו ווייסט דאָך פון לאַנג, אַז אַזעלכע זאַכן נעם איך צו.

וכל העם רואים: אַלע זעען די פּאַרדאָרבנהייט, געמיינהייט און געפערלעכקייט פון דיזן רויבערישן סיסטעם און שווייגן. אָבער אַלעס ביז אַ צייט!*) . . . (אָ. ראָזענטאַל).

אין דער „וואַרהייט" האָט מען פיל געשריבן וועגן דער צו־קונפטיקער געזעלשאַפט. פּ. א. פראַנק שרייבט וועגן „גן עדן אויף דער וועלט", ד. ה. וועגן לעבן אין אַן אַנאַרכיסטישער געזעלשאַפט.

ישראל אַנאַרכין, פון נומער 10 קאָמוניזמוס סטריט, אַרקאַדיען, שרייבט אַ בריוו צו זיין ברודער יודל וועגן דעם גליקלעכן לעבן פון אַ פּאָר טויזנט מענטשן אויפן אינזל אַרקאַדיען. דער מחבר שרייבט וועגן דעם לעבן אויף דעם אויסגעטרוימטן אינזל אַרקאַדיען. דאָרטן ווייסט מען ניט פון הערשער, קייזער, רעפּובליק אָדער פּאָלי־ציי. יעדער איינער האָט געגנוג פאַר זיך. אַלע אַרבעטן פאַר איינעם און יעדער איינער פאַר אַלע; ווי ברידער פון איין משפחה. ניטאָ דאָרטן קיין פּריוואַטע אייגנטום, יעדער איינער אַרבעט און נאָך דער אַרבעט רוט מען. מען הערט וויסנשאַפטלעכע לעקציעס וועגן וואָס יעדער וויל הערן. די צייט וואָס בלייבט נאָכן לערנען פאַרווייַלט מען זיך אין טעאַטער. דער טאָג איז איינגעטיילט אויף דריי טיילן: אויף אַרבעט, וויסן און פאַרגעניגן. ניטאָ קיינע אינטריגן, יעדערער פילט זיך דאָרטן גליקלעך. ער ענדיקט זיין בריוו מיט די פּאָלגנדיקע ווער־טער: „דיין וועג מוזסטו מאַכן איבער אַלע לענדער און מערן. מוזט מיטנעמען געגנוג וואַפן צום קאַמף, און דאָ געפינסטו די טויערן אָפן, וואו דיין ברודער דיך מיט אויסגעברעטע אַרמען ער־וואַרטעט".

אין די ווייטערדיקע נומערן שרייבט ער נאָך אַזעלכע ענלעכע בריוו פון אַרקאַדיען, און די לייענער דריקן אויס שריפטלעך זייער באַגייסטערונג פאַר דאָס דאָזיקע לאַנד.

אַ גרויסן אָרט אין דער צייטונג פאַרנעמט די ליטעראַטור. פון די גרעסערע זאַכן איז דאָרטן פאַרעפנטלעכט אַן איבערזעצונג פון עמיל זאָלאַס ראָמאַן „זשערמינאַל".

---

*) די דאָזיקע פּאַראָדיע איז געווען איבערגעדרוקט פון „דער אַר־בעטער פריינד", באַנד 3, נומער 24.

Davidson Parody in Jewish Literature 1907. No. 378.

די רעדאַקציע.

אין יעדן נומער קומט אויפן ערשטן אָרט א ליד פון דוד עדעלשטאַט. אין דער צייטונג האָט עדעלשטאַט פאַרעפנטלעכט אַ סך פון זיינע רעוואָלוציאָנערע לידער. אויך מאָריס ראָזנפעלד האָט דאָרטן פאַרעפנטלעכט לידער.

די גאַנצע פּאָעזיע איז דאָרטן דורכגעדרונגען מיט רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון, אויך אַנדערע מערסטנטייל אומבאַקאַנטע שרייבער האָבן דאָרטן געדרוקט לידער. אין איין ליד פרעגט אַן אומבאַקאַנטער דיכטער „דבש״:

אָ, אמת, זאָג מיר נאָך ווי לאַנג
וועט מען ניט הערן דיין זיסער קלאַנג?

ער רופט דעם אמת צו קומען און פאַרטרייבן „דעם פינצטערן שאָטן״ און באַשיינען די וועלט. און דער פּאָעט שרייט אויס:

אָ, קום, שוין צייט דו זאָלסט רעגירן,
קום, דרינג אריין אין יעדנס הארץ;
זאָלסט ניט אין בלאָט נאָר עקזיסטירן,
ניט נאָר אויף וויס געשריבן שווארץ.
אין יעדנס הארץ, אין יעדנס הארץ!

און אָט זיינען צוויי כאַראַקטעריסטישע לידער. דאָס ערשטע אונטערגעשריבן פון איינעם גלאַדניקאָוו און דאָס צווייטע מיט די אותיות X. Y. Z.

## „די קלאָץ קשיא״.

פאַרוואָס דאָרט אַ פּאָטער ליגט קראַנק און געבראָכן
און קאָן ניט ערנערן די קינדער די שוואַכע
אין קראַפט האָט דער גנב אין הייזער צובראָכן
און מערדער די מאַכט צו מאָרדן צו שטעכן?

וואָרום שטאַרבט אַ מוטער פון קינדערלעך קליינע,
וואָס בלייבן יתומים אין עלענד און צרות,
און דאָרט דורך עבירות די מיידלעך די שיינע
זיי טאַנצן און לאַכן און לעבן ווי שררות?

וואָס לאָזט ער דאָרט קרענקען דאָס קליינציקע קינדל,
וואָס האָט נאָך קיין זינד ניט, ווי קרעכצט עס דאָ ביטער!
און סוחרים באַנקירן, וואָס לעבן פון שווינדל,
די לעבן זאָ קליקלעך און זאַמלען זיך גיטער?

וואו איז דער כל יכל, וואָס וויים און קאָן אַלעס?
וואו איז דער משגיח מיט זיין גרוים השגחה?
וואָס גיט ער קיין אַנטוואָרט אויף אַלע שאלות?
וואָרום דען פּערדרייט ער זיין שיינע מלאכה?

ניטאָ קיין אַנטוואָרט, איין עבירה זיין הארץ;
ער שלאָפט דער משגיח, ער קאָן דיך ניט הערן.
מען רעד דיך נור איין זאָ, מען מאַכט דיך צו נאַרן,
דו זאָלסט דיך ניט העלפן, זאָלסט קליגער ניט ווערן.

נור הער ניט די רויבער, ניט הער די באַטריגער,
ניט לאָז דיר פּערפירן פון קערעלם געמיינע;
ניט וואַרט אויף איין אַנטוואָרט, אַ ווער אַמאָל קליגער
מען העלפט ניט פון אויבן, גענוג דיך שוין נאַרן.

מען העלפט ניט פון אויבן, גענוג דיך שוין נאַרן,
אָ, העלף דיך, דיין רעטונג, אַליין העלף דיר נאַר!
פון אויבן די הילפע קענסטו דיך דערהאַרן,
ווען אויף מיין דאַלאַניע וועט אויסוואַקסן האָר . . .

## אַ בילד

שוואַך אַ ליכטעלע דאָרטן אין צימער.
נאַס און פאַרשימלט זיינען די ווענט;
ביים בעט איינגעבויגן, אין דחקות און קומער.
זיצט איינער דאָס פּנים פּערדעקט מיט די הענט.

ער זיצט פּאַרזאָרגט, פאַרצווייפלט, פאַרטראַכט.
אים דוכט זיך — אה — עס איז קיין טעות! —
דאָרט ראַנגלט זיך, נעבעך פון הונגער פאַרשמאַכט,
זיין פרוי מיט דעם מלאך המות! . . .

און נעבן אים בלאַס — די אונשולד אליין —
שטייט דאָס אונגעוויסנדע קינד:
זי בעט אים, זי פרעגט אים, מיט קינדער געוויין
נארישע פראַגן אצינד:

„פאָטער, גיב אונז עסן, גיב אונז ברויט,
שטיל אונזער הונגער, רעטע פון טויט . . .
פאָטער, וועלן מיר לאַנג נאָך ליידן אָן צאָל,
וועלן מיר זאַט זיין, דיינסטו אמאָל? . . .״

איר קליינינקע הענטעלע רוט אויף זיין שטערן,
די אויגעלעך וויינען און קוקן ארויף —
זיי טרעפן זיך אָבער מיט אנדערע טרערן,
וואָס קייקלען זיך לאַנגזאַם גאָר אָן א סוף . . .

מאָריס ראָזנפעלד האָט אין דער „ווארהייט״ אָפּגעדרוקט עטלעכע בילדער אין פּראָזע וועגן דעם שווערן לעבן אין ניו יאָרק. אין בילד דער „נאכטוואַנדלער״ מאָלט ער, ווי אַלץ אין ניו יאָרק איז שטיל און רואיק. אין די פּאַלאַצן שלאָפן די רייכע, וועלכע זיינען איינ־געשלעפערט געוואָרן פון פּיאַנאָ טענער. אין די ארבעטער־קווארטאַלן שלאָפט מען אויך, צו אכט פּערזאָן אין אַן ענגן שמוציגן צימער. מען הוסט. די וואַנצן ארבעטן איבער זייערע קרבנות. פּאַרטאָג זעט מען א בלאַסן, אויסגעצערטן מענטשן גיין. דער דיכטער טראַכט, אַז דאָס איז א נאַכט־וואַנדלער, נאָר, ניין, עס איז אַן ארבעטער, אַן אָפּערייטאָר, וואָס גייט פאַרטאָג צו דער ארבעט. דער באַנאַכטיקער איז פארשוואונדן אין דער פינצטערקייט פון די שמוציקע גאַסן — ער איז אוועק מאַכן א טאָג ארבעט.

אין בילד דער „וואָרק שאָפּ״ גיט ער אונז דעם קאָנטראַסט צווישן דעם פרימאָרגן אין ארבעטער־קווארטאַל, וואו די מאַשינען באַגעגענען דעם פרימאָרגן מיט זייער רויש, און די רייכע געגנטן, וואו פויגע־לעך באַגעגענען דעם פרימאָרגן מיט געזאַנג; ראָזנפעלד שילדערט, ווי אָרעמע, דארע איינגעבויגענע אין דרייען, זיצן מידלעך און נייען שנעל. דער בעל הבית קומט אריין און שרייט: „גיכער, גיכער״. דאָס זיינען אומעטיקע בילדער, וואָס מאָלן א שווערן לעבן.

„דבש״, וועמענס ליד מיר האָבן פריער ציטירט, שרייבט א בילד פון יידישן לעבן אין דער ליטע. די רעדאַקציע שרייבט אין א באַ־

מערקונג: „אָבוואָל דיזע סצענעס האָבן ניט קיין סאָציאַליסטישן כאַראַקטער, דרוקן מיר זיי דאָך אום אונזערע רוסישע לעזער עטוואָס צו געבן אויס זייער אמאָליקן לעבן אום זיי זאָלן עס קאָנען בעסער פאַרגלייכן מיט דעם יעצטיקן. זיי וועלן דאַן האָבן א בעסערן באַגריף, איבער דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַלגעמיין". מיר זעען, אַז די „ווארהייט" האָט געדרוקט די „שיינע" ליטעראַטור נאָר מיט איין ציל — צו רעוואָלוציאָניזירן די יידישע ארבעטער, ווען זי האָט געדרוקט אַ זאַך, וואָס איז ניט געוועזן קיין פראָפּאַגאַנדע, האָט זי געפילט, אַז זי דאַרף זיך אַנטשולדיקן פאַרן לייענער.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אַז אין דער „ווארהייט" איז געגעבן געוואָרן אַן איבערזעצונג פון זאָלאַס „זשערמינאַל". און דאָ דאַרף מען צוגעבן, אַז אין צווייטן נומער האָט מען אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן „ארלעקען דער ווילדער", אַ קאָמעדיע אין דריי אקטן, איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש און באַארבעט פון J. J. (י. יאפפא).

די וויכטיקסטע איבערזעצונג איז אָבער געוועזן אַ וויסנשאַפטלעכע ווערק: קארל מארקס „די פּאָליטישע עקאָנאָמיע". דאָס איז געוועזן גלייכצייטיק אַן איבערזעצונג און פּאָפּולאַריזאַציע.

אין דער „ווארהייט" איז אויך געוועזן איינגעפירט אַ בריווקאַסטן, וואו די רעדאַקטאָרן האָבן געענטפערט די לייענער. איין לייענער וויל וויסן, ווער איז געוועזן עמיל זאָלאַ. און מען ענטפערט אים, אַז „עמיל זאָלאַ איז איינער פון די גרעסטע שריפטשטעלער אין פראַנקרייך. באַרימט איז ער געוואָרן פאַר זיין ווערק „נאַנאַ", איינס פון זיינע בעסטע ווערקע, וועלכע האָט געמאַכט אַזאַ גרויסע אויפרעגונג אונטער די קאַפּיטאַליסטן".

און ווייטער: „געג. י. ראָזען, האַרטפאָרד. קאָנג. איר פרעגט אונז פאַר וואָס ווערן אין דער בראָשורע „ויכוח" די קאַפּיטאַל באַזיצער גערופן רויבער און ניט ערקלערט פאַר וואָס זיי זיינען עס — זיי זיינען דאָך אויך אַ פּראָדוקט פון די היינטיקע געזעלשאַפט — זאָגט איר. איר האָט אפילו זייער רעכט. אָבער מיר קאָנען דאָך ניט אָפּשטרייטן דעם פּונקט, אַז שפּינען, וואַנצן, פלוי און אַנדערע אינגעציפער זיינען ניט אַנדערש ווי פּאַראַזיטן, אָבוואָל זיי זיינען גאַנץ אונשולדיק אין זייער עקזיסטענץ".

גרויס איז געוועזן צו יענער צייט די „פּראָדוקציע" פון לידער. מען האָט די רעדאַקציע פאַרוואָרפן מיט „דיכטונג", און זי האָט געמוזט ענטפערן די דאָזיקע לידער־שרייבער. איינעם א. מ. ג. פון שיקאַגאָ שרייבט די רעדאַקציע אַזוי: „אייער ליד קאָנען מיר ניט

דרוקן. מיר זיינען אין די לעצטע צייט זאַ איבערגעלאָדן געוואָרן מיט „גערדיכטע", דאָס מיר וואָלטן געהאַט ווייניק פּלאַץ פיר „שיטע־רע", ווען מיר וואָלטן זיי געדרוקט. עס וואונדערט אונז, דאָס אונ־זערע גענאָסן נעמען זיך צו שרייבן געדיכטע בעפאָר צו פּרובירן שרייבן פּראָזא".

די „ווארהייט" האָט געהאַט אַ סך אַנאָנסן. צווישן זיי געפינען מיר אַנאַנסען וועגן ארויסגעגעבענע בראָשורן, וואָס זיינען בלי ספק אינטערעסאַנט פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער בוך־פּראָדוקציע אין אַמעריקע. אָט איז אַ ליסטע פון די ביכלעך, וואָס זיינען דעמאָלט אַנגעבאָטן געוואָרן דעם ראַדיקאַלן לייענער:

| | |
|---|---|
| „פון וואָס איינער לעבט" | פּרייז 6 סענט |
| „דער ויכוח" 2 העפטן | " 6 " |
| „הגדה על פי נוסח חדש | " 3 " |
| „קינות אָדער ארבעטער קלאָגעלידער | " 3 " |
| גאָטעס פעסט" | " 3 " |
| „לאָפּאַטינס לעבנס באַשרייבונג און דער פּראָצעס פון די 21 ניהיליסטן" | " 5 " |
| „די אייגנטום בעסטיע" | " 5 " |

„פון וואנען שטאַמט דער מענטש. 36 זייטן שטאַרק. פּאַר בלויז 5 סענט. רייכער אינהאַלט. פיין באַארבעט.

די פינאַנסיעלע לאַגע פון דער צייטונג איז געוועזן זייער אַ שווערע. מען האָט שטענדיק געקליבן געלט און אַראַנזשירט טעאַטער פאָרשטעלונגען. אַזוי איז לטובת דער „ווארהייט" אויפגעפירט גע־וואָרן אַ דראַמע: „משיח׳ס צייטן אָדער די ארבעטער באַוועגונג" פון דוד אַפּאָטעקער. קופּלעטן און מוזיק פון מאָגילעווסקי, ספּעציעלע מוזיק פון ש. דימאָנט.

לכבוד פּסח איז אַראַנזשירט געוואָרן אַ סדר.
אָט איז דער אַנאָנס:

פּסח פּסח פּסח

דער צווייטער סדר

וועט ווערן אָפּגעריכטעט

פון די גרופּע פּיאָנערע דער פרייהייט

אין

New Windsor Hall, 412 Grand St.

אם דינסטיק דעם 16טן אפריל
עס וועט זיין צוגעגרייט א הערליכער
חרסת בופעט
פון די בעסטע מיני אכילה ווי אויך מצות שמורה
תחת השגחת של רב כולל וויין שמשמר
יציאת מצרים
וועלן דערציילן געג. זאָלאָטאַראָוו, גירזדאַנסקי
און אנדערע לייטע אין
ע ש ר ת מ כ ו ת
וועלן ווערן פערטיילט בחנם צו קאפיטאליסטן.
מלכים, גלחים, רבנים
רבינו יוחנן מאָסט׳ס בילד
אין לעבנס גרויס און אומפריימט
וועט ווערן אויסגעראפלט א 05. א טיקעט
מעות הגדה, מעות חטים — פיר די „ווארהייט".
נאָך דעם אפיקומן
קאָנצערט ענד טאַנץ
קומט ליבע ברידער און שוועסטער צו דיזער שמחה!
איינטריט גאַנץ פריי. אָנפאַנג 7:30 אָוונטס

## לשנה הבאה בארקאַדיען

הפנים, אז די אַלע זאַמלונגען און אונטערנעמונגען האָבן ווייניק וואָס געהאָלפן. דער נומער 18 האָט זיך שוין פארשפעטיקט אויף א וואָך צייט. דער נומער אנטהאַלט אן אויפרוף — פאר הילף. עדעלשטאַט האָט דאָרטן א ליד „און די געגנאָסן". דאָס ליד האָט גע־זאָלט העלפן שאַפן דעם פאָנד, אָבער קיין סך שטיצע איז ניט געקו־מען. די יידישע ארבעטער האָבן נאָך ניט געקענט אויסהאַלטן אזא, פאר יענער צייט, ערנסטער צייטונג און מיטן נומער פון 12טן יולי 1889 איז די צייטונג ליקווידירט געוואָרן.

מרדכי קאַסאָווער (ירושלים)

# „דער ארץ־ישראל יוד"

(אַ קאַפּיטל צו דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין ארץ־ישראל).

די צווייטע העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז די תקופה פון השכלה ביים אַלטן אשכנזישן ישוב אין ארץ־ישראל, גענויער: ביים ירושלימער ישוב. עס איז די צייט, ווען די אַלטע מסורה־מויערן פון אשכנזישן ישוב הויבן זיך אָן טרייסלען. ביז אַהער איז תורה געווען די בעסטע סחורה און די פאַרשיידענע ישיבות זענען עס גע־ווען די אַנטשטאַלטן, וועלכע האָבן ארויסגעגעבן אָט־די „תורה־מענטשן". אמת, מיט קיין גרויסע תלמידי־חכמים, שאַרפע מוחות, מיט וועלכע עס זאָל קלינגען אַ וועלט — האָט זיך דער ישוב קיינמאָל ניט געקענט איבערנעמען. דאָס לערנען איז גיכער געווען אַ „מלאכה" אַזאַ, וואָס האָט אין פאָרם פון כולל־געלטער געגעבן פּרנסה — אמת שטאַרק בצמצום — דעם יעניקן, וועלכער האָט זיך מיט איר אָפּ־געגעבן.

די געזעלשאַפטלעכע ארבעטס־צעטיילונג איז געווען אַ שאַרפע, אַ קאַנטיקע, און האָט שטאַרק געשטאָכן די אויגן. די מענער — בית־מדרש־זיצער און עולם־הבא־פאַרזאָרגער; די ווייבער — די שטוב־פירערינס, באַלעבאָסטעס, קראָם־זיצערינס, די ווירקלעכע חיונה־פאַרזאָרגערינס. אין אַלגעמיין איז עס אַ ליניע אַ באַסאַנטע ביז גאָר אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט פון פריערדיקן יר"ה. אינ־מיטן ברעכט זיך אָט־די ליניע איבער און אויפן זיגזאַג אירן זעען מיר באַלמעלאָכעס, וואָס פלעגן זייער שווער פאַרהאָרעוועטן ארבעטס־טאָג פאַרענדיקן אין בית־מדרש הערנדיק אַ פּרק „עין־יעקב". פון ציל־באַוואוסטער אָרגאַניזירטקייט קען נאָך דערווייל קיין רייד ניט זיין. אמהעכסטנס לאָזט זיך דערציילן וועגן אַ חברה „פּועלי־צדק" אָדער „יגיע־כפּים" מיט סטאַטוטן — געשריבענע און שפּעטער גע־דרוקטע — וועגן פּראָפעסיאָנעלע ענינים און וועגן פאַרזאָרגן די חברים אויף דער עלטער, באַגלייט מיטן פּסוק פון „ואל תשליכנו

לעת זקנה". פון איין סטאטוטן־פאראגראף ביזן צווייטן ווארפט זיך אינצווישן דורך א פונקט, וואס איז מחייב יעדן חבר צו לערנען אלע טאג א פרק משניות אדער זאגן א קאפיטל תהלים. יידישלעך ביז גאר.

און אט טיילט זיך אויס פון אט־דער סביבה א קליינע גרופע משכילים, וואס האבן געשטרעבט צו צעטרייסלען איר פון אינעוויי־ניק. פון אט־דער גרופע זענען א טייל געווען היגע געבארענע, א טייל — געקומענע פון גרויסן רוסלאנד. צווישן זיי האבן זיך ארויס־גערוקט אזעלכע ווי יחיאל־מיכל פינעס, דער מחבר פון „ילדי רוחי", יואל־משה סאלאמאן — דער מיטגרינדער פון דער ערשטער יידישער קאלאניע אין ארץ־ישראל, „פתח תקוה", דער א"י־פארשער אברהם־משה לונץ, דער שפעטערדיקער העברעישער לעקסיקאגראף אליעזר פערלמאן־בן־יהודה, ישראל־דוב פרומקין — דער ארויסגעבער פון ירושלימער העברעישן וואכנבלאט „החבצלת" און יידישן וואכנ־בלאט "די ראזע" און שפעטער — שמואל ראפאלאוויטש, דער בא־קאנטער יידישער נומיזמאטיקער.

צוערשט טראגט די השכלה אין ירושלים א דעמאקראטישן כא־ראקטער. איר הויפט־אינהאלט איז דער קאמף קעגן די געשווארענע כלל־טוער און פארשיידענע כולל־ממונים, וועלכע האבן זייערע אמטן באקומען בירושה. די הויפט־קעמפער אין די אכציקער יארן זענען ישראל־דוב פרומקין (ביאגראפישע ידיעות וועגן אים — זע ווייטער) פון איין זייט און יוסף ריבלין צוזאמען מיט יואל־משה סאלאמאן פון דער אנדער זייט. די ארגאנען, וואו אט־דער קאמף געפינט זיין אויסדרוק, זענען פון איין זייט — „החבצלת" און פון דער אנדער זייט — „הלבנון" און „יהודה וירושלים".

סוף אכציקער און אנהויב נייַנציקער יארן ווערט דער השכלה־קאמף פארשארפט. עס קומט צו יחיאל־מיכל פינעס — אן עקשנות־דיקער קעמפער, וועלכער טרעפט זיך אויף מיטן בריסקער רב, ר' יהושע־לייב דיסקין. די ליניע איז דא א קלארע: השכלה פון איין זייט און שמאל־קעפיקער פאנאטיזם — פון דער צווייטער זייט. יחיאל־מיכל פינעס פארנעמט זיך מיט מינדלעכער און שריפטלעכער פראפאגאנדע און דער בריסקער רב באנוצט זיך קעגן אים און די איבעריקע אפיקורסים מיטן אלט־אויסגעפרובטן מיטל — דעם חרם. ביי שווארצע ליכט ווערט ער אויסגערופן פאר א „מוחרם ומנודה", מען ווייכט אים אויס און מען קעמפט קעגן אים צוגלייך.

צוליב א מער קלערערן בילד דארף מען צוגעבן, אז אין דער

יידישער אַלט־שטאָט האָבן בכלל געהערשט די רבנישע שטריימל און זשופּיצע. האָט עמיצער אָנגערירט דעם רב מיט אַ שלעכט וואָרט, פלעגט דער שמש אַרומגיין אין מאַרק און אויסשרייען, אַז אויף פּלוני בן פּלוני איז אויסגערופן געוואָרן אַ חרם 1).

צוקומען צום ברייטן עולם האָט זיך אָבער די משכילים ניט איינגעגעבן, און דער קאַמף זייערער בלייבט דעריבער אָן וווּטערדי־קער ווירקונג. די סיבה דערפון איז וואָס אויך דאָ איז די שפּראַך פון אָט־דעם קאַמף אַ פאָלקס־פרעמדע — העברעיש. בלייבן די פּלאַמיקע „חוצב־להבותדיקע" רייד פון די משכילים אָן אָן אָפּקלאַנג. די היגע משכילים האָבן, ווייזט אויס, ניט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט צו ריידן צום פאָלק אויף זיין לשון; און אויב שוין יאָ פאַרשטאַנען — האָבן זיי אָבער, דאָס פאָלקס־לשון בייזוויליק איגנאָרירט. האָבן זיך טאַקע די רייד די זייערע אָפּגעשלאָגן אָן די ירושלימער מויערן און ניט דערגאַנגען צו די יעניקע צו וועלכע זיי האָבן געדאַרפט דערגיין.

פונדעסטוועגן זענען געמאַכט געוואָרן עטלעכע פּרובן אויפצו־קלערן דעם ברייטן עולם, צעטרייסלען אביסל זיין אָנמעכטיקייט אויפהויבן אים פון זיין נכנעדיקייט. צו די פּרובן געהערן דאָס די ערשטע צייטונגען, וואָס זענען אַרויס אין יידיש אין ארץ־ישראל, און צו אָט־די אָרגאַנען געהערט דאָס אויך „דער ארץ־ישראל יוד", וואָס שלמה עפּשטיין און שמואל ראַפּאַלאָוויטש האָבן אַרויסגעגעבן אין ירושלים.

* * *

צום באַדויערן זענען די ביאָגראַפישע ידיעות אונדזערע וועגן שלמה עפּשטיין זייער קאַרגע און מאָגערע. מיר ווייסן נאָר, אַז ער איז געבאָרן אין רוסלאַנד (וואו? ווען?). פון יאָר תרנ"ב (1882) איז ער אַ ירושלימדיקער. די מוטער זיינע האָט געהאַט אַ בוכהאַנד־לונג, דער פאָטער איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ משולח פון ירושלימ־דיקער בית־יתומים דיסקין אין אַמעריקע. שלמה עפּשטיין אַליין איז

1) וועגן אָט־די חרמות דערציילט אַ פּ ר י ם כהן־רייס אין זיין בוך „מזכרונות איש ירושלים" (תל־אביב, תרצ"ג) אָט וואָס: „אָט די אויס־רופן, אַז דער און דער איז מחויב צו באַקומען אָן אויסרייד, יענער האָט באַקומען אַן אויסרייד, זענען געוואָרן אַזוי אָפּט, אַז אין משך פון דער צייט האָבן זיי פאַרלאָרן זייער אימת און ווערט. דער עולם פלעגט זיך באַ־ציען צו זיי מיט גלייכגילטיקייט און שפּאָט, אַזוי אַז מ'פלעגט ענדערן דעם אות „ז" אין וואָרט „נזיפה" אויף „פ" און דעם „פ" אויף אַ „ח" . . ." (דאָרט, ז. 32).

אין אָרדן „בני־ברית" געווען דער „מזכיר הסוכן" און געפירט די חשבונות־ביכער. שפּעטער איז ער אוועק קיין אַמעריקע.

מערערע ידיעות פאַרמאָגן מיר וועגן שמואל ראַפּאַלאָוויטש. אין זיין אַרטיקל „שמואל רפאלי[2]) שרייבט א. ר. מלאכי אַט־וואָס:

„רפאלי איז ניט געבאָרן געוואָרן אין ירושלים, אָבער ער איז אויפגעוואקסן און דערצויגן געוואָרן אין דער הייליקער שטאָט. געבראַכט אהער האָט מען אים נאָך אַלס קינד, צו צען אָדער עלף יאָר. אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז ער געבאָרן געוואָרן אין יאָר תרכ"ז (1867 — מ. ק.), אין דער שטאָט באָהופּאָל, פּאָדאָליער גובערניע. ווי דער פאַרשטאָרבענער האָט מיר דערציילט איז ער אין זיינע קינדער־יאָרן געווען אַ צייט־חבר פון מיכה־יוסף בערדיטשעווסקין. ביידע האָבן געלערנט אין איין חדר, אָבער פאַרשיידן איז געווען דער שיקזאַל און מזל פון אַט־די צוויי קינדער. מיכה־יוסף איז געווען אַ זון פון אַ קליינשטעטלדיקן רב, וואָס ציט זיין חיונה פון הייוון און אַזאַ פּרנסה איז קליין און נעבעכדיק. — — — ניט איינמאָל פלעגט דאָס קינד מיכה־יוסף געפינען אַן אַנטרירונג אין שטוב פון זיין חבר שמואל, וועמענס לעבן איז געווען פול מיט גליק און פרייד".

ראַפּאַלאָוויטש איז געווען אַ זון פון פאַרמעגלעכע עלטערן, וואָס האָבן אָפּגעשטאַמט פון אַ רייכער און יחוסדיקער פאַמיליע, וואו תורה און רייכקייט האָבן געהויזט צוזאַמען. איינער פון אַט־דער משפּחה איז געווען באַוואוסט פאַר אַ „שתדלן", און צוליב דעם איז ער שוין געווען אַ „קרוב למלכות". די משפּחה־מיטגלידער זענען דעריבער געווען געניגט אויך צו „השכלה", און פאַנאַטיזם און שטרענגע פרומקייט איז זיי פרעמד געווען. זייערע קינדער האָבן געלערנט „וועלטלעכע וויסנשאַפטן". צוזאַמען מיט „למודי־קודש" האָט שמואל אויך געלערנט די לאַנד־שפּראַך און זיינע עלטערן האָבן אים צוגעגרייט אַריינצוגיין אין דער גימנאַזיע. אָבער ער האָט איבערגעריסן זיינע לימודים צוליב דעם, וואָס זיינע עלטערן האָבן אויסגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל.

קיין ארץ־ישראל האָט שוין מיט יאָרן צוריק געהאַט אויסגעוואַנדערט זיין עלטער־זיידע ר׳ קלמן ראַפּאַלאָוויטש, וואָס איז געקומען אין

---

2) פאַרעפנטלעכט אין „התרן", העפט ח—ט, ניו יאָרק, דעצעמבער, 1923. פון דאָרט נעמען מיר אויך די ווייטערדיקע דאַטן. — עס וואונדערט נאָר איין זאַך: אין גאַנצן אַרטיקל דערמאָנט ניט א. ר. מלאכי אפילו מיט איין וואָרט, אַז ראַפּאַלאָוויטש האָט רעדאַקטירט דעם „ארץ־ישראל יוד".

אַ צייט, ווען די פאַרשיידענע „ממונים” האָבן געשאַלטעוועט איבער די כוללים ווי זייער האַרץ האָט געגלוסט. ישראל־דוב פרומקין 3), וואָס האָט קעגן זיי געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף האָט אין ר' קלמן ראַפּאַלאָוויטשן געפונען דעם איינציקן מענטשן, וואָס איז ראוי אָנצופירן מיט די כולל־געלטער.

דער פאָטער, ר' משה ר', האָט זיינע ביידע זין אָפּגעגעבן לערנען אין דער באַקאַנטער ירושלימער ישיבה „עץ חיים”. די גימנאַזיע־לימודים זענען אַזוי אַרום פאַרביטן געוואָרן אויף תלמוד. דער ראש־ישיבה איז דעמאָלט געווען ר' משה־נחמיה כהנאָוו, באַקאַנט אונטערן נאָמען „דער כאַסלאַוויטשער רבי”, וואָס איז געווען אַן אויסגעצייכנטער טיפּ צווישן די ירושלימער רבנים. באַהאַלטענערהייט האָט ער אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע ליבע צו בילדונג, איז געווען אַריינגעטאָן אין „מורה נבוכים” און אין „כוזרי” און פלעגט כאַפּן אַ קוק אין די ספרים פון מאַפּו און קלמן שולמאַן. ער פלעגט דאָס צורייַדן די ישיבה־בחורים זיי זאָלן לערנען תנ"ך און „חכמת הדקדוס” 4). אונטער זיין ווירקונג, טאַקע, האָט זיך שמואל ר'

---

3) ישראל דוב פרומקין, פון די ירושלימער משכילים, געבאָרן. אין דובראָוונע, 1850. פון 1870 — 1911 אַרויסגעגעבן אין ירושלים דאָס וואָכנבלאַט „החבצלת“, וואו געפירט אַן אומאויפהערלעכן קאַמף קעגן דעם אופן פון פאַרטיילן און פאַרוועגדן די חלוקה. 1873 געגר. צוזאַמען מיט אברהם־משה לונצן די חברה — „תפארת ירושלים“ מיטן ציל צו פירן אַ קאַמף פאַר דער פאַרבעסערונג פון קהל־פּאָליטישן לעבן. 1874 אַרויסגעגעבן אין ירושלים אַ יידיש וואָכנבלאַט „די ראָזע“ — די ערשטע יידישע צייטונג אין ארץ־ישראל, וואָס איז איצט אוממעגלעך צו באַקומען. צוזאַמען מיט בן־יהודהן און נסים בכר געגר. אין יאָר 1884 די חברה „עזרת נדחים“ צום קאַמף קעגן מיסיאָנערן. דער חרם, וואָס די כוללים האָבן אויסגעפּועלט אויף פרומקינס אָרגאַן, איז אַראָפּגענומען געוואָרן נאָכדעם ווי פרומקין האָט שלום געמאַכט מיט זיי און זיך געשטעלט אין זייער דינסט. געשט. אין ירושלים, 1914.

4) ער פלעגט זיך אויך נוהג זיין צו ריידן העברעיש און טאָמער האָט אים אויסגעפעלט אַ וואָרט פלעגט ער עס ממלא זיין מיט יידיש. ער פלעגט, אַ שטייגער, זאָגן: „קח את המאַשינקע ותבשל טיי“ אָדער „עפּראַיקע, אינך לומד אַ פּיצל“. צווישן די רעפאָרמען, וואָס ער האָט געפאָדערט מען זאָל איינפירן אין די ישיבות, איז געווען אויך מען זאָל לערנען די אַראַבישע שפּראַך, לויט משה מאָנטעפיאָרעס פאָרשלאָג. — וועגן דעם זע דעם אַרטיקל פון ד"ר יוסף י. ריבלין „ר' אברהם משה לונץ“ אין זאַמלבוך „ירושלים“, אַרויס צום צענטן יאָרצייט פון לונצן. ירושלים, תרפ"ח, ז. 3.

גענומען צו ליטעראַטור. צו זעכצן יאָר האָט ער אָנגעשריבן אַ ביבלישע דראַמע „משפיל גאים" אויף די מאָטיוון פון „מגילת רות". שפּעטער צו איז ער אַ קורצע צייט געווען דער רעדאַקטאָר פון לומדישן צוויי־וואָכנבלאַט „שערי־ציון", וואָס איז דאַן אַרויס אין ירושלים 5).

זייער אַ סך האָט ער מיטגעאַרבעט אין בן־יהודס צייטונגען. האָט דאָרט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, פאָרשונגען וועגן ארץ־ישראל און איבערזעצונגען. פון זיינע איבערזעצונגען צייכנט זיך אויס מילטאָנס „פאַרלאָרענער גן־עדן", וואָס ער האָט באַאַרבעט אין פּראָזע א. נ. „תולדות אדם וחוה".

צוליב זיינע האַנדלס־אָנגעלעגנהייטן איז ער אַ לענגערע צייט געזעסן אין לאָנדאָן און האָט דאָרטן פאַרנומען זיך מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער איז אויך געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער וואָכנבלאַט „היהודי", וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן יצחק סואוואַלסקי. דאָרט האָט ער פאַרעפנטלעכט אַן איבערזעצונג פון האל קיינס אַ דערציילונג א. נ. „חטאת הקהל". עטלעכע יאָר האָט ער אויך געוואוינט אין ניו־יאָרק.

צוריקקומענדיק קיין ארץ־ישראל האָט ער זיך ווידער גענומען צו זיין ליטעראַרישער אַרבעט, וואָס האָט שוין דאָס מאָל געטראָגן אַ מער־וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער. ער האָט זיך איבערגעגעבן צו זיין באַליבטן געביט — יידישער נומיזמאַטיק, אין וועלכן ער האָט זיך גערעכנט פאַר דעם גרעסטן ספּעציאַליסט. די רעזולטאַטן פון אָט־דער אַרבעט איז זיין לעבנס־בוך „מטבעות היהודים" (אַרויסגעגעבן דורך אפרים דיינאַרד, ירושלים, תרע"ג).

אַ יאָר פאַר זיין טויט האָט ער אין ירושלימער טאָג־צייטונג „דאר היום" פאַרעפנטלעכט זכרונות וועגן אַלטן ישוב אין ארץ־ישראל. געשטאָרבן איז ער אין יאָר 1923 אין ירושלים.

אין יאָר 1890 איז ער צוזאַמען מיט שלמה עפּשטיין צעגעטראָטן אַרויסצוגעבן אַ יידישע וואָכנבלאַט אין ירושלים א. נ. „דער ארץ־ישראל יוד". אין פּראָספּעקט צו דער צייטונג שרייבן די רעדאַקטאָרן ־אַרויסגעבער צווישן אַנדערע אָט־וואָס 6):

---

5) דערשינען אין די יאָרן 1876 — 1885 אונטער דער רעדאַקציע פון י. גאָשצינני, ח. פרעס און אברהם־משה לונץ. געהאַט אַן אָפּטיילונג אויך אין י י ד י ש .

6) אָרטאָגראַפיע, סטיל און פונקטואַציע פון די ציטאַטן — געלאָזט אומגעענדערט.

א סך קאָרעספּאָנדענטן פון פאַרשיידענע שטעט אין אויסלאַנד האָבן צוגעזאָגט „אונז באהילפיג צוא זיין אָנצוקליידען אונזער ארץ־ישראל יוד־ן מיט „מלבושי כבוד", אז דיא לעזער זאָללען זיך פשוט מחיה זיין א קוקגעבענדיג אויף איהם, זיי זאָללען זעהן אז דער ארץ־ישראל יוד איז אויך איין מענש גלייך ווי אללע, ער האָט אויך איין מענשען געפיהל — — — נור דיא ארמוטה פארמיאוס"ט איהם נע־ביך און דרום מוזען מיר זוכען מיטלען, וויא איהם צוראַטעווען".

צוליב וואָס זיי גיבן ארויס אזא צייטונג אין ירושלים — דער־קלערן זיי אזוי:

אזא צייטונג קען האָבן א גרויסן איינפלוס אין ירושלים, ווייל „נור אַ זשאַרגאָנישער צייטונג קען בכח האָבען איינצופלאַנצען אין דעם אונוויסענדען המון וואָס ירושלים איז ב"ה מיט איהם איבער־פיללט, דיא טייערסטע פרוכטבוימען וואָס די נאַטור האָט פון זייא גע־רויבט און נור דער ארץ ישראל יוד, נור ער וועט קענען זיין א גוטער אָגראָדניק (גערטענירער) פאר זייא, זייא צו פארהיטן פון דיא קראָפּע־ווע וואָס וואקסט ארום זייא — — — זייא אָפּטער צו בעפייכטען מיט קלאָרע קוועל וואססער, כדי זייא זאָללען כח האָבען צוא טראָגען גו־טע פרוכט — — — ".

אין פּראָספּעקט דערקלערן די אַרויסגעבער פאַרוואָס זיי זענען צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן א צייטונג אין יידיש (וועגן דעם וועלן זיי נאָך אויך שרייבן אין ערשטן נומער פון זייער צייטונג!):

„מיר ווילען דאָ ניט מאריך זיין צופיהל מחבב צו זיין די זשאַר־גאָנישע שפּראַך בייא אחב"י [אחינו בני ישראל — מ. ק.] דאָס זיי זאָללען אויפהערען צוא קוקען אויף איהר ווי אויף אַן־אַלטע באָבעצע וואָס האָט שוין קיין כח ניט זיך אליין צוא דערשלעפּן, און זייא אויס ווייזען בחוש וויא פאלש זייער מיינונג איז איבער איהר, ווי נוטציג זי איז פאר אונז יודען, וואָס מיר זענען געבאָרען און געוואקסען אין איהר, און איהר גרויססען כח וואָס זיא האָט מגדל צוא זיין אונזערע שוועסטער און ברידער צוא אללע קענטניססע — — — און צוא אללעם גוטען, ווייל ניט דאָ איז דער אָרט צו ריידען וועגען אזא אָנ־ענין וואָס איז שוין גערעדט געוואָרען פון אונזערע בעריהמטעסטע שרייבער און געלעזען געוואָרען פון טויזענדער מענשן, אין אונזער בלאַטט האָפּפען מיר וועגען אונזער מאַמע־לשון צוא ריידען באריכות. דער ווייל בעגניגען מיר זיך מיט דיא עטליכע שורה־לעך וואָס מיר האָבען דאָ געשריבען און מיר גלויבען אז זייא זיינען גאַנץ גענוג

אויפצוווייזען וויא נוטציג עס איז א זשארגאָנישער בלאַטט אין ירושלים".

כדי צו דערגרייכן דעם ציל זייערן, אז די צייטונג זאָל פאַר־שפרייט ווערן, האָבן די אַרויסגעבער געשטעלט א גאַנץ קליינעם פרייז, „הינו גאָר אין פשטות אונטער קרן", און אויף דעם וועג ווענדן זיי זיך צו „אחב"י אין חו"ל" מען זאָל זיי באַהילפיק זיין אויסצו־פירן דעם וויכטיקן פּלאַן דורך דעם וואָס זיי וועלן זיך אבאָנירן אויפן „ארץ־ישראל־יוד" און אויך „ניט זאַלעווען וויכטיגע מאמרים וואָס זאָללען ציללען צום ריכטיגען ציל וואָס מיר האָבען פאַר אונז גע־שטעלט".

אין פּראָספּעקט ווערט אָנגעוויזן, אַז די ערשטע דריי חדשים וועט „דער ארץ־ישראל־יוד" אַרויסגיין נאָר צוויי מאָל אין חודש, „פערנער אָבער וועט ער ערשיינען רעגעלמאססיג אללע וואָך. פון אונ־זער זייט וועלין מיר זיך דיא גרעססטע מיהע געבען אויסציפיינערען דעם ארץ־ישראל יוד־ן אַז ער זאָלל די ווערטה האָבען צו הייסען איין ריכטיגער פאָלקסבלאַט, ביי די ליבהאָבער ציון"ס".

אָט־דער פּראָספּעקט, וואָס די אַרויסגעבער האָבן, ווייזט אויס, צעשיקט אויך אין אויסלאַנד, האָט אַרויסגערופן א קעגנטיקן אָפּקלאַנג אין דעמאָלטיקן „המליץ". אין נומ' 75 פון כ"ח ניסן תר"נ (6 (18) אַפּריל 1890) איז אָט־דעם ענין געווידמעט א לייטאַרטיקל, געשריבן — ווי אַלע לייטאַרטיקלען — פון צעדערבוימען אליין. אָט־וואָס ער שרייבט דאָרטן:

„בשורה חדשה באה אלינו מארץ הצבי, כי בן חדש נתן לה, ילד יולד בקרבה, מ"ע [־מכתב עת — —מ. ק.] חדש בלשון יהודית המדוברת, אשר קראו שמו „דער ארץ־ישראל־איד". מודים אנחנו לקוראינו הנכבדים, כי לא שמחנו ביותר לקראת השמועה הזו, לקראת הצנור החדש אשר יאמרו להשפיע בו כל טוב על דעת הקהל בארץ אבותינו. מודיעים אנחנו מראש, כי לפי שעה אין לנו עסק בתכונת מה"ע החדש ההוא, אשר עדיין לא בא לעולם, בדרכיו ושיטתו. אדרבה, מאמינים אנחנו באמונה שלמה, כי תהי מחשבת עורכיו רצויה תמיד, כי ירדפו רק אחרי הטוב והישר ותמימים יהיו בכל מעשיהם. אבל מסופקים אנחנו מאד, אם יש חפץ במ"ע כזה בארץ הצבי בכלל" [איבערז. — „א נייע בשורה איז אונז אָנגעקומען פון ארץ־ישראל, אַז א נייער זון איז איר געגעבן געוואָרן, אַז א קינד איז ביי איר גע־באָרן געוואָרן — א נייע צייטונג אין דער יידישער אומגאַנגס־שפּראַך, וואָס מ'האָט איר א נאָמען געגעבן „דער ארץ־ישראל־איד". מיר זיי־

נען זיך מודה פאר אונזערע חשובע לעזער, אַז מיר האָבן זיך ניט אױ־בעריקס דערפרייט מיט דעם דאָזיקן קלאַנג, מיט דעם דאָזיקן נייעם קאַנאַל דורך וועלכן מען וויל באאיינפלוסן די עפנטלעכע מיינונג אין לאַנד פון אונזערע אבות. מיר לאָזן צו וויסן פאָרויס, אַז דערווייל גיבן מיר זיך ניט אָפּ מיטן כאראַקטער פון דער דאָזיקער נייער צייטונג, וואָס איז נאָך ניט געקומען אויף דער וועלט, מיט אירע וועגן און איר שיטה. אדרבה, מיר גלויבן באמונה שלמה, אַז דער געדאַנק פון די רעדאַקטאָרן וועט שטענדיק זיין אַ געוואונטשענער, אַז זיי וועלן זיך יאָגן נאָר נאָך דאָס בעסטע און שענסטע און אַז זיי וועלן זיין אָרנטלעך אין אַלע זייערע מעשים. אָבער מיר זענען שטאַרק אין צווייפל, אויב עס איז אין אַלגעמיין פאראַן אַ פאָדערונג פאַר אַזאַ צייטונג אין ארץ־ישראל" — מ. ק.].

דאָ דערציילט צעדערבוים וועגן דעם קאַמף, וואָס אָנהענגער און קעגנער פון יידיש האָבן געפירט מיט עטלעכע חדשים צוריק איבער דעם נוצן פון דער שפראַך און איר ווערט, און צי לוינט צו שרייבן אין איר ביכער פאַרן פאָלק אָדער ניט. „און אויך מיר אין „המליץ" האָבן געגעבן אָרט די אָנהענגער פון דער דאָזיקער שפראַך און אירע קעגנער, ווייל אַזאַ ויכוח איז נאָר אַ טעאָרעטישער און עס לוינט זיך באַציען צו אים מיט אויפמערקזאַמקייט" („וגם אנחנו פנינו מקום ב„המליץ" גם להמצדדים בזכות הלשון הזאת וגם להמתנגדים לה; כי בכל אפן וכוח כזה הוא דבר שבהלכה שראוי להתבונן אליו בשים לב").

צעדערבוימס באַציאונג צו יידיש איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך און עס לוינט זיך אָפּשטעלן אויף אים גענויער 7). דערווייל לאָמיר נאָר פאַרצייכענען זיין באַציאונג צו אָט־דעם ענין און זיין וואָרט אין דער דיסקוסיע:

„אין אַזעלכע ענינים דאַרפן מיר נעמען די זאַכן ווי זיי זיינען און ניט ווי זיי וואָלטן געדאַרפט זיין לויט אונזערע השערות. אויב די אומגאַנגס־שפּראַך איז גוט אָדער ניט — אָבער מיליאָנען מענטשן

7) אַביסל מאַטעריאַל וועגן דעם האָט פאַרעפנטלעכט ש. ל. ציטראָן אין זיין „די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע. 1. פון יאָר 1863 ביז 1889". זע דאָרטן זז. 10—9, 24—23, 34, 49—47, 64—63 און 72—71. — ווי אַ זייטיקער צוגאָב־מאַטעריאַל וועגן צעדערבוימס אינטערעס צו יידיש איז אויך די נאָטיץ פון מ[אַקס] וו[יינרייך] — „אַ פּאָלעמיק צווישן צעבערבוימען און פּרץ מסאָלענסקינען וועגן יידישע דיאַלעקטן", אין „ייוואָ־בלעטער", באַנד 5, נומ' 5—3, מערץ־מאַי 1933, זז. 404—401.

ריידן אויף איר, און אויב מיר קענען ווירקן צום גוטן אויף די דאָזיקע מענטשן מיט וואָסערע ווענן ניט־איז — דאַרפן מיר דאָס טאָן. — — — אַלע וועגן זיינען גוט וואָס פירן צו גוטע צילן — — — — אויב מיר קענען ריידן צו אונזערע ברידער אויף העברעיש — איז אודאי גוט, און אויב מיר קענען ריידן צו זיי נאָר אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך — האָבן מיר אויך קיין רעכט צו אנטזאָגן זיך דערפון. — — — אָבער אומזיסט און אומנישט וועלן מיר זיך איינריידן אויב מיר וועלן טראַכטן צו פאַרוואַנדלען די אומגאַנגס־שפּראַך אין לשון פון יידישן פאָלק — אַזוינס וועט קיינמאָל ניט געשען" [„בעניינים כאלה עלינו לקחת את כל הדברים כמו שהם ולא כמו שהיו צריכים להיות עפ"י השערותינו. אם טובה הלשון מדוברת ואם אין — הנה אלפי אלפים איש מדברים בה, ואם אפשר לנו לפעל על האנשים ההם לטובה באיזה מן דרכים, אז חייבים אנחנו לעשותו. — — — כל דרכים טובים בזמן שהם מוליכים למטרות טובות — — — אם יכולים אנחנו לדבר על לב אחינו בשפת עבר — מה טוב, ואם יכולים אנחנו לדבר באזניהם רק בלשון המדוברת, אז גם מזה אין רשות לנו להניח ידנו — — — אפס הבל ושוא יהגה לבנו, אם נאמר לעשות את הלשון מדוברת ללשון בני ישראל ונחלתו — היה לא תהיה"].

און אומקערנדיק זיך צום עצם ענין שרייבט צעדערבוים אַזוי:

„ . . . אין סבה לנו לשמוח על הולד מ"ע בלשון המדוברת בארץ הצבי. כלנו יודעים אם גם מכאבת לנו הידיעה הזאת עד מאד, כי רוב אחינו בארץ הקדושה אינם מנקיי הדעת, המקפידים בלשונם, המשתדלים לדבר תמיד בלשון נקיה. פעמים רבות אדמו פנינו לשמוע החרפות והקללות והדברים הרעים אשר ידברו שם איש על אויבו ואיש על מתנגדו, דברים אשר לא תרגלנו לשמוע כמוהם בחו"ל, גם בשער הדגים ובשוק של תמחוי" [איבערז. — „מיר האָבן גאָר קיין גרונט ניט צו פרייען זיך אויף דעם וואָס אין ארץ־ישראל הויבט אָן ארויסצוגיין אַ צייטונג אין דער אומגאַנגס־שפּראַך. אונז אַלעמען איז זייער גוט באַקאַנט די ידיעה — הגם זי טוט אונדז זייער וויי — אַז דאָס רוב פון אונדזערע ברידער אין הייליקן לאַנד זענען ניט קיין אדל־לייט, וואָס גיבן שטאַרק אכטונג אויף זייערע רייד, און וואָס באַמיען זיך צו ריידן אויף אַן איידעלן לשון. ניט איינמאָל זענען מיר רויט געוואָרן הערנדיק די זידלערייען און די מיאוסע רייד, וואָס איינער רעדט דאָרט אויס אויפן צווייטן — אַזעלכע רייד, וואָס

מיר דאָ אין חוץ־לארץ זענען ניט געוואוינט צו הערן אפילו אויפן פישמארק און אין דער יאטקע־גאס"].

און אויב אזוינס קען פאָרקומען אין העברעיש, וואָס איז אַ „ריינע שפראך" („לשון נקיה") — היינט ווער ווייס ווי וויט קענען אזוינע זאכן דערגיין אין יידיש, וואָס איז אַ „צומישטער לשון" . . . ביי צעדערבוימען הייסט עס אזוי :

„ואם ככה עושים בלשון הקודש, לשון חכמים וסופרים, מה יעשו עוד בלשון הבלולה, לשון המוכרת דגים בשוק! הלא תאכל הלשון הזאת את יתר הבוש אשר נשארה עוד לפליטה בארץ ההיא וצללו אזנינו לשמוע קול דברים אשר תקוף בהם גם הנפש הגסה בחו"ל. האמנם יוסיפו כל הדברים האלה פאר לארצינו ויוסיפו לחבב אותה על אחינו הנפוצים בכל הארצות? סוף דבר, בכל פנות שאנחנו פונים רואים אנחנו, כי הדבר אשר חשבו לעשות עורכי מה"ע החדש בלשון המדוברת, יהיה לנו לא לעזר ולא להועיל, ולואי שלא יהיה לנו לבשת ולחרפה — — "[איבער. — „און אויב אזוינס טוט מען אויף דער הייליקער שפראך, אַ שפראך פון געלערנטע און שרייבער — טאָ וואָס־זשע וועט מען טאָן אויף דער צומישטער שפראך, די שפראך פון פיש־מארק־יידענעס! אָט־דער לשון וועט דאָך פארלענדן דאָס ביסל בושה וואָס איז נאָך איבערגעבליבן אינעם דאָזיקן לאנד און אונדזערע אויערן וועלן קלינגען הערנדיק אזעלכע ווערטער, וואָס אפילו דער סאמע גראָבער נפש אליין אין חוץ־לארץ וועט זיך מיאוסן מיט זיי. צו וועלן די דאָזיקע אלע זאכן צוגעבן שיינקייט אונדזער לאנד און וועלן איר ווייטער באליבט מאכן צווישן אונדזערע ברידער וואָס זע־נען צעשפרייט איבער אלע לענדער? קורץ: וואו מיר זאָלן זיך ניט קערן און ווענדן — זעען מיר, אז דאָס וואָס די רעדאקטאָרן פון דער נייער צייטונג אין דער אומגאנגס־שפראך רעכענען צו טאָן, וועט אונדז ניט ברענגען קיין הילף און קיין נוצן, און הלואי זאָל עס אונדז ניט זיין צו שאנד און צו שפאָט — — "].

אויף אָט־דעם לייטארטיקל צעדערבוימס איז געקומען דער ענט־פער פון די רעדאקטאָרן פון „ארץ־ישראל יוד" אין ישראל־דוב פרומ־קינס וואָכנבלאט „חבצלת" (אין נומ. 2 פון צוואנציקסטן יאָרגאנג, י"ט אייר התר"ן), וואָס איז ארויס אין ירושלים, וואו זיי שרייבן צווישן אנדערע:

„ — — והנה לשפת יתר תחשב לנו להביא חבילות חבילות של ראיות להראות בעליל נחיצת ספרים או מכ"ע בלשון זשארגאָן לבני עמנו אשר בחו"ל יען כי לא על זה אנו באים לדון, באשר המו"ל

המליץ בעצמו לא יתנגד להרעיון הזה, ועוד הקדיש מקום במכ"ע, לאלה המצדדים בזכות השפה המדוברת המאמינים כמונו כי רק ע"י השפה מדוברת בין רבבות אלפי אחב"י יש לאל ידנו להשפיע רב טוב להמון בני עמנו. אך על דבריו „כי לפי דעתו למותר הוא מכ"ע כזה בירושלים, באשר לא ידע בעד מי נבראהו אחרי כי אין איש בירושלים (לפי דעתו) אשר לא ידע קרא עברית" עליהם אנו באים לדון, ואך עליהם תסוב אופן תשובתנו"[איבער. — " — — מיר האלטן גאָר פאַר איבעריק צו ברענגען פעק מיט ראיות, וואָס זאָלן פאקטיש באווייזן ווי נויטיק עס זענען פאַר די פאָלקס־מאסן אין אויס־לאַנד ביכער אָדער צייטונגען אין דער זשארגאָנישער שפּראַך. ניט וועגן דעם קומען מיר ריידן, ווייל דער ארויסגעבער פון „המליץ" אַליין איז ניט קעגן דעם דאָזיקן געדאַנק. דערצו נאָך האָט ער אָפּגע־געבן אַן אָרט פאַר די אָנהענגער פון רעכט פאַר דער אומגאַנגס־שפּראַך, וועלכע גלויבן אַזוי ווי מיר, אַז נאָר דורך דער שפּראַך וואָס ווערט גערעדט פון מיליאָנען אונדזערע ברידער קענען מיר ברענגען א סך גוטס פאַר אונדזערע פאָלקס־מאַסן. נאָר וועגן זיינע ווערטער „אַז לויט זיין מיינונג נאָך איז אַזאַ צייטונג אין ירושלים איבעריק, ווייל ער ווייס ניט פאַר וועמען ווערט זי געשאַפן נאָכדעם ווי עס איז (לויט זיין מיינונג) ניטאָ אין ירושלים קיין איינער וואָס זאָל ניט קע־נען לייענען העברעיש" — אָט וועגן זיי קומען מיר דאָס ריידן און נאָר וועגן זיי וועט זיין געווענדעט אונדזער ענטפער"].

דאָ ווייזן זיי אויף צעדערבוימען דעם טעות וואָס ער מאַכט ניט וויסנדיק וועגן דער פאַקטישער לאַגע און באַמערקן וועגן „דעם ליגן וואָס עטלעכע יינגלעך האָבן אויסגעטראַכט" („השקר אשר יטפלו נערים אחדים"), אַז העברעיש איז פאַרשפּרייט אין ירושלים. וועגן דעם שרייבן זיי:

„בשם האמת נבקש את בני ירושלים הנאמנים, יקומו נא ויעידו אם נמצא יותר מאיש אחד מדבר עברית בביתו בירושלים, ואם לא לרוב המון בני ציון היקרים אשר עינים להם לראות ובדרך ישר רגליהם לא יכשלו [ ! —מ. ק.] אף כי שפת עבר לא מוזרה להם, אך הספרות העברית החדשה לרובם כספר החתום היא ובמה נסול להם מסילה לשפתנו, ללמדה להבינה ולדבר בה, אם לא נשכים ונאריך לדבר עליהם בשפה אשר יחד את חלב אמם באה אל קרבם, ואשר אך בה יהגו כל מחשבותיהם" [איבערז. — „אין נאָמען פון אמת בעטן מיר די ערלעכע ירושלימער זאָלן זיי זיך שטעלן אין עדות זאָגן, אויב אין ירושלים געפינט זיך מער ווי איין מענטש וואָס רעדט אין זיין

הויז העברעיש 8). און הגם פאַר די מערסטע טייערע ציונס קינדער, וואָס האָבן אויגן און זעען און וואָס אויף אַ גלייכן וועג ווערן זייערע פיס ניט געשטרויכלט איז די העברעישע שפּראַך ניט פרעמד — אָבער פאַר דעם גרעסטן טייל פון זיי איז די נייע העברעישע ליטעראַטור ווי אַ פאַרזיגלטער בוך. און ווי אַזוי זאָלן מיר פאַר זיי אויסטרעטן אַ וועג פאַר אונדזער שפּראַך אַז זיי זאָלן איר קענען פאַרשטיין און ריידן אויף איר, אויב מיר זאָלן אָן אויפהער ניט ריידן צו זיי אויף דער שפּראַך, וואָס איז צו זיי געקומען צוזאַמען מיט זייער מוטערס מילך און וואָס נאָר אויף איר טראַכטן זיי אַלע זייערע מחשבות"].

און מיינענדיק, אַז מיט דער צייטונג טוען זיי אויף אַ גוטע זאַך און האַפנדיק, אַז זי וועט געפינען אַן אָפּקלאַנג צווישן דעם לעזער־עולם — ענדיקן זיי זייער בריוו מיט פאָלגנדע ווערטער מיט וועלכע זיי טוען כלומרשט אַ טובה דעם רעדאַקטאָר פון „המליץ":

„מכירת הגליון נו' 1 מהמכ"ע „דער ארץ־ישראל יוד" תוכיח לנו עד כמה החל ההמון בעצמו להרגיש חסרון מכ"ע כזה שהחל לצאת לאור על ידנו, ותחזק לבבנו לעבוד עבודת העם במקצוע זה, לקרב את העת אשר בו יוכל גם מו"ל המליץ להודיע ידיעה נכונה כי העם אשר בירושלים חציו (לכל הפחות) מדבר עברית צחה, ואז, נאמין גם אנחנו כי לא יהי' עוד שום צורך למכ"ע זשארגאָני" [אי־בערז. — „דער פאַרקויף פון ערשטן נומער פון דער צייטונג „דער ארץ ישראל יוד" וועט אונדז ווייזן ווי ווייט דער המון אַליין האָט אָנגעהויבן צו פילן דעם מאַנגל פון אַזאַ צייטונג וואָס מיר האָבן אָנגעהייבן אַרויסצוגעבן; און שטאַרקן וועט זיך אונדזער האַרץ כדי צו טאָן די פאָלקס־אַרבעט אויף אָט־דעם געביט, כדי צו דערנענטערן די צייט ווען אויך דער אַרויסגעבער פון „המליץ" וועט קענען צו וויסן געבן אַ ריכטיקע ידיעה, אַז (לכל הפחות) העלפט ירושלימער ריידן אַ ר י י נ ע ם העברעיש — און דאַן וועלן מיר גלויבן, אַז מ'באַדאַרף שוין מערניט קיין זשאַרגאָנישע צייטונג"].

* * *

מיר קענען איצט צוגיין צו דער צייטונג גופא און זען, ווי אַזוי די אַרויסגעבער פון „ארץ־ישראל־יוד" Solomon Epstein et Samuel

---

8) געמיינט א ל י ע ז ר ־ ב ן ־ י ה ו ד ה ן (1922 — 1858), דעם העברעישן לעקסיקאָגראַף, וועלכער האָט איינגעפירט ביי זיך אין דער היים העברעיש ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך, און איז אייגנטלעך דער „פאָטער פון העברעיש אַלס אומגאַנגס־לשון („אבי הדבור העברי") אין ארץ־ישראל).

Rafalovich (ווי זיי זענען אונטערגעשריבן אויפן פּראָספּעקט!) האָבן אויסגעפירט די אויפגאַבן וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט ביים אַרויסגעבן די צייטונג.

דער ערשטער נומער פון דעם „ארץ־ישראל יוד" איז אַרויס אין ירושלים י"ב אייר תר"ן (2 מאַי 1890) מיט אַן אויבער־קעפּל "Yüdish-Deutsche Ausgabe des Hazewi"[9] און מיטן אונטער־קעפּל „אַ זשאַרגאָנישע „אונפּאַרטייאישע" צייטונג ערשיינט וואכענטליך אין ירושלים ת"ו [־תבנה ותכונן — מ. ק.], באַשטייט פון פיר זייטן אין קוואַרט־פאָרמאַט (22 ס"מ ביי 31 ס"מ) און געדרוקט „בדפוס של הרב ר׳ יצחק הירשענזאהן[10] פעיה"ק ירושלים ת"ו". ער איז אויך אָנגעגעבן פאַרן פאַראַנטוואָרטלעכן רעדאַקטאָר (Gerant J. Hirschenson).

אינעם לייטאַרטיקל „פון׳ם ארץ־ישראל יוד" דערקלערן די אַרויסגעבער נאָכאַמאָל פאַרוואָס זיי זענען צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג אין ירושלים:

„געוויסס וועט יעדער פּראַקטישער מענש נייגעריג זיין צו וויסען דיא סבה וואָס האָט אונז מעורר גיווען אַרויסצוגעבען אַ זשאַרגאָנישעם בלאַטט אין ירושלים ת"ו, וואָס איז אונזער צוועק דער מיט,

---

9) „הצבי", אַ וואָכנבלאַט פאַר חבת־ציונדיקע עגינים אונטער דער רעדאַקציע פון אליעזר בן־יהודה, אַרויס אין ירושלים אין די יאָרן 1900—1884. דער „ארץ־ישראל־יוד" פיגורירט אַלס ביילאַגע צום „הצבי" נאָך צוליב דעם וואָס אַרויסצובאַקומען אַ „פירמאַן", אַ דערלויבעניש פון דער רעגירונג איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. די בקשה וועגן דעם האָט געדאַרפט אַוועקגיין דירעקט קיין סטאַמבול, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און דאָרטן פלעגט מען אַזאַ דערלויבעניש אַרויסגעבן נאָר אַ טערקישן בירגער. אַן אויסלענדער פלעגט אַזאַ „פירמאַן" פאַר קיין פאַל ניט באַקומען. נייע צייטונגען פלעגן דעריבער אַרויסגיין ווי הוספות צו דער שוין־עקזיסטירנדיקער.

10) אַ תלמוד־פאָרשער געב. אַרום 1844 אין פינסק. אַלס קינד געקומען מיט זיין פאָטער ר׳ יעקב־מרדכי קיין ירושלים. געווען ראש־ישיבה אין דער ישיבה „סוכת־שלום", וואָס זיין פאָטער האָט געגרינדעט. געזאַמלט אַלטע ספרים און מאַנוסקריפּטן און כדי זיי צו פאַרעפנטלעכן, האָט ער אין 1883 געגר. אַ דרוקעריי אין ירושלים. אַ ריי תלמודישע אָפּהאַנדלונגען פאַרעפנטלעכט אין לומדישן אָרגאַן „המסדרונה" און אין שאול־פנחס ראַבינאָוויטשעס (שפ"ר) „כנסת ישראל".

צוזאַמען מיט זיין ברודער ח י י ם אַרויסגעגעבן אין י. 93—1892 אַ י י ד י ש וואָכנבלאַט מיט נקודות, „הצבי לבית יעקב", וואָס איז אַרויס אַלס ביילאַגע צום „הצבי". געשט. 8 אָקטאָבער 1896 אין לאָנדאָן.

אָדער צו וואָס פאַר אַ ציל ווילען מיר דאָ, מיט אַזאַ מין צייטונג פיהרען, ס'וועט דערום ניט איבעריג זיין, ווען מיר וועלען וועגען דעם ענין אַ ביסעלע זיך דורך שמעס־ן".

אויפוועקן דעם געזעלשאַפטלעכן חוש ביי די ירושלימער יידן, אויפהויבן זיי פון זייער גייסטיקער געפאַלנקייט און אויפמונטערן זיי אין זייער עקאָנאָמישער דעפּרעסיע, דערנענטערן די אויסלענדישע יידן צו די ארץ־ישראלדיקע — דאָס זענען די צילן פון „ארץ־ישראל יוד".
„מיר וועלען זיין אַ מונד פאַרן פאָלק — שרייבט (ראַפאַלאָוויטש ?) — און אַלע וועלכע אינטערעסירען זיך שטענדיג צו וויססען די ריי־נע וואַרהייט, ווערדען שטענדיג פונ'ם אונפּאַרטייאישען ארץ־ישראל יוד'ן ריכטיגע ידיעות בעקומען, ער וועט אי"ה [־אם ירצע השם — מ. ק.] דעם ריינעם אמת דער'ציילען, באופן קיינעם פערזענליך צו בעליידיגען, און וועט געבען כבוד דעם וואָס איז ווערטה — — —".

אין צווייטן אַרטיקל „דער פריהלינג אין ארץ־ישראל" צעלאָזט זיך צוערשט דער שרייבער אריה לייב לעווין 11) מיט מליצות וועגן דעם „שמייכלענדען פריהלינג" און וועגן דער ערד, וואָס „האָט פון זיך אַרונטער געצויגן איהרע טרויער־קליידער, און האָט אויף זיך אַרויפגעצויגען אַ גרינעם מאַנטעל פערפּוצט מיט קאָליראָווע בלומען און שמעקענדע רויזען" און גייט נאָכדעם אַריבער צו אַ פּראָזאאישער שילדערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פונעם יידישן ישוב אין ירושלים. ער ווייזט אָן, אַז פרילינג איז דער סעזאָן ווען אין לאַנד קומען אַ סך טוריסטן און פון זיי פּראָפּיטירן נאָר די קריסטן. דעם יידישן האָטעל, דעם יידישן באַלמעלאָכע און קרעמער מיידן זיי אויס. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס אויף יעדן פּנים פון „אונזערע אומגליקליכע ברידער — — שוועבט אַ שוואַרצער וואָלקען. יעדע־רער איז פאַר יאַג'ט און פערצאַג'ט, פערברייננגט זיינע יאָהרען אין דחקות און אין צרות, פער'רוקט אין דיא שמוציגע גאַסען, אין די ענגע דירות, דער הונגער פּלאַגט איהם צו הויז, און דער פערדאָרבע־נער לופט אין גאַס, גלייך וויא דיא וועלט איז ניט פאַר איהם באַ־שאַפען געוואָרען — — — ".

אין זעלבן אַרטיקל טרעט דער שרייבער אויך אַרויס קעגן דער אַלגעמיין־פאַרשפּרייטער מיינונג, אַז דער ארץ־ישראלדיקער ייד איז אַ

11) געווען אַ ייד אַ סוחר, געקומען אַלס קליין קינד קיין ירושלים. שפּעטער איז ער געווען ארץ־ישראלדיקער קאָרעספּאָנדענט פון לאָנדאָנער „צייט" אָדער „די פּאָסט".

בטלן, א טויגעניכטס, א שנאָרער. „ניין, ליבע ברידער! — רופט אוים דער שרייבער פונם ארטיקל — דער ארץ ישראל יוד איז אויך א מענש מיט אללע מענשין גלייך — — — ער זוכט נעביך מיט אללע זיינע קרעפטען, זיין שטיקעל ברויט מיט זיין שווערען שוויים צו פאַר־דינען — — — יעדער איינציגער האָרעוועט יעדערער זוכט צו גע־פינען זיין לעבענ׳ס מיטעל, אבער לײדער איז זיין גאנצע מיהע אומ־זיסט, ווייל אידישע בעלי מלאכות זיינען שוין מעהרער פאַר די בעלי בתים, סוחרים מעהרער פאַר קונים — — —און דיא אידען קאָנקור־רירען איינער דעם צווייטען, אין דעם קלענסטען לעבענסצווייג חאַפּען זיך הונדערטער מענשין אָן, ביז דער דארער צווייגעלע ברעכט זיך איבער און וואַרפט ארונטער זיינע אָרימע אָנהיינגער, וועלכע זינקען אין זייער אַלט־בעקאַנטע אָרימקייט".

דערנאָך קומט א „בריף צום ארץ־ישראל יוד" געשריבן אין א הומאָריסטישן טאָן וועגן דעם דערשיינען פון דער צייטונג, געחתמעט „א געבאָרענער שניידער". „אז איך בין אַן עם הארץ — איראָני־זירט גוטמוטיק דער „געבאָרענער שניידער" — קענט איהר דאָך אליין פאַרשטיין וואָרום אז ניט וואָלט איך אזוי ניט נתפעל געוואָרען פון א זשאַרגאָנישע צייטונג וועלכע וועט ערשיינען אין ירושלים. ווער עס האָט נאָר א מוח אין קאָפּ דער פאַרשטייט, אז נאָר א בור, נאָר א גראָבער יונג קען פיהלען א טעם פון אזא שפּראַך וויא דיא זשאַרגאָ־נישע איז. אָבער חאַפּט נאָר ניט, מיינט ניט אז איהר זענט שוין יוצא, אנ׳ עם הארץ אליין דאַרף נאָך אויך ניט אזוי דערפרייט ווערין פון א זשאַרגאָנישע בלאַטט, אשר על כן מיינע ליבע רעדאקטערס מוז איך אייך צו לייגען אז איך בין נאָך עפּעס, איך בין א שניידער — — נא וואָס קען אזא מענש ווי איך, און נאָך אנדערע אזוינע טהון, אז זייא ווילען פאַרט עפּעס וויססען?"

און אקעגן דעם וואָס די רעדאַקטאָרן פון דער צייטונג האָבן צוגעזאָגט צוריידן באריכות „וועגען אונזער מאַמע לשון", שרייבט דער „געבאָרענער שניידער" אזוי: „בייא מיר האָבען די ווערטער אייערע א פּנים אזוי וויא איינער א בעל אכסניא וואָלט מיר וועלען אוים ווייזען מיט ראיות ברורות, אז עססען איז זעהר גוט און נוטציג, בשעת מיר פאַלט ארוים די נשמה . . . „פע!" וואָלט איך איהם גי־זאָגט, „וואָס טייג מיר דיא איבעריגע רייד? גיב עססען און געגנוג".

ווייטער קומט א פעליעטאָן „כתבים פון אנ׳־עולה־רגל" און צוויי רובריקעס „וואָס הערט זיך אין ארץ־ישראל און „וועלט־נייעס".

מיט דעם שליסט זיך אַפּ דער ערשטער נומער.

דער צווייטער נומער, וואָס איז אַרויס דעם 16 מאַי, הייבט זיך אָן מיט אַזאַ מעלדונג: „הגם מיר האָבען אין אונזער מודעה (ד. ה. פּראָספּעקט — מ. ק.) געשריבען, דאָס די ערשטע דריי חדשים וועט דער ארץ ישראל יוד ערשיינען נור איין מאָל אין צוויי וואָכען, אָבער ווייל דער היגער עולם, פאַרלאַנגט זעהער דאָס בלאַט, האָבין מיר מבטל גיוועז אונזער רצון, און פון דעם נומער אָן וועט „דער ארץ ישראל יוד" ערשיינען אַלע וואָך".

דאָ זענען שוין פּאַר אַרויסגעבער און רעדאַקטאָרן אָנגעגעבן שלמה עפּשטיין און שמואל ראַפּאַלאָוויטש (אויפן ערשטן נומער האָבן זיי נאָך זייערע נעמען ניט אַרויסגעשטעלט און אַלס פאַראַנטוואָרט־לעכער רעדאַקטאָר איז אָנגעגעבן יצחק הירשנזאָן!).

קיין מודעות זענען נאָך אין דעם נומער ניטאָ. אַקעגן־זשע איז פאַראַן אַ בריוו־קעסטל פון דער רעדאַקציע א. נ. „דער בריעף־טרע־גער", וואו צווישן אַנדערע איז פאַראַן אַן ענטפער אינעם ר' פייטיל ב"ר יונה, וואָס באַציט זיך צו צעדערבוימס אַרויסטריט אין „המליץ" קעגן דעם „ארץ־ישראל יוד": „אייער עצה דאָס דער בעל המליץ זאָל אַ הער קומען זעהן דעם מספר פון די וואָס רעדען לשון הקדש — קאָנט איהר דירעקט צו איהם שרייבען, ער פערשטייט זשאַרגאָן אויך".

דעם ערשטן אָגאָנס געפינען מיר אין נומער דריי פון דער צייטונג. עס איז אַ מודעה אין פאָרם פון אַ שמועס:

„— וואָס האָסטו באַצאָלט פאַר דיין קאַפּטען, ירוחם?

— ער קאָסט מיר זעהר טייער!

— דאָס איז, ווייל דו האָסט ניט גיקויפט ביי ישעיהו ראַפּאַלאָ־וויטש אַקעגין ר' לייב אַפּטייקער אין דער יודישער גאַס.

ער פערקויפט אמתיע גוטע דמשקיער סחורה זעהר ביליג".

אין דעם זעלבן נומער שרייבט איינער אַ לעזער אין אַ בריוו צו די „ליבע רעדאַקטאָרען" צווישן אַנדערע אַטוואָס: אז איך האָלט שוין יאָ מיט אייך אין שמועסין וועל איך אייך שוין פאַר איינס בעטען, איר זאָלט ניט אָננעהמען אין אייער בלאַט אַן־אַרטיקעל וואָס עס ווערט גירעדט אַנקעגין די שפה ברורה 12). איך קען דאָך אייך,

12) „שפה ברורה" — אַ חברה, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יענע יאָרן מיטן ציל צו פאַרשפּרייטן העברעיש ווי אַ גערעדטן לשון אין שטוב און אין גאַס. צווישן די מיטגרינדער אירע זענען געווען ד"ר ד'אַרבעלאַ, ישראל דוב פרומקין, יחיאל־מיכל פינעס, חיים הירשנזאָן און אַנדערע.

און ווייס געווים דאָס איהר אַליין זענט אויך פון די אוהבי שפת עבר, היינט ווי אזוי קענט איהר אָננעמען ארטיקלען וועלכע בעליידיגען די חברה?"

אויף דעם קומט אונטען אין א באמערקונג דער ענטפער פון דער רעדאקציע: „דער ארץ ישראל יוד איז אונפּארטייאיש, און דארום קענען מיר ניט פארמאכען די טיר פאַר א שרייבער וועלכער שרייבט זיינע מיינונגען, ער מאג אפילו בעריהרען אזעלכע ענינים וואָס מיר האַלטען דוקא פון זיי".

פאר דער באמערקונג האָט די רעדאקציע זוכה געווען צו א פּאָלעמישן ענטפער פון איינעם ישראל לעווי, וועלכער לערנט איר פשט, וואָס איז אזוינס אומפּארטייאישקייט: „איך זעה דארויס (פון דער רעדאקציאָנעלער באמערקונג — מ. ק.), דאָסס די רעדאקציע האָט ליידער א פאַלשען בעגריף פון „אונפּארטייליכקייט" און דאָס קאָנן זעהר פיל שאדען ברענגען דעם כלל. — — — „אמת" האָט נור אזוי לאנג א גרויססען ווערטה, כל זמן עס גרענעצט ניט מיט „חוצפּה": אזוי באַלד אָבער עס געהט שוין אריבער דעם גבול, איז דאָס שוין ניט „אמת" זונדערן „חוצפה". אָט דארין ליעגט די קונסט פון א רעדאקציע: זי זאָלל קאָנען מפריש זיין צווישען „אמת" אונ „חוצפה". א צייטונג איז אפילו טאקי א רשות הרבים, וואו יעדער מאג געהען און פאָהרען; דאָך האָט יעדער בעזונדער דאָס רעכט אונ די שומרים פון א רשות הרבים — די התחיבות ניט צו לאָזען, אז יעדער זאָלל טהון אינ'ם רשות הרבים אזא זאך, וואָס פּאססט ניט. פרייהייט איז א גאַנץ גוטע זאך, כל זמן די פריי־הייט פאַר איינעם מאכט ניט ענג די איבריגען".

אָט־דער ארטיקל, וואָס הייסט „עשו סיג לתורה" האָט ווידער ארויסגערופן אן ענטפער — אן ארטיקל מיטן נאָמען „סיג לכחמה שתיקה", אין נומ' 5 „ארץ־ישראל יוד": „ — — — ס'האָט מיר שטארק געפרייט צו זעהען אזא נוצליכע זאך, א צייטונג וואָס איז אונפּאַרטייאיש עקזיסטירט אין א שטאָדט וועלכע איז פערטהיילט אין פערשידענע פּארטייען, אין משונה'דיגע חברות מיט מאָדנע אי־דעען — — — ליידער איז אָבער מיין גאַנצער פערגעניגען געשטערט געוואָרען לעזענדיג דעם ארטיקעל „עשו סיג לתורה" אינם נומ. 4 וועלכער איז געקומען מחריב צו זיין דעם איידעלען וואָרט „אונפּאר־טייאיש", דורך א טרוקענע פילאָזאָפיע וועלכע מיין פּשוט'ער מוח וויל באין אופן ניט פערשטעהן . . . אויף צו ווייזען ווי דער פלפול

איז פאַלש רעכען איך פאַר איבעריג, ווייל יעדער פאַרשטענדיגער לעזער פיהלט געוויס, ווי זויער די ווערטער זיינען״.

לעזער האָבן טענות צו דער צייטונג ניט נאָר וועגן איר אומפּאַרטייאישקייט, נייערט אויך וועגן אופן פון רעדאַקטירן איר און וועגן דער שפּראַך פון די געדרוקטע אַרטיקלען. אויב דער צוועק פון דער צייטונג איז אויסצובעסערן דעם כאַראַקטער פון דעם ארץ־ישראלדיקן יידן — האָט טענות „איינער פון אייערע לעזער״, טאָ „פאַר וואָס זאָלט איהר ניט זוכען אויס צו בעססערען דעם ארץ ישראל יודען, טאַקי מיט אַלעמען? איך מיין גאַנץ פּשוט טאַקע מיט דער שפּראַכע אויך, וואָס איז? צו דער גוטער יאָהר האָט זיי גענומען די ארץ ישראלניקעס, זיי קענען טאַקע באמת קיין בעסערע אויסשפּראַכע ניט פאַרשטעהען וויא למשל: „געד ווי געט״, „פּאַמאָציוועןּ״ אָדער „דער עלטערער יונגעל איז דאָס נאָך איהם אַ נאָהמען״ אָדער „נאָמיך ניט זינדיגען מיט דיא רייד״ און נאָך אַזעלכע צאינה וראינהדיגע אויסדריקע, מיט זייערע חינעזישע ווערטער. וואָס איז עפּעס? באשר דאָס בלאַטט איז ניט קיין לשון הקודש בלאַטט מעג מען שוין שמירען אין דעם מיט וואָס עס איז? צי ווייל מיר זענען ניט קיין שפה־ברורה־ניקעס, דאַרף מען אונז קאַליע מאַכען דעם מאָגען מיט אַ פאַרדאָרבענער שפּראַכע — — — צו קענען דען אייערע שרייבערס ניט בעסער שרייבען? — — — פון אַזעלכע אויסדריקע ווי איך האָב אויבען אָנגעוויזען, איז געוויס רעכט איהר זאָלט אייער בלאַט רייניגען; וועט איהר דאדורך אַ ביסעל רייניגען די שפּראַכע; און דער ארץ ישראל יוד וועט ביסליך וויים מיט אַ ריינער שפּראַכע געוואָהנט ווערען״.

אין דעמזעלבן נומער ווערט אין דער רובריק „וואָס הערט זיך אין ארץ־ישראל״ פאַרצייכנט אַ פאַקט, ווי אַזוי דער עולם וואָס איז געקומען הערן אַ דרשה האָט געפאָדערט פון בעל־דרשן ער זאָל ריידן יידיש און ניט העברעיש. געווען איז דאָס אין צוזאַמענהאַנג מיטן זיבעציק־יאָריקן געבוירנסטאָג פון דעם באַקאַנטן רב עוזריאל הילדעסהיימער 13). דער ירושלימער רב ר׳ חיים הירשנזאָן האָט לכבוד

---

13) 1820—1899. איינער פון די פירנדיקע פערזענלעכקייטן פון אָרטאָדאָקסישן יידנטום אין צווייטן העלפט פון 19 יר״ה. געשטרעבט צו אַ סינטעז צווישן יידישער טראַדיציע און מאָדערנער קולטור. זיין וויסנשאַפטלעך הויפט־ווערק איז די עדיציע פון „הלכות גדולות״ לויט אַ וואַטיקאַנישן כתב־יד. מיטאַרבעטער אין יידיש־דייטשע וויסנשאַפטלעכע צייטשריפטן, ווי „אָריענט״, „איזראַעליט״, „יידישע פרעסע״ א. אנד.

דעם בעל היובל געהאלטן א דרשה. „האָט ער אפילו אָנגעהויבען צו דרש'ן אויף לשון קדש אין דיא ספרדישע הברה, נור ווייל דער רוב עולם האָט איהם ניט פארשטאנען, האָט ער מבטל געווען רצונו פאר רצון אחרים און האָט אין מיט'ן אָנגעהויבן רעדען אויף פּראָסט אידיש, און דער עולם האָט שטארק הנאה גיהאט".

אין דער רובריק „וועלט־נייעס" טרעפט זיך אמאָל א פּאסיק קעפּל פאר א ידיעה, א שטייגער: „א יקרות אויף דרשות. סטענלי (דער באקאנטער ענגלישער רייזנדער און אפריקע־פּאָרשער — מ. ק.) פלעגט פאר עטליכע יאָהר צוריק, נעהמען פיר זיינע א דרשה פינפצעהן פונד שטערלינג, און יעצט, נעהמט ער ניט ווייניגער פון דריי הונדערט פונד".

שוין איינמאָל איראָניזירט איבער אים, לאָזט שוין די רעדאק־ציע ניט ארויס א צווייטע געלעגנהייט צו שרייבן וועגן אָט־דעם סטענלי: „דער געוויססער סטאנליי וועלכער האָט זיין לעבען אין סכנות געשטעלט מיט זיין נסיעה צו די שווארצע אין אפריקא און איז פון זיי קוים מיטן לעבען ארויס, האָט יעצט בדעה זיך ווייטער אין סכנות צו שטעללען — ער וויל חתונה האָבען . . ."

אין זעקסטן נומער פון „ארץ־ישראל יוד" (4 יולי, 1890) איז פאראַן א מעלדונג פון שמואל ראפּאלאָוויטשן „צו די געעהרטע לעזער פונ'ם ארץ ישראל יוד", וואו ער לאָזט צו וויסן, אז „צוליב פיעל סבות, וועלכע האָבען מיר אין מסחר געשטערט, האָב איך מיין אנטהייל אין די רעדאקציאָן איבער געגעבען צו ה' עפּשטיין", דעם פריערדיקן מיטרעדאקטאָר פון דער ציטונג, וועלכער האָט רעדאק־טירט נאָר די לעצטע צוויי נומערן.

צי האָט די ציטונג פאַרמאָגט א סך לעזער און געהאט א גרויסן אָפּגאנג — איז שווער צו זאָגן. גיכער לאָזט זיך עס באשטי־מען נעגאטיוו. אמת טאקע, אז אויסער אין לאנד גופא איז זיך די ציטונג אויך צעגאנגען אין אויסלאנד — „אמעריקע, ניו־יאָרק און פּיטסבורג, פראנקרייך, לאָנדאָן און מזרח־פּרייסן" — ווי מען קען עס זען פון דער רשימה פון די ציטונגס־אגענטן, וואָס איז אָפּ־געדרוקט אין נומ' 6.

א גרויסע שולד — אפשר, טאקע, די גרעסטע — איז געלעגן אין דער ציטונג גופא. זי איז געווען מאָגער אין אינהאלט, ארים אין אינפאָרמאציע און מערסטנטייל זיך פארנומען נאָר מיט מאמרים־טיקע. עס האָט איר געפעלט לעבנס־אָטעם, און דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס זי האָט קיין סך ניט אויסגעהאלטן.

אין איר ווענדונג „אָן די לעזער", געדרוקט אין נומ׳ 8, דעם לעצטן נומער פון דער צייטונג (ס׳איז, אגב, צו באַמערקן, אַז די שפּראַך פון די נומערן וואָס עפּשטיין האָט רעדאַקטירט איז מער דייטשמעריש!) שרייבט די רעדאַקציע, אַז „דער ארץ־ישראל־יוד" האָט אויף „זיין דריי חדשימדיקע רייזע" באַגעגנט אַ סך שטערונגען. „פון זיין ערשטן טריט אָן עד היום הזה האָט ער דעם שטעקין פון דער האַנד ניט געקאָנט אַוועק לאָזען, ער האָט זיך אַלץ געמוסט וועהרען פון עזי נפש וועלכע האָבען איהם געוואָלט לעבעדיגער הייט צעררייסען, דער פון איין זייט, און יענער פון דער אַנדערער זייט. פּאַרמאַטערט פאַר יאָגט האָט ער זיך קוים אין זיין ערשטע סטאַציאָן אריינגעחאַפּט, דאָ וועט ער זיך אַביסעלע אָברוהען און בעטראַכטען מיט וואָס פיר כלים ער קען ווייטער זיין רייזע מאַכען".

זיין „רייזע" האָט שוין „דער ארץ־ישראל־יוד" ווייטער ניט געמאַכט. מיטן אַכטן נומער (אַרום דעם 18 יולי 1890) האָט זיך די צייטונג אָפּגעשטעלט 14).

א. ר. מלאכי גיט אָן אין זיין אַרטיקל „העתונות הירושלמית" 15), אַז „דער ארץ־ישראל יוד" איז אונטערגעגאַנגען פאַר דער צייט צוליב מאַנגל אין אַבאָנענטן און צוליב דעם וואָס עס האָט אויסגעפעלט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש („ . . . אך גם הוא (ס׳הייסט: „דער ארץ־ישראל יוד" — מ. ק.) נקטף מעודנו באבו מסבת מעוט מנויים ומהעדר רשיון מיוחד").

צוגעבנדיק דערצו נאָך דעם „אידעאָלאָגישן" צוגאַנג פון די רעדאַקטאָרן ביים אַרויסגעבן דעם „ארץ־ישראל יוד" (זע אויבן אין זייער ענטפער־בריוו צו צעדערבוימען), איז קלאָר, אַז קיין אריכות ימים האָט די צייטונג ניט געקענט האָבן.

14) איך וויל דאָ אויסבעסערן דעם טעות, וואָס איז צוליב מיין שולד אַריין אין זלמן רייזענס לעקסיקאָן, צווייטער באַנד, וואו כ׳האָב ביי רפאלי — ראַפּאַלאָוויטש אָנגעגעבן, אַז פון „ארץ־ישראל־יוד" זענען דערשינען נאָר פ י ר נומערן.

15) געדרוקט אין א. מ. לונצס „לוח ארץ־ישראל" פון יאָר 1910, ז. 135.

## א. גאָלדבערג

# דער יידישער פאַך־זשורנאַליזם אין אַמעריקע

### הקדמה

אין משך פון דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט זענען אין די פאַרייניקטע שטאַטן אַרויסגעגעבן געוואָרן צענדליגע טעכניש־עקאָנאָמישע צייטשריפטן, טעגלעכע, וועכנטלעכע, מאָנאַטלעכע און יערלעכע, — אַן ערך אַ דריט־חלק פון וועלכע עקזיסטירן נאָך היינט־צו־טאָג הויפּטזעכלעך אויף דעם יידישן שפּייזהאַנדל געביט.

די געשיכטע פון אָט־דעם מין יידישן פאַך־זשורנאַליזם איז אייגנטלעך די געשיכטע פון דעם גאַנצן טעכניש־עקאָנאָמישן פּרעסע־וועזן; וואָרום, הגם אין אַמעריקע ווערן געדרוקט איבער 600 פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע זשורנאַלן, איז די צאָל יידישע צייטשריפטן צווישן זיי אויף אַלע געביטן, אַ חוץ דעם שפּייז־פאַך, זייער קליין און אומבאַדייטנדיק.

### דער יידישער שפּייז־האַנדל אין אַמעריקע.

דער יידישער שפּייז־מסחר ווי אַ קרן־קימתדיקע אינסטיטוציע, האָט זיך דאָ אין לאַנד איינגעפונדעוועט אין די 80ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. אין משך פון יענעם פעריאָד פון דעם גרויסן שטראָם פון יידישער אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע, זענען טויזנטער איינגעוואַנדערטע רוסישע, פּוילישע, גאַליצישע, רומענישע יידן א. א. וו. — אַריינגעקומען אין דעם שפּייז־האַנדל. דער דאָזיקער עלעמענט איז דאָס רוב באַשטאַנען פון היימישע קרעמערלעך, פּאַרמיטלער, אַגענטן, כלי־קודש און סתם „לופט־מענטשן", מייסטנס פון שלום־עליכמס אומשטערבלעכן מנחם־מענדל טיפּ . . .

אַזוי ווי עס איז פאַר זיי געווען שווער בייצוקומען דעם האַרבן ענגלישן לשון, און זיי האָבן זיך ניט געקענט צופּאַסן צו „אַמעריקע גנבם" — ווי זיי האָבן עס גערופן — געשעפט־מעטאָדן, איז די דאָזיקע מענטשן אויסגעקומען צו פירן אַ שווערן ביטערן קאַמף פאַר עקזיסטענץ. אָבער אַ ייד גיט זיך אַן עצה; האָט מען געהאַלטן דאָס

געשעפט אָפן 15—18 שעה אַ מעת־לעת, איינגעשפּאַנט אין יאָך דאָס ווייב מיט די קינדער, רעדוצירט די הוצאות (געוואַלגערט זיך אין אַ פּאָר חשכדיקע חדרימלעך הינטער דער קראָם) און געשניטן דעם פאַרקויף־פּרייז פון די אַרטיקלען עד שאול תחתיה . . .

ווען עס איז אָבער געקומען דער „יום־הדין" און מ'האָט ניט געקענט משלם זיין פאַר די געקויפטע פּראָדוקטן, און דער „האָלסיי־לער" האָט געסטראַשעט צו פאַרקויפן דאָס געשעפט מיט האַק און פּאַק אויף ליציטאַציע, האָט מען גענומען זוכן מיטלען ווי אַזוי צו ראַטעווען זיך פון דער קריטישער לאַגע.

האָבן גראָסערי־לייט־קאָנקורענטן, פריערדיקע דם־שונאים, זיך פריינדלעך דורכגעשמועסט, פאַררופן אַן אסיפה און געגרינדעט אַ פּאַך־אַסאָציאַציע.

ווי לאַנג די אָרגאַניזאַציע האָט זיך געהאַלטן, וואָס האָט זי אויפ־געטאָן פאַר די מיטגלידער—מכח דעם, זענען קיין געשריבענע רע־קאָרדס ניט בנמצא. דער איינציקער שפּור, וואָס איז פאַרבליבן פון יענע גוטע אַלטע ציטן איז אַ צירקולאַר־בריוו, אָפּגעדרוקט מיט 54 יאָר צוריק, וואָס גייט נאָך איצט אַרום פון האַנט צו האַנט אין גראָ־סערי־קרייזן. דרוך אָט־דעם צירקולאַר ווערן די גראָסערילייט גערופן צו אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין יוני 1882, אין בעטהאָוון האָל, ניו יאָרק, פון דער „ניו יאָרק ריטייל גראָסערס יוניאָן".

פון דעם ראָזיקן צירקולאַר דערוויסט מען זיך מכח צוויי אינטע־רעסאַנטע פאַקטן: 1) אַז דער צוזאַמענשטעל פון דער על־כל־פּנים ערשטער „גראָסערס"־פּאַך־אַסאָציאַציע" איז געווען אַ קאָסמאָפּאָלי־טישער (עס וואַרפן זיך אין די אויגן נעמען: יידישע, דייטשישע, אַמעריקאַנישע א. א. וו.) און 2) אַז די זעלביקע פּראָבלעמען, וואָס זע־נען געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיט די „טאַטעס און זיידעס" פון די היינטיקע גראָסערילייט, זענען אויך על פּי רוב, די פראַגעס אויפן טאָג־אָרדנונג פון די „זין און אייניקלעך" גראָסערילייט פון אונדזער מאָדערנער צייט . . .

דערמיט קומט דער סיום פון דער ערשטער תקופה אין דעם אָר־גאַניזאַציאָנעלן לעבן פון די גראָסערילייט.

## די צווייטע תקופה

אַ ריכטיקע ממשותדיקע פּערמאַנענטע אָרגאַניזיר־באַוועגונג צווישן „גראָסערילייט", אַ באַוועגונג וואָס עקזיסטירט נאָך ביז היינ־

טיקן טאָג און פּירט אָן מיט אַ פאַרצווייגטער טעטיקייט, איז אַנט־שטאַנען אין דער צווישנצייט פון די יאָרן 1907—10.

די ערשטע זעלבסטשטענדיקע יידישע „גראָסערי אסס'ן" איז געגרינדעט געוואָרן אין בראָנזוויל, ניו יאָרק, אין יאָר 1907. אין משך פון די קומענדיקע עטלעכע יאָר זענען אַזעלכע אסאָציאַציעס געגרינדעט געוואָרן: — איינע אין וויליאַמסבורג (ברוקלין), צוויי אויף דער „איסט סייד", ניו יאָרק, איינע אין האַרלעם און שפּעטער — איינע אין בראָנקס.

אָט־די אַלע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן געטאָן וויכטיקע אַר־בעט לטובת הגראָסערימאַן, און הגם זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן פּריינט־לעך איינע מיט די אַנדערע, האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן מיט זייער טע־טיקייט בלויז אויף זייערע רעספּעקטיווע טעריטאָריעס; קיין אַלגע־מיינע קאָאָרדינירטע פאַרבינדונג צווישן די אסס'נס איז נאָך ניט געווען.

ערשט שפּעטער אין יאָר 1912, ווען עס זענען צוגעקומען נייע קאָמפּליצירטע פאַך־פּראָבלעמען און גזירות, און די לאָקאַלע גרופּעס האָבן זיך ניט געקענט ספּראַווען מיט זיי, איז געגרינדעט געוואָרן אַן אַלגעמיינער „קאָמיטעט פון 25" מיט דעם צוועק צו שאַפן אַ צענ־טראַלע קערפּערשאַפט פאַר אַלע לאָקאַלע אסס'נס.

דאָס ערשטע, וואָס דער קאָמיטעט האָט אונטערגענומען אויף אָט־דעם געביט, איז געווען די גרינדונג — אין יאָר 1912 — פון אַ אייגענעם וועכנטלעכן פאַך־אָרגאַן.

אונטער דער השפּעה פון אָט־דער ערשטער מאָדערנער אסס'ן־צייטונג איז אין דעם זעלביקן יאָר געגרינדעט געוואָרן און אין יאָר 1913 געזעצלעך אינקאָרפּאָרירט געוואָרן די ערשטע צענטראַלע אָרגאַ־ניזאַציע פון יידישע גראָסערלייט אין אמעריקע „די פעדעראַציע פון די יידישע ריטייל גראָסערס אסס'נס אינק."

## ביבליאָגראַפיע

### אַ „פענצטער צייטונג".

איידער איך טרעט־צו צו דער באַשרייבונג פון די אַקטועלע צייטשריפטן, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון און פאַר דעם יידישן שפּייז־ און „גראָסערי"־פאַך, האַלט איך עס פאַר אַ „היסטאָ־רישן" חוב צו דערמאָנען — וגם חרבונה זכור לטוב — דעם ערשטן

רעדאַקטאָר אויף דעם דאָזיקן געביט און זיין „געניאַלע" דערפינדונג פון אַ אָריגינעלער טשיקאַווער צייטונג, די „פענסטער צייטונג".

דאָס איז געווען מיט עטלעכע און פופציק יאָר צוריק, ווען אויסניצנדיק די אומוויסנהייט פון די יידישע גראָסעריליט פון יענעם דור בנוגע פרייזן אויף גראָסערי־אַרטיקלען, פלעגן איינִיקע ניט־ערלעכע „האָלסיילערס" באַרייסן די גראָסעריליט רעכענענדיק פאַר די סחורות וויפיל זיי האָט זיך געגלוסט. איז אַ גראָסערימאַן (זיין נאָמען האָב איך, ליידער, ניט געקענט דערגיין), געפאַלן אויף אַ המצאה: ער פלעגט אויסגעפינען די ריכטיקע מאַרק־פרייזן — פון די ענגלישע פאַך־צייטונגען, מסתמא — פון די גאַנגבאַרסטע גראָסערי־אַרטיקלען, פלעגט עס אַרויפשרייבן אויף אַ גרויסן טאָוול און אַרויס־שטעלן די „צייטונג" אין אַ גאַס־פענצטער פון זיין וואוינונג אויפן אונטערשטן שטאָק, ערגעץ אין עסעקס גאַס, נ. י.

די גראָסעריליט האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם, און „מאַרבע פנות ניו יאָרק" פלעגן זיי פּילגרימירן אין מאַסן צו דער „רעדאַק־ציע" לייענען די „צייטונג", שטייענדיק אויפן טראָטואַר און פאַר־צייכנענדיק ביי זיך אין אַ ביכעלע די פרייזן . . .

## 1. „דער גראָסערימאַן"

דערשינען אין יאָר 1908, אונטערגעגאַנגען אין יאָר 1912, רע־דאַקטירט פון אַלעקסאַנדער שייקעוויטש (אַ ברודער פון נחום שאָמער־שייקעוויטש), וועלכער איז אויך געווען דער „כותב וחותם וסופר ומונה" — אַרויסגעבער, רעדאַקטאָר, געשעפט־פאַרוואַלטער, רעקלאַ־מען־אַגענט און נאָך און נאָך. „דער גראָסערימאַן" איז געווען אַ קליין אָרים צייטונגל, קליין און אָרים אין פאָרמאַט, אינהאַלט און רעדאַקטירונג. די שפּראַך איז געווען אַן אַלט־פּרענקישער זשאַרגאָן, און די פאַך־פּראָבלעמען זענען באַהאַנדלט און באַלויכטן געוואָרן אויף אַ זייער פּרימיטיוון אופן.

א. שייקעוויטש האָט אויך צוזאַמענגעשטעלט און אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם, אַ „שלחן ערוך" פאַר יידישע גראָסעריליט, וואָס זיין ליטעראַרישע ניוואָ איז ניט געווען העכער פון דעם „גראָסערימאַן". פונדעסטוועגן מוז מען אָנערקענען, אַז פאַר פיל גראָסעריליט פון יענער צייט האָבן די דאָזיקע צוויי אויסגאַבעס געבראַכט געוויסע נוצן, געבנדיק זיי לפּחות די עלעמענטאַרע „אַליף־בית"־כללים פון געשעפט־פירונג.

ווען עס זענען פאַרן גראָסערי־פאַך אַנטשטאַנען נייע קאָמפּלי־צירטע פּראָבלעמען, מיט וועלכע „דער גראָסערימאַן" איז שוין ניט געווען ביכולת צו ספּראַווען זיך, איז ער אונטערגעגאַנגען אין עטלעכע חדשים אַרום נאָך דער דערשיינונג פון אַ מאָדערנער צייטשריפט, וועגן וועלכער עס ווערט גערעדט אין נעקסטן קאַפּיטל.

## 2. מאָדערנע יידישע צייטשריפט אין דעם „גראָסערי"־פאַך

„דער וועגווייזער".

דערשינען אין יאָר 1912, שפּעטער געענדערט דעם נאָמען אויף „דער גראָסערימאַנס וועגווייזער און מאָדערנער ביזנעסמאַן", אונטער־געגאַנגען אין יאָר 1921. דער רעדאַקטאָר פון „וועגווייזער", פון אָנ־הויב ביזן סוף, איז געווען א. גאָלדבערג. ביזן יאָר 1916 געווען גע־דרוקט בלויז אין יידיש, דערנאָך אין יידיש און ענגליש. טיראַזש 2500. — אַ וואָכנבלאַט.

ווי די ערשטע מאָדערנע „אַסס'ן" פאַך־צייטונג, האָט דער „וועג־ווייזער גלייך פון אָנהויב אָן געהאַט פאַר זיך פיל פּראָבלעמען.

ווען די רעדאַקציע האָט געמאַכט אַ גרינטלעכע פאָרשונג פון דער שפּייז אינדוסטריע און האַנדל אין לאַנד, האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף דער פאָלגנדיקער אַבנאָרמאַלער דערשיינונג:

די שפּייז אינדוסטריע אין אַמעריקע איז די גרעסטע און רייכסטע אין לאַנד. זי האָט אַ יערלעכן אומזאַץ פון אַריבער (לויט די לעצטע סטאַטיסטישע פאָרשונגען) 12 ביליאָן דאָלאַר.

עס איז אויסגערעכנט געוואָרן, אַז וואָסערע 9 מיליאָן פאַמיליעס זענען געווענלעך אָדער טיילווייז אָפּהענגיק מיט זייער חיונה פון אָט־דער אינדוסטריע.

די „גראָסערי ביזנעס" ווייס ניט פון קיינע סעזאָן־וואַקלונגען און אפילו שלעכטע צייטן גרייפן זי אָן ווייניקער ווי עס איז דער פאַל אַמאָל מיט אַלע אַנדערע אינדוסטריעס און פאַכן. והאָ ראיה: אין צייט פון דעם לעצטן עקאָנאָמישן קריזיס איז די שפּייז און גראָ־סערי אינדוסטריע געווען פון די יחידי סגולה, וואָס זענען אַרויס כמעט אומבאַשעדיקט: עסן דאַרף מען דאָך אַלעמאָל!

און טראָץ דעם אַלעס איז דער פּראָצענט פון יידישע גראָסערי־לייט, וואָס פאַרדינען אָן אָנשטענדיקן לעבן, זייער קליין, און די גרוי־סע מאַיאָריטעט פון זיי פירן אָן אָרים געמאַטערט לעבן.

די הויפּט אורזאַך דערפון, ווי די רעדאַקציע האָט אויסגעפונען, איז די אָפּוועזנהייט — און דאָס איז אויך גילטיק פאַר פיל אַנדערע יידישע פאַכן — פון עלעמענטאַרער טעאָרעטישער בילדונג אָדער קענטניש צווישן דאָס רוב יידישע גראָסערילייט.

איך וועל אָט־דעם געדאַנק אילוסטרירן מיט א פּאַראַלעל: איי־דער דער ניט־יידישער גראָסערימאַן באַשליסט צו גיין אין א געשעפט זעלבסשטענדיק, ווידמעט ער פיל יאָרן צו פּאַרפולקאָמען זיך אין דעם פאַך. ער קומט אָן אין א גראָסערי־קראָם אלס שיק־יינגל, דער־נאָך ווערט ער א „קלערק" (אָנגעשטעלטער), אין מאַנכע פאַלן, א פּאַרוואַלטער, דערנאָך א „סיילסמאַן" (פאַרקויפער) אין א הורט־געשעפט („האָלסייל") אָדער פאַבריק א. א. וו. און בלויז נאָכדעם ווי ער מאַכט דורך אָט־די ספּאַרטאַנישע שולע און זאַמלט אָן שיינע עטלעכע טויזנט דאָלער, עפנט ער א „גראָסערי־סטאָר". ער פירט זיין געשעפט מיט א טאַלק, מיט א סיסטעם, אַרבעט נאָר־מאַלע שטונדן, לעבט נאָרמאַל, נעמט אריין א גענוגנדיקע צאָל אָנגע־שטעלטע, שטעלט זיך א מעסיקן ריוח אויף די אַרטיקלען און „מאַכט א לעבן". ער איז א מיטגליד פון זיין פאַך־אָרגאַניזאַציע, אַבאָנירט זיך אויף עטלעכע פאַך־זשורנאַלן, און איז גוט אינפאָרמירט בנוגע אַלץ, וואָס עס גייט אָן אין זיין אינדוסטריע בכלל און זיין פאַך בפרט.

און דערצו נאָך באַרייכערט כסדר דער ניט־יידישער גראָסערימאַן זיין באַגאַזש פון וויסן דורך נאָך א קוואַל.

די פעדעראַלע אַדמיניסטראַציע (האַנדל מיניסטעריום, אַגריקול־טור־מיניסטעריום, אַרבעט־מיניסטעריום, די פעדעראַלע טרייד קאָמי־סיע, א. א. וו.) האַלטן אויף צענדליקע ביוראָס מיט עקאָנאָמיסטן עקספּערטן, סטאַטיסטיקער א. ד. גל. די דאָזיקע ספּעציאַליסטן פאָרן כסדר ארום פון שטאָט צו שטאָט און מאַכן אונטערזוכונגען פון גראָ־סערי־קראָמען, געפינען אויס די פעלערן און די רעזולטאַטן ווערן גע־דרוקט און פאַרעפנטלעכט אין בוכשטעבלעך טויזנטער צייטשריפטן, בראָשורן, צירקולאַרן, ביכער א. ד. גל.

דאָס רוב ניט־יידישע גראָסערילייט באַנוצן זיך מיט אָט־דעם אוצר פון מאַטעריאַל. אָט־די קאָמבינאַציע פון פּראַקטישער און טעאָרעטישער פאַך־קענטניש באַוואָפנען דעם סוחר מיט אימוניטעט אַנטקעגן „כל צרה שלא תבוא"־קריזיסן, „קייטן"־קראָמען וכדומה.

א גאַנץ אַנדער — פּאַטעטיש — בילד זעט מען צווישן יידישע גראָסערילייט. דער יידישער גראָסערימאַן גייט ניט אריין, אין ס'רוב פאַלן, אין אָט־דעם סאָרט האַנדל צוליב דעם, וואָס ער האָט א ספּעציי־

על̈ן באַרוף דערצו אָדער צוליב פּריערדיקער דערפאַרונג. גראַד פאַר־קערט: ער טוט עס ווייל ער מיינט, אַז צו עפענען א „גראָסערי סטאָר" פאָדערט זיך ניט קיין קאַפּיטאַל און ניט קיין פאַך־קענטניש... סקראָבעט ער צונויף א פּאָר הונדערט דאָלאַר, באַזאָרגט זיך מיט קרעדיט פון א טוץ „הורט־סוחרים, זוכט אויס א קוואַרטאַל, וואו עס געפינען זיך שוין 3—5—8 שפּייז־קראָמען, און עס הויבט זיך אָן א סדרה פון אומדערבאַרימדיקער האַלדזשניידנדיקער קאָנקורענציע. פון קיין פאַך־זשורנאַלן וויל ער ניט וויסן (דערפאַר איז דער דורכשניט־לעכער טיראַזש פון יידישע שפּייזשריפטן ניט גרעסער ווי א פּאָר טויזנט אין דער צייט וואָס איינציקע ענגלישע שפּייז־פאַך־צייטשריפטן האָבן אַזוי פיל ווי 70 טויזנט לייענער).

די מאַסע רעגירונג פאַך־ליטעראַטור מיט איר האַרבער טערמי־נאָלאָגישער „עברי" איז פאַר אים „כינעזיש", און ער האַלט גלאַט ניט פון אַזעלכע „מאַניפאָרגעס". דאָס רוב יידישע גראָסערילייט האַלטן זיך פאַר „כלנו חכמים, כלנו נבונים — יעדער איינער פון זיי איז א רעדאַקטאָר, אַן עקאָנאָמיסט, א כעמיקער, א געזונטהייט קאָמי־שאָנער און . . . וואָס ניט ?

**זיין** פאַך־אָרגאַניזאַציע „האָט ער אין דער **אדמה**", און, זייענדיק אַבסאָלוט אומפּאָרבאַרייטעט, איז ער דער ערשטער אויף דער פייער־ליניע פון אונטערגאַנג, לויט דעם דאַרוויניסטישן געזעץ פון „איבער־לעבונג פון די אַמבעסטן צוגעפּאַסטע".

האָט זיך די רעדאַקציע אונטערגענומען, קודם כל, צו באַקעמפן דעם גראָסערימאַנס גרעסטן שונא, דעם גראָסערימאַן אַליין . . . זי האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַלע געהעריקע רעגירונגס־אַנשטאַלטן באַקומען זייער טעכנישע פאַך־ליטעראַטור און געדרוקט דעם מאַטעריאַל אין א פּשוטער אומטעכנישער איבערזעצונג אין מאַ־מע־לשון. זי האָט זיך אויך פאַרזאָרגט מיט דער מיטאַרבעטערשאַפט פון רעגירונגס־באַאַמטע פאַך־ספּעציאַליסטן כלל־טוער, אַדוואָקאַטן א. א. וו.

האָט אָנגעפירט אַן ענערגישן קאַמף קעגן איינציקע אומעטישע הורט־סוחרים, דרוקנדיק א לאַנגע סעריע לייט־אַרטיקלען אונטערן טיטל „די רויב פויגלען", דורכגעפירט א דערפאָלגרייכע קאַמפּאַניע פאַר קירצערע אַרבעטשטונדן, שבת־שליסן א. א. וו., האָט דערפאָלג־רייך באַקעמפט די דאַמאָלסדיקע אַנטיסעמיטישע טענדענצן פון די אינספּעקטאָרן פון דעם געזונטהייט־דעפּאַרטמענט, האָט געגרינדעט אַן איינענע „סאַניטאַרישע ביורא", וואָס האָט לויט אַן אָפיציעלער

דערקלערונג פון געזונטהייט קאָמישאָנער דר. ע. לעדערלי גורם גע־
ווען, אז 75% יידישע גראָסערי־קראָמען זענען געוואָרן סאַניטאַריש.

דער „וועגווייזער" איז געווען אינסטרומענטאַל אין דער גרינ־
דונג פון א צענטראַלער קערפּערשאַפט, די פעדעראַציע פון יידישע
גראָסערילייט, און האָט אָנגעפירט א ביטערן קאַמף און פּאָלעמיק
מיט דער יידישער טעגלעכער פּרעסע. די יידישע זשורנאַליסטיק פון
יענער צייט האָט ניט געוואוסט „מה דקאמרי רבצין" מכוח עקאָנאָ־
מישע אַלגעמיינע און פאַך־פּראַגעס און פלעגט אָפט אַטאַקירן דעם
גראָסערימאַן „שפּילנדיק צו דער גאַליאָרקע" און איבערחזרנדיק די
נארישע מעשיות פון אומוויסנדיקע ווייבער, אז ער, דער גראָסערי־
מאַן, ימח שמו! פאַראורזאַכט דעם יקרות . . .

(למען האמת מוז געזאָגט ווערן, אז אין די לעצטע צייטן האָבן
די יידישע צייטונגען געענדערט זייער טאַקטיק און געוואָרן פריינד־
לעך צו די יידישע גראָסערילייט: זיי דרוקן באַריכטן וועגן דער טע־
טיקייט פון די גראָסערילייטס אָרגאַניזאַציעס א. א. וואָס איז אגב
אורחא אויך א גוטע סגולה צו קריגן רעקלאַמעס פון שפּייז־פאַברי־
קאַנטן . . .).

אין צייט פון דער וועלט־מלחמה איז דער רעדאַקטאָר פון „וועג־
ווייזער" באַשטימט געוואָרן דער אָפיציעלער פאַרטרעטער פון דעם
פאַך אין אייניקע קאָמיטעטן פון דער פעדעראַלער שפּייז־אַדמיניס־
טראַציע אונטער עקס־פּרעזידענט הואָווער (וועלכער זייענדיק דער
האנדל־מיניסטער פלעגט פון צייט־צו־צייט דרוקן זיינע צושריפטן
אין דעם „וועגווייזער").

צו דער געלעגנהייט פון דעם „וועגווייזערס" יובילײ אין יאָר
1916 האָט פּרעזידענט וואודראָו ווילסאָן צוגעשיקט דעם רעדאַקטאָר
פון „וועגווייזער" א לאַנגע טעלעגראַמע, לויבנדיק זיין אויפקלערנדיקע
נוצלעכע אַרבעט צווישן די גראָסערילייט.

פאָרויסזעענדיק די געפאַר מצד די „קייטן"־קראָמען, וואָס זענען
דאַמאָלסט געווען א זעלטנהייט אויף דער יידישער גאַס, האָט דער
„וועגווייזער" פּראָפּאַגאַנדירט פאַר דער עטאַבלירונג פון קאָאָפּעראַ־
טיווע גרופּן צווישן די יידישע גראָסערילייט.

די רעדאַקציע האָט אויך צוגעצויגן א רייע פּראָמינענטע פּערזאָ־
נען, וואָס האָבן גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער גראָסערי־באַוועגונג.
צווישן זיי זענען געווען: לואי מאַרשאַל, דר מאַגנעס (דאַמאָלט פּרע־
זידענט פון ניו יאָרקער יידישער קהילה), רבי דר. ב. דראַכמאַן; קאָנ־
גרעסלייט: סיגל, דיקשטיין, און אנדערע; געזונטהייט־קאָמישאָנערס

ס. קאָופּלאַנד (איצט יו. עס. סענאַטאָר), „סופרים קאָורט" ריכטער לו־איס, ריכטער יעקב שטראל; דר. הענרי מאָסקאָוויץ (ערשטער קאָמי־שאָנער פון די ניו יאָרקער שטאָטישע עפנטלעכע מערק, וואָס האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיינע אַרבעטן פאַר די אָרגאַניזירטע יידישע גראָסעריליט אין דעם צוקער־מאַנגל, אין מלחמה צייטן), בן־הרב נייטן ד. שאַפּיראָ, עקס אַסעמבלימאַן און פּרעזידענט פון דער ברוקלינער יידישער צדקה־פעדעראַציע, (אַ באַוואוסטער ברוקלינער אַדוואָקאַט), ה. ה. דזשאָנס, געוועזענער געהילף פון דזשאַן מיטשעל, פּאָרזיצער (אין שטאַט ניו יאָרק) פון דער פעדעראַלער שפּייז־אַדמי־ניסטראַציע, יוסף סאָקאָלאָף, ערן־פּרעזידענט פון דער (יידישער) „גרייטער ניו יאָרק האָלסייל גראָסערס אַסס'ן", הערי ט. טהוירשוועל, אַדוואָקאַט און ענגלישער שריפטשטעלער, דזשאַן וואָלש, געוועזענער פינאַנץ־רעדאַקטאָר פון דער אַמאָליקער „ניו יאָרק וואָרלד", אוירווינג סיבאָשניק, שפּייז־„בראָקער", און אַנדערע.

## 3. די „שפּייז־צייטונג".

געגרינדעט אין יאָר 1923 ווי אַ וועכנטלעכע צייטונג, אין יידיש און ענגליש, אונטערן נאָמען „דער שפּייז־זשורנאַל" ביז יאָר 1924, ווען דער נאָמען איז געענדערט געוואָרן אויף די „טעגלעכע שפּייז־צייטונג", וואָס איז פאַרבליבן ביז איצט. די צייטונג פלעגט דאַן דערשיינען 5 מאָל אַ וואָך (אַ חוץ שבתים און יום־טובים).

אין יאָר 1927 איז די צייטונג איבערגענומען געוואָרן פון דעם ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענעם הערמאַן ל. ווײַנער, דעם באַקאַנטן צייטונג־מאַן, פּיאָנער אויפן געביט פון רעקלאַמע־אַגענטורן, וואָס האָט די „שפּייז צייטונג" פאַרבעסערט און פאַרגרעסערט אויף אַ געהויבע־נעם מאַסשטאַב מיט אַ גרויסן רעדאַקציע־פּערסאָנאַל און געשעפט־אָנגעשטעלטע.

די רעדאַקטאָרן זענען, אין כראָנאָלאָגישער אָרדנונג, געווען אַ. ל. אַראָנאָוו, ג. ה. גארווין — פון יאָר 1926 ביז 1933; אַ. גאָלד־בערג, מיט־רעדאַקטאָר און רעדאַקטאָר פון דער ענגלישער אָפּטיילונג — פון 1930 ביז 1932 — דר. מרדכי כץ, ז. שוסטער, י. מ. לעווינ־סאָן, מ. ה. פּעסין, פאַרוואַלטונג־רעדאַקטאָר, און דר. ה. פראַנק, מיטרעדאַקטאָר. (אין דער צייטונג האָבן אויך מיטגעאַרבעט: אָסיף דימאָוו, י. קיסין און אַנדערע באַקאַנטע יידישע שרייבער). איר טיראַזש איז געווען 3,200 — 2,200.

די „שפּייז־צייטונג" האָט געדרוקט נייס און אינפֿאָרמאַציעס פֿון דער שפּייז און גראָסערי וועלט; אַ מאַרק־„פּולס" און פּרייזקוראַנט, אַלגעמיינע אַרטיקלען פֿון אינטערעס פֿאַר דעם יידישן „גראָסערי־און דעירי"־מאַן.

די צייטונג איז לכתחילה געווען דער אָפּיציעלער אָרגאַן פֿון דער „יידישער גראָסערס אַסס'ן פֿון גרייטער ניו יאָרק" און אירע פֿיליאַלן. שפּעטער איז זי געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, דער „אומאָפּיציעל־אָפּיציעלער" אָרגאַן פֿון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס.

ה. ל. וויינער האָט אין משך פֿון די יאָרן 1931־27 פֿאַקטיש פֿינאַנסירט די צענטראַלע קערפּערשאַפֿט — די „יידישע גראָסערס אַסס'ן".

אין יאָר 1931 האָט די „שפּייז־צייטונג" געהאָלפֿן גרינדן דעם „דעירי פּראָדוקטס, אינק.", קאָאָפּעראַטיוו פֿון דער אַסאָציאַציע. אָבער צוליב מיינונג־פֿאַרשיידנקייטן צווישן דעם געשעפֿט־פֿאַרוואַלטער פֿון דער „שפּ.־צייט." (דעם איצט שוין אויך פֿאַרשטאָרבענעם ס. נ. הורוויץ) פֿון איין זייט, דעם הויפּט־פֿירער פֿון דעם קאָאָפּעראַטיוו (דעם אַגראָנאָם ב. בראון), פֿון דער צווייטער, און דער גראָסערס פֿירערשאַפֿט, פֿון דער דריטער זייט, האָט זיך דער קאָאָפּעראַטיוו אויפֿגעלייזט, און די גראָסערילייטס אַסאָציאַציעס האָבן זיך אָפּיציעל צוריקגעצויגן פֿון דער „שפּייז־צייטונג".

זינט יאָר 1933 איז די צייטונג אַרויס 3 מאָל אַ וואָך: 2 מאָל אין יידיש און ענגליש, און איין מאָל בלויז אין ענגליש. אַלס רעזולטאַט פֿון דעם פּלוצלינגן טויט פֿון פּ. ל. וויינער, איז די „שפּייז־צייטונג" אונטערגעגאַנגען אין אָקטאָבער 1936.

## 4. דער יידישער „ריטייל שפּייז־הענדלער".

געגרינדעט אין יאָר 1927 ווי אַ יידישע חודש־שריפֿט, זיך געדרוקט ביז יאָר 1928. רעדאַקטירט געוואָרן פֿון אַ קאָלעגיע גראָסערילייט אַסס'ן־טוערס; א. גאָלדבערג איז געווען דער לייט־אַרטיקל שרייבער. טיראַזש אַרום 1200.

## 5. דער „יידישער גראָסערימאַן".

די דאָזיקע צייטונג איז פֿון יאָר 1923 ביז 1925 אַרויסגעגעבן געוואָרן הויפּטזעכלעך אין די אינטערעסן פֿון די פֿירמעס, וואָס האָבן זיך רעקלאַמירט אין „פֿאָרווערטס" — פֿון דעם געשעפֿט־דעפּאַרט־

מענט פון דעם יידישן „פאָרווערטס" ווי א חודש־אויסגאַבע. די רעדאַקטאָרן זענען געווען די באַקאַנטע יידישע שרייבער: לאַנדוי און זאָלאָטאָווי. דער טיראַזש איז געווען א 10—11 טויזנט (די צייטונג פלעגט געשיקט ווערן אומזיסט צו די גראָסערילייט).

אין יאָר 1925 האָט די צייטונג איבערגענומען די צווייטע צענט־ראַלע קערפּערשאַפט, „די גרייטער ניו יאָרק פּראָטעקטיוו גראָסערס און דעירימענס אסס'ן". אונטער דער רעדאַקציע פון א. גאָלדבערג (1926 — 1930).

דער „איד. גראָס." איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א מאָדערנער אויפקלערנדיקער צייטונג, ביז יאָר 1928 ווי א וואָכנבלאַט, דערנאָך ביז 1929, ווי א טעגלעכע, און פון 1929 ביז 1931, צוריק א וועכנט־לעכע, מיט א טיראַזש פון א פּאָר טויזנט. דער „איד. גראָסער" איז אויפגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1931.

די אנדערע רעדאַקטאָרן — אין כראָנאָלאָגישער אָרדנונג — זענען געווען: דר. צבי כהן, ז. וויינפּער, נפתלי גראָס און ב. שילמאַן.

## 6. דער „אינדעפּענדענט גראָסערימאַן".

אין יאָר 1931 האָט טש. אַקערמאַן (געוועזענער פּרעזידענט פון דער „גרייטער ניו יאָרק פּראָטעקטיוו גראָסערס אסס'ן" און עקס־פאַרוואַלטער פון „איד. גראָס."), געגרינדעט דעם „אינדעפּענדענט גראָסערימאַן" ווי א וועכנטלעכן יידיש־ענגלישן פאַך־אָרגאַן, וואָס ער איז פאַרבליבן ביז היינטיקן טאָג.

די רעדאַקטאָרן זענען געווען, פון יאָר 1931 ביז איצט; ב. שילמאַן (יידיש), פ. שוואַרצמאַן (ענגליש).

אין 1936 איז דער רעדאַקטאָר פון דער ענגלישער אָפּטיילונג מאַרק גאָלדבערג־ גילבערט (א זון פון א. גאָלדבערג). דער טיראַזש איז 4־5 טויזנט.

די הויפּט־טעטיקייט־ספערע פון דעם „אינדעפּ. גראָס." איז אין די בראָנקס, וואו עס געפינט זיך די צענטראַלע קערפּערשאַפט „יוניי־טעד אינדעפּענדענט ריטייל גראָסערס ענד פוד דילערס אסס'ן, אינק." און א צאָל פאַרבינדעטע לאָקאַלע גראָסערס אסאָציאַציעס, אין די בראָנקס און אויך אין ברוקלין, פון וועלכע די דאָזיקע צייטונג איז דער אָפיציעלער אָרגאַן.

דער „אינדעפּ. גראָסער." איז די „רייכסטע" פון אַלע ניו יאָר־קער יידישע גראָסערי־צייטשריפטן אין דעם פּרט פון רעקלאַמע־הכנסה.

א חוץ די געוויינלעכע פאַך־אַרטיקלען, נייסן, פּרייז־ליסטעס א. א. וו., גיט די צייטונג אָפּ פיל אָרט פאַר באַריכטן מכּוח דער טעטיקייט פון די פאַך־אַסאָציאַציעס, וואָס זי רעפּרעזענטירט, און פאַר פּראָפּאַגאַנדע צו פאַרבעסערן דעם מצב פון די גראָסערילייט.

## 7. „גראָסערס בולעטין".

דערשינען אין יאָר 1933 ווי א יידיש־ענגלישע חודש־אויסגאַבע, איז אַרויסגעגאַנגען מיט הפסקות ביז יאָר 1936, ווען די צייטונג איז דאָ ניט לאַנג אָפּגעשטעלט געוואָרן. געווען הויפּטזעכלעך דער אָפּי־ציעלער אָרגאַן פון דער „בראָנזווילער אידישער גראָסערס אסס'ן". טיראַזש 1000; רעדאַקטירט געווען פון א קאָלעגיע. לעצטנס ווי־דער אָנגעהויבן דערשיינען.

## 8. די „גראָסערס שטימע".

דערשינען אין יאָר 1933 ווי א יידיש־ענגלישער מאָנאַטלעכער זשורנאַל און אָפיציעלער אָרגאַן פון דער „אידישער גראָסערס אסס'ן". רעדאַקטירט געווען פון א קאָלעגיע. אין יאָר 1934 נאָך אַ הפסקה איבערגענומען געוואָרן פון דער „וויליאַמסבורג פוד מוירטשענטס אסס'ן". פון דעצעמבער 1934 ביז מערץ 1936 רעדאַקטירט גע־וואָרן פון א. גאָלדבערג, ווען די צייטונג האָט זיך „פאַרשמאָלצן" מיט א נייעם זשורנאַל. טיראַזש אַרום 800.

## 9. דעם „גראָסערימאַנס פריינט".

דערשינען אין יאָר 1934 ווי א מאָנאַטלעכער יידיש־ענגלישער זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פון דער „גראָסערס און דיירימענס אסס'ן פון איסט ניו יאָרק". פון אַפּריל 1935 ביז מערץ 1936. רעדאַק־טירט געוואָרן פון א. גאָלדבערג, ווען דער זשורנאַל האָט זיך אויך „פאַרשמאָלצן" מיט דעם אויבנדערמאָנטן נייעם זשורנאַל. טיראַזש אַרום 500.

## 10. דער „גראָסערימאַנס קאָונסילאָר" (ראַטגעבער).

דערשינען אין יאָר 1936 (נאָכפאָלגער פון „גראָס. שטימע", און „גראָסערימאַנס פריינט") ווי א חודש־זשורנאַל, אין יידיש און ענג־ליש, אַרויסגעגעבן פון זעקס אַסאָציאַציעס פון גראָסערילייט, וואָס

האָבן זיך פאַרייניקט אונטער דעם נאָמען „דער ריטייל גראָסערס קאונסיל פון ברוקלין". רעדאַקטאָר א. גאָלדבערג. טיראַזש 1200-1000. אין אָקטאָבער, 1936 אויפגעגעבן געוואָרן, אפּטרעטנדיק דעם אָרט פאַר א נייער טעגלעכער ציימונג.

---

א חוץ די דערמאָנטע ציימונגען און זשורנאַלן זענען דערשינען א צאָל פאַך־צייטשריפטן אין ניו יאָרק, אין דעם גראָסערי־פאַך, וואָס האָבן עקזיסטירט א קורצע צייט. די וויכטיקסטע פון זיי זענען גע־ווען:

## 11. דער „יידישער ביזנעס רעקאָרד".

רעדאַקטירט און ארויסגעגעבן פון סעמועל מייסאָן,

## 12. די „יידישע שפּייז־גאַזעט",

ארויסגעגעבן פון דעם פארשטאָרבענעם יחזקל שרהזאָן, רעדאַק־טירט פון א. גאָלדבערג,

## 13. דער „מאָדערנער שפּייז־סוחר",

רעדאַקטירט פון לעאָן סאַווידזש, טרייד־און־פּאַרוואַלטונג רע־דאַקטאָר א. גאָלדבערג,

## 14. דער „אַמעריקאַנער ביזנעסמאַן",

א חודש־זשורנאַל פאַר אַלע יידישע שפּייז־פאַכן, רעדאַקטירט פון א. גאָלדבערג;

## 15. „די יידישע שפּייז־הענדלערס וואָכנבלאַט",

ארויסגעגעבן פון דער „ריטייל גראָסערס פעדעראַציע, אינק." רעדאַקטאָר א. גאָלדבערג.

## 16. אַ נייער טיפּ שפּייז־פאַך צייטשריפט.

צו דער „משפחה" פון יידישע פּעריאָדישע שריפטן אין דעם שפּייז־פאַך קומט איצט צו א נייער מיטגליד. די „מאָרגן־פרייהייט" פירט איין א „פּיטשור", א „שפּייז און גראָסערי טריידס" פולע 8 שפּאַלטיקע זייט. דער דאָזיקער נייער „פרייהייט"-„פּיטשור" ווערט

אוועקגעשטעלט אויף א ברייטן מאַסשטאַב ד. ה. די צייטונג וועט צושיקט ווערן אין אַלע שטעט, וואו עס געפינען זיך יידישע שפּייז־הענדלער, — און וואו געפינען זיי זיך דען ניט? — און וועט שפּע־טער אויך באַדינען די אינטערעסן פון די אַנדערע דיוויזיעס, אָדער צווייגן, אין דער שפּייז־אינדוסטריע. אָט־די אָפּטיילונג ווערט רעדאַק־טירט פון א. גאָלדבערג.

## 17. „דער יידישער ביזנעסמאַן".

(דערשינען אין יאָר 1924 עקזיסטירט נאָך). דאָס איז א שיי־נער אינהאַלטסרייכער, גרויסער חודש־זשורנאַל, אין יידיש און ענג־ליש, דער אָפיציעלער אָרגאַן פון די פאַרייניקטע יידישע גראָסערילייט פון קאַליפאָרניע דערשיינט אין לאָס־אַנדזשעלעס. א חוץ דעם גע־וויינלעכן לייען־מאַטעריאַל פון א מאָדערנער פאַך־צייטשריפט איז דאָרט פאַראַן א ספּעציעלע „פרויען אָפּטיילונג" און א זייט פאַר דער יוגנט אָנגעפירט פון דער „יאָנג דזשואיש מערטשענטס ליג". דער רעדאַקטאָר איז ב. ל. גערען. טיראַזש — אומבאַקאַנט.

## 18. „דער יידישער שפּייז־סוחר".

אויך א שיינער אינהאַלטסרייכער מאָנאַטלעכער יידיש־ענגלישער זשורנאַל; ווערט געדרוקט אין שיקאַגע, און איז דער אָפיציעלער אָר־גאַן פון די „אינדעפּענדענט ריטייל גראָסערס אַסס'נס" פון דער „רי־טייל דעליקאַטעסן אינדוסטריע" און פון דער „אינדעפּ. דעליקאַטעסן אַסס"ן פון שיקאַגע". האָט אויך א ספּעציעלע דעטראָיטער אָפּטיי־לונג. געגרינדעט אין יאָר 1932. רעדאַקטאָר — נחמן דרווזוב. טיראַזש — אומבאַקאַנט.

## 19. „די יידישע בעקערס שטימע".

דערשינען אין יאָר 1914 ווי „דער פאַרמיטלער", איצטיקער נאָמען זינט יאָר 1926—„די יידישע בעקערס שטימע". דאָס איז א גרויסער וועכנטלעכער זשורנאַל אָנגעפּיקעוועט מיט גרויסע פּעטע רע־קלאַמעס. ווערט געדרוקט אין די אינטערעסן פון די יידישע בעקע־ריי־אייגנטימער אין אַמעריקע און קאַנאַדאַ און איז פאַרבונדן מיט דער „ספּעשלטי בייקערי אונערס אָוו אַמעריקא". ווערט געדרוקט אין יידיש און ענגליש. יידישע רעדאַקטאָרן — אין כראָנאָלאָגישער

אָרהנונג: י. קירשנבאום, צ. ה. רובינשטיין, נ. ה. גארווין, מ. דאַנ־ציס, און א. זלאַטין. טיראַזש ארום 1200.

## 20. דער „בוטשער זשורנאַל".

צוערשט דערשינען אין יאָר 1914 אונטער דער רעדאקציע פון דעם איצט שוין פארשטאָרבענעם זשורנאַליסט און אַדוואָקאַט נייטן זווירין. די נאָכפאָלגנדיקע רעדאקטאָרן זענען געווען: מ. שוואַרץ און ג. גארווין. אין עטלעכע יאָר ארום איז דער זשורנאל אונטער־געגאנגען.

## 21. „בוטשער זשורנאַל און עופות מאַגאַזין".

אין יאָר 1920 איז דער „בוטשער זשורנאל" ווידער דערשינען און איז שפעטער אויך אונטערגעגאנגען.

## 22. „די שטימע פון דער כשרער פלייש און עופות אינדוסטריע" (ניו יאָרק)

דער דאָזיקער וועכנטלעכער (נייער) יידיש־ענגלישער חודש־זשור־נאל מיט דעם גלות־לאנגן נאָמען איז דערשינען אין יאָר 1935 אין די אינטערעסן פון דער פעדעראציע פון יידישע קצבים. ווערט רעדאק־טירט פון א קאָלעגיע. טיראזש 2000־3000. (עקזיסטירט).

## 23. „מגן דוד דעליקאַטעסן זשורנאַל".

דערשינען אין יאָר 1930. (עקזיסטירט). דאָס איז אַן אינטע־רעסאנטער גוט־ רעדאקטירטער חודש־זשורנאל, אין יידיש און ענג־ליש. ארויסגעגעבן אין ניו יאָרק, אין די אינטערעסן פון די יידישע דעליקאטעסן־הענדלער און זייערע אָרגאניזאציעס. ווערט רעדאק־טירט פון א קאָלעגיע. טיראזש 1000־1200.

## 24. „דער אַפעטייזער". (ניו יאָרק)

דערשינען אין יאָר 1932 ווי א מאָנאטלעכער יידיש־ענגלישער זשורנאל אין דעם סטיל פון דעם „מגן דוד דעליקאטעסן זשורנאל". געווען געדרוקט אין די אינטערעסן פון דעם יידישן „אפעטייזער"

און נים־קראָמען אייגנטימער. און פון זייער צענטראַלער אָרגאַניזאַ־ציע פון זעלביקן נאָמען. האָט עקזיסטירט 14 חדשים. רעדאַקטירט פון א קאָלעגיע. (טיראַזש אומבאַקאַנט).

## 25. „דער נאַכבאַרשאַפט סטיישאָנער".
## (ניו יאָרק)

געגרינדעט אין יאָר 1931 ווי א יידיש־ענגלישער חודש־זשורנאַל אין די אינטערעסן פון יידישע איינצל־האַנדל סוחרים אין דעם שרייב־מאַטעריאַלן, קאָנדיטאָריי און טאַבאַק־פאַך. דער זשורנאַל איז דער אָפּיציעלער אָרגאַן פון דער „סיגאַר און סטיישאָנערי מערטשענטס פעדעריישאָן, אינק.". דער רעדאַקטאָר איז ז. ווײנפער. טיראַזש — אומבאַקאַנט. (עקזיסטירט).

## 26. דער „טריי־באָראָ בולעטין"
## (ניו יאָרק)

דערשינען אין יאָר 1934 (גייט נאָך אַרויס) ווי א מאָנאַטלעכער פאַך־זשורנאַל אין יידיש און ענגליש, אין די אינטערעסן פון דער „טריי־באָראָ טאַבעקאָ, סטיישאָנערי און קענדי אסס'ן". (רעדאַקטאָר און טיראַזש אומבאַקאַנט).

## 27. דער „קענדי סטאָרקיפּער".

א יידישער חודש־זשורנאַל, אָפּיציעלער אָרגאַן פון דער „מעטראָ־פּאָליטאַן סטיישאָנערי און טאַבעקאָ ריטיילערס אסס'ן". ווערט אַרויסגעגעבן אין דזשאַמעיקאַ, לאָנג איילאַנד, נ. י. (דער יאָר פון דערשיינונג, נאָמען פון רעדאַקטאָר און טיראַזש — אומבאַקאַנט).

## 28. „גראָסערי נייעס און טעגלעכע מאַרק־באַריכטן"

28. סוף אָקטאָבער, 1936, האָט אויף דער איניציאַטיווע פון דעם סטאַף פון דער ניט־לאַנג אונטערגעגאַנגענער „שפּייז־ציַיטונג", אָנגעהויבן דערשיינען א נייע פאַך־צייטונג מיט דעם נאָמען „גראָסערי נייעס און טעגלעכע מאַרק־באַריכטן", ווי דער אָפּיציעלער אָרגאַן פון דער צענטראַלער אָרגאַניזאַציע, די „אידישע גראָסערס אסס'ן פון גרייטער נוואַרק, אינק". דער רעדאַקטאָר איז א. גאָלדבערג.)

אין משך פון פיל יאָרן גיבן דאָס רוב אַסאָציאַציעס פון יידישע גראָסעריליים ארויס יאָרביכער. די סאַמע ערשטע פון אָט־די פּעריאָדישע שריפטן איז ארויסגעגעבן געוואָרן פון דער „וויליאַמסבורגער יידישער גראָסערס אַסס׳ן״ אין יאָר 1911 אונטער דער רעדאַקציע פון א. גאָלדבערג, פון דער יידישער „בראָנקס גראָסערס אַסס׳ן״, אין יאָר 1928, רעדאַקטירט פון א. גאָלדבערג, פון דער „גרייטער ניו יאָרק פּראָטעקטיוו גראָסערס אַסס׳ן״ אין יאָר 1925, אויך אונטער דער רעדאַקציע פון א. גאָלדבערג, פון דער „איסט ניו יאָרק גראָסערס אַסס׳ן״ — יעדן יאָר זינט 1928, אונטער דער רעדאַקציע, על פי רוב, פון א. גאָלדבערג; פון דער „קראַון הייטס און פלעטבוש גראָסערס אַסס׳ן אין די יאָרן 1935 און 1936, רעדאַקטירט פון א. גאָלדבערג; פון דער „וויליאַמסבורגער פוד מוי־טשענס אַסס׳ן״ — עטלעכע יאָרביכער אין לעצטע יאָרן; פון דער „בושוויק־ברוקלין קאָאָפּעראַטיוו גראָסערס אַסס׳ן — אין די יאָרן 1934 און 1936 (דער יאָרבוך פון יאָר 1934 איז געווען א ספּעציעלע יובילי־אויסגאַבע צו פייערן דעם 25־יאָריקן יובילי פון רעדאַקטאָר־טעטיקייט פון א. גאָלדבערג, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט א פּאָר צענדליק יידישע גראָסערס אָרגאַניזאַציעס.

יודל מאַרק

# יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין ליטע

אין דעם ווייטערדיקן וועט זיין די רייד וועגן יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס בלויז אין דער אומאָפּהענגיקער ליטע און בלויז פאַר דער צייט פון איר אומאָפּהענגיקייט, ד. ה. בלויז זינט 1919. די ארבעט איז געשריבן אין ניו־יאָרק, עס איז ניט געווען די מעגלעכקייט צו האָבן פאַר זיך גענוג מאַטעריאַל. דעריבער איז עס ניט קיין עכטע ביבליאָגראַפישע ארבעט. דאָס זענען בלויז מאַטעריאַלן פאַר א ביבליאָגראַפיע.

אפשר איז עס אויך מער ווי בלויז מאַטעריאַל. אויב מען זאָל פּרואוון צונויפשטעלן א ביבליאָגראַפיע פון די פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין ליטע און דערביי פאַרזען די ספּעציעלע באַדינגונגען פאַר דער פּרעסע, קען מען אפשר פאַרבלאָנדזשען אין דעם של ״איינמאָליקע אויסגאַבעס״, וואָס זענען אין דער אמתן המשכים פון פּעריאָדישע אויסגאַבעס, אָדער אפילו פון לכתחילה פאַרמאַסקירטע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. איז נויטיק צו פאַרהיטן דעם צוקונפטיקן ביבליאָגראַף פון גרייזן.

דאָ ווערט אויך געפּרואווט צו געבן קורצע כאַראַקטעריסטיקעס פון די אויסגאַבעס. אויך א געוויסע אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער פּרעסע אין דעם קליינעם ליטע־לאַנד.

דאָ זענען מעגלעך זייער פיל ניט־פּינקטלעכקייטן אין דאַטעס. מען קען ניט שטענדיק בויען אויפן זכרון. אין קאָוונע אָדער אפשר אויך אין ווילנע, וואו עס איז דאָ דער ארכיוו פון ווייסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וואָלט מען געקענט זיין פיל פּינקטלעכער. דאָרטן וואו דער זכרון קען אפשר פאַרפירן האָט דער צונויפשטעלער פון דער רשימה שטענדיק באַוואָרנט מיט בפירושע אָנווייזונגען, אז עס איז מעגלעך א טעות אָדער אן אומפּינקטלעכקייט.

## א. טאָגצייטונגען

### הקדמה

איצט, אין סעפּטעמבער 1936, גייען ארויס אין ליטע מיט א יידישער באַפעלקערונג פון אן ערך 170 טויזנט, מיט דער גרעסטער

יידישער שטאַט קאָוונע, וואָס האָט סך־הכּל עטלעכע און דרייסיק טויזנט יידן — גאַנצע זעקס טעגלעכע צייטונגען!

ווי איז דאָס מעגלעך? איין דערקלערונג איז די גוואַלדיקע אָרעמקייט. דער בודזשעט פון א צייטונג איז אַזוי קליין, די וואָס לעבן פון דער צייטונג באַגנוגן זיך מיט אַזוי ווייניק, אַז אַ צייטונג „באַצאָלט זיך" ווען זי האָט אַ צירקולאַציע פון 2000־2500 עקזעמ־פּלאַרן, אביסל אַנאָנסן וועגן טויטפאַלן און שמחות און פון צייט צו צייט אויך אַביסל געשעפטלעכע אַנאָנסן. אָבער חוץ דער אָרעמקייט, וואָס מיט איר וואַקסן איז אויך געוואַקסן די צאָל יידישע צייטונגען, איז דאָ נאָך אַ סיבה.

די פּרעסע אין ליטע איז נישט קיין ענין פון געשעפט. די טאָג־בלעטער אין ליטע זענען אויך ניט קיין רעזולטאַט פון דעם, וואָס עס זענען דאָ זשורנאַליסטן און זעצער, וואָס ווילן עסן. זיי שטאַמען פון דעם דראַנג, וואָס איז נאַטירלעך פאַר יעדער ריכטונג און פּאַרטיי, צו האָבן אַן „אייגענע פּרעסע". יעדע נייע צייטונג, וואָס האָט אָנ־געהויבן צו דערשיינען אין קאָוונע, איז אַלעמאָל געווען אַ צייטונג פון אַ פּאַרטיי אָדער אַ גרופּע אָדער אַ ריכטונג, וואָס האָט פריער קיין צײַ־טונג ניט פאַרמאָגט אָדער וואָס איז פריער בכלל ניט געווען געבאָרן. יעדע „אָנשטענדיקע" ריכטונג אין דעם רעגנבויגן פון אונדזער פּאָלי־טישן לעבן מוז זיך האָבן איר טאָגצייטונג. די אָרעמקייט דערלויבט אַזאַ מין לוקסוס, וואָס בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען און אַ העכערער שטייגער לעבן וואָלטן עס געמאַכט פאַר ניט מעגלעך.

די יידישע פּרעסע אין ליטע האָט איבער איר פּאַרטייאישן מהות ניט געקענט זיך אַרויפאַרבעטן צו דער מדרגה פון איינעם אָדער צוויי גרויסע טאָגבלעטער. דערפאַר אָבער איז זי באַוואָרנט געוואָרן פון דער יאָגעניש נאָך לייענער, וואָס ברענגט ביי אונדזער נידעריקן קול־טור־ניוואָ צו דעם וואָס מען רופט אָן שונד, צו דעם וואָס מען רופט געלע פּרעסע. די יידישע פּרעסע אין ליטע, חוץ קליינע און צופע־ליקע אויסנאַמען, האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פון פּאַרקויפלעכקייט. זי האָט אויך קיינמאָל ניט געמאַכט יענעם ווילדן געמיש פון אַבסאָ־לוט קעגנזעצלעכע שטאַנדפּונקטן, וואָס מען קען טרעפן אין טאָגבלע־טער, וועלכע ווערן אַרויסגעגעבן ווי געשעפטלעכע אונטערנעמונגען פון פּערזאָנען אָדער גרופּעס.

אין דער יידישער פּרעסע פון ליטע האָט דאָס ריין־פּערזענלעכע אויך קיינמאָל ניט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. עס זענען געווען גענוג

פּערזענלעכע קאַמפן און פּערזענלעכע אָנפאַלן, אָבער אַלעמאָל זענען זיי אויסן געווען אַ געזעלשאַפטלעכן קאַמף.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מען קען געפינען פיל קאָמישע שטריכן אין אַזאַ צעפּיצלטער און פּילצאָליקער פּרעסע; ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די יידישע פּרעסע אין אַזאַ קליינעם פּונקט האָט זעלטן־ווען זיך געקענט דערהייבן איבער אַ נאַטירלעכן פּראָווינציאַ־ליזם, האָט זי דאָך די דערמאָנטע מעלות פון אַן אויסגעשפּראָכענעם און פאַרהעלטעניש־מאָסיק ריינעם געזעלשאַפטלעכן פּרצוף און פון פּרינציפּיעלער אויסגעהאַלטנקייט.

## 1. „די אידישע שטימע".

אַזוי הייסט די עלטסטע טעגלעכע יידישע צייטונג אין ליטע. זי דערשיינט שוין דאָס 18טע יאָר, האָט שוין אַן ערך 5500 נומערן. זי איז געווען די ערשטע יידישע צייטונג אין ליטע, זי האָט אריבער־געלעבט אַ ריי צייטונגען, וואָס זענען פאַרשניטן געוואָרן אין זייערע יונגע טעג, און זי איז אַפּנים אויך איצט די סאַמע פאַרשפּרייטע טאָגצייטונג.

די „אידישע שטימע" ווערט אַרויסגעגעבן פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ליטע. יאָרנלאַנג האָט דאָס דאָזיקע בלאַט פאַרטראָטן די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג מיט אַלע אירע פראַקציעס. אפילו ווען די צעירי־ציון און די ציוניסטן־סאָציאַליסטן האָבן געהאַט זייער וועכנטלעכן פּאַרטיי־זשורנאַל, איז דאָך די „אידי־שע שטימע" געווען פאַקטיש אויך זייער טעגלעכער פאָרום. ערשט מיט דעם פונאַנדערוואַקסן זיך פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און מיט דער פאַרשאַרפונג פון די באַציאונגען צווישן די פראַקציעס אין די יאָרן 1932־1933 איז די „אידישע שטימע" פאַרבליבן די צייטונג בלויז פון די אַלגעמיינע ציוניסטן און פון יענע ציוניסטישע גרופּי־רונגען (מזרחי, יידנשטאַטס־פּאַרטיי), וואָס האָבן נישט געקענט אויפ־בויען זייער אייגענע טאָגבלעטער.

די „אידישע שטימע" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין יאָר 1919 *). איר ערשטע רעדאַגיר־קאָלעגיע איז באַשטאַנען פון: דר. ב. בערנער, ל. גאָרפונקל, מ. יאַטקונסקי, דר. מ. סאָלאָווייטשיק. דאָס

*) די „אידישע שטימע" דערשיינט זינט דעם 21טן יולי 1919 און ניט 1918, ווי דאָס ווערט אָנגעגעבן אין דער יידישער ענציקלאָפּעדיע (באַנד II, זייט 36).

איז געווען אַ קאָאַליציע צווישן לינקערע און רעכטערע ציוניסטן. זינט אַפּריל 1920 האָט זיך אַלס רעדאַקטאָר אונטערגעשריבן ל. גאַרפונקל. אָבער אין גיכן איז אויך דר. מ. סאָלאָווייטשיק געוואָרן אַן אַלגעמיי־דער ציוניסט און דער צעירי־ציוניסט ל. גאַרפונקל האָט בלויז אַ קורצע צייט אָנגעפירט מיט דער רעדאַקציע. נאָך דעם זענען די רעדאַק־טאָרן פון דער צייטונג געווען: בעל־מחשבות און י. א. לייזעראָוויטש (איזידאָר לאַזאַר). בעל־מחשבות האָט ניט געקענט זיצן לאַנג אין זיין היימשטאָט קאָוונע. ער איז אויך אפשר ניט געווען דער פּאַסי־קער רעדאַקטאָר פאַר אַ טעגלעכער צייטונג. צום טייל איז ער אליין אוועקגעגאַנגען, צום טייל האָט מען אים געהייסן אוועקגיין. די אָנפּי־רונג פון דער צייטונג איז נאָך געלעגן אין פיל מער אויסגעשפּראָכן־פּאַרטייאישע הענט: פון משה קליינמאַן (סוף 1921). ווען משה קליינ־מאַן איז אריבער קיין לאָנדאָן (1922), איז אַ קורצע צייט געווען דער רעדאַקטאָר פון דער „אידישער צייטונג" משה כהן. דער לעצטער איז אָבער געוואָרן דער אַדמיניסטראַטאָר פון דער צייטונג און נאָך אַ געוויסער צייט פון קאָלעגיאַלער אָנפירונג מיט דער צייטונג (דר. יעקב ראַבינזאָן, ראובן רובינשטיין און אפשר אויך אַנדערע), איז זינט 1925 דער איינציקער רעדאַקטאָר פון דער „אידישער שטימע" — ראובן רובינשטיין.

במשך פון 18 יאָר צייט האָט די צייטונג געהאַט אַ גאַנצע ריי מיטאַרבעטער. זי פלעגט זיך שטענדיק באַנוצן מיט אַרטיקלען פון ציוניסטישע פירער, געדרוקט אין בלעטער פון אַנדערע לענדער. אויף אַזאַ אופן זענען אומדירעקט אַלע פּראָמינענטע ציוניסטישע שרייבער געווען אירע מיטאַרבעטער. פון די אָרטיקע איז כדאי צו דערמאָנען: נתן גרינבלאַט, ר. כאַסמאַן, ז. טרויב, ז. שוסטער, דוד כהן, ל. צער־נעס, דר. צ. פעלדשטיין, דר. ח. נ. שאַפּיראָ, דעם לאַנגיאָריקן רעפּאָר־טער פון דער צייט זשאַפער, דעם ניט לאַנג געוואָרענעם מיטאַרבעטער גלאַזמאַן. די צייטונג פלעגט אויך איבערדרוקן, לויט אַן אָפּמאַך מיט די מחברים די ראָמאַנען פון שלום אַש און זלמן שניאור, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין „פאָרווערטס".

בכלל גענומען, האָט זיך אין ליטע איינגעשטעלט אַ סיסטעם, אַז מען מעג איבערדרוקן וואָס מען וויל און פון וועמען מען וויל. דער דאָזיקער כלל איז גילטיק אַבסאָלוט פאַר אַלע יידישע צייטונגען. זעלטן־ווען אַ צייטונג האָט באמת אַ דערלויבעניש פון אַ מחבר איי־בערצודרוקן זיין אַרבעט. די לעצטע יאָרן, למשל, ווען די צאָל צייי־טונגען האָט קיין עין הרע גענומען וואַקסן, איז דאָס איבערדרוקן

פון דער פרעמד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואַקסאַנאַליע. ביים איבערדרוקן איז מען ניט שטענדיק אָנשטענדיק און עס טרעפן זיך פאַלן, אַז אין דער ליטע דרוקט מען איבער, מאַכנדיק ניט נאָר קיצורים נאָר „אויסבעסערונגען". ס'טרעפט זיך אָפט, אַז קאָנקו־רירנדיקע צייטונגען דרוקן איבער די זעלביקע אַרטיקלען. און דאָך באַקומען זיך נישט די זעלביקע אַרטיקלען. אַזוי, למשל, האָבן די „אידישע שטימע" און „פאָלקסבלאַט" אין 1934 איבערגעדרוקט בן־ציון גאָלדבערגס אַרטיקלען וועגן רוסלאַנד, אָבער די „אידישע שטימע" פלעגט דורכלאָזן אַלע ערטער וואו אין די אַרטיקלען פלעגן זיין מיטטיילונגען און אָפּשאַצונגען צו פריינדלעכע פאַרן ראטן־פאַרבאַנד, לויט דער איינשטעלונג פון דעם ציוניסטישן אָפּיציאָז.

איבער דער סיסטעם פון איבערדרוקן קען זיך באַקומען, אַז אין יעדער יידישער צייטונג פון ליטע זאָל דער צוקונפטיקער ביבליאָ־גראַף געפינען כל המינים נעמען פון שרייבער אין אַלע לענדער.

אַזוי ווי אַ העלפט פון דער צייטונג פלעגט די „אידישע שטימע" יאָרנלאַנג באַקומען פון ריגע, לויט אַן אָפּמאַך מיט די אַרויסגעבער פון ריגער „פרימאָרגן", און אַזוי ווי „פרימאָרגן" פלעגט כסדר און סיסטעמאַטיש איבערדרוקן פון אַלע צייטונגען, אָן אונטערשייד פון ריכטונג, קענט איר אין דעם קאָמפּלעקט פון דער „אידישער שטימע" טרעפן פעלעטאָנען אפילו פון ברוך שעפנער, דעם מיטאַרבעטער פון דער בונדישער „פאָלקסצייטונג", אויב, פאַרשטייט זיך, די דאָזיקע פעלעטאָנען זענען געווען, פון פאַרטייאישן שטאַנדפּונקט, פאַרעווע.

די „אידישע שטימע" האָט אָנגעהויבן פון גאָר קליין. אפילו קיין פאַסיקע אותיות זענען ניט געווען און די ערשטע צייט איז זי געווען אַ קליין בלעטל מיט אותיות פון אַ קרבן־מנחה־סדור. מיט יעדן קאָנקורענט וואָס די צייטונג פלעגט באַקומען איז זי אָבער גע־וואַקסן, ווייל די אָרגאַניזאַציע הינטער איר פלעגט זיך יעמאָלט מער אָנשטרענגען, אַריינלייגן אין דער צייטונג מער געלט און זי פאַרבע־סערן טעכניש. די בעסטע יאָרן פאַר דער „אידישער שטימע" זע־נען געווען פון סוף 1922 ביז אָנהייב 1930. אין פאַרלויף פון אי־בער 7 יאָר איז די צייטונג געווען דאָס איינציקע טאָגבלאַט אין ליטע. כאָטש זי איז יעמאָלט געווען אַן ענג־פאַרטייאישע צייטונג און דורכ־געלאָזן דורך איר פאַרטייאישן פילטער אפילו קליינע כראָניק־נאָטיצן, האָבן דאָך אַלע יידישע לייענער פון ליטע געמוזט אָנקומען צו איר.

די אַרויסגעבער פון דער צייטונג האָבן געהאַט די מעגלעכקייט פון די פּראָפיטן צו געבן צו שטייער דער העברעיסטישער תרבות־

באַוועגונג. אַזוי, למשל, האָט די העברעישע גימנאַזיע אין ווילקאָמיר, וועלכע האָט געקעמפּט קעגן דער דאָרטיקער יידישער גימנאַזיע, באַקו־מען סובסודיע פון דער „אידישער שטימע".

געוויסע צייטן האָט די „אידישע שטימע" געהאַט ביילאַגעס אויך ניט אין יידיש. אין די אינטערעסן פון דער יידישער פּאָליטיק אין ליטע, ווי עס האָט זי פאַרשטאַנען די יידישע סיים־פראַקציע, האָט די „אידישע שטימע" אין 1923 געהאַט אַ פּעריאָדישע ביילאַגע אין ליטוויש Musugarsas. אַ לענגערע צייט (1923 — 1924) האָט די „אידישע שטימע" אַרויסגעגעבן 2 מאָל אַ חודש די פּעריאָדישע אויסגאַבע אין העברעיש „הד ליטאָ", מיט משה כהן אַלס רעדאַק־טאָר. די דאָזיקע אויסגאַבעס האָט דער געצוואונגענער לייענער גע־מוזט לית ברירה זיך איינשאַפן. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרטייַ־ערט דעם פּרייז פון דער ציטונג, אָבער די מאָנאָפּאָל־שטעלונג פון אַן איין־איינציקן טאָגבלאַט אין אַ לאַנד האָט געמאַכט מעגלעך אַזאַ אויס־טערלישע דערשיינונג.

די יאָרן 1927, 1928, 1929 זענען געווען עקאָנאָמיש גוטע און דאָס איז געווען די „פּראָספּעריטי"־צייט פאַר דער „אידישער שטימע". אַ דאַנק די יאָרן פון זיין אַליין אויפן פּלאַץ האָט די „אידישע שטי־מע" זיך איינגעשאַפט אַ פאַרהעלטענישמעסיק גוטע דרוקעריי מיט זאַץ־מאַשינען און פון 1933 האָט זי אויך אַ ראָטאַציע־מאַשין. אַלע אַנדערע יידישע צייטונגען אין ליטע ווערן געדרוקט אויף פּלאַב־מאַשינען.

עס איז שוין געווען דערמאָנט וועגן אַן אָפּמאַך צווישן ריגער „פּרימאָרגן" און קאָווגער „אידישער שטימע". נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם. דער ריגער „פּרימאָרגן" איז געווען דאָס אייגנטום פון די באַלעבאַטים פון דער רוסישער צייטונג „סעוואָדניאַ". „פּריי־מאָרגן" האָט זיך געמיט צו זיין גוט פאַר אַלע ריכטונגען. דער אָפּ־מאַך צווישן דער „אידישער שטימע" און „פּרימאָרגן" איז באַשטאַ־נען אין דעם, וואָס פון ריגע פּלעגט מען צושיקן קיין קאָוונע פאַרטיקע 4 זייטן („שטימע" פּלעגט יעמאָלט האָבן 8 זייטן: 4 געמאַכטע אין קאָוונע, און 4, די מיטלסטע, צוגעשיקטע פון ריגע). לויטן אָפּמאַך האָט דער מאַטעריאַל פאַר די צוגעשיקטע 4 זייטן געדאַרפט זיין אַ כשרער פון פאַרטייאיש־ציוניסטישן שטאַנדפּונקט. דאָך פּלעגט זיך טרעפן אין די צוגעשיקטע זייטן אַן אַרטיקל, וואָס זאָל, למשל, זיין צו ניגסטיק פאַר יידיש אָדער פאַר דער יידישער שול. יעמאָלט פּלעגט מען מוזן אין קאָוונע גופא פאַרריכטן אַזאַ „דורכפאַל". און דער

לייענער פּלעגט באַקומען אַנשטאָט 4 זייטן ביילאַגע נאָר 2, אויב מען פּלעגט ניט קענען באַווייזן אויסצוזעצן אַן אַנדער מאַטעריאַל. אגב פּלעגט מען אַ געוויסע צייט צושיקן ניט בלויז די מאַטריצן, נאָר שוין די אָפּגעדרוקטע עקזעמפּלאַרן. מחמת דעם דאָזיקן אָפּמאַך פּלעגט זייער אָפט זיך טרעפן, אַז אין לעטלאַנד זאָל מען פאַרשפּרייטן אין פאַרקויף אַ „פּרימאָרגן", וואָס אויף אַנדערע פון זיינע זייטן זאָל שטיין דער נאָמען „אידישע שטימע".

די „אידישע שטימע" האָט פאַרשטאַנען כמעט אינגאַנצן זיך אויסצוהיטן פון רדיפות מצד דער מאַכט. ס'איז איר דורכגעגאַנגען גלאַט די תקופה ווען די קריסטלעכע דעמאָקראַטן האָבן רעגירט מיט דער הילף פון קריגצושטאַנד. און אויך דער איצטיקער „אוטאָרי־טאַרער" רעזשים, וואָס רעגירט אין ליטע זינט דעם 17טן דעצעמבער 1926, איז צו איר מילד. בלויז געציילטע מאָל איז זי באַשטראָפט געוואָרן. דאָס האָט די צייטונג דערגרייכט אַדאַנק איר עלאַסטישקייט אין אַלע ענינים פון אינערן־פּאָליטיק.

די „אידישע שטימע" דאַרף באַטראַכט ווערן ווי די צייטונג פון דעם סתם־באַלעבאַטישן יידן פון ליטע.

## 2. „הײנטיקע נייס"

ווען די „אידישע שטימע" האָט זיך איינגעשאַפט אַ ראָטאַציע־מאַשין, האָט זי אָנגעהויבן צו דערשיינען אין דער פרי (פריער פלעגט זי דערשיינען בייטאָג) און אין אָוונט געקומען אַרויסגעבן אַ צווייטע אויסגאַבע, אַן אָוונט־אויסגאַבע, וואָס האָט געהייסן „אידישע שטי־מע" אָוונט־אויסגאַבע. דוכט זיך, כמעט אַ יאָר צייט איז געווען אַזאַ סיסטעם. נאָך דעם איז געקומען אַ קורצער איבעררייס. און פון דעם 1טן אָקטאָבער 1934 דערשיינט ביי דער „אידישער שטימע" אַן אָוונט־צייטונג מיטן נאָמען „הײנטיקע נייס". די באַלעבאַטים און די מיטאַרבעטער זענען די זעלביקע וואָס אין דער „אידישער שטימע".

די צייטונג באַשטייט פון 4 זייטן. זי קאָסט נאָר 10 צענט, בעת די „אידישע שטימע" קאָסט 25 צענט. ווען די „אידישע שטימע" איז געווען איין צייטונג האָט זי געקאָסט 50 צענט און שפּעטער 40 צענט; ערב יום־טוב פלעגט זי האָבן אַ ספּעציעלן געהעכערטן פּרייז, וואָס פלעגט קענען דערגיין ביז 1 ליט. (איין ליט איז אַ צענטל פון אַ גאָלד־דאָלאַר, אין אַ ליט זענען פאַראַן 100 צענטן). „הײנטיקע נייס" טראָגט אַביסל אַן אַנדער כאַראַקטער ווי די „אידישע שטימע".

זי זוכט שוין מער „פּעטע" זאַכן איבערצודרוקן פון אַמעריקאַנער יידי־שע צייטונגען. בבא־מעשיות און וויצן ווי אויך דער ראָמאַן, וואָס זי דרוקט איבער, פאַרנעמען דעם הויפּט־אָרט.

מען זאָגט, אַז די אַרויסגעבער מאַכן גוטע געשעפטן מיט די „היינטיקע נייס" און אַז דער טיראַזש פון „היינטיקע נייס" זאָל זיין גרעסער פאַרן טיראַזש פון דער „אידישער שטימע", אָבער קיין גע־געלשאַפטלעכע השפּעה האָט ניט די דאָזיקע אָוונט־צייטונג. חשיבות און אויטאָריטעט האָט נאָר די פּרימאָרגנדיקע „אידישע שטימע".

## 3. „פאָלקסבלאַט".

אזוי ווי די טאָג־פּרעסע איז „פאַרכאַפּט" געוואָרן פון די ציוניסטן, האָבן אַלע ניט־ציוניסטן זיך געפילט יעדן טאָג אומבאַקוועם ווען זיי פלעגן דאַרפן אַריינגעמען אַ צייטונג אין די הענט. די יידישיסטישע און פאָלקיסטישע עלעמענטן האָבן דעריבער געמאַכט אַ ריי פּרוואוון אויפצובויען אַן אייגענע צייטונג. דאָס איז געלונגען בלויז פאַר אַ קורצער צייט אין די יאָרן 1921-22. אין תקופות פון ספּע־ציעל צוגעשפּיצטן געזעלשאַפטלעכן קאַמף ווי אין די יאָרן 1923 און 1926 האָבן די פאָלקיסטן אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט. אָבער ערשט אָנהייבנדיק פון 1930 האָט זיך די ניט־ציוניסטן איינגעגעבן אויפ־צובויען אַ טאָגצייטונג, וואָס זאָל זיין אַ שטאַנדהאַפטיקער ענין.

דאָס איז „פאָלקסבלאַט". די צייטונג דערשיינט זינט דעם 15טן פעברואַר 1930. זי ווערט אַרויסגעגעבן פון דער יידישער בילדונגס־געזעלשאַפט אין ליטע. דאָס איז אַ צייטונג, וואָס קען ניט אָנגערופן ווערן אַ פּאַרטייאישע, ווייל פאָלקיסטן זענען קיינמאָל ניט געווען אַ פּאַרטיי אויף צום אמתן. אגב, איז „פאָלקסבלאַט" ניט קיין אויס־געשפּראָכן־פאָלקיסטישע צייטונג (אויב מען קען וויסן וואָס דאָס הייסט „אויסגעשפּראָכן פאָלקיסטיש"). דאָס איז אַ צייטונג פאַר יידיש און יידישער שול און פאַר יעדער מין אָרטיקער אַרבעט. „פאָלקסבלאַט" איז אַנטי־ציוניסטיש און אויף וויפיל עס האָט גע־קענט איז עס אַנטי־רעכט.

דער אידייאישער פאָטער פון „פאָלקסבלאַט" איז געווען דער פאַר־שטאָרבענער עוזר פינקלשטיין. מיט די ענינים פון דער צייטונג האָט די גאַנצע צייט זייער אַקטיוו זיך פאַרנומען דער שטענדיקער פאָרזיצער פון דער בילדונגס־געזעלשאַפט דר. מ. סודאַרסקי. חוץ די ביידע נעמען דאַרף דערמאָנט ווערן דער פאַרשטאָרבענער מתתיהו סאָלאָווייטשיק,

וואָס האָט געהאָלפֿן בויען „פֿאָלקסבלאַט". די ערשטע צוויי יאָר האָט מיט דער צייטונג אָנגעפֿירט אַ רעדאַגיר־קאָלעגיע און איר טעכנישער רע־דאַקטאָר איז געווען ל. שכולת. פֿון ערשטן מערץ 1932 ביזן 1טן דעצעמבער 1934 איז דער רעדאַקטאָר פֿון דער צייטונג געווען יודל מאַרק. איצט ווערט די צייטונג אָנגעפֿירט פֿון דר. מ. סודאַרסקי און ל. קאַפּילאָוויטש.

ס'איז שוין דערמאָנט די סיסטעם פֿון איבערדרוקן. דרוקט „פֿאָלקס־בלאַט" איבער אַלע יידישיסטישע זשורנאַליסטן, אַלע ניט־ציוניסטישע זשורנאַליסטן. צום טייל דרוקט די צייטונג איבער מיט דער דערלוי־בעניש פֿון די מחברים. צום טייל פֿלעגט „פֿאָלקסבלאַט" באַקומען די־רעקט מאַטעריאַל פֿון די שרייבער גופֿא, כאָטש דער זעלביקער מאַטע־ריאַל פֿלעגט גיין פֿאַר אַנדערע צייטונגען. (פֿון דניאל טשאַרני, פֿון ל. מלאך און אַנדערע). פֿון די אַרטיקע מיטאַרבעטער דאַרף מען דערמאָנען, אַ חוץ די פֿריער אָנגערופֿענע נעמען: העלענאַ כאַצקעלס, וואָס שטעלט צונויף דאָס „קינדערבלאַט" (אַ וועכנטלעכע ביילאַגע פֿאַר קינדער; די דאָזיקע ביילאַגע דערשיינט זינט „פֿאָלקסבלאַט" עקסיסטירט; איר ערשטער צונויפֿשטעלער איז געווען מ. ליפֿשין און נאָך זיין טויט אין 1931 איז דאָס „קינדערבלאַט" אין העלענאַ כאַצ־קעלס הענט; אַזוי ווי די ציוניסטישע צייטונגען אין ליטע קענען ניט האָבן קיין אָפּטיילונג פֿאַר קינדער אין יידיש, האָבן די „אידישע שטי־מע" און „דאָס וואָרט" איינגעפֿירט קינדער־אָפּטיילונגען אין העב־רעיש); חיים קלאַצקין, וואָס שרייבט דער עיקר אַרטיקלען אויף עקאָ־נאָמישע פּראָגנעס; דר. סימפּלטאָן און דער פּיטשינקער (פּסעוודאָ־נימען פֿון ח. זאַקס); י. ריבין; דר. י. איפּ; דר. ל. ווערזשבאָוויטש; דוד גלאָבוס; שמואליק מאַץ; זעליג באַק; יעקב גאָטליב, וואָס איז אין 35טן יאָר אַריבער צו „דאָס וואָרט"; דער רעפּאָרטער בינדער. אַ היפּשע ראָלע האָבן געשפּילט די קאָרעספּאָנדענציעס פֿון ארץ־ישראל, געשריבן פֿון אבא גוטעס (ל. חיין). פֿון אויסלענדישע קאָרעספּאָנ־דענטן, וואָס שרייבן נאָר פֿאַר דער צייטונג, דאַרף דערמאָנט ווערן דער שטאָקהאָלמער ב. מער.

זינט מאַי 1934, האָט „פֿאָלקסבלאַט" יעדן פֿרייטיק אַ ספּעציעלע ביילאַגע פֿאַר עסטלאַנד. די דאָזיקע ביילאַגע ווערט צונויפֿגעשטעלט אין טאַלין, אירע הויפּט־מיטאַרבעטער זענען: ראָכלין, פּערלמאַן, גענש, טאַמאַרקין און צ־נדערע.

„פֿאָלקסבלאַט" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען, ווען דער פֿאַ־שיסטישער רעזשים אין ליטע איז שוין געווען איינגעפֿעסטיקט און די

צייטונג האָט דעריבער ניט געהאַט קיין איין פרייען נומער, און דער מיליטערישער צענזור. נאָך 13 נומערן לעבן איז זי געשלאָסן גע־וואָרן.

יעמאָלט האָט מען געמעגט אַרויסגעבן איינמאָליקע אויסגאַבעס, ניט האָבנדיק קיין ספּעציעלע דערלויבענישן אויף דעם. דעריבער האָט „פאָלקסבלאַט" געמוזט דערשיינען יעדן טאָג אונטער אַן אנדער נאָמען מיט אַ בפירושן אָנווייז, אַז דאָס איז אַן איינמאָליקע אויס־גאַבע.

3טן מערץ 1930 האָט די צייטונג געהייסן „יידישע פאָלקסבלאַט",
4טן מערץ 1930 האָט די צייטונג געהייסן „אונדזער פאָלקבלאַט",
5טן מערץ 1930 האָט די צייטונג געהייסן „קאָוונער פאָלקסבלאַט",
7טן מערץ 1930 האָט די צייטונג געהייסן „מאָרגן פאָלקסבלאַט",
7טן *) מערץ 1930 האָט די צייטונג געהייסן „עכטע פאָלקסבלאַט",
10טן מערץ 1930 האָט די צייטונג געהייסן „אונפּאַרטייאישע פאָלקס־בלאַט",
11טן מערץ 1930 האָט די צייטונג געהייסן „אַלגעמיינע פאָלקסבלאַט"
12טן מערץ 1930 האָט די צייטונג געהייסן „אמתע פאָלקסבלאַט",
13טן מערץ 1930 האָט די צייטונג געהייסן „אויפריכטיקע פאָלקס־בלאַט",

און ווער ווייס וויפיל קאָמפּלימענטן די צייטונג וואָלט זיך נאָך גע־געבן, אויב זי וואָלט נישט ווידער דערלויבט געוואָרן.

די זעלביקע חתונה האָט זיך איבערגעחזרט מיט 4 יאָר שפּעטער. נאָך דעם ווי זי איז אַ סך מאָל באַשטראָפט געוואָרן מיט גרעסערע און קלענערע געלטשטראָפן (פון 500 ביז 100 ליט), איז „פאָלקס־

*) דער 7טער מערץ איז געווען פרייטיק און מיט דעם דערקלערט זיך דאָס דערשיינען פון 2 נומערן מיט איין דאַטע. אין ליטע פלעגן די טאָג־בלעטער אַרויסגיין בייטאָג, און זיי פלעגן זיין פאָרדאַטירט. די צייטונג פון דאָנערשטיק פלעגט האָבן די דאַטע פון פרייטיק. אַזוי ווי עס האָט ניט געפּאַסט פאַר אַ צייטונג צו האָבן די דאַטע פון אַ שבתדיקן טאָג, פלעגט די פרייטיקדיקע צייטונג האָבן אַ באַצייכענונג „ערב שבת", אָבער די „גוי־ישע" דאַטע פלעגט זיין די פרייטיקדיקע. קיין צייטונג מיט אַ זונטיק־דיקער דאַטע פלעגט אין ליטע ניט דערשיינען, ווייל די זונטיקדיקע צייטונג פלעגט שוין טראָגן אויף זיך די מאָנטיקדיקע דאַטע. אַזאַ פּלאָנטער האָט זיך געצויגן ביזן 1טן יאַנואַר 1932, ווען „פאָלקסבלאַט" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין דער פרי מיט דער ריכטיקער דאַטע; די איבעריקע צייטונגען האָבן נאָך דעם נאָכגעטאָן דעם דאָזיקן ביישפּיל.

בלאַט" דעם 22טן יולי 1934 געשלאָסן געוואָרן פון דער מאַכט אויף 3 חדשים צייט.

די צייטונג איז יעמאָלט דערשינען אויף אַזאַ אופן:

מאָנטיק, דעם 23טן יולי, 1934 האָט זי געהייסן „אונדזער טאָג", ביז סוף יולי האָט זי געמוזט מאַכן אַן איבעררייס. בלויז דעם 31טן יולי 1934 איז זי ווידער דערשינען מיטן נאָמען „מאָרגנבלאַט" און פון יעמאָלט אָן שוין רעגלמעסיק, יעדן טאָג, אָבער מיט אַ נייעם נאָמען און מיט אַן אויפשריפט פון אויבן „איינמאָליקע אויסגאַבע":

מיטוואָך, דעם 1טן אויגוסט 1934, האָט די צייטונג געהייסן „יידיש בלאַט",

דאָנערשטיק, דעם 2טן אויגוסט 1934, האָט די צייטונג געהייסן „אונדזער בלאַט",

פרייטיק, דעם 3טן אויגוסט 1934, האָט די צייטונג געהייסן „ערב שבת בלאַט",

זונטיק, דעם 5טן אויגוסט 1934, האָט די צייטונג געהייסן „זונטיק-בלאַט",

מאָנטיק, דעם 6טן אויגוסט 1934, האָט די צייטונג געהייסן „מאָנטיק-בלאַט",

דינסטיק, דעם 7טן אויגוסט 1934, האָט די צייטונג געהייסן „דינסטיק-בלאַט",

מיטוואָך, דעם 8טן אויגוסט 1934, האָט די צייטונג געהייסן „מיטוואָך-בלאַט",

דאָנערשטיק, דעם 9טן אויגוסט 1934, האָט די צייטונג געהייסן „דאָנערשטיק-בלאַט",

פרייטיק, דעם 10טן אויגוסט 1934, האָט די צייטונג געהייסן „פרייטיק-בלאַט",

זונטיק, דעם 12טן אויגוסט 1934, האָט די צייטונג געהייסן „יידיש פאָלקסבלאַט",

מאָנטיק, דעם 13טן אויגוסט 1934 האָט די צייטונג געהייסן „אונדזער פאָלקסבלאַט",

און דינסטיק, דעם 14טן אויגוסט 1934, איז שוין דערשינען די טאָג-צייטונג „דאָס פאָלק", ווייל מען האָט שוין באַקומען אַ דערלויבעניש ארויסצוגעבן אַ ניי בלאַט. „דאָס פאָלק" איז געגאַנגען ביזן 1טן נאָוועמבער 1934, ווייל יעמאָלט איז שוין געוועזן בטול די גזירה פון נישט טאָרן ארויסגעבן „פאָלקסבלאַט", און „פאָלקסבלאַט" האָט געקענט הייסן פשוט — „פאָלקסבלאַט".

אין יענער תקופה פון כסדרדיקע רדיפות איז שווער געווען צו באַקומען אַ בעלן אויף צו זיין אַ זיצרעדאַקטאָר. האָט געמוזט זיין אונטערגעשריבן אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון „פאָלק" דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון „פאָלקסבלאַט" יודל מארק. אַלס ארויסגעבער איז געווען געצייכנט דער אדמיניסטראַטאָר פון „פאָלקסבלאַט" ש. בלומאַן, כאָטש דאָס „פאָלק" איז אויך ארויסגעגעבן געוואָרן פון דער יידישער בילדונגס-געזעלשאַפט.

אגב, קען מען איצט אין ליטע אַזוינע קונצן ניט מאַכן. דעם ערשטן יאַנואַר 1936 איז אריין אין קראַפט אַ נייער געזעץ, וואָס צווינגט ארויף אַ גאַנצע מאַסע נייע שוועריקייטן אויף ארויסגעבערס און רעדאַקטאָרן פון ציימונגען. צווישן די נייע חומרא'ס איז אויך דאָ אַ פאַרבאָט ארויסצוגעבן איינמאָליקע אויסגאַבעס אָן דער דער-לויבעניש פון דער מאַכט.

נאָך דעם ווי יודל מארק האָט דעם 1טן דעצעמבער 1934 פאַרלאָזן „פאָלקסבלאַט", זענען דאָרטן פאָרגעקומען אַ ריי שנויים. די ציימונג גופא ווערט איצט ארויסגעגעבן בלויז פאָרמעל פון דער בילדונגס-געזעלשאַפט, פאַקטיש אָבער פון דעם קאָלעקטיוו מיטאַרבעטער און זעצער פון דער ציימונג.

## 4. „דאָס וואָרט".

די ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע פאַרטיי אין ליטע (אָדער די צע-עסניקעס, ווי מען רופט זיי געוויינלעך) האָט ניט געהאַט קיין איינן טאָגבלאַט. די זשורנאַליסטן פון דער פאַרטיי האָבן יאָרנלאַנג מיט-געאַרבעט אין דער „אידישער שטימע". חוץ דעם האָט די פאַרטיי ארויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט „די צייט".

די פאַרטיי איז אָבער געוואָרן רק שטאַרקער. אין 1933 האָט זי געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג ביי די קאָנגרעס-וואַלן אין ליטע. אגב, זענען די באַציאונגען צו דער „אידישער שטימע" געוואָרן אָנגע-שטרענגטע, ווייל אין דער „אידישער שטימע" האָבן געשפּילט אַ גרוי-סע ראָלע אויך די ציוניסטן פון דער גרופּע „ב", ד. ה. יענע אַלגע-מיינע ציוניסטן וואָס זענען קעגן ווייצמאַנס קאָאַליציע-פּאָליטיק מיט לינקס און וואָס גאַרן נאָך אַ בלאָק צווישן אַלע רעכטע עלעמענטן אין דעם ציוניזם.

עס וואָלט אָבער קוים געקומען דערצו, אַז די ציוניסטיש-סאָצי-אַליסטישע פאַרטיי זאָל זיך ארויפאַרבעטן צו האָבן אַן אייגן טאָג-

בלאַט אין ליטע, אויב די אַרויסגעבער פון דער „אידישער שטימע" וואָלטן ניט געמאַכט קיין טעות אין זייערע קאָמערציעלע חשבונות מיטן איבעררייסן דעם אָפּמאַך צווישן דעם ריגער „פרימאָרגן" און דער קאָוונער „אידישער שטימע". אַזוי ווי די „אידישע שטימע" האָט אין זומער 1933 געהאַט אי אַ ראָטאַציע־מאַשין, און 2 זאַצמאַשינען, האָט זי געהאַלטן פאַר איבעריק צו באַקומען ווייטער די פיר זייטיקע ביילאַגע אַ פאַרטיקע פון ריגע, אָבער די אַרויסגעבער פון ריגער „פרימאָרגן" האָבן ניט געוואָלט מוותר זיין אויף דעם ליטווישן מאַרק און זיי האָבן זיך געמיט איצט צו פאַרשפּרייטן דעם „פרימאָרגן" אויך אין ליטע, וואָס פריער האָבן זיי עס ניט געטאָן לויט זייער אָפּמאַך מיט דער „אידישער שטימע". דער ריגער „פרימאָרגן" האָט אָנגעהויבן זיך צו אינטערעסירן אויך מיט די אָרטיקע ליטווישע ענינים און אָפּגעבן יעדן טאָג אַ טייל צייטונג פאַר לאָקאַלע קאָוונער נייס. אַזוי ווי אַ טייל ליטע קען באַקומען אַ צייטונג פון ריגע נאָך גיכער ווי פון קאָוונע און אַזוי ווי דער עולם „שטימע"־לייענער איז געווען צוגעוואוינט צו דער ריגער ביילאַגע, איז דער „פרימאָרגן" ניט שלעכט געגאַנגען און אָפּגעריסן אַ טייל לייענער פון דער „אידישער שטימע". און דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער צע־עסישער רעדאַקטאָר פון „פרימאָרגן" דר. יעקב העלמאַן און דערפירט צו אַ שידוך צווישן דער צע־עסישער פאַרטיי און ליטע און זיינע אַרויסגעבער, די באַלעבאַטים פון דער רוסישער „סעוואָדניאַ" און דעם יידישן „פרימאָרגן". פון שפּעט־האַרבסט 1933 (גענוי די דאַטע געדענק איך ניט) הייבט אָן אין קאָוונע צו דערשיינען די צייטונג פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פאַרטיי מיטן נאָמען „אונדזער וואָרט". די דאָזיקע צייטונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן טעגלעך אין 8 זייטן, 4 זייטן זענען געמאַכט געוואָרן אין קאָוונע און האָבן אַנטהאַלטן די אַלגעמיינע נייס און די אָרטיקע נייס ווי אויך דעם לייט־אַרטיקל און אַמאָל אויך אַן אַרטיקעלע פון בלויז אָרטיקע ענינים; די אַנדערע 4 זייטן פלעגן צוגעשיקט ווערן פו ריגע. די 4 ריגער זייטן זענען באַשטאַנען פון אַרטיקלען, קאָרעספּאָנדענציעס, ראָמאַן און אַנדערע ס'רוב „געשניטענעם" מאַטעריאַל.

אַזוי האָט עס געדויערט ביזן 16טן מאַי 1934. יעמאָלט איז פאָרגעקומען די פאַשיסטישע איבערקערעניש אין לעטלאַנד, און די אַרויסגעבער פון „פרימאָרגן" האָבן ניט געוואַרט, די מאַכט זאָל אָפּשטעלן זייער צייטונג: זיי האָבן זי אַליין אָפּגעשטעלט. אָבער צו יענער צייט איז שוין „אונזער וואָרט" געווען איינגעפעסטיקט און גע־

קענט אויסקומען אויך אָן דער הילף פון ריגע. פון יעמאָלט אָן דער־שיינט „אונזער וואָרט" ס'רוב 6 זייטן טעגלעך.

דעם 22טן יולי 1934, ווען מען האָט אָפּגעשטעלט אויף 3 חדשים דאָס „פאָלקסבלאַט", איז אויך געשלאָסן געוואָרן אויף דער זעלביקער צייט „אונזער וואָרט". נאָך אַ קורצן איבעררייס אין דער־שיינען, האָט די צייטונג אָנגענומען דעם זעלביקן מיטל ווי דאָס „פאָלקסבלאַט" און אָנגעהויבן אַרויסצוגיין איטלעכן טאָג מיט אַן אַנ־דער נאָמען:

מיטוואָך, דעם 7טן אויגוסט 1934, האָט די צייטונג געהייסן „היינ־טיקע נייס",

דאָנערשטיק, דעם 2טן אויגוסט 1934, האָט די צייטונג געהייסן „טאָג־נייס",

פרייטיק, דעם 3טן אויגוסט 1934, האָט די צייטונג געהייסן „מאָרגן־נייס",

זונטיק, דעם 5טן אויגוסט 1934, האָט די צייטונג געהייסן „זונטיק־נייס",

מאָנטיק, דעם 6טן אויגוסט 1934, האָט די צייטונג געהייסן „מאָנ־טיק־נייס",

דינסטיק, דעם 7טן אויגוסט 1934, האָט די צייטונג געהייסן „דינ־סטיק־נייס".

מיטוואָך, דעם 8טן אויגוסט 1934, האָט די צייטונג געהייסן „מיט־וואָך־נייס",

דאָנערשטיק, דעם 9טן אויגוסט 1934, האָט די צייטונג געהייסן „דאָנערשטיק־נייס",

צי עס איז אַרויס פרייטיק, דעם 10טן אויגוסט 1934 אַ צייטונג, וואָס האָט געהייסן „פרייטיק־נייס", ווייס איך ניט, פונקט ווי איך ווייס ניט אויף זיכער, צי זונטיק, דעם 12טן אויגוסט, איז דערשינען אַן אויס־גאַבע אָנשטאָט דעם געשלאָסענעם „אונזער וואָרט". איך געדענק עס ניט אַזוי אַקוראַט און צווישן די קעפּלעך פון צייטונגען און זייערע איינמאָליקע אויסגאַבעס, וואָס דער זאַמלער ישראל מאַרגאָלים האָט מיר צוגעשיקט פון קאָוונע, זענען ניט געווען קיין קעפּלעך פאַר דעם 10טן און 12טן אויגוסט 1934. דעם 13טן אויגוסט איז אָבער זי־כער דערשינען אַן איינמאָליקע אויסגאַבע „לעצטע נייס", און פון 15טן אויגוסט 1934 דערשיינט די צייטונג „דאָס וואָרט".

ווען די 3 חדשים פון דער גזירה אויף „אונזער וואָרט" זענען געווען פאַרביי, האָבן די אַרויסגעבער ניט באַנייט דעם פריערדיקן

נאָמען, נאָר פאַרגעזעצט דאָס אַרויסגעבן „דאָס וואָרט". און מיט דעם נאָמען דערשיינט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע צייטונג פון ליטע ביזן היינטיקן טאָג.

אירע 2 רעדאַקטאָרן זענען נתן גרינבלאַט און אפרים גרינ־בערג. סוף 1935 איז נתן גרינבלאַט אוועק אין ארץ־ישראל און דער רעדאַקטאָר איז פאַרבליבן אפרים גרינבערג. דער הויפּט־טוער פון די צע״עס אין ליטע דר. ש. פרידמאַן, וואָס וואוינט איצט אין ארץ־ישראל, איז זייער קאָרעספּאָנדענט פון דאָרטן. פון צווישן די איצטיקע מיטאַרבעטער דאַרפן דערמאָנט ווערן: ז. טראַוב, וועלכער האָט פאַר דעם דערשיינען פון „אונזער וואָרט" געאַרבעט אין דער „אידישער שטימע", יעקב גאָטליב, וועלכער האָט פריער געאַרבעט אין „פאָלקסבלאַט", משה גלוך, וואָס האָט פריער געאַרבעט אין „פאָלקסבלאַט", י. גרינבערג א״א.

די צייטונג אינטערעסירט זיך אין אַלגעמיין ווייניקער מיט אַר־טיקע ענינים ווי דאָס טוט די „אידישע שטימע". במשך פון ערשטן יאָר פון איר עקסיסטענץ האָט זי געהאַט גרויס דערפאָלג און אַ סך לייענער צוגענומען פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער צייטונג. גרויס דערפאָלג האָט זי אויך געהאַט אין דער צייט פון סטאַווסקי־פּראָ־צעס. אָבער גאָר די לעצטע צייט איז אַפּנים איר טיראַזש קלענער געוואָרן און אויך דער צונויפשטעל פון דער צייטונג איז מאָגערער.

## 5. „אונזער מאָמענט"

כידוע, זענען די הויפּט־געגנער פון צע״עסניקעס — די רעוויזי־אָניסטן, די אָנהענגער פון ז. זשאַבאָטינסקי. ווי נאָר די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין ליטע האָט זיך דערשלאָגן צו דער מדרגה פון האָבן אַן אייגענע טאָגצייטונג, האָבן די רעוויזיאָניסטן מער ניט געקאָנט דולדן דעם מצב פון זיין צייטונגלאָז און פון סוף 1933, דוכט זיך פון נאָוועמבער 1933, האָבן זיי אַליין אָנגעהויבן אַרויס־געבן אַ פּערטע יידישע טאָגצייטונג „מאָמענט".

דעם נאָמען האָבן זיי גענומען אַן אַלט־באַקאַנטן. ווייל זייער פּירער אַרבעט מיט אין וואַרשעווער „מאָמענט", האָבן די ליטווישע רעוויזיאָניסטן אַפּנים אויסגעטייטשט, אַז אויף דעם נאָמען „מאָ־מענט" האָבן זיי אַ חזקה. אַזוי ווי מען דרוקט במילא איבער אין ליטע פון וואָס מען וויל, האָבן די אַרויסגעבער פון קאָוונער „מאָ־מענט" דוכט זיך באַקומען אַן אָפיציעלן היתר פון וואַרשעווער „מאָ־מענט" איבערצודרוקן פון דאָרטן וואָס זיי ווילן. איז חוץ די רעווי־

זיאָניסטישע אַרטיקלען פון וואַרשעווער „מאָמענט", געשריבן פון זשאַבאָטינסקי און שעכטמאַן, זענען אַרויף אויף די שפּאַלטן פון קאָוונער „מאָמענט" אויך סעגאַלאָוויטש מיט זיינע דערציילונגען, סטופּניצקי, הלל ציישלין א״א מיט זייערע אַרטיקלען.

קאָוונער „מאָמענט" איז די גאַנצע צייט רעדאַגירט געוואָרן פון אַ קאָלעגיע. דאָך פלעגט די לייט־אַרטיקלען די ערשטע צייט שרייבן י. מאָסקאָווסקי. אַ געוויסע צייט האָט מיטן „מאָמענט" אָנגעפירט איינער אַ רעוויזיאָניסטישער טוער, וואָס איז געקומען פון רומעניע, (זיין נאָמען געדענק איך נישט אין דעם אויגנבליק); לעצטנס זענען געווען די לייט אַרטיקל־שרייבער פון „מאָמענט" י. כץ, י. סערעבראָוויטש־כספּי, וויינערמאַן און נאָך אַנדערע. חוץ די דערמאָנטע נעמען איז כדאי אָנצואווייזן אויף הירש קאָליצן, נאָך אַ יונגן אָבער פעיקן דערציילער.

ווען עס איז געקומען דער בראָך פון 22טן יולי 1934 פאַר „פאָלקסבלאַט" און „אונזער וואָרט", איז אויך דער „מאָמענט" אָפּגעשטעלט געוואָרן. פון 15טן אויגוסט 1934 האָבן די אַרויסגעבער פון „מאָמענט" באַקומען די דערלויבעניש פאַר אַ צייטונג מיטן נאָמען „אונזער מאָמענט" און אונטער דעם דאָזיקן נאָמען דערשיינט די צייטונג איצט, ווען מען האָט געקענט באַנייען דאָס אַרויסגעבן מיטן אַלטן נאָמען „מאָמענט", האָבן די אַרויסגעבער עס ניט געוואָלט, פונקט ווי דאָס איז דער פאַל מיט „דאָס וואָרט".

צווישן דעם 22טן יולי און דעם 15טן אויגוסט 1934 זענען דערשינען עטלעכע מאָל איינמאָליקע אויסגאַבעס. מיר דוכט זיך, אַז זיי זענען ניט געווען אַזוי רעגלמעסיק ווי די איינמאָליקע אויסגאַבעס במקום „פאָלקסבלאַט" און במקום „דאָס וואָרט". דער דערמאָנטער י. מאַרגאָלים האָט מיר צוגעשיקט בלויז איין איינמאָליקע אויסגאַבע פון 3טן אויגוסט, 1934, מיטן נאָמען „אונזער פּרעסע". איך געדענק, אַז עס זענען געווען נאָך עטלעכע; איך געדענק ניט, צי זיי זענען געווען טעגלעך. מיר דוכט זיך, אַז ניט.

אַן איינמאָליקע אויסגאַבע איז דערשינען פון די מיטאַרבעטער פון „מאָמענט" דעם 18טן מאַי 1934. די אויסגאַבע האָט געהייסן „אין קאַמף". דאָס איז געווען אין רעכטן ברען פון קאַמף צווישן צ״ס און רעוויזיאָניסטן איבער דעם אַרלאָזאָראָוו־מאָרד. די אויסגאַבע איז פול מיט זלזולים קעגן צ״ס און דער ציל אירער איז געווען צו געבן אַן אָרט פאַר אַזוינע זידלערייען, וואָס מען האָט אָפּגעהאַלטן אומבאַקוועם זיי אַריינצושטעלן אין דער טעגלעכער צייטונג.

## 6. „פרימאָרגן״

די יינגסטע יידישע צייטונג אין ליטע הייסט „פרימאָרגן״. זי דערשיינט סך־הכל זינט זונטיק, דעם 30טן אויגוסט, 1936. אין קעפּל איז אָנגעוויזן, אז דאָס איז א טעגלעכע אומפּאַרטייאישע מאָרגנצייטונג. איר פּרייז איז 10 צענט, אזוי ווי דער פּרייז פון די „הייַנטיקע נייַס״, בשעת די אַנדערע צייטונגען קאָסטן 20 און 25 צענט. די צייטונג האָט נאָר 4 זייטן און כמעט בלויז אינפאָרמאַציע־מאַטעריאַל און אזוי צו זאָגן, פאַרווייַלונג־מאַטעריאַל.

די צייטונג ווערט ארויסגעגעבן פאַקטיש פון די באַלעבאַטים פון דער ריגער „סעוואָדניא״, וואָס זענען אויך די פּאַקטישע באַלעבאַטים פון א קליינעם רוסישן בלעטל אין קאָוונע. דער מיטארבעטער פון „סעוואָדניא״, דער פאַררוסישטער ייד אָרעטשקין איז דער הויפּט־ אָרגאַניזאַטאָר און רעדאַקטאָר פון דער נייער צייטונג. די צייטונג איז ניט פאַרבונדן מיט קיין שום געזעלשאַפטלעכער שטרעמונג. זי מיט זיך צו זיין ניט בלויז טאָלעראַנט, נאָר אויך פריינדלעך צום רעזשים.

צווישן אַלע יידישע טאָגבלעטער פון ליטע איז עס די איינציקע אויסגאַבע, וואָס האָט אין זינען בלויז פּראָפיט. אזוינע אויסגאַבעס האָבן ביז איצט זיך ניט געקענט איינוואָרצלען אין ליטע. איצט אָבער האָט אזא אויסגאַבע הינטער זיך א ברייטע קעשענע פון „סעוואָדניא״ באַלעבאַטים און ביי זיך א פּאָר געניטע זשורנאַליסטישע הענט.

---

מיט דעם האָב איך פאַרענדיקט דאָס דערציילן וועגן די 6 טאָגבלעטער, וואָס דערשיינען איצט אין דער שטאָט קאָוונע און וואָס זייער צאָל איז קוריאָז־ארטיק. ס'איז זייער שווער אָנצואווייזן אין וויפיל עקזעמפּלאַרן עס דרוקן זיך אַלע זעקס בלעטער אין איינעם. איך גלויב קוים, אז דער אַלגעמיינער טיראַזש פון אַלע 6 בלעטער זאָל דערגרייכן די ציפער 15.000. וויסנדיק די פאַרהעלטעניש אין ליטע, רעכן איך, אז דער אַלגעמיינער טיראַזש וואַקלט זיך צווישן 12 ביז 15 טויזנט, דערביי איז עס פיל גיכער 12 איידער 15 טויזנט.

די צאָל לייענער פון יידישע בלעטער איז אומפאַרגלייכלעך גרעסער פאַר דער צאָל פאַרקויפטע עקזעמפּלאַרן, ווייל אין ליטע אזוי ווי אין פּוילן ווערט איין עקזעמפּלאַר פון א צייטונג געלייענט פון עטלעכע שותפים, וואָס שרייבן געמיינזאַם אויס די צייטונג, באַזונדערש איז עס כאַראַקטעריסטיש פאַר די שטעטלעך פון דער פּראָווינץ. דאָרטן

קען איין צייטונג געלייענט ווערן פון 3, 4 און אַמאָל אפילו מער שותפים. בכלל, איז דאָס לייענען אַ בלאַט זייער פאַרשפּרייט אין דער איצטיקער ליטע. עס לייענען די בלעטער מענער, פרויען און קינדער. אַ נישטיקער פּראָצענט יידן אין ליטע לייענען ניט קיין יידישע טאָגצייטונג.

אצינד וועלן מיר איבערגיין צו יענע טאָגבלעטער פון ליטע, וואָס האָבן ניט דערלעבט ביזן היינטיקן טאָג. זיי אַלע האָבן איין שותפותדיקן שטריך, אַז מען קען זיי באַטראַכטן ווי ניטגעלונגענע פּרואוון צו שאַפן די בלעטער, וועלכע האָבן זיך דאָרטן שפּעטער ערשט פאַרפעסטיקט אָדער בכלל ווי ניטגעלונגענע פּרואוון צו באַקעמפן די „אידישע שטימע", אין דער צייט ווען זי איז געווען אַליין אויף דער יידישער גאַס אין ליטע.

יעדער פון די איצטיקע בלעטער האָט זיך זיין פאָרגעשיכטע. די דאָזיקע פאָרגעשיכטע איז אַ ריי פּרואוון פון אַלע אַנדערע ריכטונגען אין דעם יידישן לעבן פון ליטע, חוץ דער אַלגעמיין-ציוניסטישער, צו האָבן אַן אייגענע פּרעסע. באַזונדערש פילצאָליק איז די ריי פּרואוון פון די ניט-ציוניסטישע עלעמענטן צו האָבן אַן אייגן טאָגבלאַט, אַ ריי פּרואוון וואָס ביז דעם דערשיינען פון „פאָלקסבלאַט" פלעגן זיי זיך ענדיקן מיט אַ דורכפאַל.

### 7. „אונזער צייט".

עס איז געמאַכט געוואָרן אַן ערשטער פּרואוו ארויסצוגעבן אַ לינק-אָריענטירטע יידישיסטישע צייטונג אַן ערך אַ יאָר נאָך דעם, ווי די „אידישע שטימע" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען.

די דאָזיקע ערשטע יידישע צייטונג פון דעם ניט-ציוניסטישן לאַגער האָב איך קיינמאָל ניט געזען. איך האָב נאָר געהערט וועגן איר. איך ווייס, אַז די צייטונג האָט עקסיסטירט אין גאַנצן 3 חדשים. וועלכע 3 חדשים פון דעם יאָר 1920 עס זענען געווען די חדשים פון איר עקסיסטענץ — דאָס ווייס איך ניט.

דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג איז געווען חיים ראַפּאַלאָוויטש (געשטאָרבן אין זומער 1927). צווישן אירע מיטאַרבעטער זענען געווען א. און ז. קאַלאָדני. איינער פון די הויפּט-אָרגאַניזאַטאָרן פון דער צייטונג איז געווען נ. שוואַל. די צייטונג האָט געקעמפט ניט נאָר מיט מאַטעריעלע שוועריקייטן, נאָר אויך מיט זייער פיל טעכנישע שוועריקייטן. זי האָט אויך ניט געהאַט קיין געניטע זשורנאַליסטישע הענט. די אַלע סיבות האָבן געבראַכט צו איר אונטערגאַנג.

## 8. „נייס".

דאָס איז געווען דער אינטערעסאַנטסטער פּרואוו אויפצובויען א ניט־ציוניסטישע טעגלעכע צייטונג אין ליטע. דאָס איז געווען בכלל א מערקווירדיקע צייטונג, וואָס איז געווען צו רייך און צו פעט, אז דער קליינער יידישער קיבוץ פון ליטע זאָל קענען פאַרדייען אזא לוקסוסשפּייז.

דאָס בלאַט איז געשאַפן געוואָרן אדאַנק דעם, וואָס אונטערוועגס פון רוסלאַנד קיין אויסלאַנד זענען אין קאָוונע געבליבן שטעקן א ריי ערשטראַנגיקע זשורנאַליסטן. זיי זענען אָבער ניט געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט ליטע, וואָס האָט זיי אגב ניט באַזונדערש פריינדלעך אויפגענומען, און ווען זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן ליטע און צו פאָרן ווייטער, האָבן זיי עס געטאָן. האָט דעריבער גע־מוזט פעלן די נויטיקע עקשנות אויפצוהאַלטן דעם פּרואוו און פאַר־וואַנדלען אַן עקספּערימענט אין א סטאַבילער איינגעפונדעוועטער טאָגצייטונג.

„נייס" איז דערשינען פון אָנהייב אויגוסט 1921 ביז אָנהייב מערץ 1922. דאָס אונטערקעפּל פון בלאַט: „אומפּאַרטייאיש־דעמאָקראַטי־שע צייטונג". איר רעדאַקטאָר איז געווען דר. א. מוקדוני. צווישן אירע מיטאַרבעטער — די געקומענע קיין ליטע: נחום שטיף, א. ראָזין (בן־אדיר), ז. קאַלמאַנאָוויטש, י. סלאָנים (א. נאָדל); עס האָט מיטגעאַרבעט אין דער צייטונג דוד בערגעלסאָן. די צייטונג האָט צו־געצויגן פון די אַרטיקעל די מיטאַרבעטערשאַפט פון: עוזר פינקל־שטיין, וואָס פלעגט יעמאָלט נאָך שרייבן רוסיש, יודל מאַרק, אוריה קאַצענעלנבאָגן, חיים ראַפּאַלאָוויטש. די צייטונג איז געווען איבער־געפּיקעוועט מיט אַרטיקלען און די פאַרהעלטעניש צווישן אַרטיקלען און נייס איז געווען ווייט ניט לטובת נייס. דער נאָמען האָט גע־קענט באַרעכטיקט ווערן נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט, אז די צייטונג האָט געגעבן נייע אידייען פאַר ליטע, אָבער נישט פון דעם שטאַנד־פּונקט, אז מען האָט געגעבן א סך אינפאָרמאַציע.

פאַר דער ניט־ציוניסטישער ליטע איז „נייס" געווען א יום־טוב. ספּעציעל די שבתדיקע נומערן פלעגן אויפגעהיט ווערן און געלייענט ווערן ניט ווי מען לייענט א טאָגבלאַט, נאָר ווי א וויכטיקן און ערנסטן זשורנאַל. אָבער דאָך האָט די צייטונג זיך ניט געקענט איינ־וואָרצלען. צום טייל איז אין דעם שולדיק די שלימזלדיקע ווירט־שאַפטלעכע אָנפירונג, צום טייל איר אויסשליסלעכע אינטעליגענטיש־

קייט. דאָך האָט זי געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין ליטע. יאָרנלאַנג האָט מען זי ניט געקענט פאַרגעסן.

נאָך דעם ווי די צייטונג האָט אויפגעהערט צו דערשיינען אין מערץ 1922 איז במשך פון זומער 1923 געמאַכט געוואָרן אַ צווייטער פּרואוו צו באַנייען דאָס טעגלעכע אַרויסגעבן „ניים". אין יוני, יולי און אויגוסט דערשיינט די צייטונג ווידער. די פריערדיקע מיט־אַרבעטער זענען זיך שוין געווען צעפּאָרן, און די צייטונג איז געוואָרן רעדאַגירט פון יוסף טשערניכאָוון, וואָס האָט יעמאָל געלעבט אין ליטע, און פון יודל מאַרקן. פון די אַנדערע מיטאַרבעטער אין יענער צייט מוז מען דערמאָנען דר. רודאָלף וואָלסאָנאָקן און חיים ראַפּאַ־לאָוויטשן. אין דעם דאָזיקן צווייטן פּעריאָד האָט די צייטונג געהאַט אַ מער אָרטיקן קאָלאָריט. זי איז אָבער געווען בלאַסער אין אינ־האַלט.

סך־הכל זענען דערשינען 282 נומערן פון טעגלעכע „ניים". שפּעטער־צו האָט מען ווידעראַמאָל אין ליטע אַרויסגעגעבן „ניים" אין די יאָרן 1923 און 1926. אָבער יעמאָלט איז דאָס געווען אַ וואָכנבלאַט.

## 9. „צייט".

ווי דערמאָנט, איז אין 23טן יאָר געגאַנגען בלויז אַ וואָכנבלאַט „ניים". סוף 1923 איז ווידער געווען די איינציקע צייטונג פון ליטע די „אידישע שטימע". נאָך אַזוי פיל אומגעלונגענע פּרואוון צו שאַפן אַ צווייטע צייטונג אין קאָוונע גופא, האָט אַ גרופּע פאָל־קיסטן פאַרטראַכט אַ פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ טאָגצייטונג אין דער פּראָ־ווינץ, אין שאַוול. אַזאַ פּרואוו האָט שוין פון לכתחילה זיך ניט גע־קענט איינגעבן, ווייל ליטע איז ניט געווען גרויס צו פאַרמאָגן אויך פּראָווינציעלע צייטונגען. דאָס איז געווען פון אָנהייב־אָן אַ יאוש־פּרואוו. מען האָט אים אויך געמאַכט אָן דער אָפיציעלער ברכה פון דער יידישער פאָלקספּאַרטיי אין ליטע. עוזר פינקלשטיין, דער פּאָרזיצער פון דער פּאַרטיי, האָט צו איר קיין שייכות ניט געהאַט און ניט געוואָלט דאָרטן מיטאַרבעטן.

„צייט" האָט עקסיסטירט אַן ערך 5 חדשים, פון אַפּריל ביז אויגוסט 1924. עס איז געווען די תקופה פון דער ירידה פון דער יידי־שער אווטאָנאָמיע און די צייטונג האָט זיך פאַרנומען מיט באַווייזן זי. איר רעדאַקטאָר איז געווען הירש בלאָשטיין, וואָס איז יעמאָלט

געווען אַ פּאָלקיסט. אין דער צייטונג האָט אויך מיטגעאַרבעט יודל מארק.

„צייט" האָט זיך זייער שוואַך פּאַרשפּרייט, באַזונדערש שלעכט אין קאָוונע, וואָס אירע לייענער האָט ניט געפּאַסט צו נעמען אין האַנט אַריין אַ פּראָווינץ־צייטונג.

## 10. „אידישער לעבן".

אין דער צייט וואָס די ניט־ציוניסטישע ליטע האָט זיך סוף־כּל־סוף דערשלאָגן צו אַ טעגלעכער צייטונג און אפילו ווען ציוניסטישע פּראַקציעס, וועלכע האָבן יאָרנלאַנג ניט געוואָלט מער ווי אַ וואָכנבלאַט, האָבן שוין אויך זייערע טאָגבלעטער, — קען די אָרטאָדאָקסיע אין ליטע זיך ניט אַרויפאַרבעטן צו אַ טאָגבלאַט. די לעצטע יאָרן האָט די אָרטאָדאָקסישע ליטע שוין אין גאַנצן אויפגעגעבן דעם פּלאַן צו האָבן אַן אייגענע טעגלעכע צייטונג. אפילו אַ כּסדרדיקן וואָכנבלאַט גיט זי אויך ניט אַרויס. אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס די איצטיקע „אידישע שטימע" און „אונזער מאָמענט" זענען שטענדיק גרייט אָפּצוגעבן געהעריג אָרט פאַר אַלע אָרטאָדאָקסישע ענינים. אָבער אין די ערשטע יאָרן פון דער אומאָפּהענגיקער ליטע זענען יאָ געמאַכט געוואָרן פּרואוון אַרויסצוגעבן אַן אָרטאָדאָקסיש טאָגבלאַט.

איך געדענק ניט גענוי, מיר דוכט זיך נאָר, אַז אויך פאַר דעם יאָר 1922 איז אַ געוויסע צייט אין קאָוונע אַרויסגעגאַנגען אַן אָרטאָדאָקסיש טאָגבלאַט. איך ווייס אויף זיכער, אַז פון 1טן יאַנואַר 1922 איז אין קאָוונע דערשינען אַן אָרטאָדאָקסישע צייטונג מיטן נאָמען „אידישער לעבן".

די צייטונג האָט געהאַט אייגנטלעך אַ טאָפּעלן נאָמען. חוץ דערמאָנטן נאָמען „אידישער לעבן" איז געווען אונטן אין פּיסלעך דער נאָמען „אידישער טאַגעבלאַט". די צייטונג פלעגט אויך אָנווייזן, אַז זי איז אַן „אָרטאָדאָקסישע טעגליכע צייטונג". ווי לאַנג זי האָט עקסיסטירט ווייס איך ניט. אין זומער 1922 האָט זי נאָך געלעבט. וואָס איז געוואָרן מיט איר אין האַרבסט און ווינטער פון דעם יאָר, קען איך אויף זיכער ניט זאָגן. אין דער דאָזיקער צייטונג, וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן פון אַ קאָלעגיע בראש מיט ש. שערע־שעווסקי, און וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די מרכּזים „אגודת ישראל" און „צעירי ישראל" אין ליטע, האָט אויך מיטגעאַרבעט ז. שוסטער.

נאָך דעם ווי די צייטונג האָט אויפגעהערט צו דערשיינען טעג־לעך, איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואָכנבלאַט.

קיין דויערנדיק עקסיסטירנדיקע טאָגצייטונג האָט די אָרטאָדאָק־סיע אין ליטע ניט געקענט אָרגאַניזירן.

## 11. „אינפאָרמאַציע".

אויך די לינקע ריכטונג האָט ניט געקענט זיך דערשלאָגן צו אַ טאָגצייטונג. די סיבה איז גאָר אַ פּשוטע. די דאָזיקע ריכ־טונג איז קיינמאָל ניט געווען לעגאַל אין ליטע, און דאָס גופא איז אַ גענוגיקער שטער. אויך פאַר דער פאַשיסטישער איבערקערעניש האָט כמעט שטענדיק עקסיסטירט אַ צענזור, איז אין לאַנד כמעט שטענדיק געווען קריג־צושטאַנד, איז קיינמאָל ניט געווען קיין פול־שטענדיק פרייע פּרעסע.

פריער איז שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט געוואָרן, אַז דער זומער 1933 האָט אַריינגעבראַכט אַ געוויסע צעמישעניש אין דעם צייטונג־נען־לעבן. יעמאָלט האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ ריי פּרוואַוון איינצו־בירגערן אַ ביליקע, אַ צענצענטיקע צייטונג. אין דער צייט האָבן אויך די גאָר לינקע געמאַכט אַ פּרוואוו אַרויסצוגעבן אַ טאָגצייטונג.

די צייטונג האָט געהייסן „אינפאָרמאַציע". איר ערשטער נו־מער איז דערשינען דינסטיק, דעם 11טן יולי, 1933. נאָך אויף ליט־וויש איז געווען אָנגעוויזן אַלס רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער ז. פריידהיים.

די צייטונג איז טאַקע געווען דער עיקר פאַר אינפאָרמאַציע. זי איז דערשינען בלויז 2־3 מאָל. אויף וויפיל איך ווייס, איז זי ניט געשלאָסן געוואָרן מצד דער מאַכט, נאָר אירע אַרויסגעבער האָבן אַליין אויפגעהערט זי אַרויסצולאָזן.

## 12. „קאָוונער צייט".

אין ליטע איז שטענדיק געווען אַ גרופּע אויסגעשפּראָכן בירגערלעכע און אויסגעשפּראָכן רעאַקציאָנערע עלעמענטן, וואָס זענען געווען אומ־צופרידן מיט דער „אידישער שטימע" פאַר איר „לינקקייט", וואָס זע־נען געווען קעגנער פון דער יידישער אווטאָנאָמיע איבער די שטייערן, וואָס די קהילות פלעגן אַרויפלייגן. די דאָזיקע גרופּע איז אָבער כמעט קיינמאָל ניט געקומען צום וואָרט, ווייל זי איז געווען צו קליין אין צאָל.

בלויז איין מאָל האָט די דאָזיקע גרופּע געמאַכט אַ פּרוואוו אַרויס־

צוגעבן אַ טעגלעכע צייטונג. דאָס איז געווען נאָך סוף 1925. ביי דער מאַכט זענען געווען די ליטווישע „קריסטלעכע דעמאָקראַטן", וועלכע האָבן רעגירט מיט דער הילף פון קריג־צושטאַנד. די דאָזיקע פּאַרטיי איז געקומען צו דער מאַכט אויף אַ לעגאַלן פּאַרלאַמענטאַרישן וועג. סוף 1925 האָט זי אָבער געפילט, אַז זי ווערט וואָס ווייניקער פּאָפּולער און זי האָט זיך שטאַרק געשראָקן פאַר די נייע וואַלן, וואָס זענען געווען באַשטימט אויף מאַי 1926.

ביי אַזאַ סיטואַציע האָבן די „קריסטלעך־דעמאָקראַטישע" רעגירער באַשלאָסן צו זוכן אונטערשטיצונג אויך צווישן יידן. ל. חדש, וואָס דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ פירער פון דער דערמאָנטער פאַרמעגלעכער גרופּע און וואָס איז געווען אין גוטע באַציאונגען מיט דער דאַמאָלסדיקער מאַכט, האָט פון 30טן דעצעמבער 1925 אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ טעגלעכע צייטונג מיטן נאָמען „קאָוונער צייט".

דאָס איז די איינציקע יידישע צייטונג אין ליטע, וואָס האָט געקראָגן געלט פון דער רעגירונג. פאַרשטייט זיך, אַז אַזוינס איז ניט געטאָן געוואָרן בפרהסיא. ווען די צייטונג איז אַרויס, האָט מען אָבער וועגן דעם זייער פיל גערעדט אין ליטע, און שפּעטער נאָך די וואַלן, ווען אין פּאַרלאַמענט איז געווען אַ נייע מערהייט און עס האָט זיך געשאַפן אַ נייע רעגירונג, איז דער ענין סובסידיע, וואָס די עבט־קריסטלעכע רעגירונג האָט געגעבן אַ יידישער צייטונג, אויפגעשווומען אויך אין פּאַרלאַמענט. אַזוי אַרום האָבן זיך די פריערדיקע קלאַנגען באַשטעטיקט.

די צייטונג האָט עקסיסטירט ביז איבער די וואַלן פון מאַי 1926, ביזן 15טן מאַי 1926. ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט איר שליחות ניט געקענט אויספירן, ווען די גרופּע וואָס איז געשטאַנען הינטער דער צייטונג איז דורכגעפאַלן ביי די וואַלן, האָט זיך די צייטונג געשלאָסן נאָכן אַרויסלאָזן 110 נומערן.

ווי דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג איז געווען געצייכנט איינער ב. שאַפּירא. ווי דער אַרויסגעבער פון דער צייטונג ש. מ. גאָץ. געאַרבעט אין דער צייטונג האָבן נאָר מענטשן, וואָס האָבן געקוקט אויף זייער אַרבעט בלויז ווי אויף אַ פּראָפעסיע. קיין אַרטיקלען זענען אין דער צייטונג כמעט ניט געווען. איר פּראָ־רעגירונגס־ריכטונג פלעגט זי אַרויסווייזן דורך דעם טענדענציעזן באַאַרבעטן די אָרטיקע ידיעות. למשל, אַזוי ווי יידן האָבן יעמאָלט גוואַלדיק געליטן פון אַן אַנטיסעמיטיש צוגעשפּיצטן אויפמאָנען שטייערן, פלעגט די צייטונג יעדע וויילע קומען מיט נייסן וועגן איבערקערעניש אין אויפמאָ־

נען שטייערן, ווענן נייע פּראָיעקטן, וואָס די רעגירונג אַרבעט אויס אויף דעם געביט, און מיט נאָך ענלעכע חידושים. דער מיטל איז געווען זייער אַ פּרימיטיווער: אַזוי ווי עס איז געווען שווער צו דער־ציילן גוטס וועגן דער טעטיקייט פון דער רעגירונג בנוגע יידן, האָט מען געהאַלטן אין איין מיטטיילן דעם עולם וועגן גוטע פּראָיעקטן, וואָס די רעגירונג־קאַנצעלאַריעס אַרבעטן אויס. עס האָט געהייסן, אַז אויב חס וחלילה עס בלייבט ניט ביי דער מאַכט די דאַמאָלסדיקע רעגירונג, וועלן דאָך די אַלע גוטע פּראָיעקטן ניט דורכגעפירט ווערן.

## 13. „קאָוונער טאָג“.

ווען „קאָוונער צייט“ האָט שוין געהאַלטן ביים שליסן זיך, האָט אַ גרופּע פון אירע מיטאַרבעטער, אָנגעשטעלטע אין דער צייטונג, גע־מאַכט אַ פּרוואו אַרויסצוגעבן אַן אַנדער צייטונג.

„קאָוונער טאָג“ האָט געהייסן די נייע צייטונג. זי האָט אָנגע־הויבן צו דערשיינען דעם 1טן אַפּריל 1926. זי האָט זיך דעקלאַרירט ווי אַן אומאָפּהענגיקע פאָלקסטימלעכע צייטונג. זי איז באמת געווען אומאָפּהענגיק פון יעדער געזעלשאַפטלעכער גרופּע ביי יידן. דאָס וואָרט „אומאָפּהענגיקע“ במקום דעם געוויינלעכן וואָרט „אומפּאַרטיי־אישע“ האָט די צייטונג געמוזט נוצן דערפאַר, ווייל „קאָוונער צייט“ האָט זיך גערופן „אומפּאַרטייאישע טעגלעכע צייטונג“, הגם זי איז דאָס ניט געווען.

דער דאָזיקער פּרוואו צו שאַפן אַן אומפּאַרטייאישע צייטונג האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן. די צייטונג האָט נישט באַקומען קיין אונ־טערשטיצונג פון קיינעם ניט; כאָטש זי האָט זיך געמיט צו זיין דע־מאָקראַטיש און פאָלקסטימלעך, האָט די יידישע פאָלקספּאַרטיי אין ליטע זיך באַצויגן צו איר מיט חשד, ווייל אַ טייל פון אירע מיטאַרבע־טער האָבן אָקאָרשט געדינט ל. חדשן, דעם פאַקטישן רעדאַקטאָר פון „קאָוונער צייט“.

„קאָוונער טאָג“ האָט אויסגעהאַלטן בלויז פינף חדשים, איר לעצטער נומער איז געווען פון 28טן אויגוסט. איר רעדאַקטאָר איז געווען ל. זינגמאַן. צווישן אירע מיטאַרבעטער זענען געווען דוד גלאָבוס און, דוכט זיך, אויך ר. צרפת. דער רעדאַקטאָר און די מיט־אַרבעטער האָבן געהאַט די בעסטע כוונות אויפצובויען אַ פאָלקסטימ־לעכע צייטונג. האָבן זי זיך ביטער געמאַטערט, ביזוואַנעט עס האָט אויסגעפעלט . . . ניט שכירות, ווייל דאָס האָט שטענדיק אויסגע־פעלט, נאָר געלט אויף פּאַפּיר.

## 14. „וועלטשפּיגל" (?)

דער ביישפּיל פון „קאָוונער טאָג" האָט אַ יאָר צוויי אָפּגעשלאָגן דעם חשק אַרויסצוגעבן אַן אומפּאַרטייאישע צייטונג. אָבער ווען מ. מעלער האָט גענומען מאַכן געשעפטן מיט זיין וואָכנבלאַט „וועלט־שפּיגל", האָט זיך אים פאַרגלוסט אַ פאַרמעסט צו טאָן זיך מיט דער „אידישער שטימע", און ער האָט במשך פון זומער 1928 פאַרוואַנדלט זיין וואָכנבלאַט אין אַ טאָגצייטונג. איך געדענק ניט, ווי די דאָזיקע טאָגצייטונג האָט געהייסן. דוכט זיך, אַז ניט „וועלטשפּיגל". איך דערמאָן זי, כדי דער קומענדיקער ביבליאָגראַף זאָל זי ניט דורכלאָזן.

די צייטונג האָט עקסיסטירט ניט מער ווי 3 חדשים. איר רע־דאַקטאָר איז געווען דער גאָר יונגער זשורנאַליסט א. י. סטוטשינסקי. די טאָגצייטונג, וואָס מ. מעלער האָט אַרויסגעגעבן, האָט ניט געהאַט קיין אָנזען און אויך ניט קיין טיראַזש. דער אַרויסגעבער האָט זי אויפגעגעבן און דורך זיין פאַרמעסט האָט ער קאַליע געמאַכט זיין פריערדיקע אונטערנעמונג — דאָס וואָכנבלאַט „וועלטשפּיגל".

## 15. „לעצטע נייס".

נאָך דעם ווי קאָוונע האָט שוין געהאַט 2 צייטונגען מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם געזעלשאַפטלעכן פּרצוף, די „אידישע שטימע" און „פאָלקסבלאַט", איז ווידער אַמאָל געמאַכט געוואָרן דער פּרואוו אַרויסצוגעבן אַ ריכטונגלאָזע צייטונג, וואָס אירע כוונות זענען בלויז קאָמערציעלע. אַזאַ צייטונג האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען פון ערשטן יאַנואַר 1933.

דאָס איז די צייטונג „לעצטע נייס". איר אַרויסגעבער און רע־דאַקטאָר איז ל. שבולת, וואָס האָט פאַרלאָרן זיין אַרבעט אין „פאָלקסבלאַט". די צייטונג האָט עקסיסטירט אַ האַלב יאָר צייט. האַרט פאַר ראש־השנה תרצ"ד, ווען אין דער צייטונג האָט מען זיך שוין געגרייט צו דעם גרויסן ראש־השנה־נומער, וואָס דאַרף אַריינ־ברענגען געלט פאַר די ברכות (אין ליטע איז ראש־השנה די בעסטע צייט פאַר די בלעטער: עס איז אַ מנהג אין ליטע צו שיקן כתיבה וחתימה טובה'ס דורך דער צייטונג), האָבן די מיטאַרבעטער און זע־צער געמאַכט אַ „רעוואָלוציע", ווייל זיי האָבן שוין מער ניט געקענט אויסקומען אָן שכירות. און די צייטונג האָט אויפגעהערט צו עקסיס־טירן.

„לעצטע נייס" האָט לכתחילה זיך געפּרואווט צו נעמען אויף

לינקס און געוואָלט פאַרקאָנקורירן „פאָלקסבלאַט". ווען מען האָט דאָרט געזען, אַז דער ענין גייט ניט דורך, איז מען דאָרט געוואָרן אַלץ רעכטער און רעכטער, געוואָרן היפּש פריינדלעך צו די אָרטאָדאָקסן און אין דער לעצטער סטאַדיע פון עקסיסטירן איז אַוועק אַ קאָקעטירן מיט רעוויזיאָניסטן.

„לעצטע נייס" האָט דערוויזן, אַז אומפּאַרטייאיש קען אַ צייטונג זיין נאָר אין קעפּל, אָבער ניט אין אינהאַלט. איר רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער האָט נאָך דעם דאָזיקן אומגעלונגענעם פּרוּוו אויפגעגעבן דעם פּלאַן צו האָבן אַן אייגענע צייטונג און ער האָט שפּעטער געאַרבעט אין „אונזער מאָמענט".

### 16. „מאָרגן־קוריער".

אין דעם זעלביקן יאָר 1933, איז אַרויס אַ קורצע צייט נאָך אַ צייטונג. זי האָט געהייסן „מאָרגן־קוריער". זי האָט זיך באַצייכנט „טעגלעכע אומפּאַרטייאישע אינפאָרמאַציע־צייטונג". זי איז דערשינען פון 1טן יולי 1933 אַן ערך 2־3 וואָכן. איר אַרויסגעבער איז געווען אַ דרוקער, ניימאַן. איר רעדאַקטאָר ר. צרפת. איר פּרייז איז געווען 10 צענט. זי איז באַשטאַנען פון 4 זייטן, זי האָט כּמעט נאָר אינפאָרמאַציע־מאַטעריאַל, און דער דאָזיקער מאַטעריאַל איז באמת געווען אַן אומפּאַרטייאישער. אַזוי ווי איר אַרויסגעבער האָט ניט געוואָלט קיין סך צולייגן, האָט די צייטונג קיין אריכת ימים ניט געהאַט.

אַזוי ווי דאָ ווערט געאַרבעט נאָר אויפן סמך פון זכרון און פון אַ צופעליקן מאַטעריאַל, צוגעשיקט פון דעם דערמאָנטן זאַמלער, האָט זיך דער קאַפּיטל „טאָגצייטונגען" אויסגעשעפּט. זיכער זענען דאָ אַ פּאָר בלויזן פאַראַן, אָבער נאָר פון צייטונגען, וואָס זענען געווען עפעמערישע דערשיינונגען. מיר גייען איבער צו

## ב. וואָכנבלעטער און אַנדערע פעריאָדישע אויסגאַבעס.

אויך דאָ וועל איך זיך ניט האַלטן ביים כראָנאָלאָגישן סדר. איך וועל פריער דערציילן וועגן די וואָכנבלעטער און אַנדערע פעריאָדישע אויסגאַבעס, וואָס טראָגן אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, און שפּעטער וועגן אַפּאָליטישע אויסגאַבעס.

## 1. „אַרבעטער־לעבן״.

די ערשטע לינקע צייטונג נאָך דעם ווי ליטע איז געוואָרן אומ־אָפּהענגיק איז דאָס וואָכנבלאַט „ארבעטער־לעבן״. דאָס וואָכנבלאַט איז ארויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם צענטראַלן ביורא פון די פּראָפע־סיאָנעלע פאַראיינען אין קאָוונע. אין קעפּל איז געווען דער זאַץ „פּראָ־לעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!״

דאָס וואָכנבלאַט איז רעגלמעסיק דערשינען אין אָקטאָבער, נאָ־וועמבער און דעצעמבער 1919. אין 1920 איז עס, דוכט זיך, גע־גאַנגען ניט אזוי רעגלמעסיק, ווייל עס האָט געהאַט אויסצושטיין שוועריקייטן מצד דער מאַכט. אין אָנהייב איז עס געווען בונדיס־טיש, אָבער שפּעטער זענען שטאַרקער געוואָרן די קאָמוניסטישע טענדענצן.

מיר דוכט זיך, אַז דאָס וואָכנבלאַט האָט אויפגעהערט צו דער־שיינען אין 1921.

אין יאָר 1926, ווען ביי דער מאַכט איז ווידער געווען א פּראָג־רעסיווע רעגירונג, האָט „ארבעטער־לעבן״ פון דאָס ניי אָנגעהויבן צו דערשיינען. וויפיל חדשים דאָס באַנייטע וואָכנבלאַט איז ארויסגע־גאַנגען, — געדענק איך ניט. איך געדענק אויך ניט, צי דאָס וואָכנ־בלאַט איז געשלאָסן געוואָרן דורך דעם פאַשיסטישן רעזשים נאָך דער איבערקערעניש פון 17טן דעצעמבער 1926, אָדער עס איז אונטערגע־גאַנגען איבער פּאָליצייאישע רדיפות מצד דער קאָאַליציע־רעגירונג פון ליטווישע פּאָלקיסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

## 2. „אַרבעטער־צייטונג״.

די לינקע פּועלי־ציון האָבן ניט געקענט זיך באַפרידיקן מיטן וואָכנבלאַט „ארבעטער־לעבן״, ווייל הן אין זיין בונדיסטישער, הן אין זיין קאָמוניסטישער טענדענץ איז ער געווען קעגן זיי. האָבן זיי אין יאָר 1920 אָנגעהויבן ארויסגעבן אַן אייגן וואָכנבלאַט מיטן נאָמען „ארבעטער־צייטונג״. ווי דער רעדאַקטאָר־ארויסגעבער איז געווען געצייכנט מ. משורר. דער פאַקטישער רעדאַקטאָר איז, דוכט זיך, געווען משה ערעם (קאַזאַרנאָווסקי). די צייטונג האָט אויפגע־הערט צו דערשיינען אין 1921.

## 3. „די נייע צייט״.

סוף 1920 און אָנהייב 1921 איז אין קאָוונע דערשינען דאָס וואָכנבלאַט „די נייע צייט״ מיט אַן אונטערקעפּל „וואָכנבלאַט פאַר

די יידישע אַרבעטער אין ליטע". מיר דוכט זיך, אַז דאָס וואָכנבלאַט איז געווען אַ המשך פון דער טאָג־צייטונג „אונזער צייט", בכל אופן האָבן דאָרט מיטגעאַרבעט די זעלביקע מענטשן וואָס אין „אונזער צייט". דער רעדאַקטאָר פון דער „נייער צייט" איז געווען ז. קאַלאָדני. דאָרטן האָבן אויך מיטגעאַרבעט ח. ראַפּאַלאָוויטש, א. קאַלאָדני און אַנדערע.

„די נייע צייט" איז ניט געווען קיין צייטשריפט פון אַ פּאַרטיי. דאָרטן זענען אויך געווען אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור און קונסט, אויך דערציילונגען און לידער. איך געדענק ניט, וואָס איז געווען די סיבה פון איר אונטערגאַנג: צי די מאַכט האָט זי געשלאָסן אָדער זי איז אַליין אויסגעגאַנגען.

## 4. „נייס".

ווי אַ וואָכנבלאַט איז „נייס" דערשינען אין צוויי באַזונדערע סעריעס, אין 1923 און 1926.

אין 1923 איז די סיטואַציע געווען אַזאַ:

עס האָט זיך געגרייט אַ רעפאָרם אין דער יידישער נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע. די פאָלקיסטישע עלעמענטן האָבן געפּועלט, מען זאָל מאַכן אַ פּרואוו צו באַלעבן די אווטאָנאָמיע. מען האָט זיך געגרייט צו נייע קהילות־וואַלן און צו וואַלן צו דער יידישער „נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג". האָבן די פאָלקיסטן ניט געקענט בלייבן אָן אַן אייגענער צייטשריפט. אָבער אַזוי ווי עס זענען ניט געווען קיין כוחות צו באַנייען „נייס" ווי אַ טאָגצייטונג, האָט מען זיך אַנטשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט. אַזוי ווי דער נאָמען „נייס" איז געווען באַליבט אין די דאָזיקע קרייזן, האָט דאָס וואָכנבלאַט געהייסן ווידעראַמאָל „נייס".

„נייס" איז איצט דערשינען פון אָנהייב אַפּריל ביז סוף אָקטאָבער, ביז נאָך די וואַלן. אירע רעדאַקטאָרן זענען געווען: עוזר פינקלשטיין, יוסף טשערניכאָוו און יודל מאַרק. חוץ זיי האָבן מיטגעאַרבעט נחום שטיף, וואָס האָט יעמאָלט געלעבט אין בערלין, ח. ראַפּאַלאָוויטש, דר. אסתר עליאַשעוו, אוריה קאַצענעלנבויגן, ר. צרפת, ה. בלאָשטיין און אַנדערע.

אין דעם וואָכנבלאַט האָט מען זיך פאַרנומען ניט נאָר מיט פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און בכלל געזעלשאַפטלעכע ענינים, נאָר מען האָט אָפּגעגעבן דאָרט אַ סך אָרט פאַר קולטור און ליטעראַטור. דאָס

וואָכנבלאַט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן ציכטיק און זאָרגעוודיק. און האָט געהאַט היפּש געזעלשאַפטלעכע השפּעה.

אין 1926 איז ווידעראַמאָל באַנייט געוואָרן „נייס". דאָס איז געווען נאָך די וואַלן, וואָס האָבן געבראַכט צו דער מפּלה פון די קריסטלעכע דעמאָקראַטן, ווען עס איז געווען אין ליטע אַ פּראָגרע־סיווע רעגירונג, אַ קאָאַליציע פון ליטווישע פאָלקיסטן (אַ לינקע פּויערים־פּאַרטיי) מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטן, און ווען עס איז געקומען אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע אויפלעבונג אין ליטע בכלל און אויך ביי יידן פון ליטע בפרט.

יעמאָלט האָט שוין די פאָלקיסטישע גרופּע צום פערטן מאָל באַ־נייט „נייס". דאָס וואָכנבלאַט האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין מאַי 1926 און געגאַנגען ביז סוף אויגוסט 1926. יוסף טשערניכאָוו איז שוין יעמאָלט ניט געווען אין ליטע, און דאָס וואָכנבלאַט איז אָנגע־פירט געוואָרן פון עוזר פינקלשטיינען און יודל מארקן. חוץ אַלע פריער דערמאָנטע (מיטן אויסנעם פון ה. בלאָשטיין, וואָס איז אויך ניט געווען אין ליטע), האָט מיטגעאַרבעט און מיטגעהאָלפן דר. מ. סודארסקי.

דאָס וואָכנבלאַט איז אָבער געווען אַ דעפיציט־אונטערנעמונג און די פאָלקיסטישע גרופּע איז זי ניט געווען בכוח אַ לאַנגע צייט זיך צו פאַרגינען אַזאַ מין זאַך. טעכניש איז „נייס" פון 1926 געווען בעסער און שענער פאַר „נייס" פון 1923.

## 5. „אונזער וועג".

מיר גייען איבער איצט צו די פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון פאַר־שיידענע ציוניסטישע פראַקציעס.

עטלעכע יאָר איז אַרויסגעגאַנגען מער־ווייניק אָן איבעררייסן די צייטשריפט „אונזער וועג". דאָס איז געווען די פּאַרטייאישע אויס־גאַבע פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן (וועלט־פאַרבאַנד). „אונזער וועג" האָט זיך גערופן „אָרגאַן פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן גע־דאַנק". ס'האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין יאָר 1923 און עס האָט עקסיסטירט, דוכט זיך, ביז 1927.

געווייינטלעך פלעגט עס דערשיינען איין מאָל אין צוויי וואָכן. געוויסע תקופות פלעגט עס דערשיינען איין מאָל אַ וואָך, עס זענען אָבער געווען איבעררייסן. דער הויפּט־מיטאַרבעטער פון דער צייטונג איז געווען דר. שמואל פרידמאַן. עס האָבן אין „אונזער וועג" מיט־געאַרבעט ש. קאַפּלאַן, נתן גרינבלאַט א"א. די דאָזיקע פּעריאָדישע

אויסגאַבע פלעגט זיך פאַרנעמען נאָר מיט פּאַרטייאישע ענינים, זי פלעגט פאַרשפּרייט ווערן כמעט נאָר צווישן פּאַרטיי־חברים.

## 6. „אונזער רוף".

עס איז געווען אַ צייט, ווען די ציוניסטן־סאָציאַליסטן זענען געווען צעשפּאָלטן אין צוויי באַזונדערע פּאַרטייען, מיט צוויי באַזונדערע וועלט־צענטראַלעס. „אונזער וועג" איז געווען דער פּאַרטיי־אָרגאַן פון די לינקערע צ״ס, פון יענע וואָס האָבן באַלאַנגט צום „וועלט־פאַרבאַנד". „אונזער רוף" איז געווען דער „צווייוועכנטלעכער אָרגאַן פון צ״ס, צעירי־ציון (התאחדות)".

„אונזער רוף" איז דערשינען פון אָקטאָבער 1925 ביז מיטן אָדער סוף 1926. איר רעדאַקטאָר איז געווען ל. גאָרפונקל, צווישן אירע מיטאַרבעטער — ש. שניידער, צ. פּאָרט, ז. טראוב א״א. נאָכן כאַראַקטער נאָך איז „אונזער רוף" געווען זייער ענלעך אויף „אונזער וועג".

נאָך דעם ווי די ביידע פּאַרטייען האָבן זיך פאַראייניקט אין איין צ״ס־ישער פּאַרטיי, האָט מען אַרויסגעגעבן איין צייטשריפט בשותפות. איך געדענק נאָר דאָס וואָכנבלאַט

## 7. „די צייט".

„די צייט" דערשיינט פון 10טן אַפּריל 1932 ביז האַרבסט 1933, ווען עס הייבט אָן אַרויסצוגיין דאָס טעגלעכע „אונזער וואָרט". מיר דוכט זיך, אַז חוץ „אונזער וועג", „אונזער רוף", און „די צייט" איז געווען נאָך אַן אויסגאַבע פון צ״ס. איך ווייס עס אָבער ניט אויף זיכער. די הויפּט־מיטאַרבעטער פון וואָכנבלאַט „די צייט" זענען געווען שמואל פרידמאַן, נתן גרינבלאַט, אפרים גרינבערג, ל. גאָרפונקל א״א.

„די צייט" האָט שוין געטראָגן אַביסל אַן אַנדער כאַראַקטער ווי „אונזער וועג" און „אונזער רוף". „די צייט" האָט זיך מער פאַרנומען מיט וועלט־ענינים, האָט אָפּגעגעבן מער אָרט פאַר ליטעראַטור און האָט פּרעטענדירט צו האָבן — און אויך געהאַט — לייענער ניט נאָר צווישן די פּאַרטיי־קרייזן.

ווי דער אַרויסגעבער פון דער „צייט" איז געווען געצייכנט די צ״ס־ישע „בילדונגס־געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון דר. נחמן סירקין אין ליטע". די דערמאָנטע צ״ס־ישע אויסגאַבעס פלעגן דערשיינען אין פאָרם פון זעקסזייטיקע צייטונגען.

## 8. „די צוקונפט".

די אַנדערע ציוניסטישע גרופּירונגען האָבן ניט געהאַט אַזוינע סיסטעמאַטישע אויסגאַבעס ווי די צע"עס. זיי האָבן אַרויסגעגעבן נאָר סעזאָן־בלעטער. אַזוי למשל, האָבן די רעוויזיאָניסטן פון מאיר גראָסמאַנס חדר זומער פון 1933, ווען זיי האָבן געהאַלטן אין רעכטן ברען פון דער וואַל־קאַמפּאַניע צום ציוניסטישן קאָנגרעס, אַרויסגע־געבן אַ ריי „איינמאָליקע אויסגאַבעס". די דאָזיקע „איינמאָליקע אויסגאַבעס" זענען אָבער בלויז אָפיציעל געווען איינמאָליק. פאַקטיש איז עס געווען אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע. אַ קורצע צייט — אפילו אַ טעגלעכע אויסגאַבע נאָך דעם אַלץ זעלטענער און זעלטענער, ביז דער סעזאָן איז געווען פאַרביי.

די דאָזיקע אויסגאַבע פון די גראָסמאַניסטן, וואָס האָבן אָקאָרשט איצט געהאַט זיך צעריסן מיט זשאַבאָטינסקין, האָט געהייסן „די צו־קונפט", אָבער נאָר דעם 18טן יולי 1933 דעם 19טן יולי האָט די זעלבי־קע אויסגאַבע געהייסן „אונזער צוקונפט", דעם 20טן יולי—„די נאָנטע צוקונפט", דעם 21טן יולי — „די אידישע צוקונפט" און נאָך עטלע־כע „צוקונפטן" זענען דורכט זיך געווען. אומעטום איז אונטערן קעפּל געווען אָנגעוויזן „אָרגאַן פון דעמאָקראַטישן רעוויזיאָניסטישן גע־דאַנק".

דער ניט־דעמאָקראַטישער רעוויזיאָניסטישער געדאַנק האָט יע־מאָלט אויך געהאַט עפּעס אויסגאַבעס. איך געדענק ניט, צי דאָס איז געווען אַזוי פּעריאָדיש ווי ביי די „דעמאָקראַטישע רעוויזיאָניסטן".

## 9a. „דער אידנשטאַט".

## 9b. „אידנשטאַט אין א"י.

די זעלביקע גראָסמאַניסטן האָבן נאָך אין דעם זעלביקן 1933 זיך אַ נאָמען געגעבן „אידנשטאַטס־פּאַרטיי". האָבן זיי געדאַרפט אַ צייטשריפט, וואָס זאָל דערקלערן די יסודות פון דער נייער פּאַרטיי. צו דעם ציל האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַן איינמאָליקע אויסגאַבע„ דער אידנשטאַט". ווי דער רעדאַקטאָר איז געווען אָנגעוויזן ש. דרור. די דאָזיקע אויסגאַבע האָט אויך געהאַט עטלעכע וואַריאַציעס אין איר נאָמען.

סוף יולי 1934 (כ"ג תמוז) האָט די „אידנשטאַטס־פּאַרטיי" אָנגע־הויבן אַרויסצוגעבן אַ 2־וועכנטלעכע שריפט מיטן נאָמען „אידנשטאַט

אין א"י" און מיט אַן אָנווייז, אַז דאָס איז דער „אָרגאַן פון דער אידנשטאַטס־פּאַרטיי אין ליטע". די צוויי־וואָכנשריפט איז אַרויסגע־גאַנגען אויך אין 1935. דאָרטן פלעגט מען איבערדרוקן מאיר גראָסמאַנס אַרטיקלען. דער פאַקטישער רעדאַקטאָר איז אין אָנהייב געווען דר. ה. ראָזענבלום. די מיטאַרבעטער: ש. דרור, משה זאַקס, י. זשערדין א"א. דאָס איז געווען אַ ריין־פּאַרטייאישע אויסגאַבע.

## 10. „ציוניסטישער געדאַנק".

ביי יעדע קאָנגרעס־וואַלן זענען געווען צייטווייליקע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. לײדער, קען איך דאָ דערמאָנען נאָר יענע, וואָס איך געדענק, אָדער וואָס איך האָב צופעליק דאָ באַקומען. דעריבער מוז איך זיך פון דער גאַנצער ריי ענלעכע אויסגאַבעס באַגנוגענען מיטן אָנווייזן אויף דעם „ציוניסטישן געדאַנק", דעם „אָרגאַן פון די פּראָג־רעסיווע אַלגעמיינע ציוניסטן אין ליעטוואַ". דאָס איז אַן אָרגאַן, וואָס איז דערשינען אין יולי־אויגוסט, 1935, און זיך פאַרנומען מיט קאָנגרעס־אַגיטאַציע. די מיטאַרבעטער זענען געווען: דר. ח. נ. שאַ־פּירא, דר. י. נ. דאָנסקי און אליעזר הײמאַן.

## 11. „דאָס אידישע וואָרט".

אויך די מזרחי־פּאַרטיי אין ליטע האָט געהאַט אַן אייגענעם אָר־גאַן, ס'רוב פלעגט עס זיין ניט קיין פּעריאָדישע אויסגאַבע. פון 1טן נאָוועמבער 1933 האָט „דאָס אידישע וואָרט" געדאַרפט ווערן דער פּעריאָדישער וועכנטלעכער אָרגאַן פון „תורה ועבודה" און פון „מזרחי" אין ליטע, אָבער פּעריאָדיש איז עס געווען בלויז אַ קורצע צייט. אין די מזרחי־אויסגאַבעס איז דער הויפּט־שרייבער געווען הרב י. ראָזענסאָן. חוץ אים — הרב זופּאָוויטש, צבי בערנשטיין, דוד רעזניק א"א.

## 12. „אונזער וואָרט".

## 13. „אידישע וועלט".

## 14. „דער אידישער לעבן" (וואָכנבלאַט).

## 15. „דער אָרטאָדאָקסישער אידישער לעבן".

## 16. „צום יוגנט".

## 17. „בית־יעקב־היים".

דאָס זענען אַלץ אָרטאָדאָקסישע אויסגאַבעס, וואָס זענען אין פאַרשיידענע צייטן דערשינען אין ליטע. דאָס זענען זיכער ניט אַלע

אויסגאַבעס. איך ווייס אויך ניט גענוי ווען די דאָזיקע אויסגאַבעס האָבן אויפגעהערט צו דערשיינען. איך ווייס נאָר:

„אונזער וואָרט" פלעגט מער־ווייניק פּעריאָדיש דערשיינען אין 1931;

„אידישע וועלט" גייט אַרויס פון אָנהייב 1932 און איז פאַר דער לעצטער צייט די וויכטיקסטע אָרטאָדאָקסישע אויסגאַבע, גייט אַרויס אין 8 זייטן פון צייטונגס־פאָרמאַט, מיט געוויסע איבעררייסן איז עס דערגאַנגען ביז איצט;

„דער אידישער לעבן", וואָס איז דער עלטער נאָמען פאַר אָר־טאָדאָקסישע אויסגאַבעס פלעגט דערשיינען ווי אַ וואָכנבלאַט אין 1921, צווייטער העלפט 1922, אין 1926 און, דוכט זיך, אין 1933;

„דער אָרטאָדאָקסישער אידישער לעבן", אַן אויסגאַבע פון צעירי אגודת ישראל, איז דערשינען 1934;

„צום יוגנט" איז געווען אַ צוויי־מאָנאַט זשורנאַל פון „מרכז תפארת בחורים פאַר די אינטערעסן פון יוגנט און תפארת בחורים אָרגאַניזאַציעס אין ליטע" און איז דערשינען אין סלאָבאָדקע פון 1929, דוכט זיך, ביז 1930;

„בית־יעקב־היים" פלעגט אַרויסגיין אין קיידאַן „געווידמעט די אינטערעסן פון דער פרויען־באַוועגונג אין ליטע"; איז עס אין 1933 געווען אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע?

## 18. „קלאָרקייט".

אַרויסגעגעבן פון די לינקסטע ציוניסטן. פון 1טן אָקטאָבער 1933 האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אַ „פּעריאָדישע אויסגאַבע פאַר אַלגעמיינע און פּאַלעסטינער פראַגן". אָבער די צייטשריפט „קלאָר־קייט" האָט אויסגעהאַלטן בלויז עטלעכע נומערן.

## 19. „מעמלער יידישע נייס".

חוץ די ביז איצט דערמאָנטע אויסגאַבעס, וואָס זענען דערשינען פון דער אָדער יענער ריכטונג, האָט ליטע געהאַט אַ געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע ניט מיט קיין פּאַרטייאישן נאָר מיט אַן אָרטיקן שטעמפּל. דאָס איז די „מעמלער אידישע נייס" מיט אַן אונטערקעפּל „אומפּאַר־טייאישע מעמלער טריבונע". ס'איז לכתחילה אַרויס זעלבשטענדיק אָנהייב 1933, נאָך דעם אין מיטן מאַי ביז אָקטאָבער איז עס געווען איין מאָל אַ וואָך אַ ביילאַגע צו די „לעצטע נייס" (זע צווישן די טאָג־צייטונגען נ. 15). און נאָך דעם ווי די „לעצטע נייס" איז אונטער־

געגאַנגען, איז עס דעם 11טן אָקטאָבער 1933 ארויס ווי אַן איינמאָ־ליקע אויסגאַבע מיטן נאָמען „ערשטע מעמלער אידישע נייס". צי עס זענען געווען נאָך אַזוינע איינמאָליקע אויסגאַבעס ווייס איך ניט. דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר און צונויפשטעלער פון די „מעמלער אידי־שע נייס" איז געווען א. נאָוויץ (נאָוואַכאָוויטש). אין דער צייטונג האָט אויך געאַרבעט אברהם מעלער, עס זענען דאָרטן געווען עטלעכע גרעסערע אַרטיקלען פון דר. רודאָלף וואָלסאָנאָק.

די צייטשריפט האָט זיך אינטערעסירט נאָר מיט דעם יידישן לעבן אין מעמל און מיט די באַזונדערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן פון מעמל, דער שטאָט און געגענט, וואָס האָט אַמאָל באַלאַנגט צו דייטשלאַנד און איצינד געהערט עס צו ליטע. הגם פאָרמעל־ אומפּאַרטייאיש, האָט דאָך „מעמלער אידישע נייס" א בולטע ציוניסטישע באַפאַרבונג.

## 20. „דער אידישער קאָאָפּעראַטאָר".

אין ליטע האָט די פאַך־פּרעסע געשפּילט א קליינע ראָלע. עס זענען אַלעמאָל געווען געגנוג פעריאָדישע אויסגאַבעס, וואָס זאָלן דרוקן אַלע מאַטעריאַלן פון פאַך־אָרגאַניזאַציעס. דעריבער האָבן די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס נישט געהאַט די נויטווענדיקייט צו פטרן געלט און ענערגיע פאַר פאַך־צייטשריפטן. אויב אָרגאַניזאַציעס האָבן דאָך ארויסגעגעבן פעריאָדישע שריפטן, איז עס געווען מער לשם פּרעסטיזש פון דער אָרגאַניזאַציע ווי צוליב נויטווענדיקייט.

פון די דאָזיקע פעריאָדישע אויסגאַבעס, וואָס האָבן אין זינען נאָר איין בראַנזשע, אָדער נאָר איין געביט, איז די וויכטיקסטע „דער אידישער קאָאָפּעראַטאָר". דאָס איז אַן אויסגאַבע פון פאַרבאַנד פון די יידישע פאָלקס־בענק. די דאָזיקע אויסגאַבע האָט דורכגע־מאַכט א ריי גלגולים: אין 1923—1924 איז זי געווען א זעלבשטענ־דיקע אויסגאַבע; אין 1925 איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א ביי־לאַגע צו דער „אידישער שטימע"; פון 1926 איז עס געוואָרן א חודש־זשורנאַל, גאַנץ לייטיש ארויסגעגעבן, מיט א הילע, האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביזן 31טן (?) יאָר. ביסלעכווייז איז עס געוואָרן ווייניקער פעריאָדיש, און דוכט זיך, פון 1932 איז עס פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין א בולעטען פון דעם פאַרבאַנד פון די פאָלקסבענק, וואָס ווערט פונאַנדערגעשיקט צו די רעדאַקציעס פון די צייטונגען און צו די פאָלקסבענק.

„דער אידישער קאָאָפּעראַטאָר" האָט זיך דערהויפּט פאַרנומען

מיט אַלע ענינים, וואָס קענען האָבן אַ שייכות צום לעבן פון די פאָלקסבענק, ד. ה. מיט דער טעטיקייט פון זייער פאַרבאַנד, מיט דעם מצב פון די אָרטיקע פאָלקסבענק, מיט דער אַלגעמיינער קאָאָפּעראַטי־ווער באַוועגונג אין ליטע און בכלל מיט דער ווירטשאַפטלעכער לאַגע פון ליטע. אָבער „דער אידישער קאָאָפּעראַטאָר" פלעגט זיך אויך פאַרנעמען מיט עקאָנאָמישע פּראָבלעמען בכלל און פלעגט געבן סיס־טעמאַטישע איבערזיכטן וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע אין דער וועלט. חוץ דעם פלעגן אפילו פון צייט צו צייט דערשיינען פעליע־טאָנען, וואָס האָבן בלויז אַן אומדירעקטע שייכות געהאַט צו קאָאָפּע־ראַציע אָדער צו עקאָנאָמיק.

די הויפּט־מיטאַרבעטער פון „אידישן קאָאָפּעראַטאָר" זענען גע־ווען די ביידע דירעקטאָרן פון פאַרבאַנד פון יידישע פאָלקסבענק אין ליטע ש. קעלזאָן און צ. פאָרט. עס האָבן דאָרטן אויך מיטגעאַרבעט ל. גורוויטש, י. ראָבינסקי, דר. ה. לאַנדוי, ש. וואָלאָצקי א"א. חוץ דעם פלעגט „דער אידישער קאָאָפּעראַטאָר" זיך באַנוצן מיט איבער־געזעצטע מאַטעריאַלן.

## 21. „דער בעל־מלאכה".

אַזוי האָט געהייסן אַ צוויי־וועכנטלעכער זשורנאַל, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דער אַל־ליטווישער פאַרבאַנד פאַר מלאכה און קליין־אינדוסטרי. דער דאָזיקער צוויי־וועכנטלעכער זשורנאַל איז דערשינען אין די יאָרן 1925 און 1926. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען די יידישע האַנטווערקער אין ליטע זענען געווען צעשפּאָלטן אין צוויי אָרגאַניזאַציעס. האָט די נייע אָרגאַניזאַציע אַרויסגעוויזן אַ לעבע־דיקע טעטיקייט און אַגב אַרויסגעבן אויך דעם דערמאָנטן זשור־נאַל. די הויפּט־מיטאַרבעטער דאָרטן זענען געווען: ל. גורוויטש, ה. זוסמאַנאָוויטש און אַנדערע.

כאַראַקטעריסטיש: ווען ביידע פאַרבאַנדן האָבן זיך שפּעטער פאַראייניקט, איז מער ניט געווען קיין נויטווענדיקייט אין אַרויסגעבן אַ ספּעציעלן זשורנאַל פאַרן בעל־מלאכה. אַגב, איז זינט דעם אָנהייב פון „פאָלקסבלאַט" געשטיגן דער אינטערעס פאַר אָנגעלעגנהייטן פון בעל־מלאכות און נאָך דעם זענען שוין אַלע צייטונגען געווען גרייט צו געבן אַזוי פיל מאַטעריאַל וועגן בעל־מלאכהשן לעבן, וויפיל נאָר דער האַנטווערקער־פאַרבאַנד האָט געוואָלט.

אין אַזאַ לאַגע זענען אויך אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדן. אַזוי ווי די צייטונגען קאָנקורירן צווישן זיך, זענען זיי מוכן ומזומן

צו דרוקן גאַנצע מעמאָראַנדומס און אויך ספּעציעלע אַרטיקלען וועגן פאַך־ענינים, וואָס יעדע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע וואָלט זיי צו־שטעלן. דערמיט דערקלערט זיך דער פאַקט, אַז אין דער יידישער ליטע זענען נישטאָ איצט קיין שום פאַך־צייטשריפטן. ווען מען מאַכט אַ פּרוואו ארויסצוגעבן אַ פאַכשריפט, גיט עס זיך אויך ניט איין.

אזוי האָט זיך אויך ניט איינגעגעבן ארויסגעבן די צייטשריפט

## 22. „אונזער האַנדל".

דאָס האָט געדאַרפט ווערן אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע פאַר האַנדל און ווירטשאַפט און געזאָלט דערשיינען יעדן חודש, ווי דאָס איז געווען געמאָלדן גלייך אונטערן קעפּל פון דער צייטשריפט. איך ווייס אָבער נאָר פון דעם פעברואר־נומער פון יאָר 1935. קען זיין עס איז געווען נאָך אַ נומער. בכל אופן האָט די צייטשריפט קיין לאַנגן קיום ניט געהאַט. עס האָט זי אַרויסגעגעבן דער קליין־סוחרים־פאַרבאַנד. ווי דער רעדאַקטאָר איז געווען אונטערגעשריבן י. סאָלאָמין, דער לאַנגיאָריקער פאָרזיצער פון דערמאָנטן פאַרבאַנד. אַלע אַנדערע מיטאַרבעטער האָבן זיך באַנוגנט מיט ראשי תבות און פּסעוודאָני־מען. „אונזער האַנדל" איז אַרויס אין אַ צייטונגס פאָרמאַט און געהאַט ס"ה 4 זייטן.

## 23. „האַנדל און אינדוסטרי צייטונג".

אביסל לענגער האָט עקסיסטירט די „האַנדל און אינדוסטרי צייטונג" אין דעם יאָר 1923.

דאָס איז געווען אַ וואָכנבלאַט, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצו־גיין אין אַפּריל 1923 און געגאַנגען, דוכט זיך, ביז יוני פון דעם זעל־ביקן יאָר. יעדער נומער איז באַשטאַנען אויך ניט מער ווי פון 4 זייטן צייטונגס־פאָרמאַט. אירע מיטאַרבעטער זענען געווען: י. עטינ־גער, ר. קאָמאַראָוו (רעפּעס) א"א. ווי דער רעדאַקטאָר איז געווען גע־צייכנט א. נאָוויכאָוויטש.

דאָס סאַמע אָריגינעלע פון דעם וואָכנבלאַט איז געווען זיין דריי־שפּראַכיקייט: יידיש, ליטוויש און רוסיש. אָבער מער ווי אַ העלפט אָרט האָט פאַרנומען יידיש, איין זייט איז געווען אַ ליטווישע, און רוסיש האָט מען געקענט טרעפן בלויז אין די אַנאָנסן. דאָס איז גע־ווען אַן אונטערנעמונג פון עטלעכע מענטשן, אויסגערעכנט אויף אונ־טערשטיצונג פון סוחרים־פאַראיינען און פון אינדוסטריעלער. מסתמא האָבן זיי זיך ניט דערוואַרט אויף אונטערשטיצונג אָדער אפשר איז

די אונטערשטיצונג געווען אַ צו קליינע, האָבן זיי אויפגעגעבן זייער צייטשריפט.

## 24. „לעבן".

איך גיי איצט אַריבער צו צייטשריפטן אָן פּאָליטיק און אָן געזעלשאַפטלעכע כוונות. זייער צאָל איז פיל קלענער. ניט אַלעמאָל האָט ליטע געקענט אויסהאַלטן כאָטש איין צייטשריפט מיט סתם פאַרוויילונגס־מאַטעריאַל. ריין־ליטעראַרישע צייטשריפטן זענען אָפּנים ניט פאַר די כוחות פון דעם קליינעם יידישן קיבוץ אין ליטע. וואָכנבלעטער, וואָס מען רופט זיי „פאַמיליען־זשורנאַלן", האָבן עטלעכע מאָל געפּרואווט זיך איינפּעסטיקן. איך וועל זיי דערמאָנען אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר:

דאָס ערשטע וואָכנבלאַט פון דעם מין איז „לעבן". אַזאַ צייטשריפט איז דערשינען אין 2טער העלפט 1923 אונטער דער רעדאַקציע פון מרדכי יפה. אויף אַזאַ אופן איז ער דער פּיאָנער פון „פאַמיליען־זשורנאַלן" אין ליטע. אָבער קיין מזל האָט דער פּיאָנער ניט געהאַט, עס איז אַרויס בלויז איין נומער „לעבן" (אפשר איז אַרויס אַ 2טער נומער).

פיל ערנסטער, מער מזל, אַ פעסטערן מאַטעריעלן יסוד און אַ לענגערן קיום האָט געהאַט דאָס וואָכנבלאַט

## 25. „די וועלט".

מיט אָן אונטערקעפּל „אילוסטרירטער וואָכנבלאַט פאַר דער אידישער היים און פאַמיליע". דאָס וואָכנבלאַט האָט אָנגעהויבן דערשיינען דעם 1טן יאַנואַר 1924. דאָס איז געווען צום טייל אַ ביילאַגע צו דער „אידישער שטימע", צום טייל אַ זעלבשטענדיקער זשורנאַל. זיין רעדאַקטאָר איז געווען ר. רובינשטיין.

„די וועלט" פלעגט האָבן אַן אָפּטיילונג „פון גאָר דער וועלט". מיט פאַרשיידענע טשיקאַווע מאַטעריאַלן. „די וועלט" האָט זיך באַמיט צו באַקענען אירע לייענער מיט דער ליטווישער ליטעראַטור און געגעבן איבערזעצונגען פון ליטווישע נאָוועליסטן. דאָס וואָכנבלאַט האָט אויך זיך אינטערעסירט מיט קונסט בכלל, עס האָט געהאַט אַ גוטע באַציאונג צו יונגע אָרטיקע דיכטער און דערציילער.

דאָרטן האָבן מיטגעאַרבעט: דוד כהן, ה. פראַנק, יודיקאַ, מרדכי יפה, י. מה־יפית, דוד פראַם א"א.

פון אָנהייב 1925 איז דאָס וואָכנבלאַט רעאָרגאַניזירט געוואָרן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין בערלין, הגם דער מאַטעריאַל איז ס'רוב געשיקט פון קאָוונע. דאָס וואָכנבלאַט איז געוואָרן גרעסער אין פאָרמאַט און די אילוסטראַציעס זענען טעכניש געוואָרן בעסער. ווי דער אָרט פון דערשיינען איז געווען אָנגעוויזן בערלין־קאָוונע. ווי רעדאַקטאָרן זענען געווען אָנגעגעבן י. קלינאָוו און ר. רובינשטיין. דאָס האָט געזאָלט ווערן אַ צענטראַלע וואָכנשריפט, וואָס האָט פרע־טענדירט פאַרשפרייט צו ווערן אין גאַנץ מזרח־אייראָפּע. דאָס פאַר־ברייטערן די אויסגאַבע האָט אָפּנים קיין דערפאָלג ניט געהאַט. ווען די צייטשריפט איז אונטערגעגאַנגען געדענק איך ניט. מיר דוכט זיך, אַז צום 1926טן יאָר האָט זי ניט דערלעבט.

## 26. „וועלטשפּיגל".

אין 1927 איז געמאַכט געוואָרן נאָך אַ פּרואוו אַרויסצוגעבן אין ליטע אַ זשורנאַל מיט פאַרווײלונג־מאַטעריאַל. דער אונטערנע־מער איז געווען מ. מעלער. די צייטשריפט האָט געהייסן „וועלט־שפּיגל" און האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין סעפּטעמבער 1927. ווען די צייטשריפט איז אונטערגעגאַנגען, ווייס איך ניט. מיר דוכט זיך, אַז זי האָט עקסיסטירט ביז סוף 1928.

דער „וועלטשפּיגל" האָט געטראָגן אַ ווייניקער ערנסטן כאַ־ראַקטער ווי „די וועלט", געהאַט ווייניקער מיטאַרבעטער און אַרויס־געוויזן בכלל ווייניקער אינטערעס פאַר ענינים פון קולטור און ליטע־ראַטור. אויף וויפיל איך געדענק, איז דער וויכטיקסטער מיטאַר־בעטער די ערשטע צייט געווען ר. כאַסמאַן. דאָרטן האָט אויך מיט־געאַרבעט ר. צרפת.

## 27. „פונקען".

דאָס איז אַ „וועכנטלעכער פאַמיליען־זשורנאַל". עס האָט אָנ־געהויבן דערשיינען פון 1טן יאַנואַר 1931 און עס האָט עקסיסטירט אַ דריי פערטל יאָר. איר אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר איז געווען ר. צרפת. דאָס איז געווען אַ גאַנץ לעבעדיק צונויפגעשטעלט וואָכנבלאַט מיט אַ היפּש ביסל אילוסטראַציעס. „פונקען" האָבן געהאַט אַ שטענדיקע אָפּטיילונג פאַר ספּאָרט אונטער דער רעדאַקציע פון י. ליפשיץ, אַ שטענדיקע אָפּטיילונג פאַר קינאָ, אַ קונסט־ און ליטעראַ־טור־אָפּטיילונג. אין די „פונקען" האָבן זיך געדרוקט גאַנץ לעבעדיקע באַשרייבונגען פון די שטעטלעך, פון י. סערעבראָוויטש־כספּי. פון אירע שטענדיקע מיטאַרבעטער דאַרף אויך דערמאָנט ווערן ד. גלאָבוס.

הגם „פונקען" האָבן זיך געמיט צו זיין אינטערעסאַנט, צו שפּריצן מיט פונקען פון הומאָר, הגם אין פּראָווינץ האָבן זיי געהאַט ניט קיין שלעכטן דערפאָלג, האָבן זיי זיך ניט איינגעוואָרצלט אין דעם ליטוואַקיש־טרוקענעם באָדן.

## 28. „נייער וועלטשפּיגל".

דאָס דאָזיקע וואָכנבלאַט האָט ניט געהאַט קיין אריכת ימים. דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 1טן יוני 1934. איז געוווען א צווייטער נומער? איך גלויב קוים. זיין רעדאַקטאָר־ארויסגעבער איז געווען גדליה שוסטער. אין ערשטן נומער האָט איר געהאַט אי ספּאָרט, אין אַן אָפּטיילונג, וואָס האָט געהייסן „פרויען און מענער", אי אַן אָפּטיילונג, „אויף דער גרויסער וועלט". עס האָט אָבער געפעלט זאַלץ און . . . לייענער.

## 29. „פּאַר אַלעמען".

דאָס איז דאָס וואָכנבלאַט, וואָס דערשיינט נאָך איצט און וואָס האָט אַפּנים זיך יאָ איינגעבירגערט אין ליטע. „פּאַר אלעמען" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין מאַי 1935. די דאָזיקע וועכנטלעכע אויסגאַבע צייכנט זיך אוים מיט דעם, וואָס זי האָט זייער פיל אילוסטראַציעס. זי איז באמת לעבעדיק און האָט געפונען חן ביים עולם.

איר רעדאַקטאָר איז ווידער ר. צרפת. חוץ אים זענען די הויפּט־מיטאַרבעטער א. רעפעס און דוד גלאָבוס. אין וואָכנבלאַט ארבעט מיט א פעיקער יונגער קאַריקאַטוריסט ח. פיינשטיין.

„פּאַר אלעמען" אינטערעסירט זיך מיט אַלע ענינים פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, אָבער גיט זיי איבער אין א קרומען שפּיגל. אָפט איז דאָס וואָכנבלאַט גאַנץ צוטרעפנדיק אין זיין קריטיק, וואָס איז אומפּאַרטייאיש און שאַנעוועט קיינעם ניט. ליידער, איז שווער צו זיין הומאָריסטיש אָדער סאַטיריש אונטער דער השגחה פון א צענזור, וואָס האָט מורא פאַר די מינדסטע אָנצוהערענישן.

„פּאַר אלעמען" האָט אָפּטולונגען פאַר ספּאָרט, פאַר קינאָ, פאַר טשיקאַווע מעשיות פון דער וועלט (ריכטיקער: פון צייטונגען), האָט אפילו אַן אָפּטיילונג פאַר פרויען־מאָדע. די גרעסטע מעלה פון דעם וואָכנבלאַט איז, וואָס הגם עס באַמיט זיך צו זיין וואָס אינטערעסאַנטער און צוציעוודיקער, איז עס דאָך אינגאַנצן ריין פון שונד.

### 30. „געדאַנק און לעבן“.

דאָס איז דער נאָמען פון א צייטשריפט פאר פילאָזאָפיע, וואָס איז דערשינען זומער 1935. בלויז 2 נומערן זענען ארויס. דאָרטן זענען דאָ ארבעטן פון דר. אסתר עליאשעוו, דר. ח. נ. שאַפּירא, דר. נ. דאָנסקי, חיים קלאצקין, נתן גרינבלאַט א״א.

אין דער אָפּטיילונג וועגן וואָכנבלעטער און אנדערע פּעריאָדישע אויסגאבעס זענען זיכער פאראַן מער בלויזן ווי אין דער אָפּטיילונג וועגן טאָגצייטונגען. דאָ זענען אפילו מעגלעך וויכטיקע אומפּינקטלעכקייטן. דער שר השכחה איז א ביטערער בעל דבר און מען קען זיך ניט ווערן קעגן אים.

## ג. ניט-פּעריאָדישע אויסגאַבעס.

חוץ דעם שלל איינמאָליקע אויסגאבעס, וואָס זיי גייען ניט אריין אין געביט פון דער איצטיקער ארבעט, האָט ליטע געהאט א היפּשע ריי ניט־פּעריאָדישע אויסגאבעס, וואָס האָבן צום טייל ביי יעדן מאָל דערשיינען געטראָגן אפילו אַן אנדער נאָמען און זענען אָבער געווען המשכים פון דער זעלביקער אויסגאבע און צום טייל — אויסגאבעס מיט דעם זעלביקן נאָמען, וואָס האָבן נישט קיין שטרענג־פּעריאָדישן כאראַקטער. אויף וויפיל איך האָב צופעליקן מאַטעריאל וועגן זיי וועל איך זיי איבעררעכענען. זייער רשימה איז זיכער פיל א לענגערע, ווי זי וועט זיין דאָ אונטן:

### 1. ״ידיעות פון ביוראָ ביים מיניסטער פאַר אידישע ענינים״.

דאָס איז געווען א ניט־פּעריאָדישע אויסגאבע פון דעם יידישן מיניסטער, מ. סאָלאָווייטשיק, ארויסגעגעבן אין די יאָרן 1919 און 1920. דאָרטן זענען געווען באריכטן וועגן דער טעטיקייט פון מיניסטעריום פאר יידישע ענינים, וועגן דער טעטיקייט פון די יידישע קהילה־ראטן און וועגן געזעלשאפטלעכער אקטיווקייט בשייכות מיט דער יידישער נאציאָנאלער אווטאָנאָמיע.

### 2. „וויספּע“.

דאָס איז געווען א ניט־פּעריאָדיש ארויסגעגעבענער זשורנאל, רעדאגירט פון קלמן זינגמאַן.

דאָס זענען געווען זאמלהעפטן „פאר ליטעראטור, קונסט, קריטיק

און פרייען אומאָפּהענגיקן געדאַנק". די דאָזיקע זאַמלהעפטן זענען דערשינען אין דעם יאָר 1921, במשך פון יאָר אָבער בלויז 2 זאַמל־העפטן. אין יאָר 1922 איז „ווײַספּע" בכלל ניט דערשינען. פון אָנהייב 1923 דערשיינט „ווײַספּע" רעגלמעסיקער. במשך פון יאָר זענען אַרויס 6 העפטן. די ערשטע זאַמלהעפט איז אַרויס סוף פעברואַר אָדער אָנהייב מערץ 1923 און געהאַט אָנשטאַט אַ נומער אַ באַצייכענונג דורך די אותיות א — ב. סוף מערץ 1923 איז דערשינען אַ העפט מיט דעם צייכן ג. פון אַפּריל 1923 האָט „ווײַספּע" געהאַט אַן אונטערקעפּל „ליטעראַריש־קינסטלעכער חודשניק". עס זענען נאָך דעם דערשינען נומערן פון דעם חודשניק פאַר מאַי־יוני, יולי־סעפּטעמבער, און דער לעצטער נומער איז דערשינען פאַר אָקטאָבער־נאָוועמבער־דעצעמבער. דער לעצטער נומער איז געווען אַ יובל־נומער.

די „ווײַספּע" האָט גרופּירט אַרום זיך אַלע יונגע שרײַבער פון ליטע, וואָס זייער צאָל איז יעמאָלט דווקא געווען אַ גרויסע. איר רעדאַקטאָר, קלמן זילגמאַן, האָט געהאַט זייער אַ וואַרעמע באַציאונג צו אַלע אָנהייבער. יעדער יונגער פּערזאָן־שרײַבער האָט געקענט געדרוקט ווערן אין דער „ווײַספּע". קיין שטרענגער אויסקלײַב איז חס וחלילה ניט געווען.

די „ווײַספּע" האָט זיך ווייניק אינטערעסירט מיט דעם, צי דער לייענער וועט פאַרשטיין די אולטראַ־מאָדערניסטישע שאַפונגען פון די יונגע מיטאַרבעטער. די זאַמלהעפטן פלעגן זיך שוואַך פאַרשפּרייטן, און די יונגע חברה בראש מיטן רעדאַקטאָר האָבן געשפּאָרט פון דעם נויטיקסטן, כדי אַרויסצוגעבן זייערע זאַמלהעפטן.

דאָרטן האָבן מיטגעאַרבעט: ה. בלאָשטיין, דוד גרינשפּאַן, יוסף גאָטפאַרשטיין, ראָזאַ גוטמאַן, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, דוד גלאָבוס, א. גאָלדבלאַט, לייב גליצמאַן, ז. סאַנדלער, שמואל פּערסאָוו, ח. מ. פּערזאַל, י. קולטשיק, י. ראָזענבוים, מרדכי יפה, פּסח מאַרקוס, יעקב פּלאָטנאַן, מ. לוריע, אייזיק פּלאַפּער, ז. שוסטער, ה. ראַסקעס און אַנדערע. ק. זינגמאַן פלעגט חוץ דערציילונגען און קריטישע נאָטיצן דאָרטן דרוקן אויך לידער מיטן פּסעוודאָנים ז. קלונימוס. אין „ווײַספּע" פלעגט מען איבערדרוקן משה נאַדירס זאַכן, קושניראָוויס, פּערעמס און אַנדערנס לידער. אין 1923 איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער „ווײַספּע" געווען אויך צבי הירשקאַן. דאָרטן האָבן זיך אויך געדרוקט איבערזעצונגען פון יעסענין, וואַלט וויטמאַן און פון אַנדערע.

אזוי ווי טייל מיטאַרבעטער זענען זיך צעפאָרן און דער רעדאַק־טאָר איז קראַנק געוואָרן און געמוזט אוועק פון ליטע קיין אויסלאַנד זיך היילן, האָבן די זאַמלהעפטן אויפגעהערט צו דערשיינען.

## 3. „ליטע".

עס זענען דערשינען צוויי זאַמלהעפטן מיט דעם דאָזיקן נאָמען אונטער דער רעדאַקציע פון אוריה קאַצענעלנבויגן. זיי זענען ארויס אָנהייב 1922. יעדער העפט האָט געהאַט א 50 זייטלעך, יעדער זייטל איז געווען צווייישפאַלטיק.

די כונה פון די זאַמלהעפטן איז געווען — ברענגען צו א קול־טורעלער דערנענטערונג צווישן יידן און ליטווינער, באַקענען יידן מיט די שאַפונגען פון דער ליטווישער ליטעראַטור און מיט די אידייען פון די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען ביי די ליט־ווינער, איינפלאַנצן ביי יידן גופא מער צוגעבונדקייט צו ליטע און פאַרטיידיקן א פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט פון דאָיקייט. ווי א קעגנ־זאַץ צו דער ציוניסטישער דאָרטיקייט (הגם קיין שום פּאָלעמיק און קיין שום בפירושע פאַרטיידיקונג פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט איז דאָרטן ניט צו געפינען).

אין די זאַמלביכער זענען דאָ ארטיקלען פון ליטווינער (ז. זשע־מייטים, פּעטראַס רוסעצקאַס, באַליס סרואָגא, יאָזאַס טומאַס, אַנ־טאַנאַס סוטקוס, ליודאַס גיראַ, ווייזשגאַנטאַס), פון א. ווייסרוס (וו. לאַסטאָווסקי), אָבער דער וויכטיקסטער און דער גרעסטער טייל פון מאַטעריאַל זענען ארטיקלען וועגן ליטע געשריבן פון יידן, און קינסט־לערישער מאַטעריאַל, וואָס האָט א דירעקטע שייכות צו ליטע. אין די זאַמלביכער זענען דאָ ארטיקלען פון: אוריה קאַצענעלנבאָגן, בן־אדיר, בעל־דמיון, דר. א. מוקדוני, דר. ה. לאַנדוי, ז. קאַלמאַנאָ־וויטש א"א. עס זענען דאָ דערציילונגען און לידער פון: פּסח מאַר־קוס, א. עטלהיים, משה ריין און פון אוריה קאַצענעלנבאָגן גופא.

די זאַמלהעפטן זענען ארויסגעגאַנגען אין דער תקופה פון „נייס". און זיי זענען געווען א וויכטיקע דערגאַנצונג צו דער צופע־ליק־ליטווישער ליטעראַרישער טעטיקייט פון די „פאַרבייפאָרערס", וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דער ליטע: אין די זאַמלהעפטן זע־נען אָרטיקייט און „ליטווישקייט" געווען אן אָרגאַנישע דערשיינונג, ניט קיין אבסטראַקטע פּרינציפּיעלע איינשטעלונג פון אומעטומיקע אוטאָנאָמיסטן.

די זאַמלהעפטן זענען דער בעסטער אָנדענק פון יענע גוטע באַ־

ציאונגען, וואָס זענען געווען צווישן דער ליטווישער און יידישער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ אין די ערשטע יאָרן פון אומאָפּהענגיקייט פון ליטע.

## 4. „קווייטן".

אין דעם זעלביקן 1922טן יאָר איז אוריה קאצענעלנבאָגנס שטאָט פּאָנעוועזש געווען ליטעראַריש זייער אַקטיוו. א גרופּע יונגע חברה, שוין גאָר גרינע אָנהייבערס, האָבן זיך פּאַרמאָסטן אַרויסצו־געבן אין פּאָנעוועזש „א צייטשריפט פאַר ליטעראַטור און קונסט". די צייטשריפט האָט געהייסן „קווייטן". אויף וויפיל איך ווייס, איז אָבער אַרויס נאָר איין זאַמלהעפט. דער רעדאַקטאָר פון זאַמלבוך איז דוד קאַט, ווי דער אַרויסגעבער איז געצייכנט א. סידעלסקי. דאָרטן געפינט איר לידער פון לייב גליצמאַן, וו. טראָוב און מאַטעס גורוויטש, דערציילונגען פון דוד קאַט און איינעם א „בן־אדם", אן איינאַקטער פון דוד קאַט. כמעט אַלע שאַפונגען פון די גאָר יונגע זענען ביטער אָדער אָן א טעם אַזוי ווי ניט קיין צייטיקע פּרות.

## 5. „פּעדאַגאָגישע בלעטל".

די „קולטור־ליגע" אין ליטע, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן, האָט געפּרואווט אַרויסגעבן א פּעדאַגאָגישן זשורנאַל. איך ווייס פון איין נומער פון אַזא פּעדאַגאָגישער שריפט. דאָס איז דאָס „פּעדאַגאָגישע בלעטל", וואָס איז דערשינען אָנהייב 1922. עס האָט געהאַט די נומעראַציע 1—2 און דעם צייט־אָנווייז יאַנואַר—פעברואַר, אַזוי אַז מען דאַרף מיינען, אַז עס איז געווען פּאַרטראַכט א חודש־שריפט פאַר פּעדאַגאָגיק. מיר געדענקט זיך אָבער ניט קיין צווייט בלעטל.

אין דעם „פּעדאַגאָגישן בלעטל" איז געווען א גרעסערע אַרבעט פון ש. לעווין, א ריי רעצענזיעס וועגן לערנביכער און ידיעות וועגן דער שול־באַוועגונג.

דאָס „פּעדאַגאָגישע בלעטל" האָט זיך געדרוקט אין שאַוול, עס האָט געהאַט 42 זייטלעך, געוויינלעכן פאָרמאַט, 16°.

## 6. „מכבי".

די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „מכבי" האָט פון צייט צו צייט ספּע־ציעלע ביילאַגעס ביי דער „אידישער שטימע". אָבער זי האָט אויך אין פאַרלויף פון איר עקסיסטענץ—עטלעכע מאָל אַרויסגעגעבן פּערי־אָדישע שריפטן.

אזוי איז עס געווען אין יאָר 1925, ווען קאָוונער „מכבי" האָט בשותפות מיטן ריגער „הכוח" ארויסגעגעבן אַ צייטשריפט מיטן נאָמען „מכבי". די צייטשריפט איז געגאַנגען איין מאָל אַ חודש, געהאט 4 זייטן צייטונג־פאָרמאַט און דעם אָנוויז פון אָרט — ריגע־קאָוונע. וואו די צייטונג האָט זיך געדרוקט, צי אין ריגע אָדער אין קאָוונע, ווייס איך נית.

ווען דער שידוך מיט ריגע איז זיך צעפאַלן, האָט דער מרכז פון דער ליטווישער „מכבי"־אָרגאַניזאַציע געהאַט אין דעם יאָר 1927 אַן אייגענע פעריאָדישע אויסגאַבע. זי האָט עקסיסטירט פון יאַנואַר ביז מאַי. איר רעדאַקטאָר איז געווען פ. ל. ראַבינאָוויטש.

### 7. „הכוח"־צייטונג".

ווען אין קאָוונע האָט זיך געשאַפן אַ קאָנקורענץ־אָרגאַניזאַציע צום „מכבי", — דער „הכוח", האָט די נייע אָרגאַניזאַציע עטלעכע מאָל ארויסגעגעבן איינמאָליקע אויסגאַבעס, וואָס שטעלן פאָר מיט זיך אַ סעריע. דעם 2טן מערץ 1928 איז דערשינען אַ „הכוח"־צייטונג", דעם 27טן מאַי 1928 אַ „הכוח"־וואָרט". מיר דוכט זיך, אַז עס זענען געווען אויסגאַבעס במשך פון דער ערשטער העלפט 1928. די דאָזיקע אויסגאַבעס זענען אויך דערשינען אין אַ צייטונג־פאָרמאַט און האָבן געהאַט צו 4 זייטן.

### 8. „מטרתנו אונזער ציל".

אַ כאַראַקטער פון אַ צייטשריפט האָט אויך געטראָגן די אויסגאַבע פון „מכבי הצעיר" מיטן נאָמען „מטרתנו — אונזער ציל".

איך ווייס פון צוויי העפטן, קען זיין אַז עס זענען געווען נאָך. אין יאַנואַר 1934 איז אַרויס אַ העפט מיטן אָקאָרשט־אָנגעוויזענעם נאָמען און אין פעברואַר 1934 האָט די העפט געהייסן „מטרתנו — אונזער נייער ציל". דאָס איז אַ שריפט וואו יידיש און העברעיש זענען געמישט. די ארויסגעבער האָבן אַפנים געוואָלט איינהאַלטן גלייכגעוויכט צווישן די ביידע שפּראַכן, אָבער עס האָט זיך דאָך באַקומען אַז דריי פערטל פון צייטשריפט פאַרנעמט יידיש און בלויז איין פערטל — העברעיש. „מטרתנו" פאַרנעמט זיך בלויז מיט ענינים פון מכבי הצעיר.

### 9. „ווילקאָווישקער זאַמלונגען".

אין דער פּראָווינץ־שטאָט ווילקאָווישק האָט איינער פוסטאַפּעצ־

קי, אַרויסגעגעבן 2 מאָל זאַמלונגען פון כמעט נאָר אָרטיקע, ווילקאָ־ווישקער שאַפונגען.

די ערשטע ווילקאָווישקער זאַמלונג איז אַרויס אין יאָר 1929 און הייסט „שנייעלאַך". די זאַמלונג האָט אַן אונטערקעפּל „ליטע־ראַרישע הומאָריסטישע שריפטן". זי אַנטהאַלט 36 זייטלעך, אַ פּערטל פאַרנעמט העברעיש. געדרוקט איז די זאַמלונג אויך אין ווילקאָווישק.

אין יאָר 1930 האָט דער זעלביקער פּוסטאַפּעצקי אַרויסגעגעבן אַ „ווילקאָווישקער אַלמאַנאַך" מיט אַן אונטערקעפּל „ליטעראַרישע היסטאָרישע שריפטן". דער רעדאַקטאָר פון אַלמאַנאַך איז באַ־האַלטן אונטערן פּסעוודאָנים איתן האזרחי. די דאָזיקע זאַמלונג האָט 48 זייטלעך.

## 10. אַ סעריע ליברעטאָס.

אַן אייגנאַרטיקע אונטערנעמונג האָט אין קאָוונע דורכגעפירט דער מוזיק־רעצענזענט פון דער „אידישער שטימע" ה. שקלאַרסקי מיט דער מאַטעריעלער אונטערשטיצונג פון צבי ראַבינאָוויץ. זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ סעריע ליברעטאָס פון אָפּערעס, וואָס זענען געשפּילט געוואָרן אין דער ליטווישער מלוכה־אָפּערע.

נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די יידישע באַזוכערס פון דער מלוכה־אָפּערע פאַרשטייען ניט די שפּראַך פון די אויפפירונגען (ליטוויש), האָבן די דערמאָנטע אַרויסגעבער געהאָפט צו קענען ברענ־גען נוצן און האָבן דערפאָלג. איך וויים, אַז עס זענען אַרויס די ליבערטאָס פון: 1) „קאַרמען", 2) „אאידא", 3) „פאוסט", 4) „די יידין", 5) „טיפלאַנד" פון אייזשען ד'אַלבער.

זיי האָבן זיך געקליבן אַרויסגעבן אויך די ליברעטאָס פון: „מאַדאַם בוטערפליי", „דאַמע פּיק", „סילוויליער פאַריקמאַכער", „טאָסקא", „ריגאָלעטאָ", „טראַוויאַטא", „באַל מאַסקאַראַד".

דוכט זיך, אַז קיין זאַך פון דעם איז ניט אַרויס. דאָ איז אָבער מעגלעך אַ טעות פון מיין זייט.

## 11. „אויפגאַנג" און „גלאָקן".

דאָס זענען צוויי זאַמלהעפטן מיט באַזונדערע נעמען, אָבער אין תוך געהערן זיי צו איין סעריע.

„אויפגאַנג" האָט אַן אונטערקעפּל „איינמאָליקע אויסגאַבע גע־ווידמעט ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן". די אויסגאַבע

איז דערשינען אין יאַנואַר 1933, האָט 32 זייטן און א הילע מיט א צייכענונג. ווי דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער איז געצייכנט איינער לייב יעזערניצקי. עס האָט ניט קיין זינען אָנצורופן די אָנגעגעבענע נעמען פון די מיטאַרבעטער, ווייל דאָס זענען אַלץ פסעוודאָנימען איינמאָליקע פסעוודאָנימען. „אויפגאַנג" האָט לידער און אַרטיקלען וועגן ליטעראַרישע און פּאָליטישע ענינים. דאָרטן געפינט מען אַן אַרטיקל וועגן מאַקסים גאָרקי, וועגן שלום אַש און דער איבעריקער מאַטעריאַל האָט שוין צו טאָן מיט פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע ענינים.

די זאַמלהעפט „גלאָקן" מיטן אונטערקעפּל „איינמאָליקע אויסגאַבע פאַר ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע פראַגן" איז דערשינען אין מאַי 1933. ווי דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער איז אָנגעוויזן איינער אליה רייכשטיין. די „גלאָקן" פאַרמאָגן בלויז אַרטיקלען. די אַרטיקלען זענען וועגן קאַרל מאַרקסן, וועגן מלחמה־געפאַר, וועגן די דערגרייכונגען פון אַרבעטער אין סאָוועט־רוסלאַנד, וועגן „פּאַלעסטינע אָן א פּרוכת", און וועגן 35־יאָריקן יובל פון „בונד" אונטערן נאָמען „א יובילײ פון א גרויסן פאַראַט". „גלאָקן" האָבן 32 זייטלעך, זענען ציכטיק אַרויסגעגעבן און מיט א הילע.

## 12. „טראָט" און „יוגנט־טראָט".

די זאַמלהעפט „טראָט" פון 1934 און „יוגנט־טראָט" פון 1935 שטעלן אויך פאַר א געוויסע קורצע סעריע. זייערע אַרויסגעבער זענען די זעלביקע עלעמענטן וואָס פון דער פריערדיקער סעריע. די ביידע זאַמלהעפטן האָבן אָבער פיל מער אָרט פאַר ליטעראַטור. גאַנץ געלונגען איז צונויפגעשטעלט די זאַמלהעפט „יוגנט־טראָט", וואָס איז באַשטימט ספּעציעל פאַר יוגנטלעכע און באַשטייט צום טייל פון אַרבעטן פון יוגנטלעכע.

## 13. אויסגאַבעס פון אַ גרופּע אַרבעטלאָזע זעצער.

אין 1934 האָט א גרופּע אַרבעטלאָזע זעצער כמעט צו יעדן יום־טוב אַרויסגעגעבן א צייטונג, כדי צונויפצוקלייבן אַנאָנסן. דעם 28טן פעברואַר 1934 איז דערשינען די איינמאָליקע אויסגאַבע „שלח־מנות", מיטן אונטערקעפּל „איינמאָליקע פּורים־אויסגאַבע אַרויסגעגעבן דורך א גרופּע אַרבעטלאָזע שרייבער און זעצער". דעם 30טן מערץ איז דערשינען א „פּסח־צייטונג" מיטן אונטערקעפּל „איינמאָליקע פּסח־אויסגאַבע אַרויסגעגעבן דורך א גרופּע אַרבעטלאָזע שרייבער און זעצער". דעם 18טן מאַי 1934 איז דערשינען א „שבועות־בלאַט" מיטן אונטערקעפּל „איינמאָליקע שבעות־אויסגאַבע פון א

גרופּע קאָוונער שרייבער און זעצער". דעם 9טן סעפּטעמבער 1934 איז אַרויס אַ „ראש השנה ציי‎טונג" מיטן אונטערקעפּל „איימאָליקע אויסגאַבע פון אַ גרופּע שריפטזעצער".

אין די דאָזיקע אויסגאַבעס איז חוץ אַנאָנסן כמעט קיין זאַך ניט געווען. דאָס ביסל מאַטעריאַל, וואָס מען פלעגט דאָך דאַרפן געבן חוץ אַנאָנסן, איז געוואָרן צונויפגעשטעלט פון גדליה שוסטער.

---

מען קען אויך באַטראַכטן ווי ניט־פּעריאָדישע צייט־אויסגאַבעס די כלערליי אויסגאַבעס פון פאַרשיידענע יידישע געזעלשאַפטן בעת זייערע זאַמל־אַקציעס, וואָס טראָגן בידוע כמעט אַ פּעריאָדישן כאַראַקטער. „אָרט", „אָזע", דער „בקור חולים", „דאָס קינדערהויז" און פיל אַנדערע געזעלשאַפטן גיבן סיסטעמאַטיש אַרויס במשך פון זייער עקסיסטענץ אויסגאַבעס, וואָס איטלעך מאָל טראָגן זיי אָבער אַן אַנדער נאָמען און זייער סעריע־כאַראַקטער איז ניט אַזוי בולט. בכל אופן האָבן זיי ניט צו טאָן מיט מיינע איצטיקע דערמאָנונגען פאַרן צוקונפטיקן ביבליאָגראַף.

די יאָריקע באַריכטן פון יידישע בענק, פאָלקסבענק, געזעל־שאַפטן און חברות האָבן אמת אויך אַ פּעריאָדישן כאַראַקטער און וועלן האָפנטלעך ווען־ניט־איז זיך דערוואַרטן באַטש אויף אַ רשימה. זי זענען דאָ אין גאַנצן דורכגעלאָזן.

אַ רשימה פון איינמאָליקע אויסגאַבעס פון ליטע וואָלט געווען אומפאַרגלייכלעך לענגער און געהאַט פיל מער נומערן איידער עס זענען דאָ דערמאָנט געוואָרן. אגב, זענען פאַראַן צווישן די אויס־גאַבעס אַ סך אינטערעסאַנטע. איך קען אָנווייזן אויף:

1. די זאַמלהעפט „אַרבעטער־געדאַנק", וואָס איז אַרויס אין נאָוועמבער 1920; איר אַרויסגעבער איז די אַרבעטער־היים א"נ ב. באָראָכאָוו, איר רעדאַקטאָר איז געווען משה קאַזאַרנאָווסקי (משה ערעם).

2. „פלאַמען", אַרויס אין אויגוסט 1922, אַ זאַמלבוך „גע־ווידמעט די אינטערעסן און אויפגאַבן פון דער אַרבעטער־יוגנט".

3. „דער רויטער האָן", דערשינען סוכות תרפ"ג, אַ הומאָ־ריסטישע אויסגאַבע, צונויפגעשטעלט פון א. נאַדל (י. סלאָנים); די דאָזיקע אויסגאַבע מיט פיל געלונגענע פּאַראָדיעס און מיט אַ הומאָ־ריסטישער „געאָגראַפיע פון ליטע" האָט געהאַט גרויס דערפאָלג.

4. „פאָלק און לאַנד", אַרויסגעגעבן אין יולי 1923 פון „מרכז־

מזרחי" אין ליטע, אַ העפט פון 2 דרוקבויגן מיט פּאַרטייאישע אַר־טיקלען.

5. „דער ליטווישער קונדס", אַרויס אין מערץ 1924, אַ „המנ־טאַש לכבוד פורים אָנגעפּיקעוועט מיט וויצן און מעשיות, קאַריקאַ־טורן און לידלאַך, ווערטלאַך און שאר ירקות". דער רעדאַקטאָר פון דער דאָזיקער הומאָריסטישער אויסגאַבע איז געווען ה. בלאָשטיין.

6. „אַרבעט", אַ זאַמלבוך „פאַר די אויפגאַבן פון „אָרט", וואָס איז אַרויס אין יאָר 1924. דאָס זאַמלבוך אַנטהאַלט 80 זייטן מיט אַ גרעסערן אַרטיקל פון יוסף טשערניכאָוו וועגן דער אַרבעט־אידעאָלאָ־גיע ביי יידן און מיט אַרטיקלען פון עוזר פינקלשטיין, לאַזאַר אַבראַמ־סאָן, ש. ראָזענבוים, ר. רובינשטיין, ז. קאַלמאַנאָוויטש, דר. ה. לאַנדוי א"אַ.

7. „ספּאָרט און לעבן", אַרויסגעגעבן פון דעם „יידישן אַטלע־טיק־קלוב" אָדער, ווי מען פלעגט עס פאַרקירצט רופן, פון „יאַק"... די אויסגאַבע איז דערשינען אין 1926.

8. „דער וואַנדערפויגל", אַרויס אין יוני 1926, אַן איינמאָליקע אויסגאַבע פון דעם „וואַנדערפויגל" אין קאָוונע, מיט אַרטיקלען פון דר. ל. פינקלשטיין, דר. ש. לעווין, דר. וו. לאַזאַרסאָן, העלענא באַצקעלס, ל. אַבראַמסאָן א"אַ, 16 זייטן אין 8°.

9. „פאָלק און געזונט", אַרויס אין 1926 צום 5־יאָריקן יובל פון „אָזע", מיט אַרטיקלען פון אַלע „אָזע"־טוער און פון די יידישע זשורנאַליסטן אין ליטע.

10. „דער יוגנט וועקער", געווידמעט דעם אַרבעטנדיקן א"י און דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק. אַרויס אין 1927. 16 זייטן, 16°.

11. „אונזער דריידל", זשורנאַל פאַר „הומאָר, סאַטירע און סתם לצנות", אַרויס צו חנוכה תרפ"ז אונטער דער רעדאַקציע פון מרדכי יפה.

12. „געזונטהייט־הויז", אַרויס אין יאַנואַר 1928, „אויסגאַבע פון צענטראַל קאָמיטעט פון „אָזע" צום בוי פון געזונטהייט־הויז".

13. „מיר אַליין", אַ „זאַמלבוך פאַר ליטעראַטור, קונסט און קריטיק", אַרויס אין יאָר 1928 אונטער דער רעדאַקציע פון נ. י. גאָטליב, נתן גרינבלאַט און ר. רובינשטיין, חוץ די רעדאַקטאָרן האָבן דאָרטן אָפּגעדרוקט לידער און דערציילונגען יעקב גאָטליב, יודיקא, אליעזר היימאַן א"אַ.

14. „יוגנט וועקער", איינמאָליקע אויסגאַבע פון דער קאָוונער

יידישער אָפּטיילונג ביי סאָציאַליסטישן יוגנט פאַרבאַנד אין ליטע „דער פונק" („Zezirba"), אַרויס צום 1טן מאַי 1932.

15. „שליאַכן", „זאַמלבוך פאַר ליטעראַטור", אַרויס אין יאָר 1932 (48 זייטן) מיט לידער פון יעקב גאָטליב, נ. י. גאָטליב, ד. מעיעראָוויטש, ראָזע גוטמאַן, לאה גרינשטיין, יהושע לאַצמאַן א"אַ. און מיט דערציילונגען פון נתן גרינבלאַט, אליעזר היימאַן, ישראל קאַפּלאַן, מיט אַרטיקלען פון יעקב גאָטליב און א. היימאַן.

16. „דער אידישער סטודענט מעדיקער", „אַרויסגעגעבן דורך דעם פאַראיין פון אידישע סטודענטן מעדיקער אין אוניווערסיטעט פון וו. ד. ג.", אַרויס אין 1932 צום יובל פון 5־יאָריקער עקסיסטענץ.

17. „די סוחרישע וועלט", אַן „איינמאָליקע אויסגאַבע פון צענטראַלן קליין־סוחרים פאַרבאַנד", אַרויס אין 1933 צום 10־יאָריקן יובל פון דערמאָנטן פאַרבאַנד.

18. „פאַר רעכט פון יידיש אין פּאַלעסטינע", „איינמאָליקע אויסגאַבע", דערשינען אין מערץ 1935.

אגב זאָל מען ניט פאַרגעסן, אַז דער לינקסטער פליגל פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט האָט קיינמאָל ניט געקענט האָבן קיין פּעריאָדישע אויסגאַבע און געמוזט אָנקומען צום מיטל „איינמאָליקע אויסגאַבע", אויב מען האָט געוואָלט עפּעס אַרויסגעבן לעגאַל. די צאָל פון אַזוינע אויסגאַבעס איז היפּש גרויס.

פון די איינמאָליקע אויסגאַבעס זאָל נאָך צום סוף דערמאָנט ווערן וועגן עטלעכע אויסגאַבעס פאַרן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינ־סטיטוט. די ערשטע אויסגאַבע פון דעם מין איז דערשינען נאָך אין יאָר 1926.

# מאַטעריאַלן און נאָטיצן

צו דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע אין רומעניע.

אין די „פילאָלאָגישע שריפטן" (באנד 3 536-525) האָט ש"ס ראָמאַן פון בוקארעסט אָפגעדרוקט אַן ארבעט א. נ. „די יידישע פּרעסע אין רומעניע פון 1854 ביז 1926".

קיין קוועלן פאר זיין אינפאָרמאַציע ווערן ניט אָנגעגעבן. עס ווערט דאָרטן געזאָגט, אז ער האָט זיך באַדינט מיטן אַלגעמיינעם קאַטאַלאָג פאר פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון דער רומענישער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפט. אז דער דאָזיקער קאַטאַלאָג איז געווען געדרוקט אין 1913 אונטער דער רעדאַקציע פון ביאַנו און צונויפגעשטעלט פון האָדאָס און יאָנעסקו (Hodos si Jonescu) — וועגן דעם זאָגט ש'ס ראָמאַן קיין וואָרט ניט, הגם ער האָט פון דאָרטן געשעפּט (אָגב זייער אויבערפלעכלעך) די הויפּט־ידיעות פאר זיין ביבליאָגראַפישער רשימה.

ש'ס ראָמאַן זעצט איבער בוכשטעבלעך פון דער דאָזיקער ביבליאָגראַפיע און גיט עס אזוי אָן, ווי ער וואָלט געמאַכט די דאָזיקע הערות.

אזוי, למשל, זאָגן די רומענישע ביבליאָגראַפן וועגן א זשורנאַל „דער פאָלקספריינד" (ז. 799 פון קאַטאַלאָג) אזוי:

Nu stim când au apârul primele 4 numere in 1888 sau mai inainte.

וואָס מיינט אויף יידיש:

„מיר וויסן נישט, ווען עס זיינען דערשינען די ערשטע פיר נומערן, אין 1888 אָדער פריער".

ביי ש'ס ראָמאַן לייענען מיר (ז. 533) א נאָטיץ אריינגענומען אין עקיקע קלאַמערן:

„מיר וויסן נישט, ווען ס'זענען דערשינען די ערשטע 4 נומערן, אין 1888 אָדער פריער".

און אזוי כסדר.

אין דערזעלבער צייט האָט ער אָבער ניט ריכטיק איבערגעגעבן א ריי וויכטיקע פּרטים, וואָס די רומענישע ביבליאָגראַפן גיבן אָן, ווי, למשל, אז פון דעם זשורנאַל „פּאַלעסטינא" זענען דערשינען 32 נומערן.

ביי אַנדערע ידיעות זענען געקירצט די פּרטים וועגן נומערן, דרוקעריי]ען, רעדאַקטאָרן א. א. וו.

חוץ דעם זענען איבערגעהיפּט געוואָרן אַ ריי נעמען פון פּעריאָדישע אויסגאַבן, וואָס מיר דרוקן דאָ איבער אין אונדזער איבערזעצונג פון רומעניש, אַנטנומען פון דעמזעלביקן וויכטיקן מקור.

אויך האָבן מיר איינגעשלאָסן אין אונדזער רשימה די זשורנאַלן, וועגן וועלכע ש״ס ראָמאַן גיט ניט קיין פּינקטלעכע ידיעות, און מיר זענען זיי ממלא מיט ידיעות פון אַנדערע מקורים. אונדזער רשימה איז אַ כראָנאָלאָגישע.

1) עידות העתים (די רומענער שרייבן גרייזיק: עידית הועתים).

ש״ס — ראָמאַן גיט אָן דאָס יאָר 1856, בעת די ביבליאָגראַפן גיבן אָן בפירוש: 1855. די גאַנצע ידיעה האָב איך איבערגעזעצט אין „פּנקס״ (2, 1929, ז. 79).

דער דאָזיקער זשורנאַל האָט אַריינגעבראַכט אַ גאַנצע ריי פּאַרפּלאָנטערטע ידיעות. לויט אייניקע קומט אויס, אַז לכתחילה האָט דער זשורנאַל געהייסן „קורות העתים״ און שפּעטער געענדערט דעם נאָמען אויף „עידות העתים״, לויט אַנדערע דווקא פאַרקערט. שוין אין 1858, שרייבט שטיינשניידער וועגן „קורות העתים״ (המזכיר 1858, ז. 7).

אָבער נאָך פריער, אין יוני 1856 שרייבט דער אַמעריקאַנער Occident (זייט 154), אַז:

„פון מאָלדאַוויע קומט אָן אַ ידיעה, אַז עס גייט דאָרטן אַרויס אַ וועכנטלעכער זשורנאַל פאַר יידן אין יידישן דיאַלעקט מיט העברעישע אותיות. ער הייסט „קורות העתים״. איר ערשטער נומער איז געווען געדרוקט פאַריקן האַרבסט אין יאַסי״.

„פאַריקן האַרבסט״ מיינט אין 1855.

אויך אין American Israelite (8טן אויגוסט 1856, זייט 39) לייענען מיר אַ ידיעה, אַז:

„פון מאָלדאַוויע קומט אָן אַ באַריכט, אַז אין יאַסי איז לעצטן האַרבסט אַרויס אַ ליטעראַרישער וואָכנשריפט א. נ. „קורות העתים״ אין יידישן דיאַלעקט און געדרוקט מיט העברעישע אותיות״.

רייזען אינפאָרמירט (לעקסיקאָן 1914, 737), אַז „קורות העתים״, אַן האַלבוועכנטלעכע צייטונג, איינע פון די ערשטע יידישע צייטשריפטן אין רומעניע, אַרויסגעגעבן אין יאַסי אין יידיש און רומע־

ניש (?) אין דער צייט פון דער קרימער מלחמה אין יאָר 1855 דורך איצטיג זינגער. דעם „עידות העתים" דערמאָנט ער אינגאַנצן ניט.

ש'ס ראָמאַן ציטירט רייזענס לעקסיקאָן (ז. 534) און גיט אָן אין רייזענס נאָמען, אַז דער „קורות העתים" איז אַרויס אויפן אָרט פון „עידת העתים" אין יאַנואַר־פעברואַר 1871, וואָס איז ניטאָ ביי רייזענען.

מלאכי ברעננגט („פנקס" 2, 1929, 77-79) אַ ריי אינדירעקטע ידיעות פון פאַרשיידענע צייטשריפטן און אומעטום רעדט זיך וועגן „קורות העתים".

וואָס לערנען אונדז די דאָזיקע סתירות אין אינפאָרמאַציע? אַז אַזאַ זשורנאַל ווי „עידות העתים" איז קיינמאָל ניט דערשינען. עס איז פשוט אַ טעות הדפוס, וואָס איז פאַרשטענדלעך, ווייל אַלע העבּרעישע טיטלען אין דער רומענישער ביבליאָגראַפיע זענען פול מיט גרייזן. אגב, גיבן די רומענישע ביבליאָגראַפן אפילו ניט אָן דעם טיטל „קורות העתים" און ביי דער אויספירלעכער אינפאָרמאַציע וועגן דעם כלומרשטן „עידות העתים" גיבן זיי ניט אָן, ווען האָט דער זשורנאַל געביטן דעם נאָמען אויף „קורות העתים".

די פריערדיקסטע ידיעות וואָס מיר געפינען אין דער אַמעריקאַנער־יידישער פּרעסע,ריידן נאָר וועגן „קורות העתים".

איז קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ גרייז, און מען דאַרף אויפהערן צו ריידן וועגן אַ יידישן זשורנאַל „עידות העתים" און ממילא אַנולירן די אינפאָרמאַציע און ש'ס־ראָמאַנס ביבליאָגראַפיע, ווי אויך אין מיין נאָטיץ אין „פנקס"2, ז, 79.

אגב, איז גראַפיש „עידות" אַזוי ענלעך אויף „קורות" אַז די ניט יידישע צוזאַמענשטעלער פון דער רומענישער ביבליאָגראַפיע האָבן די צוויי ו (וואָוו) פאַרביטן אויף צוויי י (זיי שרייבן עידית), דעם ק אויף אַן ע (עין) און דעם ר אויף אַ ד *).

מיט דעם, האָף איך, האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז די עקזיסטענץ פון אַ זשורנאַל „עידות העתים" איז אַ ביבליאָגראַפישע לעגענדע.

2) „די צייט". אַזאַ זשורנאַל ווערט דערמאָנט אין יידישן צייטשריפט „עת לדבר", וואָס מנשה אונגער באַשרייבט אין אונדזער

---

*) דערזועלבער טעות איז מיטן זשורנאַל „עת לדבר", וואָס איז געדרוקט „עת לבנד (?) (ז. 724 פון דער רומענישער ביבליאָגראַפיע).

זאמלבוך. פון דאָרטן איז ניט קלאָר אויף וואָס פארא שפּראַך איז ער ארויסגעגעבן געוואָרן.

ביי שיס ראָמאַן איז „די צייט" ניט דערמאָנט.

דאקעגן אין American Israelite (29 יולי 1859, ז. 30) לייענען מיר אז אין בוקארעסט גייט ארויס א זשורנאל „די צייט" אין דעם „דייטשן זשארגאָן פון די איזראעליטן אין טערקיי. די צייטונג טראָגט א פּאָליטישן כאראקטער און צילט צו באַשיצן די וואלאכישע איז־ראעליטן".

3) „עת לדבר" (זע: אונגערס ארטיקל).

אין דער רומענישער ביבליאָגראפיע (ז. 724) ווערט דערמאָנט א זשורנאל א. נ. „טימפּול" ד. ה. צייט, מיט אזעלכע פּרטים: ארויס אין יאס, פעברואר — ?, 1872. דערשינען אויף רומעניש און אויף יידישן זשארגאָן. ווי א קוואל פון אינפאָרמאציע ווערן אָנגעגעבן דריי רומענישע צייטונגען פון 1872, וואו די „צייט" (זע די רומע־נישע ביבליאָגראפיע זייט 317). ווערט דערמאָנט. דאָס איז זיכער דיזעלבע צייטונג, וואָס איז נאָך דערשינען אין יענעם יאָר. אזוי באקומען מיר דעם צייטשפּאַן פון דעם זשורנאל: 1859־1872.

4) הגבור, ארויס אפּריער אין בוקארעשט (סעפּטעמבער) 1886 — אפּריל 1887 (אין גאלאַץ אין אפּריל 1887).

איין מאָל א וואָך. רעדאקטאָר ליפּא ראָדעסקאָ.

די שפּראַך פון דער צייטונג ווערט ניט אָנגעגעבן. אָבער אזוי ווי דערזעלבער ראָדעסקאָ איז געווען דער רעדאקטאָר פון אן אנדער יידישן זשורנאל א. נ. „קול רנה" (זע אונדזער נאָטיץ אין דעמזעלבן זאמלבוך), איז מסתמא דער דאָזיקער זשורנאל הגם מיט א העברעישן טיטל געווען ארויסגעגעבן אויף יידיש.

5) „דאָס פאָלקסבלאַטט". בוקארעסט 24 יולי 1891 — 1 נאָוועמבער 1895, שפּעטער ארויס אין יאסי, פון 15 נאָוועמבער ביזן 12 אפּריל 1896. דערשינען איין מאָל א וואָך. פרייז 7 ליי א יאָר, 15 באן א נומער. פון 2טן אויגוסט 1891 בייט זיך דער נאָמען פון דער צייטונג.

פון 15טן נאָוועמבער 1895 איז דער רעדאקטאָר ל. קאָרנפעלד. פון 31טן אויגוסט 1891 — 1טן נאָוועמבער 1895 איז דער רעדאק־טאָר געווען א. דאווידעסקו. סך הכל ארויס 150 נומערן. (ווערט געבראַכט ביי שיס ראָמאַן — אָבער זייער קורץ).

6) גאַלאַצער איזראַעליט. דערשינען אלע צוויי וואָכן. פון 15 אויג. 1887 — 26 מארט 1886, דערשינען דריי מאָל א וואָך. די

אַרויסגעבער זענען געווען די בעלי־הבתים פון דער דרוקעריי: מוטער־פּערל און קאהן.

פון 26טן אויגוסט 1887 ווערט אויך דאָס קעפּל פון דער צייטונג געשריבן אויף דייטש: „גאַלאַטצער איזראַעליט", פון 23טן יאַנואַר 1888 נעמט מען אַראָפּ דאָס דייטשע קעפּל, פון 26טן אויגוסט 1887 דערשיינט צוויי מאָל אַ וואָך פון 15טן יאַנואַר 1888 — איין מאָל אַ וואָך.

סך הכל דערשינען 41 נומערן. בכלל אַרויס זייער ניט רעגל־מעסיק.

(דערמאָנט ביי שיס ראָמאַן אָבער זייער ניט פּינקטלעך).

7) יציאת רומעניען. אַרויס איין נומער אין יאַסי אין 1900. פּרייז 10 באַן. אַרויסגעגעבן פון די יידישע עמיגראַציע פירער, אויף יידיש און אויף רומעניש.

8). לבנון. אָרגאַן פון דעם קרייז פאַר ציוניסטישער פּראָפּאַ־גאַנדע אין פּיאַטראַ נעאַמץ. אַרויס צוויי נומערן (1טן סעפּטעמבער 1901 און 12טן מאַי 1902). פּרייז 10 באַן אַ נומער. אייניקע אַר־טיקלען געדרוקט אויף יידיש. (לויט דער רומענישער ביבליאָגראַפיע ז, 368-369).

9) תקות ישראל. אַ ציוניסטישער אַגיטאַציע אָרגאַן, אַרויס איין נומער אין יוני 1903, אין יאַסי, אונטער דער רעדאַקציע פון אַ קאָמיטעט. געדרוקט אויף יידיש און רומעניש. פּרייז 5 באַן.

10) חנוכה, אַ יום־טוב בלאַט. אַרויסגעגעבן אין גאַלאַץ דעם 22טן נאָוועמבער 1904 פון דריי ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס: „סאַמ. פּינעלעס", קדימה" און דר. מ. נאָרדוי". אַ צווייטער נומער איז דער־שינען דעם 21טן דעצעמבער 1905. אַרויס אין דריי שפּראַכן: דייטש, יידיש און רומעניש. געדרוקט אין דער דרוקעריי פון א. פרידמאַן.

יעקב שאַצקי

# „עת לדבר".

די צייטונג „עת לדבר", וואָס איז דערשינען אין בוקארעסט אין יאָר 1859, איז איינע פון די עלטסטע יידישע צייטונגען אין רומע־ניע [1]). זי ווערט דערמאָנט אין פארשיידענע ביבליאָגראפיעס, אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָט קיינער ביז איצט די דאָזיקע צייטונג נישט געזען פאר די אויגן, און דערפאר האָט יעדער ביבליאָגראף באזונדער געמאכט אן אנדער טעות. אזוי געפינען מיר ביי זלמן רייזען (לעקסי־קאָן פון דער יידישער פרעסע און ליטעראטור", ווארשע, 1919, זייט 719) „עת לדבר" — א צייטשריפט אין העברעאיש און יידיש, ארויסגעגעבן (אין בוקארעשט ?) 1854-1856 דורך מיכל עזיאל". ביי שם־ראָמאָן — „די יידישע פרעסע אין רומעניע פון יאָר 1854-1926", (פילאָלאָגישע שריפטן" דריטער באַנד, זייט 524-535 : (שפאלט 532)) : „עת לדבר", בוקארעסט, רעדאקטאָר נ. פּאָפּפער און קאהאנע, ערשיינט אויף רומעניש און זשארגאָן (מאי ? 1859)" ; דאָ האָבן מיר שוין א צייטונג נישט אין „העברעאיש און יידיש" ווי ביי רייזענען, נאָר גאָר „רומעניש און זשארגאָן", מיט צוויי אנדערע רעדאקטאָרן.

אויך אין דעם „יידישן לעקסיקאָן", בערלין, באַנד 4, איז אָנגעגעבן : „עת לדבר", בוקארעשט 1854-1856, העברעאיש־יידיש" ; דאָ איז די דאטע אָנגעגעבן ניט ריכטיק און ווידער טאָקע דערפאר, ווייל קיינער פון זיי האָט די צייטונג נישט געזען.

אין דער ביבליאָטעק פון יוסף מארגאָשעס געפינט זיך זעקס נו־מערן פון דער זעלטענער צייטונג „עת לדבר" און דאָ זעען מיר, וויפיל טעותן די ביבליאָגראפן האָבן געמאכט.

דער פאָרמאט פון דער צייטונג „עת לדבר" איז : 24 ביי 20 צ״מ יעדער נומער [2]) האָט 4 זייטן, 2שפאלטן אויף יעדער זייט. די נומעראציע איז א לויפנדיקע פון דעם ערשטן נומער, אזוי אז נומער 3 האָט אויף דער צווייטער זייט דעם באצייכנונגס נומער פון דער זייט 10 נומער 5, זייט 18 א א. וו.

---

[1]) וועגן די פריערדיקע צייטונגען זע די נאָטיץ פון י. ש. צו דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע אין רומניע (אין דעם זאַמלבוך).

[2]) פאַראַן נאָר פאָלגנדיקע נומערן : נר. 3, 5, 6, 7, 8, 10.

דער פולער טעקסט פון דער צייטונג איז:

## „עת לדבר"

בוקאַרעשט דינסטאָג כ' אייר ה' תרי"ט

מיט אַן איבערשריפט איבערן קאָפּ:

"Anulu I Bucurestu, No. 3 Maiu 12, 1859„

און אין דער רעכטער זייט, לעבן קאָפּ, מיט קלענערע אותיות:

„דיעזע צייטונג ערשיינט איינמאָל, אויך צווייא מאָל וועכענטליך"

מיט צוועלף פארא [אזא מטבע] איין בלאט, רעדאקטאָר א. זילבערשטיין", און אויף דער לינקער זייט: „אללער מיט בעקאנט־מאכונג ווערדען אויפגענאָממען אונד פיר איינע צייל מיט צעהן פארא בארעכנעט".

דאן קומט אַ דיקער שטריך און אונטערן שטריך מיט פעטע אותיות:

„איין געזעלשאפטליכעס צייטונגס בלאט[3]) פאָן גוטגעזאָנענע מענשען. הערוים געגעבן לטובת הכלל. וועלכעס נוצליך איזט. צום וועלטליכן. אונד רעליגיעזן לעבן:

מאתי

אריה זילבערשטיין"

דערנאָך מיט קלענערע אותיות:

„דאָס בלאט ענטהעלט: נייאיקייטען אין קורצען. פאָן אללען וועלט טהיילען: חדשות וועלכע בעריהרט יהודים: יודישע געשיכ־טען. קונסט און וויססענשאפט ניצליכע ידיעות. פיר האנד ווער־קער. אונד פיר יעדען מענשען: מעזאטען...[4]) וועלכע פאָן דער לעבליכע רעגירונג ווירד בעקאנט געמאכט. אונד מעהרערע זאכען, וועלכע דעם יודען ניצליך זינד דאן אויך. וויטצען, געשיכטען, שפריכווערטליך צום אונטערהאלט".

צום סוף פון דער צייטונג איז אָנגעגעבן:

Redactor A. Zilberstein, Tipografia Jurn. Nationalulu callea covaci.

דער נומער 5, וואָס איז דערשינען: „באקארעשט פרייטאָג א' סיון ה' תרי"ט 1859 שטייט אָנגעגעבן אונטערן קאָפּ:

„דיא בלעטטער זיינען אויך אללע צייט צו באקומען אצל ה' ר'

---

[3]) וואו עס דאַרף קומען אַ קאמאַ, קומט אַ פונקט.

[4]) אויפרופן.

מיכל עזיאל [5]) אין דער שעלאר גאסע: וויא אויך בריף אן דער רע־דאקציאָן אויף זיין נאָמען צו אדרעסירן".

דאן, אזוי ווי אין נר. 3 „אין געזעלשאפטליכעס בלאט . . . מאתי אריה זילבערשטיין" אָבער עס פעלן די שורות: „דאָס בלאט ענטהעלט . . . ווי אין די פריערדיקע נומערן, נאָר עס הייבט זיך גלייך אָן דער טעקסט.

נר. 6 איז דערשינען דינסטיק ה' סיון, תרי"ט, 26טן מאי 1859, נאָך „מאתי אריה זילבערשטיין" איז אָנגעגעבן דער פסוק: „ויאמר לאדם הן יראת ה' היא חכמה וסור מרע בינה (איוב כ"ה)".

נר. 8 איז דערשינען פרייטיק כ"ב סיון תרי"ט, 12טן יוני 1859, שוין מיט אַ גרעסערן קאָפּ אין געשניצטע אותיות.

עס שטייט אויך אָנגעגעבן אונטערן הויפּטטיטל:

„אין איססי זינד דיעזע ציטונג צי פינדען אצל ה' הנגיד מו"ה מרדכי זילבערמאן לייפציגער און שוטהווינער", וואָס דאָס באווייזט, אז די ציטונג האָט באקומען לייענער אויך אין אנדערע שטעט.

עס פעלט אָבער דער נאָמען פון רעדאקטאָר [6]), וואָס איז געווען אין יעדן נומער אָנגעגעבן מיט גרויסע אותיות: „מאמתי אריה זילבערשטיין".

נר. 10 דערשינען דינסטיק י' תמוז תרי"ט, 30טן יוני 1859.

די שפּראַך איז אַ טייטשמערישע. עס איז מעגלעך, אז דער רע־דאקטאָר האָט עס געטאָן מיט אַ כיון כדי זיינע לייענער זאָלן אים האלטן פאר אַ „געבילדעטן" מענטש. דער רעדאקטאָר האָט אָבער דערפילט, אז נישט אַלע „פרעמדע" ווערטער וועלן די פשוטע יידן פאַרשטיין, האָט ער דערפאַר געגעבן ביי יעדן שווערן אויסדרוק אַ העברעאישע איבערזעצונג.

אזוי למשל אין נר. 3, זייט 11, אין די ידיעות אָנגעגעבן:

---

[5]) פון דאַנען נעמט זיך דער טעות, וואָס ז. רייזען האָט געמאַכט און אים אָנגענומען אַלס רעדאַקטאָר פון „עת לדבר". עס איז מעגלעך, אַז מ. עזיאל האָט געהאַט אַ שייכות אַלס אַרויסגעבער פון דער ציַיטונג, ווייל ער איז געווען אַן אַרויסגעבער פון צייטונגען. אַזוי האָט ער אַרויסגעגעבן אין יאָר 1877 דעם „יידישן טעלעגראַף", דערשינען אין בוקאַרעשט פון 1טן אַפּריל 1877 ביז 15טן סעפּטעמבער 1878 און אין יאָר 1882 אַרויס־געגעבן דעם „היועץ לבית ישראל ברומניה", בוקאַרעשט, „צייטונג פיר געמיינדע און פאַמיליע", דערשינען איין מאָל וועכנטלעך.

[6]) זיין נאָמען געבליבן אויף דער רעכטער זייט פון „קאָפּ".

„פּעטערסבורג (א מאי) די רעזידענץ" — („עיר מלוכה") . . . „גראָססע ריכטונגען" — („הכנות גדולות"), „ארמע־קארפּס" — („מחנות מלחמה"), אין נר. 5 זייט 13 „קריגסשויפּלאַטץ („שדה מלחמה"), „געגראָבענע קאנאלע" („תעלות המים") און אפילו „פּריי־לינג" שטייט אין קלאַמערן „אביב". ווייזט אויס, אז דאָס וואָרט „נעבן" האָט דער רעדאַקטאָר געהאַלטן פאַר א „פרעמד־וואָרט" און געפונען פאַר נויטיק צו איבערזעצן „אצל". אין נר. 6, זייט 21, געפינען מיר איבערזעצט די ווערטער „פּאָלקס מענגע" — „המון עם", „טעריטאָריום" — „באָדן, ערד" און „אָפּאָנירט" — זיך ווידער־זעטצט". און אין נר. 7 געפינען מיר דעם יודישלעכן אויסדרוק: „פּארמעג" „דאָס גאַנצע פּארמעג" אָנשטאָט „פּארמעגן. דער רעדאַק־טאָר, וועלכער ברענגט א סך נייעס פון „קריגס־שויפּלאַץ" [7]), באַ־צייכנט די נעמען פון די ענגלישע ציטונגען אזוי ווי זיי ווערן גע־שריבן נישט ווי מען לייענט זיי אין ענגליש: אזוי ווערט אָנגעגעבן אין די „פּערשיעדענע נאַכריכטען" (נר. 7, זייט 25) „טימעס" ענגלי־שע ציטונג און דיילי נעווס [8]) ראַטהען עסטעררייך פריעדען צי שלים־סען אונד די לאָמבארדיי אויף צי געבן". ווייסט אויס, אז דער רעדאַק־טאָר האָט די ענגלישע צייטונגען נישט געזען, נאָר די נייסן ארויס־גענומען פון דייטשע אָדער רומענישע צייטונגען; דערפאַר קומט ביי אים אויס, אז די צייטונג האָט געהייסן „טימעס" און דיילי נעווס"

דער נומער 3 פון „עת לדבר" הייבט זיך אָן מיט אן „אויפרוף לאחב"י [9]). וועגן דער אָנגלייהע מהמשכיל כו' דורש שלום אחיו ומבקש הצלחתם".

וואָס איז א בריוו צום „הער רעדאַקטאָר" אונטערגעשריבן מיט דעם אות „ד", וואו עס ווערט געבעטן, אז די יידן זאָלן אונטערשטיצן די הלואה, וואָס די רומענישע רעגירונג האָט דעמאָלט פאַרלאַנגט.

---

[7]) עס איז דעמאָלט געווען קריג צווישן נאַפּאָלעאָן און עסטרייך און ווי עס ווייזט אויס, האָט די דאָזיקע מלחמה, וואָס האָט שטאַרק פאַראינטער־רעסירט די יידן, געבראַכט דערצו עס זאָל דערשיינען א יידישע ציטונג, כדי יידן זאָלן נישט דאַרפן וואַרטן אויף קריגן די קריגס־ידיעות פון פרעמד־שפּראַכיקע צייטונגען. א גרויסער גורם צום אַרויסגעבן די ציטונג „עת לדבר" איז אויך געווען די מחלוקה מיטן „מלבי"ם", וועלכער איז גע־וואָרן דעמאָלט רב אין בוקאַרעשט, און וועמען די משכילים האָבן באַ־קעמפט. גענויער וועגן דעם זע ווייטער.

[8]) געמיינט „טיימס" און „דיילי ניוס".

[9]) אחינו בני ישראל.

דער אויפרוף הייבט זיך אָן:

„אים איהרעם נומר ערזעהע איך איינען ארטיקעל אין אָנבעטראכט דער אָנלייהע מהרעגירונג. ערלויבן זיא מיר אָבער איהנען צו בעמערקען, דאָס אַרטיקל צו קורץ וואר אונד דאָס זיא מתוכן הדבר (צוועק דער זאכע) זעהר וויניג געשריבען האָבען, דאהער ערזוכע איך זיא פאָלגענדע צײלען אין איהרעם בלאטע צו שטעללען".

און דאָ דערציילט דער אויפרוף שרייבער, אז „עס ווירד וואָהל יעדער יהודי מכאן הופטזעכליך וויסען דאָס אונזערע רעגירונג פערלאנגט איינע אנלייהע אונד דאָס דיא רעגירונג האָט איין עקסטרא פאַפּיער אין דער עפּיטראָפּיע מכאן געשיקט און האָט ערזוכט דאָס יהודישע געמיינדע זאָל אויך מיטהעלפן: דיעזעס איז יא גענוג שען פיר אונז, איך זעהע אָבער מיט בעדויערן, דאָס קיין איינציגער יוד האָט זיינע פפליכט געטהאן". און ער וויל געבן צו פארשטיין די יידן וואָס פארא „טובה" די רעגירונג האָט מיט זיי געטאָן; ווייל „וואָס וואָלט מאן געטהון ווען דיא רעגירונג זאָל אונז איינען שטייער אויף לעגען דאָס יעדער מענש זאָלל פינפציג אָדער הונדערט פיאסטער צו געבען, איז דאָך בעסער, אז מען גיבט פרייוויליג?"

דער ארגומענט האָט אָבער אפנים נישט געשלאָגן, די אידן האָבן יאָ געמאכט אַ אונטערשיד צווישן אַ שטייער אין אַ פרייוויליקע הלואה, באקלאָגט זיך טאקע דער אויפרוף־שרייבער, וואָס, „מיר זעהען, אז פיעלע קריסטען האָבען זיך שאָהן פערשריבען אונד קיינען איינציגען יהודי דארונטער" . . .

צום סוף פון אויפרוף דערמאָנט דער שרייבער, אז מען וועט זיך דערמאָנען, ווי עס ווערט אויסדריקלעך געזאָגט אין „נאציאָנאַלול [10]), אז „מיר וועלן זעהען דיא יודען וואָס זאָגען זיא זענען פּאַטריאָטען" . . .

אויב דאָס איז נאָך וויניק, גיט דער שרייבער „אָנצוהערען", אז עמיצער איז געוועזן אין „בהוויסטאָריע" האָט מאן איהם נעפראגט, פארוואָס איז נאָך קיין איינציגער יוד געקאָמען זיך צו פערשרייבען"...

נאָך דעם „בריוו" קומט באַלד אַ ענטפער פון רעדאקטאָר: —

„אַנטוואָרט תשובה":

טהייערסטער פריינד

ווי דער רעדאקטאָר הייבט אָן: „טויזינד מאָל דאנקע איך איה־

---

[10]) אַ רומענישע צייטונג.

נען פיר איהרע שריפט" און גיט צו פארשטיין אז, ווייל עס איז אזא וויכטיקער ענין האט ער דעם אויפרוף געדרוקט אין אנהייב פון דער ציטונג. ער פארענטפערט זיך אויך, פארוואס ער האט אין פריער־דיקן נומער ווייניג געשריבן וועגן דער רעגירונגס הלואה, ווייל ער האט געמיינט, אז עס וועט זיין גענוג די דערקלערונג פון רב וועגן דעם ענין און די דרשה פון „דאקטער וועטהיימער". אבער ער האט איינגעזען, אז מען דארף וועגן דעם ענין א סך שרייבן כדי מעורר צו זיין די יידן, הגם ווי ער גיט אליין צו „עס איזט איין יעדען מענ־שען בעקאנט דאס עניות וואס עס הערשט יעצט אונטער אונז און איין יעדער פיעלט עס זעער גוט, ד' ירחם וישלח עזרתו בקדש", אבער דאס האט אים נישט אפגעהאלטן צו מאכן א פראפאגאנדע פאר דער רעגירונגס הלואה, כדי מען זאל זען, אז ס'איז אמת, „וואס די וועלט האט אונז ערקלערט פיר פאטריאטן" . . .

נאך דעם ענטפער פון רעדאקטאר קומט א באריכט וועגן „דער בראנד פאן בראדי", וואו עס קומט צו א באמערקונג פון רעדאק־טאר, אז מען זאל עס לייענען פאמעלעך: „לאט לאט לעזעט פריינדע כי גדול מאד השבר". און עס ווערט דערציילט, אז אין בראד איז געוועזן א גרויסע שריפה און אין א „האלבען שטונדע זינד איבער טויזענט הייזער דורך פייער־ברינסט פארצעהרט" . . . געווארן אזוי אז 18 טויזנט נפשות זיינען געבליבן אן א דאך איבערן קאפ, און 24 מענטשן זיינען פארברענט געווארן; דערפאר זאל יעדער איינער זיך באטייליקן אין דער זאמלונג פאר די יידן, וועלכע זיינען „אויף דעם בעטטעלשטאבע געקאממען".

עס ווערט דאן געגעבן נייס פון רוסלאנד: פון אדעס, אז: דער גובערנאטאר גראף סטראגנאוו האט ארויסגעגעבן אן אורטייל אויף די גריכישע מאטראזן„ די מורדים, וואס דורך זייא איז איין יהודי נהרג געווארען און מעהרערע יהודים זענען פערוואונדעט געווארין", און אז „דרייא גרעקין דיא הויפט רעדעלפיהרער" האט מען דערשאסן און די איבריקע „מורדים" באשטראפט יעדן איינעם צו פופציק שטעקען".

דערנאך א ידיעה פון פעטערסבורג, פון פראנקרייך, פאריז „נייס פון קריגסשויפלאץ".

אויף דער לעצטער זייט קומט א פאלעמישער ארטיקל מיט די „אריסטאקראטען פאן בוקארעשט", וועלכע באקעמפן דעם רב דעם

מלבים און געגן די רעדאַקטאָרן פון דער ציישונג „דיא צייט"[11]), וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען „פיר דאָס וואָהל דער מענשן ניצליך צו זיין", און דער שרייבער[12]) פרעגט וואו זיי זיינען פריער געווען איידער דער רב איז געקומען אין שטאָט אריין? דער שרייבער חוזקט אָביסל פון זיי און זאָגט, אַז די „אַריסטאָקראַטן דאַרפן זיין צופרידען וואָס זיי לערנען זיך אויס רעדן דייטש הערנדיק דעם רבס דרשות[13]).

אזוי ווי די רעדאַקציע האָט אויסגערעכנט אין אָנהייב פון דער צייט, אַז „דאָס בלאַט ענטהאַלט נייאיקייטען . . . קונסט און וויסענ־שאַפט" . . . ווערט געגעבן צום סוף נומער עפּעס אַ נייעס אויף אָט דעם געביט, און עס איז געדרוקט מיט גרויסע אותיות:

„קונסט"

11) אין דער דייטש־יידישער וואָכנשריפט „פּריוואַטגאַבענד" נר. 32, ערשטער יאָרגאַנג (דערשינען נאָר איין יאָר) 1859, פראַנקפורט אם מאַין, אין דער אָפּטיילונג: „דער קראַנק שרייבער" (זייט 511) געפינט זיך פאָלגנ־דיקער נאָטיץ:

„אין בוקאַרעסט דערשיינט זייט אַ געוויסער צייט אַ צייטשריפט פאַר יידישע אינטערעסן אין יידיש־וואַלאַכישער שפּראַך, וועלכן מיר ווינטשן אַ לענגערעס לעבן „אלס דעם עהרלעבן אונטערנעמונג".

אונטערגעשריבן מיט לאַטייניש אותיות:

Izralitul Roman

[וועגן „דיא צייט" זע נאָטיץ וועגן דער יידישער פּרעסע אין רומעניע, און דעם זאַמלבוך. די רעדאַקציע].

12) חתמט זיך מיט די איניציאַלן ח. ב.

13) דער מלבים מאיר ליבוש בן יחיאל מיכל. באַקאַנט אונטערן נאָמען „קעמפּער מגיד". איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקס"ט אין וואָלאָטשיסק, פּוילן. ער איז געווען אַ גרויסער גאון. געווען 7 יאָר רב אין ווריעשנאָ, דערנאָך 15 יאָר אין קעמפּען. דאַן אויפגענומען געוואָרן פאַר רב אין בוקאַרעסט, וואו ער איז געווען רב פינף יאָר. דאָרט האָט ער געהאַט אַ גרויסע מחלוקה מיט די אַסימילאַנטן. מען האָט אים געמסרט פאַר דער רעגירונג, און שבת אין מיטן זיין דרשה האָט מען אים אַרעסטירט. סיר משה מאָנטעפיאָרע האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן אַרעסט און אויסגע־פּועלט ביי דער רומענישער רעגירונג מען זאָל אים באַפרייען. ער איז דערנאָך באַלד אַוועק פון רומעניע. אין יאָר 1865 אויפגענומען געוואָרן פאַר רב אין לינטשיץ. ער איז דערנאָך געווען רב אין פאַרשיידענע אַנ־דערע שטעט און געשטאָרבן דעם 18טן סעפּטעמבער 1879. גענויער וועגן אים זע „כנסת ישראל", חלק ג' זייט 207, „תולדות הפוסקים", ש. מ. כאַנס, וואַרשע, תרע"ט, זייט 245-247 אין „אוצר ישראל".

„א"

„לעבער אין גלאָז צו מאַכען"

„מאַן קלעבט רונד הערום מיט גוט געקנעטענעם ליים דאָס אָרט וואָ מאַן וויל דאָס לאָך מאַכען אונד מאַן גיסט הערײן איין ביסיל וועגעציאַנישען טערפּעטין אויף דאָס אָרט, וואָ מאַן וויל דאָס לאָך זאָלל זיין, דאַן צענדעט מאַן עס אָן, אונד אַז עס ווירד דערהיצט ווערדען זאָלל מאַן הערויס שטאָססען דאָס קליינע שטיקיל גלאָז זאָה וועט עס הערויס פאַללען אונד דאָס איבריקע גלאָז אָבער בלייבט גאַנץ".

כאָטש דער רעדאַקטאָר שטעלט נעבן „קונסט" אין „א", געפינען מיר מער נישט אין די אַנדערע נומערן פון דער צייטונג נאָך עפּעס וועגן „קונסט" און „וויססענשאַפט", ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך באַגנוגנט דערמיט וואָס ער האָט אויסגעלערנט זיינע לעזער „ווי אַזוי מען מאַכט לעבער אין גלעזער".

צום סוף פון נומער קומט אַ מודעה „מאַזאָט", איבערגעדרוקט פון „מאַניטאָריל נומר נ"א", אַז מען וויל קויפן נייע זאַכן און די אַלטע וועלן ליציטירט ווערן דעם 12טן מאַי און אַז „מאַן זאָלל קו־מען אין דעם טאָג צום זשאָסטיץ מיניסטער. דיעזע זאַכען קאָן מען דאָרט אַללע טאָג זעהען"..

דערמיט ענדיקט זיך דער נומער 3.

דער נומער 5 פון „עת לדבר", הייבט זיך אָן מיט אַ דערקלערונג פון דער רעדאַקציע:

„מיינע הערן", ווי עס ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט, אַז מען זאָל זיך נישט חדושן וואָס אין צייטונג ווערן געדרוקט נייס וועגן קריג, וואָס האָבן זיך פאַרלאָפן מיט אַ פּאָר טאָג צוריק, „ווייל — לערנט דער רעדאַקטאָר מיט די לעזער אַ פּרק אין תרסיסי המלחמה — „איך וויל דאָס איר זאָללט איין באַגריף האָבן אונד עטוואָס פערשטיין פאָן דער קריג", — און כדי דאָס צו „פאַרשטיין", עצהט דער רע־דאַקטאָר, אַז „ווען איהר וועט דאָס בלאַט נישט דורך ליופין, נור איר וועט מיט געדאַנקען אייניגע מאָהל לעזען יעדעס בלאַט, אונד אַז איהר וועט לעזען איין בלאַט, וועט איהר נישט פאַרגעסען וואָס איהר האָט געלעזען אין די פאָריגע בלעטער, בין איך אין דער האָפנונג, אַז איהר אַללע פאָן קליין ביז גרויס, וועט איהר פאַרשטיין און וויסען פאָן דעם בלאַט פיעל זאַכען, וואָס עס שרייבען מעהרערע בלעטער"...

עס קומען דאַן באַריכטן פון „קריגסשויפּלאַטץ" פון „פראַנק־

רייך, חדשות בתוך המדינה" „נייסטעס אויס נעאפּאָל" און אַן „אויפ־רוף לאחב"י, ווידער וועגן דער רעגירונגס אַנלייע אונטערגעשריבן פון „יהודה ליב אהרנבערג".

דערנאָך אַ „אנקינדיגונג" פון דער רעדאַקציע, אַז אַזוי ווי אַ סך מענטשן האָבן זיך שוין אַבאָנירט אויפן בלאַט, בעט די רעדאַקציע, אַז מען זאָל „למען דאָס בלאט זאָל עקזיסטירן" זיך ווייטער אַבאָנירן און דערפאַר וועט מען קריגן די צייטונג פריער און דערצו נאָך וועט מען אַ „ספר גראַטים באַקומען" . . .

עס קומט דאַן אַ גרויסער אַנאָנס:

„דיא בלעטער געפינען זיך אויך אצל ר' אברהם באקאַן אין דער פּיראַססקע".

דער בוקאַרעשטער רב דער מלבים, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו דרוקן דעם „הספרא" מיט אַ נייעם פירוש „התורה והמצוה", בעט ער מען זאָל זיך פריער אַבאָנירען אויף זיין חיבור [14]).

דער רעדאַקטאָר אַליין האָט אָפּגעדרוקט אַ קליינעם אויפרוף אין העברעאיש געגן די רעדאַקטאָרן פון דער ציטונג „דיא צייט", וועלכע זענען אָנגעפאַלן אויפן בוקאַרעשטער רב מיט „דברים אסור להעלותם על הכתב". (ווערטער וואָס מען טאָר זיי נישט אַרויפברענגען אויפן כתב [15]).

צום סוף פונם נומער איז פאַראַן אַ „מעזאַט", אַז מען קען אָנ־נעמען צי מאַכן כאַלאַטן־העמדער פאַרן שפּיטאָל, און אַ „בעקאַנט־מאַכונג" וועגן אַ ווירטסהויז, וואָס איז פאַראַן צו קויפן„ אצל הר' ר' יצחק מאיר בירגער אין טאַבאַטש, אויך געפינען זיך דיעזע בלע־טער צו קויפען".

און „ר' ליב באַקאַן", איז מודיע, אַז ער איז אַ מעקלער פון היי־זער, און „בעט איין יעדען וואָס ברויכט איין הויז קויפען אָדער פער־קויפען . . . אים צו מעלדען".

דער „עת לדבר" נר. 6 האָט זייער פיל נייעס פון „טירקייא, עסטערייך, סאַרדיניען, נעאַפּאָל" און פון „אַפריקע", „איינע רייזע

---

[14]) זיין פירוש „התורה והמצוה" איז געדרוקט געוואָרן אין בוקאַ־רעשט, 1860.

[15]) עס וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט אויסצוגעפינען די ציישונג „דיא צייט" און זען אין וואָס איינגנטלעך די מחלוקה געגן מלבים איז באַשטאַנען.

נאָך אראביען", „אין המשכים"[16]), וואו עס ווערט באשריבן אל־דושיר, און וועגן די יידן, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט.

עס איז אויך פאַראַן א מין פעליעטאָן, „איין געשפרעך צווישען יאסי מיט בוקארעשט" אין „המשכים", וואָס פעלן אין די ווייטער־דיקע צוויי נומערן 8 און 10.

דער שמועס צווישן יאסי און בוקארעסט איז וועגן רב וואָס בוקארעסט האָט אויסגענומען, דעם מלבים. יאסי איז מקנא בוקא־רעשט מיטן נייעם רב, אָבער בוקארעשט באַקלאָגט זיך, אז עס זיינען פאַראַן שלעכטע מענטשן וואָס מאַכן אָן מחלוקותן . . .

צום סוף פון דער צייטונג קומט א נייס, אז „אין בוקארעשט האָבען זיך זיבען אונד צוואַנציג מאָדערנע מענשן לוסטיג געמאַכט ביום שבת העבר אין די קאפענעלעם מיט קארטען אונד ציגארען דיעזע ציווי־ליזירטע לייטע זינד דען נעמליכען טאָג איינגעשפערט ווארדען. ביום א' העבר האָט מען זיי בעשעפטיגט בנקיות[17] . . . אונד זייא זיצען נאָך זייער משפט איזט נאָך נישט הערוים" . . . דער רעדאַקטאָר פרייט זיך, וואָס מען „רוימט" אויס די „קוצים" (דערנער) פון דער שטאָט, און ער לאָזט אויס: „פאָן יעצט אָן, ווער עס ווירד מחלל שבת זיין בפרהסיא, ווירד פערעפענטליכט ווערדען".

דער נומער 7 האָט נייעס פון קריג פון „טערקייא און פראנקרייך און דעם המשך פון די „רייזע נאָך אראביען".

און „איינע וואהרע געשיכטע" וועגן א פרוי חנה פון לאַנד יהודה, וואָס האָט אירע קינדער איינע טאָכטער מלכה און איינען זאָהן שלם[18]).

אין דעם נומער איז אויך פאַראַן א באַקאַנטמאַכונג פון איינעם ישראל קליין, אז היות „בני איזאַק ליין, וואָס לערנט יודיש אין דער וואלאַחישער שוהל עוד משנת טויזינט אכט הונדערט צווייא אונד פונפציג, ויגיע לזמן בר מצוה אונד ער קען קיין תפילות ישראל"... וויל ער באַצאָלן פאַר א גוטן מלמד, וואָס זאָל זיין זון אין משך פון

[16]) אין נ. 7 איז פאַראָן דער המשך, וואו ס'איז צום סוף אָנגעגעבן „חמשך יבא", אָבער אין די נומערן 8 און 10 זעען מיר נישט קיין פאָר־זעצונג פון דער „רייזע נאָך אַראַביען". אפשר אין די ווייטערדיקע נומערן ?

[17]) רייניקן שמוציקע ערטער...

[18]) אָנגעגעבן דעם סוף „המשך יבוא", אָבער אין די ווייטערדיקע צוויי נומערן נישט פאַראָן קיין המשך.

זעקס חדשים אויסלערנען לייענען קריאת שמע, מעביר זיין די סדרה און לערנען „בענטשען".

איינער הילל בראווערמאן איז ווידער מודיע, אז אזוי „ווי מיין ארבעט איז איבעראל בעקאנט, נאָר וויל איך וויל באלד אוועק פאָה־רען,, לכן ווער עס וויל זיך זיין פּאָטרעט פאָטאָגראפיש אראָפּ נעמען, וועל איך ביז אכט טעג, מיט דרייא צוואנציגער א פּאָטרעט מאכען. מיין וואָהנונג איז אצל ר' יעקב לאזאראָוויטש רוסישער סטאראָסטע".

צום סוף א ידיעה פון לאנדאָ, אז עס איז געשטאָרבן „השר העברי באראָן גאלדשמידט" און ער האָט איבערגעלאָזט אויף צדקה דרייסיק טויזענט ר"ט (רהיין טאָלער) דאָס גאנצע פארמעג, וואָס ער האָט זיינע קינדער איבער געלאָזט איזט סך איין אונד צוואנציג מי־ליאָן ר"ט".

נר. 8, האָט צווישן די „נאכריכטען א נייעס אז „אין עסטרייך דארפען דיא יודען קיינע קריסטליכען דיענער האלטען". אין ידיעות פון „קריגסשויפּלאַץ" „איין געשפּרעך" צווישן „בלדד" און „צופר" און „אנעקדאָטע", אלס סימבאָלישע אָנדייטונגען אויף די מענטשען, וואָס האָבן געפירט א מחלוקה מיטן רב.

אויף דער לעצטער זייט קומט א ליד אין העברעאיש, געשריבן ווי די רעדאקציע גיט אָן, פון א צוועלף־יעריק יינגל, וואָס חתמעט זיך מיט דעם אות „ש". אויך דאָס ליד האָט רמזים נעגן די בעלי מחלוקתניקעס.

צום סוף א מודעה פון איינעם יוסף גרינבערג, אז ער האָט גנעפנט א „נאַציאָנאלל באאד אין טאבאטש גאססע" מיט „פּרייזען פיר אחב"י", ווארעמע וואנע־בעדער איין צוואנציקער, קאלטער טוש מיט נערלע בעדער איין האלבען, בלאָס נערלע בעדער, דרייא גריי־צער, פיר פראָען גערלע־בעדער צווייא גרייצער.

דער נר. 10 הויבט זיך אָן מיט „נאכריכטען" פון „קריגסשוי־פּלאַץ", און נייעס פון „ענגלאנד", וואו עס ווערט צווישן אנדערן אויך דערציילט, אז „בערך שבועות העבר, האָט דער באראָן ליאָנעל ראָטהשילד אין לאָנדאָן זיין שטעלע פערטרעטען אין פּארלאמענט (מיניסטעריום) עס האָט נישט געהאָלפען דיא בעמיהונגען משונאי ישראל אונטער וועלכע עס וואר אויך ניודעגאט, דער בעקאנטער פיינד דער יודענטהום אונד זייער אָנוועגדונג דאָס ראָטהשילד זאָל אבלעגען זיין קריסטליכע שבועה אונד ער האָט געשוואָרין על פי דת ישראל, נאָך דיעזען האָבען אויך געשוואָרען ה' מאיר ראָטהשילד אונד

אַלדערמאַן זאַלאַמאָנס היהודים אונד זינד מיט גראָס עהרע איינגע־טרעטען אין פּאַרלאַמענט".

אינם זעלבן נומער זענען פאַראַן פיר העברעאישע לידער פון איינעם אליעזר מרגלית, לויב־געזאַנגען פאַרן קעניג [19]) אַלעקסאַנדער יאַריאַן.

אויף דער לעצטער זייט פון דער צייטונג איז פאַראַן אַ לענגע־רער בריוו „להרעדאַקציאָן" פון איינעם שמעון לענדער, וואו ער ענט־פּערט בכלומרשט ישראל קליין, אין אַ לצנותדיקן טאָן און לאַכט אָפּ פון די מלמדים פון דער וואָלאָכישער שול.

די צייטונג שליסט זיך מיט די אַנאָנסן פון הילל בראַוערמאַן וועגן זיינע פאָטאָגראַפישע אַרבעטן און פון יוסף גרינבערג וועגן זיין נייעם „נאַציאָנאַללבאַאד".

אויף וויפיל מען זעט, ווי די צייטונג „עת לדבר" איז געוואָרן מיט יעדן נומער לעבעדיקער (דאָס אָנגעבן כסדר „המשך יבוא", דאָס צוקריגן וואָס אַמאָל מער נייע אַנאָנסן) איז ביי מיר קיין ספק נישט, אַז דער נומער 10 איז זיכער נישט געווען דער לעצטער, און אַז דער „עת לדבר" איז דערשינען נאָך אַ לאַנגע צייט.

מ. אונגער

## ווער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „השופר"?

דעם 14טן יאַנואַר 1874 האָט אין לאָנדאָן אָנגעהויבן צו דער־שיינען אַ יידיש וואָכנבלאַט מיט אַ העברעאישן נאָמען „השופר".

אַ רעפּראָדוקציע פון דעם ערשטן זייט פון דעם ערשטן נומער האָט ק. מרמר פאַרעפנטלעכט אין „האמער" (יאָרג. 5, נומער 5; מאַי, 1931).

קיין נאָמען פון דעם רעדאַקטאָר אָדער אַרויסגעבער איז ניט דערמאָנט, נאָר מרמר גיט אונטער דער רעפּראָדוקציע אָן, דאָס דער רעדאַקטאָר איז געווען ס. דיטץ.

איך האָב דעם „השופר" ניט געזען, אָבער אין אַ רייזע־בריוו פון איינעם, וואָס איז אונטערגעשריבן „הר'י בן ישי" (לויט מיין השערה איז דאָס געווען יצחק יעקב הירשביין) געדרוקט אין פרומ־

[19]) זע אויבן די באַשרייבונג פון נר. 7.

קינ'ס „חבצלת" (יאָרג. 6, נומער 5 ; 19טן נאָוועמבער, 1875), איז אָנגעגעבן חיים זלמן אָליאָשעוויטש ווי דער רעדאַקטאָר פון „השופר".

אויסערנכנדיק אין דעם דאָזיקן בריוו די משכילים, וואָס ער האָט געטראָפן אין לאָנדאָן, דערמאָנט ער אויך דעם „באַוואוסטן משכיל, דער מליץ און מדקדק הר'ר חז'אל פון ווילנע, וואָס וואוינט דאָ עטלעכע יאָר און ווי אַן עפּל צווישן די בוימער פון וואַלד אַזוי איז ער אויך דאָ צווישן זיינע לאַנדסלייט" און גיט צו אַ באַמערקונג : „דער דאָזיקער געלערנטער האָט אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר גענומען אַרויסגעבן דאָ אַ בלאַט אין דער זשאַרגאָנישער שפּראַך אונטערן נאָמען „השופר", וואָס איז זייער וויכטיק געווען פאַר אונזערע ברידער, וואָס פאַרשטייען ניט קיין אַנדער שפּראַך, ווייל ער האָט זיך באמיט צוגעבן זיי גוטע און ניצלעכע זאַכן. ניט באַקומענדיק אָבער די געהעריקע הילף און שטיצע איז ער געבליבן אָן מיטלען און ביי דעם ניינטן נומער האָט ער שוין מער ניט געהאַט קיין כוח פאָרצוזעצן די אויסגאַבע".

ווי עס ווייזט אויס האָט אויך מרמר ניט געזען דעם „השופר". ווי ער האָט מיר איבערגעגעבן, איז אים דער פאָטאָסטאַט צוגעשיקט געוואָרן פון דער ייווא ביבליאָטעק אין ווילנע.

עס איז כדאי נאָכצוזען, צי דער נאָמען ס. דיטץ פיגורירט ווי אַ רעדאַקטאָר אָדער אַרויסגעבער צום סוף פון נומער. אליאשעוויטש, וואָס איז אין דער העברעאישער ליטעראַטור באַוואוסט אונטערן פּסעוודאָנים חז'אל, איז ניט באַקאַנט אַלס יידישער שרייבער. ער איז דער שווער פון דעם באַרימטן מאַטעמאַטיקער פּראָפ. הערמאַן שאַפּיראָ און אַ יוגנט-פריינט פון דעם דיכטער יהודה ליב גאָרדאָן (אין דעם ערשטן באַנד פון „כל כתבי יל'ג" געפינט זיך אַ ליד געווידמעט אים). סוף פון די זעכציקער יאָרן האָט ער עמיגרירט קיין ענגלאַנד און גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין דעם לעבן פון די רוסיש-פּוילישע יידן אין לאָנדאָן.

א. ר. מלאכי

## זיינען די דאָזיקע צייטונגען דערשינען ?

### א. „בת ציון"

אין אַ מודעה, וואָס יעקב מהרש"ק, דער אַגענט פון דעם ירושלים'ער בלאַט „שערי ציון" האָט סוף יאָר 1884 אָפּגעדרוקט

אין „המליץ", האָט יצחק גאָשציני, דער אַרויסגעבער פון „שערי ציון" געזאָלט אין אָנהויב 1885 אַרויסגעבן אַ יידישן בלאַט מיטן נאָמען „בת ציון" („די טאָכטער ציונ'ס").

אין דער דאָזיקער מודעה ווערט געזאָגט: „אין צוויי וואָכן אַרום וועט דורך דער דאָזיקער רעדאַקציע אויך דערשיינען אַ צייטונג אין דער יידיש־דייטשישער (זשאַרגאָן) שפּראַך און וועט הייסן „בת ציון" (די טאָכטער ציונ'ס) פאַר אונזערע ברידער און שוועסטער, וואָס פאַרשטייען ניט אַ העברעאישן בלאַט".

די עקזיסטענץ פון אַ בלאַט מיטן נאָמען „בת ציון" אָדער „די טאָכטער ציונ'ס" ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט; עס איז אָבער מעגלעך דאָס גאָשציני האָט יאָ אַרויסגעגעבן אַ צוויי דריי נומערן פון זיין געפּלאַנטן בלאַט.

## ב. „דער אמת פון ירושלים".

אין דעם ערשטן נומער פון דעם ירושלים'ער „שולמית" (י"א אייר, תרע"א) ווערט אין די לאָקאַלע נייס געבראַכט, דאָס דער משומד שלמה פיינגאָלד פּלאַנעוועט אַרויסגעבן אַ בלאַט אין יידיש מיט דעם נאָמען „דער אמת פון ירושלים". אונטער אַ קעפּל „ער טרעט ניט אָפּ פון אמת" ווערט דערציילט: „מיר האָבן געהערט, אַז דער באַוואוסטער ה. פיינגאָלד האָט באַשלאָסן ניט אַרויסגעבן זיין בלאַט מיט דעם נאָמען „גוט שבת" — ער וויל ניט אַוועק פון דעם אמת, און דאַרום דענקט ער אַרויסצוגעבן דעם בלאַט מיט דעם נאָמען „דער אמת פון ירושלים".

א. ר. מלאכי

# „קול רנה"

אַן אומבאַקאַנט וואָכנבלאַט אין רומעניע פון די יאָרן 1884 — 1883.

אין 1883 האָט אין בוקאַרעסט אָנגעהויבן צו דערשיינען אַן אייגנאַרטיק וואָכנבלאַט א. נ. „קול רנה". לידער גאַלעריע ערשיינט יעדע וואָך רעדאַגירט פון ליפּא ראָדעסקאָ.

אויפן שערבלאַט ווערט אָנגעוויזן, אַז „אַבאָנעמענטספּרייזען פיר גאַנץ ראָמעניען יעהרליך 5 פראַנק" און אַז „ פּאָעזיען ווערדען פּרייא אויפגענאָממען" און אַז „אונפּרענקירטע בריעף ווערדען רע־פוזירט" (ניט אָנגענומען).

דער „קול רנה" האָט געמוזט האָבן אַ נישקשהדיקע פאַרשפּריי־טונג, ווייל אין אַ סך נומערן געפינען זיך נעמען און אדרעסן פון אַגענטן, וואָס פאַרקויפן אים אָדער נעמען אַן אַבאָנענטן.

אין איין נומער, למשל, ווערט אַנאָנסירט, אַז די צייטונג זוכט אָרנטלעכע „אַגענטן מיט ראַבאַט".

אין אַ ריי שטעט זענען די אַגענטן געווען ניט קיין פּראָפעסי־אָנעלע, נאָר סתם „ליבהאָבער" פון געדרוקטן וואָרט. אין די נומערן ווערן אָנגעגעבן זייערע נעמען. צווישן זיי זענען פאַראַן אַ סך פון דער טעאַטראַלער וועלט. די סיבה פון דעם אינטערעס פון די אַקטי־אָרן צו דעם דאָזיקן מיניאַטור־זשורנאַל קען ערקלערט ווערן מיט דעם, וואָס דאָרטן האָט מען געדרוקט קופּלעטן פון אַקטיאָרן אָדער סתם וועגן יידישן טעאַטער.

עס זענען אָבער אויך געווען געשעפטסאַגענטן, ווי, למשל, אין בוקאַרעסט, וואו אַ געוויסער „מאָריטץ בעקער, וואָס פאַרקויפט דאָס בלאַט „היועץ" (איינע, פון די עלטסטע יידישע בלעטער אין רומעניע) איז אויך דער הויפּט־פאַרקויפער פון „קול רנה".

דערביי ווערט אָבער אָנגעמערקט, אַז אין בוקאַרעסט קען מען עס קריגן „בייא אַללע יונגלעך וועלכע צייטונגען טראָגן".

אינטערעסאַנט זענען די אַנאָנסען אין „קול רנה".

אין עטלעכע נומערן ווערט דערמאָנט, אַז „דיא הערן, וואָס וועלען אונזער קול רנה ביז אין 3 נומערן ערהאַלטען אונד ניכט רעפוזירן, זינד בעטראַכטעט אַלס אַבאָנענט פיר איין האַלב יאָהר".

אין אַן אַנדער נומער בעט זיך די רעדאַקציע ביי די אַנדערע צייטונגען, אַז זיי זאָלן איינגיין אויף אַן אויסטויש מיט זייערע אויס־גאַבן.

„די געעהרטע רעדאקטערע — שרייבט דער „קול רנה" — (זייער) „גראססע ציטונג אן אונזער רעדאקציאהן צו זענדען".
דער „קול רנה" האט געמוזט זיין א דערפאלג, ווייל אין איין נומער ווערט געמאלדן, אז ער וועט דערשיינען צוויי מאל א וואך און די פרייז וועט בלייבן די זעלבע.
די רשימה פון אבאנענטן וואס האבן איינגעצאלט „אנטיטשי־פאנרא" (אין פארוים) ווערט געדרוקט אין די נומערן פון „קול רנה" מיט אן "עפנטליכע דאנקזאגונג".
כמעט אין אלע נומערן, וואס אונז איז אויסגעקומען צו זען, געפינט זיך אן אנאנס וועגן דעם „פוילישן אידל", וואס איז כדאי צו ציטירן אינגאנצן:

## אנאנס

## דער פוילישער אידעל

איינע צייטונג פיר דיא ארבעטענדען קלאססען דער געזאמטען יודענהייט, ערשיינט יעדען ערב שבת און ברענגט אלל וועכענטליך בעלעהרענדע לייט ארטיקעל. איינע קלארע איבערזיכט אללע פאלי־טישע עראייגעניסע, קאראספאנדענצען פון דער גאנצען וועלט, נייע־איגקייטען דיא אידישע נאציאן בעטרעפין, נאכריכטען פון ענטדע־קונגען אין ערפינדונגען, שפאנענדיגע פעלליטאנס אין וואונדער שענע געדיכטע.
די פרייז איז 1 פראנק 75 סאנטים פער קווארטעל. צו אבאני־רען בייא וו. ראבבינאוויט , 137 קאמאיטשיל סטר. לאנדאן".
פון ציט צו צייט ווערט געמאלדן פון דער רעדאקציע, וואס עס וועט זיין געדרוקט אין די נאנטסטע נומערן. מערסטנטיילס רעקלא־מירט דער רעדאקטאר זיינע שריפטן.
„באלד ווירד אין אונזער קול רנה געדרוקט ווערען איין זעהר אינטערעסאנטער פעאילעטאן, דער אבגעקימטענער הוויזירער, אריגי־נאל פערפאסט פון ליפא ראדעסקא".
דער זשורנאל איז, ווייזט אויס, דערשינען יעדע וואך פינקטלעך, ווייל אין נומער 3 פון 1טן סעפטעמבער 1884 געפינט זיך אן אנט־שולדיקונג, אין וועלכער עס ווערט געמאלדן, אז „דורך דער שולד דעם זעצערס איז דיעזעס העפט פערשפעטעט געווארען".
ווי עס איז שוין פריער דערמאנט געווארן באשטייט דאס זשור־נאלכל מערסטנטייל פון טעאטראלישע קופלעטן. אזוי געפינען מיר אין „קול רנה" לידער און טעאטער קופלעטן פון לאטיינער, דוד

אפּאָטעקער, סעכאַלעסקא, גאָלדפּאַדען, שמיד, מרדכי באַרער, יוסף לייבאָוויטש, דירעקטאָר הורוויץ, מאָגולעסקאָ, ח. ז. ברוקער, יוסף ב. גוטמאַן א. א.

דער רעדאַקטאָר גופא ליפּא ראָדעסקאָ האָט געדרוקט פעליע־טאָנען.

אין פּראָזע איז געדרוקט „איין ביאָגראַפיע אָדער דאָס מאָל־ראַווישע יונגיל" וואָס איז אנטנומען פון לינעצקיס „דאָס פּוילישע יונגעל". קיין מחבר איז דערביי ניט דערמאָנט.

דער צייטונגס כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן וואָכנ־בלעטל באַשטייט אין דעם, וואָס אַקטועלע ענינים ווערן באַשריבן אין גראַמען. אַזוי, למשל, איז דאָרטן געדרוקט אַ לאַנג ליד אויפן טויט פון באַראָן הירש מיט אַזאַ רעפריין:

„באַראָן הירש דער עדלער נאָמען
דאָס גוטע הערץ פיר דער גאַנצען וועלט
מיט טרערין וועלען מיר זיך שפּעטער דערמאָנין
מיר וועלען ערשט זעהען ווער פון אונז יודאלעך פעהלעט".

די נומערן פון ימים־נוראים זענען אויך „אַקטועל", ווייל מען דרוקט קופּלעטן וועגן תשליך, יום־כּפּור, כּפּרות־שלאָגן א. א. וו.

אייניקע קופּלעטן זענען וועגן דעם טיסאַ־עסלאַרער עלילת־דם פּראָצעס, וואָס האָט זיך גראָד צו יענער צייט פאַרענדיגט, ווי, למשל, מאָריטץ שאַרפּס געוויסענס ביססע (חרטה) פון הורוויץ, וואָס זענען מסתמא אַנטנומען פון זיין פּיעסע „טיסאַ עסלאַר", וואָס איז אין 1886 געשפּילט געוואָרן אין ניו יאָרק.

אין אַן אַנדער נומער איז געדרוקט דאָס ליד, „יאָזעף שאַרף אין קערקער", אויך פון דער זעלבער אָפּערעטע.

אפילו לייט־אַרטיקלען זענען געשריבן אין גראַמען. אַזוי, למשל, געפינט זיך אין איין נומער אַן אַרטיקל א. נ. עטוואָס איבער דער לאַגע דעם יודענטהום איינגאַנצן אין . . . גראַמען.

דאָס איז, ווייזט אויס, אַ פּסחדיקער נומער (דאָס שערבלאַט פעלט), ווייל אין דעם „לייט־אַרטיקל" רעדט זיך וועגן יציאת מצרים און וועגן אַמאָל און וועגן דעם, אַז מען דאַרף זיך אומקערן קיין ארץ ישראל, ווייל ריידן איז אומגעזונט און מען דאַרף זיך ראַטעווען וואָס שנעלער.

בכלל זענען אַלע קופּלעטן און לידער פון געזעלשאַפטלעכן כאַ־ראַקטער דורכאויס ציוניסטיש באַפאַרבט.

„קול רנה"

אויף איין כאראקטעריסטיש ליד פון „קול רנה" איז כדאי זיך אפּ־צושטעלן, מחמת עס גיט אונז א שליסל צו דער אזוי־גערופענער סאָציאַלער פּאָעזיע פון יענער צייט.

אין א ריי קופּלעטן א. נ. ענטשולדיגונג „מען זאָל עס נישט בע־דארפין" ווערט אנטוויקלט אזא „געדאַנק":

געזונטע מענטשן עסן ברויט און קראנקע איינגעמאכטס; גע־זונטע פעלקער זינגען פריילעכע לידער, קראנקע פעלקער זינגען נאַצי־אָנאַלע לידער ד. ה. טרויעריקע. לאָמיר ציטירן דעם „שרייבער" גופא:

„די נאַציאָנאַלע פּאָעזיע מיט איר געדאנק
איז גלייך צו דעם זיסן איינגעמאכטס
זי ערקוויקט די נאַציאָן ווען זי איז גייסטעש קראנק
ווען איר הערץ איז פערשמארצט".

די ווייטערדיקע סטראָפן זענען שוין רעקלאַמע קופּלעטן פארן זשורנאַלכל „קול רנה", וואָס ברענגט זיסע געזאנגען צו ערקוויקן, אָבער דער מחבר (מסתמא דער ארויסגעבער גופא) האָפט, אז יידן וועלן זיך אינגיכן איבערפעקלען קיין ארץ ישראל און

„דאָרט וועלן זיך אונדזערע הערצער קוויקן,
ווייל אָז ירננה כל עצי היער
דערווייל וועל איך דאָ מיין „קול רנה" דריקן
און איר אַבאָנירט אייך כאָטשי אויף איין יאָר".

(אָרטאָגראַפּיע מאָדערניזירט).

וועגן דעם רעדאַקטאָר און ארויסגעבער פון „קול רנה" ליפּא ראָדעסקאָ ווייסן מיר נאָר אזויפיל, אז ער איז געווען פארבונדן מיטן יידישן טעאַטער אין רומעניע. זיינס א ביכל פון טעאַטראַלע קופּ־לעטן א. נ. ליפּעלעס ווערק, „זייער שיינע און נייע לידער, וועלבע נאָך ביז יעטץ נישט געדריקט גיוואָרין און איבעראל גישפּילט גיוואָרין אין אַללע טעיאַטערע פערפאַסט פאָן ליפּא ראָדעסקאָ. בהוצאת ובידפוס (!) ה' יחזקאל מרגוליות באקוי. ערשטע טהייל. פּרייז 50 באני 1882. 28 זייטן. (געפינט זיך אין טעאַטער מוזיי פון ייִוואָ).

דער זעלבער ראָדעסקאָ איז געווען א רעדאַקטאָר פון א זשורנאַל הגבור, וואָס איז דערשינען אַפּריער אין בוקאַרעסט אין די יאָרן

1886־1887 און שפּעטער אין גאַלאַץ (אַפּריל 1887). (לויט דער ביבליאָגראַפיע פון די רומענישע פּעריאָדיקא, ז. 317).

אַז ראָדעסקאָ איז געווען אויך פּראָפעסיאָנעל פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער איז צו זען ניט נאָר פון זיין זשורנאַל, וואָס איז דורכאויס „טעאַטראַליש", נאָר אויך פון אַן ענטפער אין איינעם פון זיינע בריוועקאַסטנס.

עס ווערט דאָרטן געענטפערט דעם אַקטיאָר און טעאַטער אונ־טערנעמער אברהם אַקסעלראָד (1858־1925), וועלכער איז דאַן געווען אין ראָמאַן (אין 1883) אין אַזאַ לשון: —

„מיר זאָרגען פיר אונזער אינטערעס. נאָר איין קליינעם בעריכט קענט איהר האָבען. דאָס וויא טרופּע האָט אָבגערייזט נאָך קראַ־יאָווע".

ווייזט אויס, אַז אַקסעלראָד האָט געוואָלט אָפּדרוקן אַ באַריכט פון דעם מאַרשרוט פון זיין טרופּע, אָבער ראָדעסקאָ האָט געהאַט זיינע אינטערעסן מיט אַן אַנדער טעאַטער טרופּע אין רומעניע און דערפאַר האָט ער ניט געוואָלט דרוקן אַזאַ נאָטיץ.

פאַר דעם סאָציאַלן מעמד פון יידישן טעאַטער אין רומעניע אין יענע „האָניג יאָרן" געפינען מיר אין אייניקע קופּלעטן פון „קול רנה" גאָר אינטערעסאַנטע רמזים. אָבער דאָס איז שוין אַן ענין, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע.

וויפיל נומערן פון „קול רנה" זענען דערשינען איז שווער פעסט־צושטעלן.

די רומענישע ביבליאָגראַפיע פון פּעריאָדישע שריפטן, וואָס די אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפט אין בוקאַרעסט האָט אַרויסגעגעבן אין 1913 נאָטירט ניט די דאָזיקע וואָכנשריפט. ממילא אויך ניט שיס ראָזען אין זיין רשימה („פילאָלאָגישע שריפטן" פון ייוואָ, באַנד 3).

דער לעצטער נומער, וואָס אונדז איז אויסגעקומען צו זען, איז נומער 9 פון צווייטן יאָרגאַנג, ניט דאַטירט.

אין די מערסטע נומערן, וואָס מיר האָבן געזען געבונדן אין אַ קליין באַנד, זענען די שערבלעטער אַרויסגעריסן.

אויפן שערבלאַט פון נומער 3 פון צווייטן יאָרגאַנג איז אָנגע־געבן די דאַטע: 1 סעפּטעמבער 1884 (אלול, תרמ"ד).

פון די נאָטיצן פון דער אַדמיניסטראַציע און דער רשימה פון אַגענטן און אַבאָנענטן איז צו זען, אַז דער „קול רנה" איז געווען אַ גאַנגבאַר אַרטיקל און איז געווען געפירט אויף אַ געשעפטלעכן אופן.

אַ סך פון די מיטאַרבעטער פון „קול רנה" ווערן ניט דערמאָנט אין רייזענס לעקסיקאָן.

יוסף לייבאָוויטש איז מסתמא אידענטיש מיטן הירש לייבאָוויטש, וועגן וועלכן עס שרייבט מלאכי אין „פּנקס" (2, 1929, 85-84). דער דאָזיקער לייבאָוויטש איז געווען אַ רעדאַקטאָר פון אַן יידיש בלאַט א. נ. התוקע (אין 1885).

דאָרטן שרייבט ער זיך אונטער צבי הירש יוסף, המכונה צל"צל איש באטושאני".

מסתמא האָט ער די קופּלעטן געחתמעט מיטן דריטן נאָמען: יוסף.

צווישן די אַגענטן פון „קול רנה" געפינען מיר איינעם אברהם חיים כץ אין בריאלא, וואָס איז געווען אַזוי פריינדלעך, ווי עס מעלדעט די אַדמיניסטראַציע פון זשורנאַל „פיר אונדזער „קול רנה" דיא אגענטור אונד איינקאססאָ אַנצונעהמען על מנת שלא לקבל פרס".

דאָס איז וואַרשיינלעך דער זעלבער כץ, וואָס האָט איבערגעזעצט לינעצקיס, „פּויליש ייִנגל" אויף העברעאיש, וועגן וועלכן עס שרייבן מלאכי („ייווא בלעטער" 1, 282-83) און נ. מאַרק (דאָרטן 8, 90-91 און באַנד 9, ז. 152), אַז ער איז געווען אַ משכיל און אַן העברעאיש-יידישער שרייבער.

אגב איז כץ געווען דער „גענעראַל אַגענט" פון ראָדקינסאָנס „הקול" און דער פאַרטרעטער פונעם „וואהרען היעוץ".

י. שאַצקי

## צו דער געשיכטע פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע אין פּוילן.

אין 1935 איז אין וואַרשע דערשינען אויף פּויליש אַ וויכטיקע ביבליאָגראַפישע אַרבעט פון פרוי זשאַנאַ קאָרמאַן א. נ. מאַטעריאַלן צו דער ביבליאָגראַפיע פון סאָציאַליסטישע דרוקן אויף די טעריטאָריעס פון פּוילן אין די יאָרן 1918—1866 (374 זייטן).

די דאָזיקע ביבליאָגראַפיע אַנטהאַלט אויך די יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס ווי אויך בראָשורן. ליידער, זיינען אַזוינע ריכטונגען ווי דער „בונד", „פּועלי ציון", סאָציאַליסטן-ציוניסטן (ס"ס) און יידישע אַנאַרכיסטן באַאַרבעט געוואָרן זייער שוואַך.

דאַגעגן זיינען גלענצענד באַאַרבעט געוואָרן די יידישע שריפטן

פון די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, פון דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי פון פּוילן און ליטע (ס. ד. ק. פּ. ל.) און פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין גאַליציע.

דערפּאַר האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסגעמען פון דער דאָזיגער ביבליאָגראַפיע גאָר די פּרעסע פון די פּאַרטייען, וואָס זיינען אַמבעסטן באַאַרבעט געוואָרן און באַקענען דעם יידישן לייענער מיט דער דאָזי־קער אינטערעסאַנטער רשימה. אַזאַ פולשטענדיקע און אַזאַ דעטאַ־ליזירטע ביבליאָגראַפיע איז נאָך קיינמאָל ניט געווען פאַרעפנטלעכט.

לײדער, זיינען די קעפּלעך פון די בלעטער אָנגעגעבן מיט לאַטיי־נישע אותיות, אַזוי אַז ביים רעקאָנסטרואירן די דאָזיקע קעפּלעך זיי־נען וואַרשיינלעך אריין אומפּינקטלעכקייטן אין אויסלייג. אָבער מען קען זיך ניט העלפן. די הויפּט ווערט פון דער דאָזיקער ביבליאָגראַ־פיע באַשטייט אין איר רייכקייט פון אינפאָרמאַציע, און זי קען דינען ווי אַ מוסטער, ווי אַזוי מען דאַרף באַאַרבעטן אַ ביבליאָגראַפיע פון דער פּרעסע.

אין דער רשימה זיינען אריין די אומלעגאַלע אַזוי גוט ווי די לעגאַ־לע אויסגאַבעס.

די רשימה גיבן מיר לויטן אלף־בית:

דער יידישער סאָציאַל דעמאָקראַט — צייטשריפט פון סאָציאַ־ליסטישער וויסנשאַפט, ליטעראַטור, קריטיק און געזעלשאַפט־לעכן לעבן. דערשינען יעדן חודש ווי דער אָרגאַן פון דער יידישער ס. ד. פּאַרטיי. לעמבערג 1905. אַרויס 5 נומערן. רעדאַקטאָר יהושע גועקער. נומער 2—1 — אַפּריל־מאַי 1905. אנטהאַלט 70 זייטן. מיטאַרבעטער: ה. גראָסמאַן, ה. מייזעלס א. אַ.

אידישעס פאָלקסבלאַט — אָרגאַן דער סאָציאַל דעמאָקראַטישען (!) פּאַרטיי. דערשינען יעדע צוויי וואָכן. לעמבערג 1899־1896. רעדאַקטאָר: דר. מאַקס צעטערבוים. אַרויסגעבער: דר. הערמאַן דיאַמאַנט. ערשטער נומער דערשינען דעם 16 אָקטאָבער 1896 (4 זייטן). אין 1896 איז דער טיראַזש געווען 1300 עקזעמפּלאַרן.

די אידישע פאָלקסצייטונג — סאָציאַל־דעמאָקראַטישער וואָכנבלאַט. סימפּאַטיזירט מיט דער פּוילישער ס. ד. פּאַרטיי. לעמבערג 1902. רעדאַקטאָר: ה. דיאַמאַנט.

דער אַרבעטער — אָרגאַן (פון) דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַר־

טיי. דערשינען אַלע צוויי וואָכן. לעמבערג 1893-1896. ארויסגעבער: יוסף וואָלמאַן. פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר: יאָאַכים פרענקעל. דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 5טן יאַנואַר, 1894, 8 זייטן. טיראַזש: 500 עקזעמפּלאַרן (אָנהויבנדיק מיטן יאָר 1894).

דער אַרבייטער — אָרגאַן פון דער פּוילישע (ר) סאָציאַליסטישע (ר) פּאַרטיי. (פּ. פּ. ס.). ארויס אין לאָנדאָן, קראָקע און וואַרשע אין די יאָרן 1898-1906. אינגאַנצן דערשינען 50 נומערן (1898 — 1, 1900 — 1, 1901 — 2, 1902 — 3, 1903 — 1, 1905 — 6, און 1906 — 36 נומ.). דער ערשטער נומער איז דאַטירט: דעצעמבער 1898 (16 זייטן). פון נומער 6 פון 1902 געדרוקט אין פּוילן אין אַ געהיימער דרוקעריי. פון נומ. 9 (יאַנואַר 1905) געדרוקט אין קראָקע אין דער דרוקעריי פון יוסף פישער. אין 1906 איבערגעטראָגן קיין וואַרשע, פאַרוואַנדלט אין אַ וואָכנבלאַט. יעדער נומער האָט געהאַט 8 זייטן און געקאָסט 3 קאָפּיקעס. טיראַזש: נומ. 1-2 צו 1500 עקז., נומ. 13 (22טן דעצעמבער 1905) — 20.000, 21 (אַפּריל 1906) — 10.000, 36 (אויגוסט 1906) — 10.000 נומ. 1 האָט רעדאַקטירט מאַקס האָראָוויץ (וואַלעצקי), 2 — 5 לעאָן וואַסילעווסקי (אַ קריסט); פון יאָר 1900 האָט רעדאַקטירט דר. פעליקס זאַקס. מיטאַרבעטער: רובינשטיין (מיכלסאָן), געזעצט: י. האַרטמאַן (לעאָן גאָטליב) און בערגער. אין די יאָרן 1904-1906 (אַפּריל) איז דער רעדאַקטאָר געווען מיכעלסאָן (אין קראָקע).

דער אַרבייטער — אָרגאַן פון פּ. פּ.ס. (לינקע). ארויס אומלעגאַל אין וואַרשע אין די יאָרן 1906-1907, נאָכדעם ווי עס איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין פּ. פּ. ס. פּאָרטגעזעצט די נומעראַציע פון אַלטן „אַרבייטער”, אַזוי אַז דער ערשטער נומער איז נומער 50. ארויס אינגאַנצן 15 נומערן (50-64). נומער 50 איז דערשינען דעם 30טן נאָוועמבער 1906. נומער 64 דעם 16טן אויגוסט 1907. יעדער נומער האָט געהאַט אַכט זייטלעך.

די געווערקשאַפט — אויסגאַבע פון פּ. פּ. ס. אומלעגאַל. ארויס 2 נומערן. דער ערשטער איז דאַטירט מאַי 1906.

די לעצטע נאָכריכטן — אָרגאַן פון פּ. פּ. ס. קראָקע 1905. ארויס פינף נומערן: 1 — 22טן יאַנואַר, 2—3 — 30טן אַפּריל, 4 — 12טן מאַי, 5 (דער לעצטער). אַכט זייטן אַ נומער.

דאָס סאָציאַליסטישע בלאַטט — אָרגאַן פון יידישן קאָמיטעט פון פּ. פּ. ס. וואַרשע 1905 (אומלעגאַל). אַרויס 6 נומערן. נומ. 1 — נאָוועמבער 1905 (10.000 עקז.), 2 — 19טן נאָוועמבער 1905 (10.000 עקז.), 6 — 5טן דעצעמבער 1905 (10.000 עקז.), רעדאַקטאָר מ. קרול.

עס טאָגט — פּאָפּולערער וויסנשאַפטלעכער חודש זשורנאַל. אָרגאַן פון פּ. פּ. ס. ד. פון גאַליציע און שלעזיע. איין נומער דערשינען אין פעברואַר 1900. געדרוקט אין קראָקע. פּרייז 4 העלער.

סאָציאַליסטישע בלעטלעך — אָרגאַן פון יידישן קאָמיטעט פון פּ. פּ. ס. אין 1905 אַרויס אין וואַרשע אַ רייע פלוגבלעטלעך אונטער דעם נאָמען. טיראַזש: 10.000 עקז.

סאָציאַליסטישע פלוגבלעטלעך — אומלעגאַלע איינמאָליקע אויסגאַבע פון פּ. פּ. ס. וואַרשע, יולי 1904. 4 זייטן.

די פּראָלעטאַרישע וועלט — „אָרגאַן פון די (דער) פּוילשיע (ר) סאָציאַליסטישע (ר) פּאַרטאַייי". לאָנדאָן 1902-1903. אַרויס דריי נומערן. 1 — אָקטאָבער 1902, 16 זייטן; 2 — יאַנואַר 1903, 40 זייטן, 3 — פעברואַר 1903, 48 זייטן (41 — 88). רעדאַקטאָר: פּ. זאַקס. מיטאַרבעטער: מיכעלסאָן, פּיליפּ קראַנץ. געזעצט: האַרטמאַן (לעאָן גאָטליב).

די פּראָלעטאַרישע וועלט — פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכער חודש זשורנאַל, אָרגאַן פון פּ. פּ. ס. (לינקע). ווילנע־וואַרשע, 1907, אַרויס 9 נומערן, רעדאַקטירט פון פּיליפּ קראַנץ. שטענדיקער מיטאַרבעטער: ש. הורוויץ. צווישן די מיטאַרבעטער זיינען געווען: י. ל. פּרץ, יעקב מילך, א. א. טיראַזש: 1000 עקז. ערשטער נומער דערשינען אין יאַנואַר 1907. לעצטער (9) אין אָקטאָבער 1907.

צום קאַמף — פלוגבלאַט פון צענטראַלן קאָמיטעט פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון פּוילן און ליטע. 1918. 3 נומערן. טיראַזש: נומ. 1 — 1000; 2, אַפּריל 1918 — 3000; 3 — אויגוסט 1918 — 3000.

דער קאַמף — אויסגאַבע פון פּ. פּ. ס. אין ליטע. אומלעגאַל. איין נומער דערשינען אין מאַי 1906.

די רויטע פאָן — אָרגאַן פון ז. ד. פון פּוילן און ליטע. אַרויס פיר נומערן אין 1906. נומער 1, דערשינען דעם 6טן יולי 1905 אין 6000 עקז. נומער 2 — 4טן אויגוסט 1906 (12 זייטן), נומער 3 — 3טן סעפּטעמבער 1906 (6000 עקז.).

י. ש.

# פיליפּ קראַנץ און די „פּראָלעטאַרישע וועלט".

נאָך מאָריס ווינטשעווסקין, דעם „זיידן פון יידישן סאָציאַליזם", איז יעקב ראָמבראָ, מער באַקאַנט אונטער זיין פּסעוודאָנים פּיליפּ קראַנץ [1]), געווען דער סאַמע פּראָמינענטסטער פאָרשטייער פון סאָציאַליסטישער זשורנאַליסטיק אויף יידיש. פון 1881 ביז 1889 האָט ער רעדאַקטירט דעם לאָנדאָנער „ארבעטער פריינד", די צייטשריפט, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ מין קאָרעספּאָנדענץ־שול פון סאָציאַליזם צווישן יידן, אָנפירנדיק אין לאָנדאָן אויך מיט דער ערשטער יידישער אַרבעטער דעמאָנסטראַציע; אין 1899 איז אין לאָנדאָן דערשינען זיין יידישע איבערזעצונג פון פערדינאַנד לאַסאַלס „דאָס ארבייטער־פּראָגראַם" מיט אַן אריינפיר פון מאָריס ווינטשעווסקין, וואָס האָט קראַנצן געמאַכט פאַר אַ שרייבער אויף יידיש, און אין 1890 איז ער אויף דער איינלאַדונג פון די ניו יאָרקער יידישע סאָציאַליסטן, וואָס זענען ווי אַ באַזונדער סעקציע געווען אָנגעשלאָסן אָן דער „סאָשעליסט לייבאָר פּאַרטיי" (ס. ל. פּ.), געקומען אַהער רעדאַקטירן די וואָכנשריפט „ארבייטער צייטונג", וואָס איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן [2]).

אין 1892 האָט קראַנץ רעדאַקטירט די „צוקונפט", דעם ערשטן יידישן סאָציאַליסטיש־וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל, וואָס איז געווען די מאַמע פון דער איצטיקער „צוקונפט", און אין 1894, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן דאָס „אָבענדבלאַט", דאָס ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע טאָגבלאַט, איז קראַנץ אויך צוגעצויגן געוואָרן פאַר רעדאַקטאָר, אָנהאַלטנדיק דעם אַמט ביז 1899, ווען ער איז איבער דער צווייטער שפּאַלטונג אין דער ס. ל. פּ. ארויסגעטראָטן און אַ קורצע צייט רעדאַקטירט די וואָכנשריפט „פאָלקסצייטונג", וואָס די אָפּגעשפּאָלטענע האָבן געגרינדעט. ער האָט אויך רעדאַקטירט די לעצטע צוויי נומערן פון „די נייע צייט", דעם חודש־זשורנאַל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אויפן אָרט פון דער אָפּגעשטעלטער „צוקונפט".

אַזוי ווי קראַנץ איז געווען אַ קעגנער פון דער „פאָרווערטס"־ריכטונג נאָך פון דער צייט, ווען עס איז פאָרגעקומען דער ארויסטריט פון די שפּעטערדיקע „פאָרווערטסיסטן" פון דער ס. ל. פּ., האָט ער אַ

---

[1]) זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור. דריטער באַנד. ווילנע, 1929 זז. 740-727.

[2]) משה שטאַרקמאַן: צו דער געשיכטע פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע. „יוואָ־בלעטער", דעצעמבער, 1932. זז. 387-355.

צייט לאַנג זיך פאַרנומען מיט סתם זשורנאַליזם, מיטאַרבעטנדיק אין דער ניו יאָרקער יידישער בירגערלעכער פּרעסע, צווערשט אין דער „יידישער וועלט" און דערנאָך אין „מאָרגן זשורנאַל" און אין וואָכנ־בלאַט „דער אַמעריקאַנער", שרייבנדיק פון צייט צו צייט פאַר די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע צייטשריפטן.

ניט געקוקט אויף זיין פאַרבינדונג מיט דער בירגערלעכער פּרעסע, האָט קראַנץ רעדאַקטירט די וואָכנשריפט „אַרבעטער וועלט", וואָס די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן האָט אַרויסגעגעבן אין 1904 (דערשינען 22 נומערן), און דערביי זיך אָפּגעגעבן מיט איבערזעצונגס־אַרבעט און מיט שאַפן אַ ריי פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ווערק. אין 1901־1904 האָט ער אַ צייט לאַנג רעדאַקטירט די באַנייטע „צוקונפט".

הגם קראַנץ איז געווען גענייגט אַסימיליטאָריש, האָט ער אַלס רעדאַקטאָר געהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון אַ גאַנצער ריי יידישע סאָציאַליסטישע שרייבער, און שוין אין 1893 האָט ער אינאיינעם מיטן דיכטער אברהם מיכל שאַרקאַנסקי[3]) רעדאַקטירט דעם אָנצייגער[4]), אַ וויסנשאַפטלעך־ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל, פון וועלכן ס'זענען אַרויס בלויז צוויי נומערן. ווען יעקב גאָרדין איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1891, האָט קראַנץ ניט בלויז אים געגעבן אַ מעגלעכקייט צו שרייבן פאַר דער „אַרבעטער צייטונג", אַז גאָרדין זאָל אַזוי אַרום ווערן אַ שרייבער אויף יידיש, נאָר ער האָט אים אויך באַקענט מיט די „סטאַרס" פון דעמאָלטדיקן יידישן טעאַטער. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז גאָרדין איז געוואָרן אַ יידישער דראַמאַטורג און געשאַפן עפּאָכע אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער[5]).

מחמת אַן איבערברוך אין זיין פאַמיליען־לעבן האָט קראַנץ באַשלאָסן אַוועקצופאָרן פון אַמעריקע. ער האָט זיין באַשלוס דורכגעפירט, ווען די „פּ. פּ. ס.", די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, האָט אַסיגנירט געלט אַרויסצוגעבן אַ יידישן זשורנאַל, און מען האָט אים איינגעלאַדן דעם זשורנאַל צו רעדאַקטירן. אין די אויגן פון די פירער פון דער יידישער „פּ.פּ. ס."־סעקציע איז קראַנץ געווען דער פאַר

---

[3]) רייזען לעקסיקאָן, פערטער באַנד, ווילנע, 1929, זז. 500־503.

[4]) דער „שטאָדט־אָנצייגער", „מאָנאַטליכער זשורנאַל פיר ליטעראַטור, קונסט, וויסענשאַפט און קאָמערץ. ניו יאָרק, 1893, אָקט. און נאָוו. — 2 נומערן.

[5]) משה שטאַרקמאַן: יעקב גאָרדינס דעביוט אויף יידיש־ייוואָ־בלעטער, פעברואַר, 1932, זז. 180־185.

סיקער מענטש פאַר אַט־דער ארבעט. ניט בלויז מחמת זיין לאַנגיאָריקער דערפאַרונג אַלס סאָציאַליסטישער רעדאַקטאָר און פּובליציסט, נאָר פאַר זיין ביטערער קעגנערשאַפט צום „בונד", וועמען די פּ. פּ. ס. האָט באַקעמפט.

זייענדיק אין אייראָפּע (1907-1906), האָט קראַנץ געמאַכט אַ לענגערע נסיעה איבער גאַליציע, פּוילן און רוסלאַנד. און די איינדרוקן פון זיין נסיעה האָט ער פאַרעפנטלעכט אין „מאָרגן זשורנאַל", אין „אַמעריקאַנער" און אין דער אַנאַרכיסטישער „פרייע אַרבעטער שטימע [6]).

אין יאַנואַר 1907 האָט אין ווילנע אָנגעהויבן צו דערשיינען דער יידישער אָרגאַן פון „פּ. פּ. ס." — „די פּראָלעטאַרישע וועלט", מאָנאַטלעכער פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכער זשורנאַל, אונטער קראַנצס רעדאַקציע. עס האָבן געפעלט מיטאַרבעטער; די פּאָליטישע לאַגע אין רוסלאַנד איז געווען אַ שווערע, און זי האָט באַזונדערס געדריקט קראַנצן, וואָס איז שוין געווען צוגעוואוינט צו ענגלישע און אַמעריקאַנער פרייהייטן, און דערצו נאָך האָט אין די רייען פון פּ. פּ. ס. אויך ניט געהערשט קיין שלום.

עס זענען אַרויס בלויז ניין נומערן [7]) פון דער „פּראָלעטאַרישע וועלט", און וואָס קראַנץ האָט איבערגעלעבט אין יענע טעג האָט ער געשילדערט אין אַ דריי בריוו צו יעקב מילכן, וואָס איז אין 1907 געווען רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט" און זינט יאָרן זיינער אַן אינטימער פריינד.

די דאָזיקע בריוו געפינען זיך אין די פּרעסע זאַמלונגען פון ייוואָ אין ווילנע; (פון יעקב מילכס ארכיוו) און מיר ברענגען דאָ עטלעכע אויסצוגן, וועלכע באַציען זיך דירעקט אויף דער „פּראָלעטאַרישער וועלט" און צו דער לאַגע אַרום דעם זשורנאַל.

**א.**

וואַרשע, 1 יאַנואַר, 1907.

ווערטער גענאָסע מילך!

. . . אויב איהר וואונדערט זיך, וואָרום איך האָב ביז יעצט

---

[6]) משה שטאַרקמאַן: „פיליפּס קראַנצס ליטעראַרישע באַגעגענישן", פילאָלאָגישע שריפטן, דריטער באַנד, ווילנע, 1929, זז. 57-82.

[7]) די „פּראָלעטאַרישע וועלט" איז דערשינען פון יאַנואַר ביז נאָוועמבער, 1907. די ערשטע זיבן נומערן זענען געדרוקט געוואָרן אין ווילנע; די איבעריקע צוויי אין וואַרש.

ניט געשריעבען, זאָלט איהר זיך ניט וואונדערן, ווייל איך האָב אליין ניט געוואוסט, אויף וועלכער וועלט איך געפין זיך. מיין יאזדאַ איז געוועזן פול מיט אונערוואַרטעטע אינצידענטען.

יעצט ווייס איך וויינינגסטענס אַזוי פיעל, אַז „דיא פּראָלעטאַרישע וועלט" וועט ענדליך דערלעבען צו זעהן סטאָליפּין'ס וועלט אין רוסלאַנד . . . דאָ האָבען מיר אויף קיין פאַל ניט געקענט קריגען אַ קאַנצעסיע, און מען האָט געמוזט זיך בענוצען מיט דער „קאָנסטיטוציע" אין ווילנע. נאַטירליך, איז דאָס אַזוי לייכט ניט געגאַנגען און עס האָט געקאָסט פיעל צייט. אין אַמעריקע קען מען זיך קוים פּאָרשטעלען, וויא פיעל צרות מען האָט דאָ ביי'ן אַרויסגעבען וואָס ניט איז.

פאָרלויפיג איז דאָס ערגסטע, וואָס מיר האָבען דאָ גאָר קיין אידישע ליטעראַרישע קרעפטע. אונזער פּאַרטיי האָט אַ סך אידישע אינטעליגענטען, אָבער אַלץ אַזעלכע אַסימילירטע, אַז זיי קענען אַ וואָרט אידיש ניט שרייבען. געלט פעהלט גראַדע ניט, און לעזערס וועלען אויך געוויס זיין, אָבער, צום טייפעל, וואו נעמט מען שרייבערס? אויב איהר אין אַמעריקע וועט מיר ניט העלפען מיט אייערע פעדערס, וועט „דיא פּראָלעטאַרישע וועלט" פּשוט שטאַרבען פון אויסצעהרונג. דעם ערשטען נומער האָב איך און געג. מיכעלסאָן[8]) אויסגעפילט, אָבער אַזוי קען עס דאָך לאַנג ניט געהן. דאַרום בעט איך אייך רחמים מיר באַלד צוצושיקן אַן אַרטיקעל. מינס[9]) האָט אַהער צוגעשיקט אייערן (אַן) אַרטיקעל פון דער „צוקונפט". הפּנים צום איבערדרוקען. אָבער דעם ערשטען מאָל וויינינגסטענס דאַרפט איהר צושיקען ניט קיין איבערגעניצעוועטע סחורה. דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען איהר וואָלט מיר צוגעשיקט אַן אַרטיקעל איבער דיא אַמעריקאַנער פּאַרטייען אין אַלגעמיין. דאָ ווייס מען גאָרניט דערפון. ערקלערט זייערע שטרעבונגען און אונטערשיעדע, און שטעלט זיך אָפּ אויף די זאָגענאַנטע פאָלקס־פּאַרטייען און שליסליך אויף דער סאָציאַליסטישער. לאָזט דיא ציוניסטען, טעריטאָריאַליסטען און איבערהויפּט דיא אידישע פראַגע צו רוהע. מיכעלסאָן שרייבט וועגען דעם, און דאָ אויפן אָרט ווייסען מיר מעהר דערפון, וויא אין אַמעריקע.

---

[8]) וועגן מיכעלסאָנען און זיין טעטיקייט אין דער יידישער אַרבעט פון פּ. פּ. ס. זע: ג. אייזנערס „י. ל. פּרצעס אַרעסט אין 1899 — ייוואָ־בלעטער, מערץ־מאַי, 1933, זז. 353-361.

[9]) איינער פון די גרינדער פון די יידישע פּ. פּ. ס. אין אַמעריקע איז ער געווען אַ ס. ל. פּ.—ניק.

איך שרייב אויך היינט צו פייגענבוימען[10]) און ווינטשעווסקי׳ן. (דער בריף צו איהם איז אַדרעסירט צו דער „צוקונפט" און זעהט אַז ער זאָל איהם באַלד בעקומען). פייגענבוימען האָב איך געבעטען מיר צו שיקען אַן אַרטיקעל איבער דער פּראַקטישער זייט פון דיא טראַסטס. אין וועלכע בעציהונגען זייט איהר יעצט מיט איהם?

פיליכט וועט מיר בודיאַנאָוו, וועמען גיט איבער אַ גרוס פון מיר, אויך צוגעשיקט אַן אַרטיקעל? עס וואָלט זעהר ווינשענס־ווערטה געווען צו קריעגען פון איהם אַן אַרטיקעל פּשוט איבער דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע. פאַר אונז איז עס דאָ זעהר וויכטיג וויא איהר וועט עס אַליין פערשטעהן.

קורץ, יעדערער פון אייך וועט פערדינען אַ אמת׳ע סאָציאַליס־טישע מצוה, ווען ער וועט אונז מכבד זיין מיט אַן אַרטיקעל, דען, ווי געזאָגט, מיר האָבען דאָ קיינע אידישע שרייבערס און מיר מוזען האָבען ליטעראַרישע הילפע פון אַמעריקע.

אַלזאָ, ליעבער ברודער, נעהמט זיך צו דער אַרבעט און זאָרגט אויך, אַז אַנדערע סימפּאַטיזירענדע גענאָסען זאָלען אונז דאָ ליטע־ראַריש אַרויסהעלפען.

וואָס אַנבעלאַנגט צו מיר, זאָ פערשטעהט איהר דאָך, אַז איך שלאָף ניט אויף אַ בעט פון ראָזעס . . . די רעפּרעסיעס זיינען גוואַל־דיגע, און דיא לעצטע פּאָאַר וואָכען האָבען מיר געהאַט איין דורכ־פאַל נאָך דעם אַנדערן. עס איז גרויסענע צרות. איך וועל דאָ אָבער פערבלייבען אַזוי לאַנג, וויא עס וועט זיך לאָזען, וויא איך וועל עס אין שטאַנד זיין אויסצוהאַלטען . . . דאָס ערגסטע איז דאָ פאַר מיר דיא איינזאַמקייט און אָפּגעזונדערטקייט, אָבער איך האָף, אַז עס וועט בעסער ווערען. יעדענפאַלס, איז דאָס יעצט פאַר מיר a matter of honor צו פאַרבלייבען דאָ אין רעכטען פייער . . . אָבוואָהל איך קען ליידער גאַנץ ווייניג לייסטען אונטער דיזע פער־פלוכטע אומשטענדען.

איך וועל אייך אַן אַנדערס מאָהל מעהר שרייבען וועגען דעם. דערווייל ווינשט מיר צו ענדיגען דיזען יאָהר אויף דער פרייהייט...

איך ערוואַרטע פון אייך איין אַרטיקעל צו ענדע פון דיזען מאָ־נאַט, זאָ דאָס איך זאָל איהם קענען אָפּדרוקען אין נעכסטען נומער. שרייבט, שרייבט!

---

[10]) בנימין פייגענבוים, איינער פון די ערשטע יידישע סאָציאַליס־טישע שרייבער און פּראָפּאַגאַנדיסטן פון „אפּיקורסות".

ב)

WARSZAWA, 13/III/ C7.

פריינד מילך!

. . . „זאָגאַר יעצט, ווען איך האָב זיך אַביסעל צוגעוואָהנט צו דיא היגע צרות און רעדאַקטיר דעם זשורנאַל, פיהל איך מיך, דעם אמת צו זאָגן, גאָר ניט היימליך. קיין גרויסע האָפנונגען האָב איך קיין מאָל ניט געהאַט מכח מיין רייזע, אָבער אויף אַזאַ אונאויפהערליכע רייהע פון אונגליקספעלע האָב איך זיכער ניט געקענט רעכענען. מילא, וואָס עס איז פאָריבער, איז פערפאַלען, דיא פערגאַנגענהייט פון דיא לעצטע 6 מאָנאַט וועל איך יעצט ניט בעריהרען; אָבער דאָס וואָס עס קומט יעצט פאָר איז נאָך אַ צוגאָב צו דיא פריהערע צרות. איך מיין דיא טרויעריגע אינערליכע שפּאַלטונג. דאָס מאַכט אַלץ מעהר אַ תל פון דער פּאַרטיי. איך ווייס גאָר ניט, וואָס דער סוף דערפון וועט זיין. ניט קיין געלט און ניט קיין מענשען. דיא עקספּראָפּריאַציעס האָבען אָבגעוואָהנט דיא מיטגליעדער פון בייטרע־גע, און דיא שרעקליכע רעפּרעסיעס האָבען אַרויסגעריסען פון דיא רייהען דיא בעסטע און ענערגישסטע מיטגליעדער. אויב עס וועט ניט זיין אַן אַמנעסטיע פון איין זייט און אַ פעראייניגונג פון קרעפטע פון דער אַנדער זייט, זיינען מיר דאָ קאַפּוט אויף יאָהרען.

וואָס אָנבעלאַנגט צום אידישען קאָמיטעט, זאָ ליידעט ער נאַ־טירליך פון דעם אַלגעמיינען קריזיס. צווישען דיא אידען איז דאָ אייגענטליך קיין שפּאַלטונג ניטאָ, אָבער אַליין קענען זיי גאַנץ וויי־ניג אויפטאָן איינפאַך צוליעב מאַנגעל אין פינאַנציעלע מיטעל. מיר האָבען דאָ געהאַט אַ געוויסע סומע אויף דעם זשורנאַל און איבער־הויפּט אויף לעגאַלע אויסגאַבען, אָבער מען האָט געמוזט געברויכען דאָס געלט אויף אַנדערע זאַכן, זאָ דאָס עס וועט קוים קלעקען אויף נאָך אַ פּאָר נומערן. דיא צירקולאַציע איז אונגעפעהר 4000 [11]) עקזעמפּלאַרען, און אַזוי וויא אַ נומער ווערט פערקויפט בלויז פאַר 10 קאָפּ [12]) (פּאַקטיש 6 קאָפּ), זאָ דערלייגט מען אין בעסטען פאַל אַ העלפט, דאָס איז אונגעפעהר 125 רוב׳. נאַטירליך, ווען ניט דיא

---

[11]) דאָס איז ניט ריכטיק. פרוי קאָרמאַן באַווייזט אין איר בוך וועגן דער סאָציאַליסטישער פּרעסע, אַז דער טיראַזש איז געווען ט ו י ז נ ט. זע: י. ש׳ס „צו דער געשיכטע פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע“ אין דעם זאַמלבוך.

[12]) קאָפּיקעס.

שפּאַלטונג, וואָלט אַזאַ דעפּיציט קיין ווערדע געהאַט, אָבער ביי דיא יעצטיגע אומשטענדען איז דאָס אַ גאַלאָפּירענדע שווינדזוכט.

דער זשורנאַל האָט אויסגענומען דאָרט, וואו מען ווייס פון איהם און מען לעזט איהם, אָבער אַזוי וויא רוסלאַנד איז גרויס און מיר האָבען ניט דיא נויטיגע מיטעל גוט צו אַדוועורטייזען, ווייס מען נאָך אפילו ניט פון זיין עקזיסטענץ אין דיא מייסטע שטעדט פון דער ליטא און פון זיד־רוסלאַנד.

דערצו נאָך האָבען מיר דאָ גאָר קיין ליטעראַרישע קרעפטע. איך און געג. מיכעל [13] . . . פילען אויס דיא נומערן. פיר דעם 3־טען נומער האָב איך געקראָגען אַן אַרטיקעל פון פייגענבוים. דאָס איז דערווייליע דיא גאַנצע זייטיגע ליטעראַרישע מיטווירקונג . . .

איך האָב געשריבען צו פּערלמוטער'ן, וויא ער זאָל מיר שיקען דיא „צוקונפט". זאָל ער עס ניט פערנאַכלעסיגען. איך וועל שוין זעהן, וואָס מען קען איבערדרוקען. פּרינציפּיעל האָב איך נאַטירליך גאָר נישט דאַגעגען. שיקט מיר יעדענפאַלס צו אייער „פּאָליטישען איבערבליק" פון יאַנואַר־נומער אין אַ קאָנווערט, וועל איך עס זיכער בענוצען.

איך האָף, אַז איהר קריעגט דיא „פּראָל. וועלט" אין צייט. נאַ־טירליך, איהר מעגט זיך בענוצען מיט דיא אַרטיקלען, אָבער איך זעה ניט איין, וואָס איהר וועט קענען איבערדרוקען.

אייער פאָרשלאַג וועגען אַ סעריע אַרטיקלען איבער טראָסטס נעהם איך גערן אָן. איך וואָלט כאָטש איינעם פון זי געוואָלט זעהען. פייגענבוים'ען האָב איך אין מיין לעצטען בריף פאָרגעשלאָגען צו שרייבען מכח דעם טרייד ענד לייבאָר אַלייענס עליו השנאָבעל און צו האָבען דערביי אין אויג דיא זעהר וויכטיגע היער פראַגע וועגען פאַרטייאישע און אונפּאַרטייאישע יוניאָנס.

איך שיק אייך צו דיא קאָרעקטור פון מיין קורצען אַרטיקעל איבער דער דומע, וואָס וועט דאָ איבערגעדרוקט ווערען אין אַ 10 טעג אַרום אין 3־טען נומער „פּראָלעט. וועלט". אויס מאַנגעל אין פּלאַץ האָב איך מעהר ניט געקענט שרייבען. פאַר אייך אין אַמעריקא איז עס דערווייליע געוויס נענוג. וועגען דיא אידען און ספּעציעל דעם „בונד" אין דער וואהל־קאַמפּיין האָב איך אַ סך צו שרייבען, נאָר איך וועל עס שרייבען עטוואָס שפּעטער. לאָזט איבער די אונ־טערשריפט „י. בלאָך", אויב איהר וועט אָבדרוקען דעם אַרטיקעל אין דער „צוקונפט".

---

[13]) מ. מיכעלסאָן. זע: הערה 6.

ח. שטאַרקמאַן

. . . וועט מיר בודין [14])עטוואָס צושיקען ? וואָס טהוט פאַ־רענבערג ? [15]".

ג

ODESSA, Aug. 6, 1907

פריינד מילך!

. . . איהר וועט זיך געוויס וואונדערן, וויא אזוי איך קום פלוצ־לונג אהער, וועל איך אייך קורץ ענטפערן מיט פונקטען: 1) איז גאָר קיין האָפנונג ניטאָ, אז עס זאָל בעסער ווערען אין ווארשע; 2) איז דיא פאַרטיי צוברעקעלט, צובראָכען, און דיא פונקציאָנארוסען הונ־גערן פשוט; 3) איז שוין אייגענטליך ניטאָ מיט וואָס אפילו ארויס־צוגעבען דיא „פראָל. וועלט"; 4) האָט מיר דאָס לעבען אין וואר־שע סטראַשנע דערעסען; 5) קען איך שרייבען מיינע ארטיקלען פיר דיא „פ. וו." (אויב זיא וועט נאָך ווייטער דערשיינען), זיצענדיג אין אן אנדער שטאָדט . . .

דיא פאַרטזעצונג איבער פרץ [16] שיקט צו אונבעדינגט, ווייל ביז ניי־יאָהר וועט מען נאָך דערשלעפען דיא „פר. וועלט". שיקט צו אויף לידסקי'ס אדרעס, וויא פריהער (עס מאַכט ניט אויס, וואָס איך בין דאָ, דיא חברים וועלען שוין קריעגען) אָדער אויף אן אדרעס, וואָס מינץ וועט אייך געבען . . .

ח. שטאַרקמאַן

[14]) לואיס בודין. זע: ז. רייזענס לעקסיקאָן, ערשטער באַנד, זז. 232-233.

[15]) דר. ק. פאַרנבערג — דאָרט, דריטער באַנד, זז. 20-25.

[16]) יעקב מיליכס אַרבעט איבער י. ל. פרצן, „פראָלעטאַרישע וועלט", נומ. 5, 1907.

# GAZETA DE AMSTERDAM.

*De Lunes 9. de Mayo 1678.*

## ITALIA.

*Napoles 12 Abril.*

LOs soldados que se hallaron en los 2. navios Franceses, que se avisó la semana passada, havian tomado los Cossarios Zelandeses y condusido aqui, fueron desarmados, y despues se les concediò passaportes y dinero para ir à Roma libremente, à cada uno de los Officiales, se dio un cavallo de los que se tomaron en dhos navios, y los referidos Cossarios presentaron los mejores à su Excelencia, el qual despues comprò dellos todos los restantes, rescatando juntamente las campanas y mas saco que los Franceses haviã tomado de Augusta. De Messina se escrive, continuavan aun las fiestas, y regosijos que allá se hazian por la reduccion de aquella plaça à la obediencia de su legitimo Señor y dueño, y que el Virrey havia hecho receña de todos los moradores de aquella plaça y hallado en lugar de 60000. que havian sido antes de la rebellion, solamente 10000. pero que agora bolvian allá cada dia muchas familias, confiadas en el perdón general, aunque al principio no se jusgavan por muy seguras: quando el Virrey entrò en la Ciudad, le salieron à recibir algunos Diputados della à modo de un Consejo, pero el no les quiso admitir en dha calidad, diziendo los recibiria solamente como à personas que representavan la Ciudad, aunque havian perdido todos sus privilegios. El Virrey hizo justiciar dos Españoles por haver injuriado à los Messineses por la passada rebelion.

*Milan 10 Abril.*

DOn Diego de Bracamonte llegò de Sicilia aqui, haviendo sido allá General de la cavalleria y agora vá à España, dho Sr. y los demas Generales fueron regalados por su Excelencia con un sumptuoso banquete. Como no se pudiesse allanar amigablemente las diferencias que hay sobre el Ducado de Guastalla, se rezelan algunos disgustos, si el Emperador no les evitare con su autoridad, y obligare al Duque de Mantua, à que venga en ello, visto haver recrutado el presidio de Casal. Avisasse de Piñerol haverse embargado cierta persona en su casa, por haver sido complice en el incendio que el Duque de Giovenasso havia emprendido, de los Almazenes de Tolon. Los Franceses divulgaron en Turin Conde

Nu. 19. T de

גאזעטא דע אמסטערדאם (1678)

**דינשטאגישי** **קורנט תמ"ז**

י"ז אלול — כ"ז אויגוסט

## איטליען

( פענעציען ) דען נייעלפטן
אויגוסטי· אן האט לייסונג דאס
דער פענעדישי קאפיטיין יענראל
איט דער גנצן אראיה איז גיפארן
נאך דיא ( לעפאנט ) אום דורטן דיא
נייא טירקישי שלעסר צו ביזעגרן·
דיא טירקן זיין דורטן שטארק דרייא
טויזנט אמן צו פוז אונ' עטליכי הונדרט
אמן צו פפערד· צו פענעציען איז
נייא טאג נאך אנדר איין גרויש
גיוויטר גיוועזן איט גרויסן דונר אונ'
בליץ וועלכיז האט פיל טעלר אונ'
הייזר אום גיווארפן פיל איענשן צו
טויט גשלאגן פיל סיני גבייא בשעדיגט
אויך דען קלייקן טורן איט דר קערכן
פון דיא ( איטיאן ) ווענדרליך אום
··ורפן אויך איז איין טייל אום גשלאגן
דער טירקיש ( סעראסקיר ) ליגט
איט צוועלף טויזנט אמן איין דען סלאס
( פאטראסא ) · דיא זאקסישי
פעלקר אכט הונדרט אמן שטארק
ווייל אמן איט זיא ניט קען אקורדירן
זא ווערן זיא פון ( פענעציען ) ווידר
צו רוק נאך איר פאטר לנד ארטירן·

## פרקנרייך

( ביאנע ) דען צעהנטן אויגוסט·
אמן האט היר צייטונג פון ( אמלאסע
דאס דורטן זא איין שרעקליך גוויטר
פון האגל איז גיוועזן דאס דר דורך
זא פיל שאדן איז גשעהן; בייא

פולינג דערפאר זיין סיר גאר איל
גרונד פר דרבן גיווארן פולנעהן
אעגשן זיין סויט גיבליבן דיא ווייל
גארטן האבן זא פיל שאדן איין
גינאמן דאס זיא עס איין צוויא יארן
ניט ווערן קענן אויף ברענגן·

## ענגילנד

( לונדן ) דען פופצעהנטן אויגוסט
פאר איינגי טאגן האט ( אונסער
העגרריק אורדאנס ) דיא ( אמראל )
הירע וועלכי איז איין זער רייכי אונ'
פאר נעאי גיוועזן דיא זעלביגי האט
ער איט גיזאלט אויז דער ארדינארי
קוטש אויז גינאמן אונ' אין איין
אנדרי קוטש איט זעקן ספערדן
גיזעצט אונ' דר פון גיפירט דאס אמן
ניט וויס וואו זיא איז אהין גיקומן·

## מושקווע

( אוסקווע ) דען זעקס אונ'
צוואנציגסטן יולי· אל היר זיין אן
גיקומן ניין האלענדישי פראכט שיפן אונ'
אויך צוויא ענגלישי שיפן· אונ' דיא
טירקן האבן דען ענגלישן שיף לנג
נאך גיזאגט דען זיא האבן גימיינט עז
וואר איין האלענדיש שיף אונ' דיא
טירקן האבן דען סטיר אמן פון דען
ענגלישן שיף טויט גישאסן·
דיא ווייל דיא טאטערן האבן אל דאס
גראז אין דען לנד (קריים) פר ברענט
אונ'

"דינשטאגישי קורנט" פון 27 אויגוסט 1687.



ידיעות

פֿון בירא בײַם מיניסטער פֿאַר אידישע ענינים.

№ 1. קאָוונע סעפּטעמבער 1919 י. № 1.

DARBININKŲ MINTIS

אַרבעטער־געדאַנק

זאַמל־העפֿט

קאָוונע, נאָיאַבער 1919

פּרײַז 50 צענט „Baal Mlocha" (Amatininkas) Dvisavaitinis leidinys.

דער בעל מלאכה

צװײװאָכנטליכער אָרגאַן פֿון אַלליטװישן פֿאַרבאַנד פֿון מלאכה און קלײן־אינדוסטריע.

נר׳ 1 | קאָוונע, פֿרײַטאָג, 1 יאַנואַר 1926 (ט״ז טבת תרפ״ו) | 2־טער יאָרגאַנג

Kaina 25c

KOVNER TOG (Kauno Diena) ערשטער יאָרגאַנג

קאָוונער טאָג

Kaunas, „Kovner Tog" Duonelaičio g-vė 42.

אומפּאַרטײַישע פֿאָלקסטימלעכע צײַטונג

№ 45 Kaunas. Ketvirtadienis 1926 m. Birželio mėn. 24 d. № 45

קאָוונע

שליאַכן

זאַמלבוך פֿאַר ליטעראַטור

1932

Žydų Studentas Medikas.

דער אידישער סטודענט מעדיקער

ײדישע צײַטשריפֿטן פֿון ליטע

# די שפּייז צייטונג

געווידמעט די אינטערעסען פון דעם אידישען גראָסערי, דעליקאַטעסען און רעסטאָראַנט טריידס.

Vol. I., No. 34. August 24, 1923 | ערשיינט וועכענטליך | ניו יאָרק, פרייטאג, דעם 24טען אויגוסט 1923

14טע יערליכע קאָנווענשאַן נומער

דער

# אינדעפּענדענט גראָסערימאַן

די איינציגע אידיש־ענגלישע טרייד צייטונג געווידמעט די אינטערעסען פון די אינדעפּענדענט ריטייל גראָסערס און שפּייז הענדלער פון גרייטער ניו יאָרק.

געווידמעט די אינטערעסען פון ריטייל גראָסערי, דיירי און פאַרבונדענע טריידס פון גרייטער ניו יאָרק.

נומער 22 | פרייטאג, דעם 6טען מאַרטש, 1925 | צווייטער יאָרגאַנג

# די טעגליכע שפּייז צייטונג

געווידמעט די אינטערעסען פון דעם אידישען גראָסערי, בוטשער, דעליקאַטעסען, רעסטאָראַנט און אַנדערע טריידס.

Vol. II. No. 141. Wednesday, December 3, 1924 | פּרייז 3 סענט. | מיטוואָך, דעם 3טען דעצעמבער, 1924


בוטשערס זשורנאַל
און פּאָולטרי מעגעזין
BUTCHERS' JOURNAL AND POULTRY MAGAZINE
ערשיינט וועכענטליך אין אידיש און ענגליש אין די אינטערעסען פון פלייש, פּראָוויזשאַן און פּאָולטרי ריטעילערס.
Vol. VI. No. I. | ניו יאָרק, פרייטאג, דעם 2טען יאַנואַר, 1920

ײדישע שפּײז צײטונגען פון אמעריקע

Copyright by

Y W O   A M O P T E I L

New York, 1937

Printed in U. S. A.

# JUBILEE VOLUME

IN COMMEMORATION

of the

## Two Hundred and Fiftieth Anniversary

of the

## YIDDISH PRESS

**(1686 - 1936)**

EDITED BY

**JACOB SHATZKY, Ph. D.**

EESTI JA SUGUKEELTE ARHIIV
TARTU ÜLIKOOL
Inv. nr. 768

Published in January, 1937
by the
American Branch of the Yiddish Scientific Institute
1133 Broadway, New York, N. Y.